STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02091

POMPADUR

Der Lebediker

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

געמאָלן פון א. לאַכאָווסקי

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

פּאָמפּאַדור

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

פּאַמפּאַדור

פּאַראַדאָקסן און שטימונגען

פאַרלאַג „יידבוך"

ביי דער
„געזעלשאַפט פאַר יידיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"
בוענאָס-איירעס

1957

דרוקעריי ברידער זלאַטאָפּיאָראָ — סאַן לויס 3149 — בוענאָס־איירעס

אינהאלט

פון ערשטן טייל

א) אין מדבר פון דער איסט_סייד

דער לעבעדיקער וועגן פּאַמפּאַדור
מעגלעכע אוממעגלעכקייטן
אַנערקען זיך אַליין!
ימים־טובים און עסן
בית־עולם און לעבן
יובילייס און יובילאַרן
אַפּלאָדיסמענטן און פּוסטע קעפּ
אַמעריקאַניש־יידישער גאָט
יוניע און קונסט
געסט און באַנקעטן
העברעיש און יידיש
צייטונגס־פּאַרקויפער און אידעאַלן
קרעמער און קרעמערלעך
אויגן און אויערן
יונג און אַלט
זשורנאַליזם און אינהאַלטלאָזיקייט
וואַלן און הוראַ
וועגן קאַווע־קריטיק און מאַניאַקן
שטרייקן און אַרבעטן
ציטאַטן און ציטאַטנשרייבער
ענג און ברייט.
תלמידים און חסידים
פון אַלץ און אַלעם
באַלאַנגען און נישט „באַלאַנגען״

ב) אויף די שפּיציקע שטיינער פון שטאָט

בושה און חוצפה
קראַנקע און געזונטע
גאַסן־קערער און זינד
מענטשן און חיות
שפּיגלען און פרויען
קליידונג און נאַקעטקייט
הימל און ערד
שערן און געשוירענע
קריכן און קריכער
שטויב און ריינקייט
אַלטע און נייע פּרעזידענטן
יקרות אויף פּאַפּיר און ביליקייט פון געדאַנק
סדרים און קשיות
פון שניי, וואָס פאַלט אין שטאָט
אַלטע נאַטור־אומגליקן און נייע אמתן
זעלבסטמאָרד און טויט
יאָרן און קאַלענדאַרן
ציין און דענטיסטן
אַנטיסעמיטיזם און געניאַליטעט
פייפן און פייפער

גנבים און גניבה
נאָכאַמאָל פון אַלץ און אַלעם
בילדונג און געבילדעטע
פאָרן און גיין צופוס
פון מידקייט און וועגן מענטשן
וואָס טאָרן נישט זיין מיד

ג) אויף די הויכע בערג פון בחורשאַפט

האָסן און ליבן
זינד און זינדיקע
פון איינס און אַ סך
אַלטע בחורים און יונגע גליקן
בערג און טאָלן
מלחמה און שלום
ביליק און טייער
טאַנצן און טענצער
שיכרות און שיכורים
תשובה און פאַרטיי־בעלי־תשובה
טעאַטער און אַקטיאָרן
צנאָכאַמאָל וועגן מלחמה
אייביקער הונגער און דער־ווייליקער
נאָכטלעגער
באַנק־ביכלעך און געלט־שפּאָרעניש
וואַרטן און האָפן
פריינט און פיינט
שרייבן און לעזן
נאָכאַמאָל וועגן איינס און אַ סך
שווימען און באָדן זיך
אַ לויב־געזאַנג צום ווינט
צילן און צוועקן

ד) מיט ווייב און קינד אין טאָל

וויגן און וועקן
שטויב און פאַמיליענלעבן
טאָג און נאַכט
פון מיידלעך, וואָס ווערן ווייבער
און פון קינדער וואָס וואַקסן
אַ הימן צום ערב יום־טוב
היץ און קעלט
וועגן טאַלאַנט און נאַרישקייט
פּאַרטייען און קאַבינעט־מענטשן
קיי־גומי און גליק
שרייבער, וואָס זוכן טעמעס
אַלטע און נייע זאַכן
דאָס גליק פון פולן טייסטער
דאָס ליד פון פייער
מאָנאָלאָג און דיאַלאָג
לאָמבאַרדן און שיינע חלומות
וועגן רייזן און רייזנדער
ליבע צום מוטערלאַנד
אויפן בית־עולם פון יאָרן
קלאָר און נישט קלאָר
וואַכן און שלאָפן

א באזוך אויף דער איסט-סייד

ערשטער טייל

דער לעבעדיקער וועגן פּאַמפּאַדור

פון אַלע זייטן פון גלאָבוס, פרעגט מען: ווער איז פּאַמפּאַדור? און וואָס איז פּאַמפּאַדורס קרעדאָ? איז ער אַ הומאָריסט צי אַ סאַטיריקער, אַ ליטעראַטור־קריטיקער, צי בלויז אַ יאַרידניק? איז ער אַ ראַדיקאַל און אַטעיסט, אָדער גאָר אַ דיכטער, אַ ליריקער, וואָס באַהאַלט זיך אונטער דער קאָלדרע פון פּראָזע? און ווי קומט ער צו פּאַראַדאָקסן?

אויף דעם ענטפערט פּאַמפּאַדור, אַז אויף דער פראַגע פון וו אָ ס — האָט ער נישט איין ענטפער, נאָר אַ סך.

פּאַמפּאַדור איז, אויב איר ווילט עס, אַ רעוואָלוציאָנער־רעאַקציאָנער, אַ באַלעבאַטישער מענטש און אַ וואַגאַבונד, אַ הומאָריסט און אַ סאַטיריקער צוואָמען. (פּאַמפּאַדור האַלט, אַז הומאָר און סאַטירע זענען אַ צווילינג) און דערצו אַן אָפּטימיסט־פּעסימיסט... און אַטעיזם גייט ביי אים געצווילינגט מיט זיין פראַ־טעסט קעגן טויט...

פּאַמפּאַדור איז בטבע אַ שעמעוודיקער, אַ צוריקגעצויגענער, אַ ווינקלדיקער, און דאָך איז ער געווען דער אַ ר יי נ ז אָ ג ע ר פון זיין דור... פּאַמפּאַדור איז בכלל אַ מידער מענטש, מיד פון אַלע פילאָזאָפיעס, דאָגמעס, קרעדאָס, רעוואָלו־ציעס און גאָט־זוכענישן און תשובה־איזמען... און דאָך טראָגט ביי אים גאָט סאַמע אויבנאָן אין דעם תהו ובהו פון דער געדאַנקען־וועלט... ער, דער מידער, ווערט נישט מיד איינצוטענהן מיטן באַשאַפער און אים דערוויזן, אַז ער פירט זיין וועלט קאַסאָקע... און אַז דער טויט איז זיין גרעסטער „טעות הדפוס" אין זיין „ספר החיים"...

פּאַמפּאַדור, דער ווינקלדיקער, האָט ליב ריידן צו תלמידים, מערסטנס אויס־געטראַכטע, (ווייל אויסגעטראַכטע זענען די בעסטע און די צוהערערישע...). אים איז אַ סאַך ליבער צו ריידן צו אָט דער קליינער עדה, ווי צו אַ זאַל פול מיט מענטשן, וואָס האָבן באַצאָלט איינטריט־געלט — און געניצן...

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

פּאַמפּאַדור איז אין גייסט אויף אַלע אונדזערע יאַרידים יאַרידימלעך — כאַטש אים איז צום ליבסטן צו ליגן אויף דער סאָפע און חלומען פון אַ וועלט אָן פּאַרטייען, וואָס מאַנאָפּאַליזירן אידייען... און צום פּאַראַדאָקס איז פּאַמפּאַדור געקומען, ווייל ער איז געקומען צום שלוס, אַז בלויז דער פּאַראַדאָקס איז דער ריכטיקער שליסל צו אַלע פאַרשלאָסנקייטן פון לעבן. ס'איז אַ שליסל, וואָס פאַרשליסט — עפנענדיק — און עפנט — פאַרשליסנדיק...

און דער עיקר פאַר פּאַמפּאַדורן איז גאָר די קאָמבינאַציע פון שלאָס, וואָס הענגט אויפן טויער פון באַשאַף און בלייבט אַן אייביקער סוד...

ווייל פּאַמפּאַדור האַלט, אַז ווען מע זאָל באמת אַנטדעקן דעם סוד, וואָלט געווען נאָך ערגער צו לעבן אויף דער וועלט, ווייל עס וואָלט נישט געווען וואָס צו זוכן.

מעגלעכע אוממעגלעכקייטן

אַלץ איז מעגלעך דאָ ביי אונדז, אויף דער איסט־סייד, זאָגט פּאָמפּאַדור.
ווייסטו, מיין פריינט, פון עפּעס, וואָס ס׳איז דאָ אוממעגלעך?

מעגלעכקייט — דאָס איז דער קייזער־טראָן פאַר חוצפה און עם־הארצות.

מעגלעכקייט — דאָס איז די אַלטעגלעכע קרוינונג פון טאַלאַנט־לאָזיקייט, „די פאָלקסשטימע" פון אונדזערע צייטונגען.

און פאַרוואָס זאָל דאָ טאַקע נישט זיין אַלץ מעגלעך, מיין פריינט?

איסט־סייד, איך הייב פאַר דיר מיין אַלטן פאַרשוואַרצטן זומער־הוט! נאָר ביי דיר איז מעגלעך, אַז דער, וואָס האָט נעכטן געשניטן סחורה מיט אַ שער אין פאַבריק, זאָל מאָרגן שניידן מאַנוסקריפּטן אין אַ רעדאַקציע!

נאָר ביי דיר איז מעגלעך, אַז אַ בייטש־אויפהייבער און פערד־דערמוטיקער פון היינט — זאָל זיין אַ כלל־טוער, טאַנצער און פאָלקספירער פון מאָרגן. נאָר ביי דיר איז מעגלעך, אַז יעדער שטיוולפּוצער זאָל זיין אַ פּאָליטיקער!

איך זאָג, אַז אומזיסט האָט גאָט דעם מענטשנס קאָפּ באַצירט מיט מאַרך און טאַלאַנט — ווער דאַרף עס דאָ?

מאַך אַלץ מעגלעך, מיין פריינט, און דו וועסט האָבן דערפאָלג!

לאַך פון די נאַיווע מענטשעלעך, וואָס שרייען: „יעדער מוז פאַרנעמען זיין פּלאַץ, טאַלאַנט איז אַ געטלעכער געשאַנק און נישט יעדער קען עס באַזיצן, און אַכטן מוז מען נאָר דעם, וואָס באַזיצט עס". — לאַך פון זיי!

רוק זיך אומעטום — און דו וועסט אָנערקענט ווערן!

שליס די אויגן און מאַך די חוצפה פאַר דיין פירער, ווארום נאָר זי איז דער גאָט פון אָנערקענונג און פון אַלע אוממעגלעכע מעגלעכקייטן.

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

אַנערקען זיך אַליין!

פריִער פון אַלץ, פריינט מיינער, אַנערקען זיך אַליין, — זאָגט פּאָמפּאַדור.
אַנערקענען זיך אַליין — הייסט זיך דורכשניידן אַליין אַ וועג אין לעבן — עפענען זיך אַליין ברייט און שטאַלץ די פאַרשלאָסענע טיר פון דערפאָלג.
ווי צו דעם, וואָס האָט מורא זיך אַליין צו אַנערקענען.
שאַץ פריִער זיך אַליין אָפּ, מיין פריינט, באַשטים פריִער אַליין דיין ווערט.
די וועלט איז פאַר די שטאַלצע און די מוטיקע!
וואָס איז אַ צווייטנס שלעכטע מיינונג קעגן דיין אייגענער גוטער מיינונג?
וואָס איז פרעמדע נישט־אַנערקענונג קעגן דיין אַליין־אַנערקענונג?
פּאָמפּאַדור קען אַ סך כלל־טוער, פּאָליטיקער, שרייבער, פּרעדיקער און רעדלפירער, וואָס האָבן געהאַט געניטג שכל זיך אַליין צו אַנערקענען, און זיי שפּילן אַ ראָליע ביי אונדז און פייפן אויף פּרינציפּן, ערלעכקייט, טאַלאַנט און יושר.
ווילסטו ווערן אַ שרייבער? — אַנערקען פריִער, אַז דו ביזט אַ שרייבער — און דו ווערסט עס!
— ווילסטו ווערן אַ כלל־טוער, אַ דעה־זאָגער? זאָג, אַז דו ביזט עס — און דו ווערסט עס.
טאַלאַנט איז אַ שפּיל פאַר גרינע פון יענער זייט ים.
ריכטיקע אָפּשאַצונג איז אַ נאַרישע געוווינהייט פון בלינדע, וואָס זעען נישט די שיינקייט פון דאָלאַר.
איך האָב ליב די איסט־סייד — ווייל זי גענאָסעוועט און כל־ישראלעוועט מיט מענטשן, — בייכל־קלאַפּער און תורה־אויפרופער פאַר זיך אַליין.
איר רופט זיי דעמאַגאָגן? — נאַרן, וואָס איר זענט! — העלדן זענען זיי, קעמפער, וואָס טרעטן אַליין אויס אַ וועג פאַר זיך.
אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

ימים־טובים און עסן

דער גרעסטער יום טוב אין אַמעריקע איז דאָס עסן — זאָגט פּאָמפּאַדור.
עס — און דו ועסט הנאה האָבן פון עונג יום טוב!
שוטים זענען געווען די גרינדער פון רעליגיעס, וואָס האָבן גאַנצע בערג מיט געזעצן געשריבן פאַר ימים טובים.

די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דער דערהאַלטונג פון ימים טובים איז דער מאָגן. פונעם יום טוב פון עסן האַלט יעדער איינער!

שיק דיין בליק איבער דער איסט־סייד, זע, ווי שיין און געטריי מען האַלט דאָ ימים טובים!

אַנטינאַציאָנאַליסטן, מאַרקסיסטן, אַנאַרכיסטן, טעמעניסטן, אינטערנאַציאָנאַליסטן און טאָגעבלאַטיסטן — אַלע, זענען מקיים די מצוה פון עסן!

אַ ווויל לאַנד אַמעריקע:

קיין מלחמה פון עלטערן מיט קינדער ביים טיש.

פרעג דעם קצב און דעם קרעמער — און זיי וועלן דיר אויפדעקן דעם סוד פון דער דערהאַלטונג פון יידנטום אין אַמעריקע.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

בית־עולם און לעבן

לעבן איז דאָ שלעכט, — זאָגט פּאַמפּאַדור.

לעבן איז דאָ הפקר.

אָבער שטאַרבן — שטאַרבן איז דאָ גוט!

קיין לאַנד אין דער וועלט גיט נישט אירע איינוווינער אַזעלכע פיינע קאָנדיציעס צום שטאַרבן, ווי די איסט־סייד.

דאָס גאַנצע אַמעריקאַניש־יידישע עמיגראַנטן־לעבן — איז איין גרויסער בית־עולם.

אונדזער גאַנץ קהליש טומלען זיך — איין ריזן־שטיק „קרקע".

ברייט־בית־עולמדיק זענען דאָ אונדזערע יידן.

יעדער איז שטענדיק גרייט אייך צו באַגראָבן, אויסצוזוכן פאַר אייך אַ שטיקעלע פּלאַץ.

אוי, די קרקע־גוטסקייט און די בית־עולם־ברייטוויליקייט, ווי זי דערוואַרעמט מיין נשמה!

יעדע חברה האָט דאָ קרקע און קריגט זיך פאַר קרקע.

קראַנקן־בענעפיט — דאָס איז דער אַריינגאַנג צום בית־עולם.

די סטראַכיר־פּאַפּירן — דאָס זענען די אָנזאָגער פון בית־עולם־גליק.

אוי, דאָס שטאַרבן, ווי גוט עס איז איינגעאָרדנט דאָ!

ווו איז אונדזער לעבן? — פרעגט פּאַמפּאַדור —

דאָס לעבן אויסערן בית־עולם.

די בלוט־אינטערעסן אויסער די טויט־אינטערעסן?
זאָגט מיר, פריינט מיינע, וואָס האָט איר געטון מיטן לעבן דאָ?
ביליק! ביליק! — רופט דאָ יעדער בית־עולם־געשעפט!
ייִדעלעך, קויפט קרקע ביליק און גוט! אַ מציאה! קויפט, קויפט!

און דער מסחר מיט קרקע וואַקסט, בליט און שטייט שוין ביי היינטיקן טאָג פיל בעסער, ווי הערינג־ און קליידער־געשעפטן.

אוי, דער מסחר מיטן טויט, ווי ס׳וואַרעמט מיין נשמה! דאָס איז די לעבע־דיקע טעטיקייט פון אונדזערע עמיגראַנטן. יעדע חברה קויפט קרקע און וואַרט ביז זי וועט שטייגן אין איר טויטן ווערט.

וואָס גרעסער די חברה, אַלץ גרעסער איז איר בית־עולם.

נעמט אַוועק די דיסקוסיעס און מחלוקת וועגן קרקע, מצבות און סטראַכיר־געלטער פון אונדזערע חברה־מיטינגען, און עס בלייבט גאָרנישט מיט גאָרנישט...

תלמידים! לעבט ווייט פון דער איסט־סייד, פאַראַכט זי, נאָר שטאַרבן קומט אַהער.

דאָ איז דער בעסטער פּלאַץ צו שטאַרבן.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

יובילייס און יובילאַרן

און די תלמידים האָבן איינמאָל געטראָפן פּאַמפּאַדורן, האַלטנדיק אַן איינ־לאַדונג צו אַ יובילײ פון אַ באַרימטן שריפטשטעלער. און די תלמידים האָבן גע־פרעגט פּאַמפּאַדורן, ווען וועט ער שוין אויך זיין אַ יובילאַר?

און פּאַמפּאַדור האָט אַ שמייכל געטון און אַזוי געזאָגט:

תלמידים! איך וויל נאָך לעבן! און וואָס איז אַ יובילײ־קאָמיטעט, אויב נישט אַ חברה־קדישה? און וואָס איז אַ יובילאַר אויב נישט אַ בר־מינן אין שוואַרצן?

פּאַמפּאַדור האַלט נישט פון יובילייס, נישט פון פינף און צוואַנציק־יאָרלעכע, און נישט פון פופציק־יאָרלעכע.

פייערן אַ יובילײ — הייסט מאַכן אַ סך־הכל, און צו וואָס זיך פירן צו באַנקראָט?

פייערן אַ יובילײ — הייסט אויסהערן שבחים און לויב־געזאַנגען פאַר אייע־ר פאַרגאַנגענהייט, און וואָס זענען שבחים און לויבגעזאַנגען פאַר אייער פאַרגאַנ־גענהייט, אויב נישט פריציייטיקע הספדים!

פייערן אַ יובילײ — הייסט אַוועקשטעלן פּרייזן אויף אייערע געפילן און געדאַנקען, און צו וואָס מאַכן פון אייער נשמה אַ ליציטאַציע?

פּאָמפּאַדור

פּאָמפּאַדור האָלט פון אייביק יונג זיין, פון אייביק שעפעריש זיין, און אַ יובילײ איז אַן אַטעסטאַט אויף אויסגעשפּילטקייט.

דערהויפּט האָט פּאָמפּאַדור נישט ליב די יובילײ־פייערונגען אויף אונדזער גאַס.

אַ יובילײ אויף אונדזער גאַס הייסט פּראַווען אַ בר־מצווה־צערעמאָניע.

מען פּראַוועט עס פאַר יעדן זכר.

ביי אונדז איז אַ יובילײ־פייערונג שוין באַלד קיין כבוד נישט.

אַ כבוד וואָלט עס געווען, ווען מען מאַכט עס איינעם אין אַ דור, ביי אונדז אָבער מאַכט מען יובילייס יעדן איינעם, צי האָט דער איינער געדראָשן שטרוי אַ האַלבן יאָרהונדערט, צי האָט ער געקליבן פּערל, צי האָט דער איינער געשאָפן מיט בלוט, צי האָט ער געגאָסן וואַסער...

אַלע, אַלע קריגן ביי אונדז יובילייס!

דער עיקר, תּלמידים מיינע, זוכט מען ביי אונדז ימים־טובימלעך, כּדי אויס־צופילן די פּוסטקייט פון דער נשמה און צו פאַרטרייבן די נודנעקייט.

און די ימים־טובימלעך האָבן אייך געקענט זיין לוויות... נאָר וואָס טוט מען, אַז די גרויסע ווילן אַזוי נישט שטאַרבן, און אַז אַ לוויה־יום־טוב מאַכט זיך איינ־מאָל אין אַ שמיטה?

און פּאָמפּאַדור האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט און ווייטער גערעדט:

תּלמידים! ווען איך בין אַ ייִדישער יובילאַר, וואָלט איך אַנטלאָפן פון שטאָט, לכל־הפּחות, אַ חודש פאַרן יובילײ און צוויי חדשים נאָכן יובילײ.

ווייסט איר, וויפל אַ יובילאַר דאַרף ביי אונדז אויסשטיין פון זיינע פּייניקער?

האָט איר גאָר אַ באַגריף, וויפל נאַרישע רייד עס ווערן געוואָרפן אים אין פּנים אַריין? וויפל מיאוסע וויצן עס ווערן אויף אים געזאָגט אינדערשטיל?

זענט איר אַמאָל געווען ביי אַ יובילײ־פייערונג?

האָט אייך די צערעמאָניע נישט אויסגעקוקט, ווי אַן איבערבלייב פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע?

האָט נישט פון יעדער רעדע אַרויסגעקלונגען די גרויס־אינקוויזיטאָרישע אַר־בעט פון די רעדנער?

פּאָמפּאַדור איז אויף זיין לעבן שוין געווען אויף אַ סך יובילײ־פייערונגען, געזען אַ סך יובילאַרן, און ער זאָגט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַ מענטשן מער געפּייניקט, ווי יובילאַרן אויף דער בינע.

תּלמידים! פּאָמפּאַדור וויל נישט קיין יובילייען.

פּאָמפּאַדורס כּבוד איז וואָס ווייטער פון כּבוד.

ווען פּאַמפּאַדור איז אַ יובּיליאַר, וואָלט ער אַזוי געזאָגט צו זיינע פאַרערער און יובּיליי־מאַכער: ברידער! אויב איר שעצט מיך באמת, באַזאָרגט מיך, אַז אַ טאָג נאָכן יובּיליי זאָל איך נישט דאַרפן פאַרזעצן מיינע לאָרבּערקרענץ אין אַ לאָמבּאַרד, ווען אַפילו דער לאָמבּאַרד איז אַ רעדאַקציע פון אַ טעגלעכער צייטונג.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אַפּלאָדיסמענטן און פּוסטע קעפּ

און פּאַמפּאַדור איז געגאַנגען אין אַ איסט־סיידער טעאַטער, ווו מען האָט געשפּילט „האָפּ־האָפּ", און די מאַסע האָט אַפּלאָדירט — און צעברענט האָט זיך זיין ליבע צו דער מאַסע, און ער האָט זיך געשטעלט אויף אַ שטול און האָט אַזוי גערופן:

אָ, מאַסע, ווי ליב איך האָב דיך! ווי שיין דו ביסט אין דער ראָלע פון אַ קונסט־אָפּשאַצערין!

ווי ליב איך האָב דיך, ווען דו גיסט אויס דיין גאַנצע פּוסטקייט אין אַפּלאָ־דיסמענטן!

אַפּלאָדיסמענטן — דאָס זענען דער סך־הכל פון דעם קלינג־קלאַנג פון צוויי נאַרישע לאַפּעס, וואָס באַהעפטן זיך צוזאַמען.

אַפּלאָדיסמענטן — דאָס איז דער פּעדעסטאַל פון דער געטין „שונד"!

ווען גאָט האָט באַשאַפן פּוסטע לעקטאָרס, פּורים־אַקטיאָרן און מוזיק־האַל־טענצער און האָט זיי צעטיילט אויף דער וועלט, האָט ער זיך פאַרקלערט, מיט וואָס זיי צו באַלוינען פאַר זייער געטלעכער אַרבּעט. האָט ער אַרויסגעריסן אַ קנעפּל פון זיין קאַמזויל און אַ וואָרף געטון אויף אַ שטיק ליים — און ס'איז גע־וואָרן אַ מענטש מיט אַ קליין קנעפּעלע, וואָס אַפּלאָדירט און שרייט „ביס".

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור און איז אַנטרונען פון טעאַטער.

אַמעריקאַניש־יידישער גאָט

און פּאַמפּאַדור האָט ערב ימים־נוראים געבּלאָנדזשעט איבּער די גאַסן פון דער איסט־סייד, כדי צו פאַנגען די בּליקן פון די שיינע ערדישע טעכטער. און פּאַמפּאַדור האָט געזען: כמעט ביי יעדער שטאָל און ביי יעדן קינאָ זיצן יידן אַרום טישלעך מיט אויסגעלייגטע בּילעטן, און זיי רופן די פאַרבּייגייער צו קויפן

שול־פלעצער. און פּאַמפּאַדור איז אַריינגעפאַלן אין גרויס באַגייסטערונג און קו־מענדיק אַהיים, האָט ער צו זיינע תלמידים אַזוי געזאָגט:

תלמידים, מיר געפעלט די יידישקייט אין אַמעריקע.

און די תלמידים האָבן זיך זייער פאַרוואונדערט און געפרעגט: ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז פּאַמפּאַדורן זאָל געפעלן אַ זאַך, וואָס ליגט אין מאַרק?

און פּאַמפּאַדור האָט אַ שמייכל געטון און אַזוי געזאָגט:

יידישקייט אין אַמעריקע הייסט — קויף אַ בילעט און זע גאָט! יידישקייט אין אַמעריקע — איז אַ געשעפט, ווי אַלע געשעפטן, און איך האָב רעספּעקט פאַר געשעפטסלייט.

אַמעריקע איז אַ לאַנד פון ביזנעס. ווילסטו אויסבעטן ביי גאָט אַ גוט יאָר — באַצאָל! — דאָס איז לאָגיש און געשעפטסמעסיק.

ווילסטו האָבן פאַרגעניגן און הערן אַ גוטן חזן — באַצאָל! קיין פאַרגעניגן קריגט מען נישט אומזיסט!

איר האַלט אַוודאי, אַז בעטן צו גאָט מעג יעדער איינער? איך האַלט נישט דערפון!

בעטן צום אַמעריקאַנער גאָט מעגן נאָר די, וואָס צאָלן...

דער אַמעריקאַנער יידישער גאָט איז אַן אַדוואָקאַט, וואָס נעמט זיך אָן נאָר פאַר דעם, וואָס באַצאָלט.

פּאַמפּאַדורן געפעלט אויך שטאַרק דער בילעטן־האַנדל פאַר די טויערן פון אונדזערע שולן און שולעכלעך ערב ימים־נוראים.

ווייל פּאַמפּאַדור פרעגט:

פאַרוואָס זאָל מען אין וואָדעוויל־הויז קענען אַריינקומען נאָר פאַר געלט, און אין אַמעריקאַנער גאָטס הויז אָן געלט?

און בפרט, ווען דאָס אַמעריקאַנער גאָטס הויז איז דאָסזעלבע וואָדעוויל־הויז?

פּאַמפּאַדור האַלט נישט פון אָן אָפענער שול פאַר אַלעמען.

פּאַמפּאַדור איז פאַר פאַרשלאָסענער שול. אַ פאַרשלאָסענע שול הייסט טייער האַלטן גאָט; יעדע זאַך, וואָס איז טייער, האַלט מען אונטער אַ שלאָס.

אַ פאַרשלאָסענע שול — דאָס הייסט דערווייטערן גאָט פון אַלערליי קבצנים, וועלכע קומען אים דולן אַ קאָפּ מיט קלייניקייטן. ביי גאָט מוז מען בלויז בעטן גרויסע זאַכן. בעטן ביי גאָט איז, ווי לייען אַ גמילות־חסד: מען מוז פאָדערן אַ גרויסע סומע, כדי כאָטש עפּעס צו קריגן...

און מער פון אַלץ געפעלן פּאַמפּאַדורן די ימים־נוראימדיקע דאַוונער אונדזערע.

פּאַמפּאַדור האַלט פאַר די בעסטע גאָט־בעטער נאָר די, וואָס קומען אַ פּאָר מאָל אין יאָר אין שול אַריין.

קומען אַ פּאָר מאָל אין יאָר אין שול אַריין — הייסט זיין אַ גוטער געשעפטס־מאַן. אָפּנאַרן גאָט, אַרויסקריגן פון אים אַלץ, וואָס איך ווינטש, פאַר אַ קלייניקייט, האַנדלען אַ מציאה ביי דעם הערשער פון אַלע וועלטן, — און ווער האָט עס נישט ליב קיין מציאות?

דער אמתער ייִדישער גאָט איז נישט אין אַמעריקע. דעם אמתן ייִדישן גאָט האָבן מיר, ווי מיר האָבן טאַטע־מאַמע, אויף יענער זייט ים. און דאָ איז אונדזער גאָט — דער גאָט „ביזנעס”.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

יוניע און קונסט

און ס'איז געווען אין דער צייט, ווען ייִדישע שרייבער זענען אַרויס אין אַ שטרייק פאַר דער אָנערקענונג פון זייער יוניע. און פּאַמפּאַדור איז באַגייסטערט געוואָרן און האָט אויסגערופן:

זאָל לעבן די יוניע פון שרייבער!

גרויס איז די קונסט פון שרייבן, אָבער נאָך גרעסער איז די קונסט פון מאַכן אַ לעבן!

פאַראייניקט זיך, איר אַלע פעדערברעכער, טינטפאַרגיסער און פּאַפּיר־אויסברענגער!

אַ יוניע פון שרייבער הייסט — דאָס אַבסאָלוטע אָפּשאַפן פון קנאה צווישן שרייבער, און קנאה, איז דאָס בריקל, וואָס פירט צום גראַדן וועגן פון קונסט און הונגער...

אַ יוניע פון שרייבער הייסט: שרייבן תנאים מיט דער געטין פון קונסט, אַנשטאָט ראָמאַנסירן, הייסט, — טאָן אַ שידוך אַנשטאָט ליבן זיך.

הייִנט איז אַ וועלט פון אַרבעט און דאָלאַר־שפּאָרעניש!

הויכע שכירות און קורצע שעהן — דאָס איז דער העכסטער אידעאַל פון אונדזער צייט.

סטאָליאַרעס און שרייבער, שטעלט זיך אַלע אין איין שורה און קעמפט פאַר איין זאַך!

האַק און פען, גיט זיך די הענט און גייט אַלע גלייך אין מאַרק אַריין!

ווי שיין דאָס איז! — רופט אויס פּאַמפּאַדור.

נידער מיט דער נאַרישער צייט, ווען שרייבער זענען געשלאָפן אויף דער הוילער ערד און געריסן די נעזער צום הימל, נישט געגעסן טעג און וואָכן און געווען זאַט אויפן חשבון פון גייסט.

אַלץ מוז זיין וואָכעדיק, איינפאַך און געשעפטסמעסיק פאַר דעם נייעם מענטשן.

דאָס פאָלק פון דער צוקונפט וויל זען זיינע שאַפער מיט געזונטע מאָגנס, רויטע באַקן און בלאַסע נשמות.

דאָס פאָלק פון דער צוקונפט וויל נישט מער קיין הייליקייט, קיין קדשי־קדשים פון גייסט, קיין פּרוכת איבערן ארון פון קונסט, עס וויל, דער שרייבער זאָל זיין אַזוי וואָכעדיק, ווי ער איז אַליין!

פּרעסע, איך דאַנק דיר! נאָר דו האָסט אויפגעדעקט דעם שיינעם סוד פון שאַפן, ווי דו האָסט אויפגעדעקט די סודות פון שלאָפצימער און אַנטפּלעקט די געהיימענישן פון פאַמיליען־לעבן און ליבע!...

פּרעסע, איך דאַנק דיר! גלייך ווי גרויס־קאַפּיטאַל, אַזוי האָסטו אויך אויס־געטאָן דעם קינסטלער זיינע כהן־בגדים און אים אָנגעטאָן אין פּראָסטע אַרבעט־קליידער.

און נאָכאַמאָל רוף איך: זאָל לעבן די יוניע!

הויכע שכירות אַנשטאָט הויכע געדאַנקען; קורצע שעהן אַנשטאָט פּרינציפּן. דאָס איז, תּלמידים מיינע, פיל קלוגער, שענער, און דער עיקר, פּראַקטישער.

שרייבער, בענקט נישט נאָך דער מוזע!

ווילט איר וויסן, ווו זי איז? אַ קלוגער רעדאַקטאָר האָט זי אומגעבראַכט, אָדער זי ליגט ערגעץ פאַרזעצט אין דעם לאָמבאַרד פון שונד און וואַרט, ביז אַ הונגעריקער דיכטער וועט קומען און זי אויסקויפן...

יוניע־שרייבער, בענקט נישט נאָך טאַלאַנט!

טאַלאַנט איז געווען אַמאָל, ווען שרייבער האָבן נישט געמאַכט קיין לעבן פון שרייבן.

טאַלאַנט איז געווען אַמאָל, ווען מ׳האָט געאַרבעט מיטן האַרץ, אַנשטאָט מיטן זייגער אין האַנט...

זייט מבטל דעם אַמאָל, תּלמידים מיינע!

אַמאָל האָט מען געמאָסטן טאַלאַנט מיט גרויסע שאַפונגען — היינט מעסט מען אים מיט גרויסע שכירות.

אַמאָל האָט אַ שרייבער געאַרבעט אומזיסט און דאָס פאָלק האָט אים דער־

פאַר באַצאָלט מיט שטיינער — היינט וועט ער בלויז דאַרפן צאָלן זיין שטייער דער יוניע און וועט זיין פאַרזאָרגט מיט אַ יובילייִ...

דער צוקונפט־מענטש איז קלוג. ער וועט שוין מער נישט קוקן אויף אַ שרייבער, ווי אויף אַן אויסדערוויילטן פון גאָט, נאָר ווי אויף אַ מאַן, וואָס אַרבעט, שוויצט, שטרייקט און קריגט באַצאָלט.

און נישט ווייט איז די צייט, — זאָגט פּאָמפּאַדור, — ווען אַ דיכטער וועט נישט וועלן קוקן אויפן הימל — ווייל דער הימל איז נישט יוניאָניזירט...

און פסול וועלן זיין זון, לבנה און שטערן אין זיינע יוניאָניסטישע אויגן, ווייל זיי האָבן נישט אויף זיך קיין יוניע־חתימה.

די יוניע וועט באַהערשן די וועלט!...

אַלע וועלן אַרבעטן נאָך איין פאַסאָן און נאָך איין שניט.

און דער שרייבער, וואָס וועט וועלן שאַפן אַליין, אָן אַ יוניע, וועט מוזן אויסקריצן זיינע ווערק אויפן שטיין פון זיין מצבה...

„אַלע גלייך! אַלע גלייך! קיין יחוס זאָל נישט זיין, און קיין גאונים אַוודאי נישט!" — רופט דער יוניע־גייסט.

און וועט אַמאָל נאָך געבוירן ווערן אַ גאון, וועט מען אים ברענגען אין אַ ייִדישער רעדאַקציע און אים לאָזן בלויז איין בליק טון אין די אויגן פון דעם נייס־רעדאַקטאָר, און ער וועט ווערן ווי אַלע...

יונגע שרייבער, אַרבעט פאַר דער יוניע!

תלמידים מיינע, ווערט באַגייסטערט! ווען אייער מוזע וועט אַרבעטן אויבער־שעהן, וועט מען אייך צאָלן טאָפּל.

שרייבער, איר ווילט עסן? — גייט אין דער יוניע!

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור!

געסט און באַנקעטן

ווי גוט עס איז צו זיין אַ גאַסט ביי אונדז אין לאַנד, מיין פריינט! — האָט געזאָגט פּאָמפּאַדור.

ווי גוט עס איז צו זיין אַ גאַסט אויף דער איסט־סייד! ווי שיין מען נעמט דיך אויף, ווען דו קומסט מעבר־לים!

אַ גאַסט — דאָס איז אַ פרייער פּאַספּאָרט צום קעניגרייך פון חוצפה.

דער עבר־לים — דאָס איז אַ קרוין אויף דעם קאָפּ פון אונדזערע אייראָ־פּעיִשע גדולים.

האָסט נישט קיין נאָמען — ווען מען דיר געבן.
ווילסט אַ טיטל — וועסטו קריגן פון די שענסטע.
ווייסט נישט דיין געבורט־פּלאַץ — וועלן זיי דיר אים אויסזוכן.
קענסט נישט דיינע עלטערן — וועלן זיי דיך באַקענען.
איז נאָך נישטאָ אויף דער וועלט דער אוניווערזיטעט, וואָס דו האָסט געענדיקט — וועלן זיי דיר אים גרינדן.
האָסט אַ ציגן־באָרד — וועלן זיי פון איר מאַכן אַ הערצל־באָרד.
אַפילו אַ בראָדעווקע וועלן זיי דיר באַזינגען.
צי וויסטו פון אונדזערע צייטונג־קעפּ? צי האָסטו געהערט פון אונדזערע באַגריסונג־אָוונטן און באַנקעטן? היינט די אינטערוויוס?
דאָס בעסטע לאַנד פאַר געסט איז די איסד־סייד — זאָגט פּאָמפּאַדור.
דאָס איז אַ שטיקל לאַנד, וואָס הונגערט אַזוי נאָך גדולים, וואָס נויגט איר נאַקן פאַר יעדן פרעמדן גאָרנישט, וואָס קושט דאָס בלעכענע קנעפּל פון אַ פרעמדן רעקל. דאָס איז אַ שטיקל לאַנד, וואָס לעבט אויף סענסאַציעס, טומל און הוראַ־געשרייען.
איך האָב דיך ליב, ברייטהאַרציקע הכנסת־אורחימדיקע איסט־סייד!... ווי שיין עס איז צו קוקן, ווי ס'קלאַפּן יעדן טאָג גדולימלעך אין דיינע טויערן... ווי ס'באַזינגען זיי די צייטונגען... ווי ס'ווערן פּוסט די הערצער נאָך זייער קומען...
אויב קיינער האָט פון דיר נישט געוווסט אינדערהיים און דו ווילסט כבוד — קום צו אונדז!
אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

העברעיש און יידיש

און עס איז געווען אין איינעם פון די הייסע זומער־אָוונטן, ווען מען קאָכט זיך און מען דעבאַטירט הייס, און געוויינלעך וועגן העברעיש און יידיש, און פּאָמפּאַדור האָט אַלעמען אויסגעהערט, און האָט אַזוי געזאָגט:
תלמידים, ווי גוט עס איז צו געהערן צום יידישן פאָלק!
געהערן צום יידישן פאָלק — הייסט שטענדיק דעבאַטירן.
געהערן צום יידישן פאָלק — הייסט זיין אַן אייגנטימער פון עטלעכע שפּראַכן.
ווי געקריוודעט עס זענען די גוים: די פראַנצויזן, די ענגלענדער, די דייטשן און די רוסן — זיי פאַרמאָגן נישט מער ווי איין שפּראַך און האָבן נישט פאַרוואָס צו קעמפן אין קאַפע־הייזער און מילכיקע רעסטאָראַנען.

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

אוי, אונדזער שפּראַכן־עשירות, ווי אָרעם עס מאַכט אונדז!

האָבן איין שפּראַך — דאָס איז דער סימן פון נשמה־גאַנצקייט און באָדן־פעסטקייט פון אַ פאָלק.

האָבן איין שפּראַך — באַדייט, אַז איך בין אַליין אַ באַלעבאָס אויף זיך.

און פּאָמפּאַדור האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט און נאָכדעם ווײַטער גערעדט:

תּלמידים! ווי נאַריש און אומזיסט ס'איז אונדזער גאַנצע מחלוקת, גאַל־עסעניש און צײַט־מערדערײַ פון אונדזערע שפּראַכן־קריגערײַ.

העברעיִש — דאָס איז די קרוין אויף אונדזער יחוס־קאָפּ — זאָגן די העברעיִסטן.

ייִדיש — דאָס איז דער גאַרטל אויף אונדזערע גלות־לענדן — זאָגן די ייִדישיסטן.

בטלנים! פּאָמפּאַדור זעט דאָ, אין גלות, נישט קיין העברעיִש־און־ייִדיש־פראַגע, נאָר אַ פּרנסה־פראַגע.

פּאָמפּאַדור זאָגט צום העברעער: חבֿר העברעער, מאַכסטו אַ לעבן פון העברעיִש, מעגסטו טענהן: העברעיִש איז אונדזער בת־יחידה, אונדזער אויג פון קאָפּ, אונדזער זון און אונדזער לבֿנה.

פּאָמפּאַדור זאָגט צום ייִדישיסט: ברודער ייִדישיסט, מאַכסטו אַ לעבן פון ייִדיש, מעגסטו טענהן: ייִדיש איז אונדזער מוטערשפּראַך, אונדזער לעבנסקוואַל, אונדזער וואַנדערשטעקן, אונדזער געגנוואַרט און אונדזער צוקונפט.

און צו די, וואָס מאַכן אַ לעבן פון ביידע שפּראַכן, זאָגט פּאָמפּאַדור אַזוי:

פרײַנט, אַזוי ווי איר מאַכט אַ לעבן פון ביידע שפּראַכן, זײַט באַגײַסטערט פון ביידע...

דער עיקר איז היינט נאָר דאָס לעבן־מאַכערײַ.

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

צײַטונגס־פאַרקויפער און אידעאַלן

איך האָב ליב די, וואָס פאַרקויפן צײַטונגען, מער פון די, וואָס גיבן אַרויס צײַטונגען, — האָט געזאָגט פּאָמפּאַדור.

אַ צײַטונגס־פאַרקויפער — דאָס איז דער אייביק נײַער רופער צו נײַקייטן, דער אייביק יונגער האַרצצאַפּל פאַר דעם געדרוקטן וואָרט. אַ יונגער צײַטונג־פאַרקויפער איז די אמתע יונגע שטים פון פאָלק.

אַ צייטונג־פּאַרקויפער — דאָס איז דער איינציקער מענטש, וואָס וועקט די מענטשן צו פאַרשטיין אַ וועלט, וואָס לאָזט אַפילו נישט שלאָפן אינמיטן נאַכט.

מענטשן שלאָפן צופיל — און געבענטשט זאָלן זיין די, וואָס וועקן.

תלמידים מיינע!

איך האָב ליב די קליינע צייטונג־פּאַרקויפער בעסער ווי די גרויסע אידעאַלן־פּאַרקויפער.

האָט איר געזען אַ קינד לויפן מיט צייטונגען ערשט פון דרוק, מיינט איר, אַז דאָס איז דער סענט, וואָס טרייבט אים?

ניין! גרעסער פון דעם שטרעבן רייך צו ווערן איז דער חשק צו פלייסן זיך און געווינען מער צייט.

און געווינען — דאָס איז יוגנט.

אַ, ווען אונדזערע ליטעראַטיקל־שרייבער, דיכטער און פעליעטאָניסטן פון רעדאַקציע וואָלטן פאַרמאָגט אין זייער נשמה כאָטש איין פראָצענט פון דעם פייער, וואָס אַ יונגער צייטונג־פּאַרקויפער האָט ביים לויפן מיט די צייטונגען, וואָלט די וועלט פול געווען מיט אידעאַליזם און גלויבן.

תלמידים מיינע, נישטאָ היינט קיין גרויסע נביאים, וואָס דאָס פאָלק זאָל צוהערן זייער וואָרט, פאַרנעמען זייער שטים. זייער פּלאַץ פאַרטרעטן היינט די קליינע צייטונג־יינגלעך, וואָס צו זייערע אויסגעשרייען נויגט דאָס פאָלק נאָך צו דעם אויער.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

קרעמער און קרעמערלעך

און איינמאָל, אום שמחת־תורה, האָט פּאַמפּאַדור גענומען אַ ביסל משקה, און ער האָט צו זיינע תלמידים אַזוי געזאָגט:

ברידער מיינע! היינט איז שמחת־תורה, וויל איך צו אייך רעדן וועגן קרעמער און קרעמערלעך.

ברידער מיינע! אונדזער פאָלק איז אַ פאָלק פון קרעמער. דער גייסט פון אונדזער פאָלק איז אַ קרעמערישער.

קיין פאָלק פאַרמאָגט נישט אַזויפיל קרעמער און קרעמערלעך, ווי דאָס יידישע... ביי אונדז איז יעדע גאַס אַ נעסט פון קראָמען, אַנישט שטייט מען פאַרן הויז מיט אַ שטופּ־וועגעלע.

קרעמעריי — דאָס איז דאָס חן־פּינטל אויף אונדזער גלות־צורה, די מעדאַל פאַר אונדזער וואַנדער־אויסצייכענונג.

אַ שטופּ־וועגעלע — דאָס איז דער איבערגאַנג־וועג צו אַ קראָם, דער אַדע־רויף צום גאָט פון גליק אויף אַ קראָם.

ביי אונדז, ווען אַ פּאַרפאַלק האָט חתונה, טראַכט עס גלייך פון אַ קראָם. דער זיסטער אידעאַל פון אַן אַרבעטער איז אַ קאָנפעקטן־קרעמל.

און איידער מען האָט נאָך די חופּה־שטאַנגען צוזאַמענגעלייגט, ליגט שוין דער קאָפּ אין אַ סאָדע־וואַסער־געשטעלכל.

האָבן אַן אייגענעם „שטיין" אין אַ קאָנפעקטן־קרעמל — דאָס איז דער ווינקלשטיין פון אונדזערע יונגפּאָרלדיקע שטרעבונגען.

פאַרמאָגן אַ ציגאַר־קראָם — דאָס איז דער העכסטער הימל־קראַצער פון אונדזערע ווונטשן און גליק אידעאַלן.

און קוקט אַ יידישער אַרבעטער אין זיין פרייהייט־שעה אַרויס אין גאַס, דענקט ער נישט פון הימל, גראָז און פייגל־געזאַנג, נאָר זיין אויער פאַרנעמט דעם קרעמער־רוף און זיין אויג פאַלט אויף די שיינע געשטעלן און געשטעלעכלעך, און אַ זיפץ שפּאַלט דורך די ביזנעס־לופט און שלאָגט זיך אָן דעם פייער־לייטער: גאָט, ווי דערלעבט מען שוין די צייט צו האָבן אַזאַ ביזנעסל!...

די גויים האָבן סוחרים, מיר — קרעמער. די גויים האָבן קונים, מיר — דינג־נפשות.

אוי, דאָס דינגען זיך, דאָס דינגען זיך! איז דאָס נישט דער סך־הכל פון אונדזער קרעמער־גייסט? איז דאָס נישט דער רעזולטאַט פון אונדזער אַרבל־שלעפּעניש און פאָלע־ציִעניש?

מיר זענען קרעמער, קינדער פון קרעמער!

און ווי איז דיר, מיין פריינט, אויב ס'איז דיר פרעמד די תורה פון אַרבל־ציִעניש! דיין סחורה וועט ביי דיר צעפוילט ווערן און דו וועסט גיין באַנקראָט!

אויך אונדזערע אידעענטרעגער, תורה־פאַרשפּרייטער, פאָלקספאַרזאָרגער און טאָגנעבער זענען קרעמער.

יעדע צייטונג — איז ביי אונדז אַ קרעמל, יעדע אינסטיטוציע — אַ קרעמל. יעדע יוניע — אַ קרעמל. יעדער פאַראיין — אַ קרעמל פון מיטגלידערשטייער.

קרעמעריי — דאָס זענען אונדזערע אַנאַרכיע־געדאַנקען, באַפרייאונג־אידעעז, כל־ישראל־מאָטיוון, און אַפילו דער ציוניזם־אידעאַל.

איינער פאַרקויפט אַנאַרכיזם אויפן אונץ, דער צווייטער — גאָט אויפן וואָג,

דער דריטער — סאָציאַליזם אויף דער קוואָרט, דער פערטער — יוניאָניזם אויפן אַרשין — און יעדער מאַכט דערפון קליינגעלט...

אוי, דאָס קליינגעלט־מאַכעריי! אָט דאָס ערגערט דאָך מיר טאַקע, וואָס מ׳פאַרקויפט ביי אונדז אַלץ בלויז פאַר קליינגעלט...

און דער קרעמער־גייסט הערשט אַפילו אין אונדזער ליטעראַטור.

אונדזערע אַרויסגעבער זענען קרעמער, אונדזערע שרייבער — אָרעמע קרעמער.

און אונדזערע קריטיק זענען די שלעכט־באַצאָלטע פּאָלע־שלעפּער אין די ליטעראַטור־קרעמלעך.

און אַפילו אויך אונדזערע דיכטער מוזן ביי אונדז זיין קרעמער. אויב זיי ווילן זען זייערע לידער אין בוכפאָרם.

ברידער, יידן, איר זענט גרויס אין קרעמעריי!

אַזוי האָט געזאָגט פּאַמפּאַדור!

אויגן און אויערן

תלמידים! די גרעסטע מאַרטירער דאָ אין לאַנד זענען אויג און אויער.

אוי, ווי איך האָב אויף זיי רחמנות!

גייסט אַרויס אין גאַס און באַלד אַנטפּלעקט זיך פאַר דיר די גאַנצע שיינקייט פון מענטש און נאַטור.

ווו דו וואַרפסט אַ בליק — טריקנט זיך וועש.

און די וועש אויף דער ערד פאַרמאָגט מער קאָלירן, ווי דער רעגנבויגן אין הימל!

און וויל דיין אויג רוען, פאַלט עס אויף שטופּ־וועגעלעך מיט אַלטע צעפּרעסענע העמדער, פאַרשימלטע בילדער, פאַרזשאַווערטע טשוועקעס און פוילע עפּל...

און קומסטו אין הויז, איז אויך נישט בעסער: אַ טיש פול מיט באַנאַנעןשאָלעכץ און ציבעלעס, צעריסענע קאָרטן און שטיקלעך צייטונגען. און ליגסטו אויף דיין בעטל, שמייכלט צו דיר אַ שוואַרצע סטעליע, וואָס קען זיך באַלד אַראָפּלאָזן אויף דיין קאָפּ.

דאָס אויג — עס איז דאָך דער אַרעסטאַנט פון דיין נשמה, וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט פאַר דער געטין פון שיינקייט.

געוואַלד, פאַרוואָס זאָלן מענטשן וועלן מיאוס זיין!

זאָל גאָט פאַרגעבן פּאַמפּאַדורן, וויפל בלאָטיק־שוואַרצע האַלדז און נאַקנס ער זעט זיך דאָ אָן אין די הייסע זומער־טעג.

נאָכאַמאָל: פאַרוואָס זאָלן מענטשן וועלן מיאוס זיין?

ריזנהיט אויף ליאַלקע־קעפּלעך.

גרויסע שיך אויף קליינע פיסלעך.

ווייסע קראַוואַטן אויף שוואַרצע העמדער.

אויגנגלעזער אויף נאַזלאָזע פּנימער.

לאַנגע האָר אויף דאַרע קערפּער.

אַלטע מיידן אין קורצע קליידלעך.

יונגע מיידלעך מיט בערג פּודער.

גלאַנציקע נעגל אויף שמוציקע פינגער.

היינט די טאַליעס!

און נישט בעסער איז דאָ דער אויער.

גרילציקע טענער פון פּיאַנעס פון גאָרן צו גאָרן, שרייאיקע רעדעס פון גאַסנרעדנער, הילכיקע קולות פון היימישע קאָנצערטן, משונהדיקע בראַזגערייַ פון טראַמוויען, ווילדע שטימען פון צעבראָכענע גראַמאַפאָנען, דאָס אייליקע קלינגערייַ פון טעלעפאָנען, דאָס רעווען פון די פייער־מאַשינען און דאָס פּייפן פון די אויטאָמאָבילן...

די איסט־סייד איז אַ מאָדנע לאַנד

דאָ פאַרהייליקט מען די פיס און די הענט, מער ווי די אויגן און אויער.

וואָס מער קולות, אַלץ מער קולטור.

גאָט פון שטיין און אייזן! נעם אויף די אַלע מיאוסקייטן און קריץ אויס פון דעם איין גרויסע עפּיטאַפיע אויף דער מצבה פון דער פאַרשטאָרבענער געטין פון שיינקייט!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור!

יונג און אַלט

תלמידים! פּאַמפּאַדור איז שוין לאַנג אין אַמעריקע. ער האָט מיט פיל שווערע פּראָבלעמען שלום געמאַכט, נאָר די פּראָבלעם פון יונג און אַלט אין דער היגער יידישער ליטעראַטור שטייט פאַר אים, ווי אַ גרינער אינמיטן בראָדוויי.

תלמידים, וואָס איז יונג?

פּאַמפּאַדור

יונג זיין אין לעבן הייסט — האָבן אַ גלאַטן שטערן, אַ יונג פּנים און יונגע אויגן.

און אויב ליטעראַטור איז לעבן, זענען אונדזערע יונגע קיין יונגע נישט: צעקנייטשטע שטערנס, פאַרזויערטע פּנימער, ווי ביי פאַרזעסענע מיידלעך — קענט איר עס אָנרופן יונג?

תלמידים, וואָס איז אַלט?

אַלט זיין אין לעבן הייסט — זיין געבויגן אונטער דער משא פון יאָרן און דערפאַרונג. און אויב ליטעראַטור איז לעבן, זענען אונדזערע אַלטע קיין אַלטע נישט!

פעטע, טעמפּע פּנימער, גלאַטע שטערנס, זאַטע באַנעמונג, — קענט איר עס אָנרופן אַלט?

יאָרן זענען טרעפּלעך צו דער אייביקייט; מיטלמעסיקע קלעטערן אויף די טרעפּלעך ביז זיי פאַלן אין אָפּגרונט; טאַלאַנטפולע שטייגן און דערגרייכן ביז דער טיר פון אייביקייט און בלויז גאוניאַלע עפענען די טיר...

אָבער ביי אונדז קלעטערט בלויז די מיטלמעסיקייט. יונג און אַלט —

אַ ליטעראַטור, וואָס האָט אַ סך יונגע — איז אַן אַלטע ליטעראַטור; אַ ליטעראַטור, וואָס האָט אַ סך אַלטע — איז אַ יונגע ליטעראַטור...

מיר האָבן ביידע נישט.

יונגקייט אַליין מאַכט נאָך נישט קיין טאַלאַנט; אַלטקייט אַליין מאַכט נאָך נישט קיין טאַלאַנט.

טאַלאַנט איז עפּעס, וואָס שוועבט איבער יונג און אַלט...

אונדזערע אמתע אַלטע קען מען אויף די פינגער אויסציילן... און ווייטער האָבן מיר בלויז קאַריקאַטורן פון אַלטע, אינוואַלידן אַנשטאָט קלאַסיקער...

און ביי אונדז קעניגט דאָ בלויז דער „נישט אַלט און נישט יונג".

אונדזערע אמתע יונגע קען מען אויף די פינגער אויסציילן... און ווייטער האָבן מיר דאָ יינגלעך, אַנשטאָט יונגע, קאַווע־טרינקער, אַנשטאָט נייע ריכטונג־בויער...

ביי אונדז איז נישטאָ קיין אָפּשאַצונג און קיין אָפּשאַצער. ביי אונדז שאַצט יעדערער אָפּ זיך אַליין.

די אַלטע ווייסן כאָטש יעדן פרימאָרגן דעם וועג צו דער רעדאַקציע.

ווו איז דער וועג, די ריכטונג פון אונדזערע יונגע? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

און די יונגע בלאָנקען זיך אַרום, זוכנדיק אַ דירה...

נישטאָ קיין יונג און אַלט ביי אונדז! — רופט אויס פּאַמפּאַדור.

יונג און אַלט — דאָס זענען אויסגעטראַכטע זאַכן פון אַ נאָכמאַכער, וואָס האָט געוואָלט נאָכמאַכן די גויִים.

די גויִים האָבן יונגע און אַלטע, דאַרפן מיר זיי אויך האָבן.

איך בעט אייך, ווייזט מיר אָן די גרענעץ צווישן יונג און אַלט ביי אונדז!

די אַלטע פאָדערן גאָרנישט און גיבן גאָרנישט און די יונגע רעדן וועגן אַלץ און גיבן דעמזעלבן גאָרנישט.

איז ליבע אַ סימן פון יונגקייט? — נישט ביי אונדז!

פּאָמפּאַדור גלויבט אינגאַנצן נישט אין יידישער ליבע.

אַ פאָלק, וואָס האָט נישט קיין גראַפן און פּרינצן, העלדן און ריטער, אָפּיצירן שלעסער און פּאַלאַצן קען נישט ליבן...

אונדזער ליבע איז דאָס רוב אַ צעשטערטער שידוך, אַ נישט־איינגעגעבענער מסחר פון אַ סאָדעוואַסער־קרעמל, אין בעסטן פאַל — אַ קרעמל פון פאַבריק.

און פּאָמפּאַדור האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און נאָכדעם אַזוי געזאָגט:

תלמידים! יאָ, איך ווייס, וואָס הייסט ביי אונדז יונג און אַלט...

אַלט — זענען ביי אונדז די, וואָס שרייבן און מאַכן אַ לעבן.

יונג — רופן זיך ביי אונדז די, וואָס שרייבן און הונגערן.

האַלב יונג — הייסן ביי אונדז די, וואָס שטייען מיט איין פוס אין אַ רעדאַקציע.

ווילט איר זיין אַ „יונגער"? — שרייבט לידער און טראָגט זיי אומזיסט אין די רעדאַקציעס...

ווילט איר זיין אַן „אַלטער"? קריגט אַ פּלאַץ אין אַ רעדאַקציע און נעמט שכירות...

און נאָך זאָג איך אייך:

יונג הייסן ביי אונדז די, וואָס לייענען נישט די אַלטע; און אַלט הייסן ביי אונדז די, וואָס לייענען נישט די יונגע...

און געוויזן האָט זיך אַ בייז פייערל אין פּאָמפּאַדורס אויגן און ער האָט אַזוי אויסגערופן:

תלמידים! רעדט מיר נישט פון יונג און אַלט.

עפנט די אויגן און זעט, וואָס מיר האָבן!

אַ שאַפן — אין ענגע צימערן פון טענעמענט־הייזער.

זשורנאַלן — קורץ־אָטעמדיקע, יינגלשע.

אַטמאָספערע — אין סאָבווי.

ליטעראַרישע שולן — מחלוקת און צײַנקריצעניש.

היימען פאַר ליטעראַטור — קאַווע־טישלעך אין מילכיקע רעסטאָראַנען.
לערער — יוניע־פירער און פינפדאָלאַרדיקע לעקציע־האַלטער.
רעדאַקציעס — נבול־פּה־נעסטן.
שטימונג — פעדלער־קולות...
הומאָר — ביי לוויות...
תּלמידים! מיר האָבן גאָרנישט און דאָס איז אַלץ!
אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

זשורנאַליזם און אינהאַלטלאָזיקייט

די גרינגסטע זאַך איז צו זיין אַ זשורנאַליסט אין אַ יידישער טעגלעכער צייטונג. דו דאַרפסט בלויז קענען דעם סוד פון שרייבן יעדן טאָג.

ברייט זענען די וועגן פון זשורנאַליסטיק פאַר אַ יידישן פובליציסט. זיי שניידן דורך אַלע מדבריות און וויסטענישן פון אינהאַלטלאָזיקייט.

טיף זענען די ימים פון וויסן אין אַ יידישער צייטונג. נאָר קורצזיכטיקע קענען זען דעם אָפּגרונט.

ווילסטו ווערן אַ זשורנאַליסט? — שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ אַלץ, וואָס דו האָסט געלערנט אין חדר, געזעגן זיך אָפּ מיט דער לאָגיק — און שרייב! מאַך צו די אויגן — און שרייב! שרייב וועגן וואָל סטריט, אייביקע באַוועגונג, באָרד־פּאָל, לופטבאַלאָנען, קעץ און טראַכאָמע... אַ גוטער צייטונג־מענטש דאַרף שרייבן איבער אַלץ...

אונדזערע לייענער זענען גוט, ווי קינדער, האָבן שכל, ווי עופעלעך, און וועלן דיר אַלץ פאַרגעבן...

אונדזערע ליבע לייענער גלויבן אויפן וואָרט.
אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

וואַלן און הוראַ

און ס'איז געווען אין סאָמע ברען פון די וואַלן. און די תּלמידים האָבן דערזען פּאָמפּאַדורן אויף אַ גאַסנמיטינג. און זיי האָבן אים מיט גרויס פאַרוווּנדע־רונג געפרעגט: ווי קומט פּאָמפּאַדור אַהער?

און פּאָמפּאַדור האָט אַ שמייכל געטון און געענטפערט:

תלמידים! וווּנדערט זיך נישט אויף אייער פּאַמפּאַדורן, וואָס ער קומט הערן גאַסנרעדנער.

פּאַמפּאַדור האַלט זייער פּיל פון וואַלן. און נישט ווייל ער גלויבט אין פּאָליטישער אַקציע, נישט ווייל דער אָדער יענער קאַנדידאַט איז אים ליב — נאָר צוליב די וואַל־פאַרשפּרעכונגען.

און די תלמידים האָבן נאָכמער פאַרווונדערט אָנגעקוקט פּאַמפּאַדורן.

און פּאַמפּאַדור האָט אַזוי געזאָגט:

תלמידים! פּאַמפּאַדור האָט ליב די וואַל־פאַרשפּרעכונגען, ווייל נאָר אין די פאַרשפּרעכונגען זעט ער דעם גאַנצן זין פון אונדזער לעבן.

ווייל וואָס איז דאָס לעבן, אויב נישט אַ שטענדיקע וואַל־פאַרשפּרעכונג?

אויב נישט אַ צוזאָג, אַז שפּעטער וועט זיין שיין? אויב נישט אַ פאַרזיכערונג, אַז מאָרגן וועט זיין גוט? אויב נישט אַ וואַל־רעדע, וואָס איז געבויט אויף ליגן?

און פּאַמפּאַדור האָט פאַרדריקט די ליפּן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער די תלמידים האָבן אים געבעטן, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן.

און פּאַמפּאַדור האָט נאָך אַ ווײַלע טראַכטן געזאָגט:

תלמידים מיינע, ווילט איר פאָלגן פּאַמפּאַדורן? — גלויבט אין די פאַר־שפּרעכונגען פון אַלע קאַנדידאַטן, און אונטערשטיצט דווקא דעם גרעסטן צוזאָגער.

ווייל נאָר אין גלויבן ליגט דער סוד פון אונדזער עקזיסטענץ...

און זאָל אייך נישט אַרן, וואָס אַלע פאַרשפּרעכונגען ווערן אַ טאָג נאָכן קאַמפּיין צו גאָרנישט, גייען אַוועק צוזאַמען מיט דעם געקלאַפּ פון די פּויקן און לעשן זיך אויס אינאיינעם מיט די פונקען פון די פייערווערק...

זאָל עס אייך נישט אַרן!

אַ פאַרשפּרעכן, וואָס ווערט נישט בטל, איז קיין פאַרשפּרעכן נישט...

אַ פאַרשפּרעכן, וואָס איז קיין ליגן נישט, האָט נישט אין זיך די צויבער־קראַפט צו באַגייסטערן מענטשן...

אַ וואַל־פאַרשפּרעכן איז פּאָעזיע. און ווער פאָדערט פון פּאָעזיע אמת?

אַ וואַל־פאַרשפּרעכן איז שוים פון כוואַליעס, און וועלכער נאַר פאָדערט פון שוים, ער זאָל זיך לאַנג האַלטן?

און אין דער צייט, ווען פּאַמפּאַדור האָט אַזוי גערעדט צו זיינע תלמידים, האָט אַ קאַנדידאַט געענדיקט זיין רעדע און פון אַלע זייטן האָט זיך צעטראָגן אַ דונערדיקער הוראַ־געשריי.

און די תלמידים האָבן געזאָגט: זעט נאָר, ווי די אייזלען ווערן דאָס באַגייס־טערט פון אַ ליגנערישער רעדע!

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אָנגערופֿן: תּלמידים, לאַכט נישט אויס די באַגייס־טערטע מאַסן, רופֿט זיי נישט אייזלען!

אייער פּאַמפּאַדור איז פּאַר הוראַ־שרייער!

שרייען הוראַ — דאָס איז אָפּטימיזם, דאָס הייסט, צומאַכן די אויגן און זען גליקן... פֿאַרלירן דעם קאָפּ און נישט טראַכטן...

און נישט טראַכטן איז דער טייטש — גליק.

שרייען הוראַ — דאָס איז געזונט פֿאַרן פֿאָלק.

דאָס פֿאָלק איז ווי אַ פּיצל קינד: וואָס מער עס שרייט, אַלץ געזינטערע לונגען באַקומט עס...

איך האָב מיטלייד מיט די שטומע צוהערער, מיט די, וואָס פֿאַרשליסן די ליפּן און ווילן נישט באַגייסטערט ווערן פֿאַר גאָרנישט... מיט די, וואָס ווילן נישט גלויבן נישט דעם גאָט, וואָס זיצט אויפֿן הימל. נישט דעם קאַנדידאַט, וואָס „לויפֿט" אויף דער ערד, — די דאָזיקע מענטשן זענען די אומגליקלעכסטע, די אויסגעשפּילטסטע — ווי אין פּאָליטיק, אַזוי אויך אין לעבן.

תּלמידים! פֿאָלגט אייער פּאַמפּאַדורן: שרייט הוראַ און איר וועט געפֿינען פֿרייד און גליק, וויניקסטנס פֿאַר דער צייט, וואָס איר הערט די וואַל־רעדע.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור און האָט פֿאַרלאָזט דעם מיטינג.

וועגן קאַווע־קריטיק און מאַניאַקן

און פּאַמפּאַדור האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַן איסט־סיידער קאַפֿע־הויז, און האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין אַ גלאָז קאַווע. נאָך תּיכף האָבן אים די איינוווינער פֿון קאַפֿע־הויז דערקענט און אים געבעטן, ער זאָל עפּעס זאָגן, און ער האָט אַזוי געזאָגט:

קיין פֿאָלק איז אַזוי נישט געבענטשט מיט מבֿינים, ווי דאָס פֿאָלק ישׂראל!

קיין געגנט פֿאַרמאָגט נישט אַזאַ גרויסע צאָל מאַניאַקן, ווי די איסט־סייד!

און קיין ליטעראַטור איז נישט אַזוי רייך מיט קאַווע־מבֿינים, ווי די אַמעריקאַניש־יידישע!

גרויס און מעכטיק איז די איסט־סייד, און גרויס אין צאָל זענען אירע קאַפֿע־הייזער!

ווילסטו ווערן אַ קריטיקער? — באַזוך אַלע טאָג אַ קאַפֿע־הויז, פֿאַרלאָז עס נישט שפּעטער, ווי פֿיר פֿאַרטאָג, טרינק, רעד, גענעץ, פּלאַפּל, זידל וועמען דיר פֿאַלט איין, דראַפּע זיך אויף די גלייכע ווענט, און דו ביזט אַ קריטיקער...

פון מבינות ביז קריטיק איז מײלן־װײט; פון אַ קריטיקער ביז אַ מאַניאַק איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

ביי אונדז איז אַ קאַפּע־הויז דער סימבאָל פון קריטיק!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור און האָט פּאַרלאָזט דאָס קאַפּע־הויז.

שטרייקן און אַרבעטן

ײדן זענען אַ פאָלק פון שטרייקער, זאָגט פּאַמפּאַדור.

שטרייקן און מאַרשירן — דאָס איז דער סיאַמישער צװילינג פון אונדזער גלות־מוטער.

ײדישע קינדער האָבן נישט אַזוי ליב דעם שטרייק, װי דאָס טומלען זיך פאַר און נאָך דעם שטרייק.

ײדן זענען נישט אַזוי פאַרליבט אין זיג, װי אין דעם מאַרש צום זיג...

ביי אונדז הייסט שטרייקן — אָנצינדן זיך אַזוי שנעל, װי אַ שװעבעלע, און פונקט אַזוי שנעל אויסגעלאָשן װערן.

אַ ייד װעט אייך בעסער אַרויסגיין פיר מאָל אַ חודש אין שטרייק, אײדער איינמאָל אין אַ חודש צאָלן אין דער יוניע...

אַ ייד װעט גיכער שרייען הוראַ פאַרן שטרייק, אײדער „זאָל לעבן די יוניע!“ נאָכן שטרייק.

אַ ייד האָט ליב די מלאכה פון שטרייקן.

ער האָט דערװייל אַ געלעגנהייט צו באַרעדן און פאַרװאַרפן מיט בלאָטע די פירער זיינע.

דער פירער האָט אָפּגעלעקט אַ ביינדל פון שטרייק, יענער איז געװאָרן אַן עושר.

דאָס ײדישע פאָלק האָט אויך ליב שטרייקן, װייל דאָס גיט אים אַ געלעגנהייט צו געבן נדבות. אַ ייד האָט ליב צו האָבן אויף עמעצן רחמנות.

אַ יוניע — דאָס איז דאָס שטיפקינד פון ײדישן אַרבעטער: אַט נעמט ער עס אַריין אין זיין הויז און אַט טרייבט ער עס אַרויס...

אַ ײדישער אַרבעטער — דאָס איז אַן אַרבעטער אויף דערװייל. די פאַבריק איז ביי אים בלויז אַ צוגרייטונג־שולע פאַר אַ געשעפטל.

און אפשר האָט אַ ייד דערפאַר טאַקע נאָר ליב צו שטרייקן, װייל אין דער צייט פון שטרייק קען ער זוכן אַ געשעפטל...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

פּאַמפּאַדור

ציטאַטן און ציטאַטנשרייבער

און די תלמידים האָבן איינמאָל געפרעגט פּאַמפּאַדורן מיט איראָניע, פאַרוואָס ער באַנוצט נישט קיין ציטאַטן אין זיינע אַרטיקלען און ער ווערט נישט וועלט־באַרימט ביי יידן, ווי אַנדערע.

און פּאַמפּאַדור האָט נישט לאַנג געטראַכט און געזאָגט: תלמידים, לאַכט נישט פון ציטאַטן!

ציטאַטן — דאָס זענען אַ גליק פאַר אַ שרייבער. דאָס זענען שיינע קליידער, גענומען אויף באָרג, מיט וועלכע מען גייט אויף בעלער און באַנקעטן, מען שטאָלצירט ווי מיט אייגענע און מען נאַרט דעם עולם.

און נאַרן איז דאָך, נאָך אַלעמען, דער עיקר.

ציטאַטנשרייבער — זיי זענען אַזוי ווי פרויען פון ליטעראַטן, וואָס רעדן בלויז איבער די חכמות פון זייערע מענער.

ציטאַטנשרייבער — דאָס זענען ישיבה־בחורים, וואָס עסן טעג, היינט ביי דעם, און מאָרגן ביי יענעם.

און ווילט איר, תלמידים מיינע, זיין שטרענגער, קען מען זאָגן:

ציטאַטן — דאָס זענען פאַר מאַנכע שרייבער הסכמות אויף זייער אייגענער עם־הארצות, פרעמדע היטלען אויף צוצודעקן זייערע אייגענע ליטעראַרישע פּליכעס...

ווי איר קוקט דאָ אָן פּאַמפּאַדורן, איז ער אָפּט שטאַרק מקנא די ציטאַטנשרייבער.

אַ ציטאַטנשרייבער דאַרף נישט האָבן קיין טאַלאַנט, נאָר אַ גוטן זכרון און אַ פלינקע האַנט צו פאַרבייגן בלעטער פון פרעמדע ביכער.

אַ שרייבער אָן ציטאַטן מוז דענקען אַליין, דערפאַר די קנייטשן אויפן שטערן און די זאָרג אויפן פּנים.

אַ שרייבער, וואָס שעפּט פון זיין אייגענעם ברונעם, מוז סוף כל סוף אַנשעפּן פּוסטע עמער. עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז דער ברונעם טריקנט אויס.

אַ ציטאַטנשרייבער קען אָבער שרייבן אייביק, און אייביק בלייבן פריש, יונג און געזונט. פרעמדע ברונעמער זענען דאָ אָן אַ צאָל... ער האָט נישט וואָס צו זאָרגן, אַ וועלט באַזאָרגט אים מיט געדאַנקען, אַ וועלט קנייטשט פאַר אים איר שטערן.

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

אַ שרייבער, וואָס שרייבט אויף זיין אייגענער אַחריות, שרייבט מיט פייער — דערום ברענט ער שנעל איבער.

אַ שרייבער אָבער, וואָס שרייבט מיט ציטאַטן, שרייבט בלויז מיט טינט, און טינט זענען דאָ גאַנצע ימים...

די אויפגאַבע פון אַ שרייבער איז צו קריגן די אַכטונג פונעם לייענער, און צום שנעלסטן קריגט עס דער ציטאַטן־שרייבער.

דער לייענער שלינגט די ציטאַטן און טראַכט זיך: דער ציטאַטנשרייבער, ער מוז דאָך זיין אַ גאון! אַ קליניקייט, אַזאַ בקיאות, אַזאַ שיטן מיט נעמען פון גרויסע שרייבער, פילאָזאָפן און חכמים! אַזאַ באַקאַנטשאַפט מיט גרויסע מענטשן!

און ער ווייסט נישט, נעבעך, דער אָרעמער לייענער, אַז ווען ער האָט צייט און קען גיין מישן ביכער אין ביבליאָטעקן, וואָלט ער אויך געוואָרן דערזעלבער חכם, ווי דער ציטאַטנשרייבער.

תלמידים! ווי גוט עס איז צו זיין אַ ציטאַטנשרייבער! עס איז לייכט, גרינג, — אַ מחיה! ווייסט איר פון די ספּעציעלע ציטאַטנביכער?

עס זענען דאָ ספּעציעלע ציטאַטנביכער, וועלכע זענען פול מיט כל־טוב. ווילסטו קאָנפוציוס — איז קאָנפוציוס! ווילסטו ניטשע! — איז ניטשע! ווילסטו סאָקראַטוס — איז סאָקראַטוס! אַלץ, וואָס דו ווילסט, איז דאָרט דאָ פון קאַנט, וואָלטער, אַריסטאָטעל, שטירנער, רמב״ם, שעקספיר, טאָלסטאָי, ספּענסער, געטע און שפּינאָזאַ, און ווער נישט?

און האָסטו די ציטאַטן, קענסטו מיט זיי טון, וואָס דו ווילסט.

אַ ציטאַטע מעג אַפילו זיין נאַריש און אומפאַרשטענדלעך, וועט אויך קיינער גאָרנישט זאָגן, ווייל זי איז דאָך נישט אייערע און איר זענט פאַר איר נישט פאַראַנטוואָרטלעך.

נאָר די קליגסטע ציטאַטנשרייבער, זאָגט פּאָמפּאַדור, זענען די, וואָס ברענגען ציטאַטן פון גאַנץ אומבאַקאַנטע קוועלן. אַזעלכע קען מען בכלל קיינמאָל נישט כאַפּן ביי דער האַנט.

קענט איר דעם פילאָזאָף בייגלכאַפּער? ווייסט איר דעם גרעסטן דיכטער פון אינדיע, בלאָפּוס־ליגנערוס? האָט איר געהערט פון דעם באַרימטן כינעזישן דענקער האָק־פּאַק־טשיק־טשאַק?

תלמידים, לאַכט נישט פון ציטאַטן!

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

ע נ ג א ו ן ב ר י י ט

מיר איז ענג מיט אייך, זאָגט פּאָמפּאַדור.
ענג נישט אויסצוהאַלטן.
אַלע זענט איר דאָ געטער און קליינע מענטשן.
אַלע קענט איר דאָ אַלץ און קענט גאָרנישט.
אַלע פאַרמאָגט איר דאָ גרויסע קעפּ און שמאָלע הערצער, הויכע פאַרלאַנגען און קורצע פליגלען.
ס׳איז מיר ענג מיט אייך, מיינע פריינט!
אַלע לויערט איר איינער אויף דעם צווייטנס ענגשאַפט.
קענט זיך אַליין נישט אויסצערטלען אַן אייגן ווינקל.
ביי אייך הייסט ברייטקייט — מאַכן ענג יענעם.
וואָס איז כלל־טועריי ביי אונדז? — אַן ענגער חדר מיט אַ קליין בעטל און אַ טוץ קוואַרטיראַנטן.
וואָס איז שריפטשטעלעריי ביי אונדז? איין מאָגערע שטעלע און הונדערט הענט זי צו קריגן.
ווו זענען אונדזערע ברייטע פעלדער? אונדזערע ווייטע האָריזאָנטן?
ווו איז אונדזער באַצאָלט ווינקעלע פאַר יעדן?
ווו איז אונדזער ספּעציאַליסט אויף איין זאַך נאָר?
אונדזער ליטעראַטור איז הונדערט קרעמער און איין קונד...
היינט ביזטו אַ דראַמאַטורג — בין איך אויך.
מאָרגן ביזטו אַ הומאָריסט — ווער איך אויך.
ייִדן דאַרפן פּרנסה — און מ׳האַנדלט מיט אַלץ.
אוי, די גויִים, ווי לעכערלעך זיי זענען אין מיינע אויגן!

זיי האָבן אַלץ פאַר יעדן — און נישט יעדן פאַר אַלץ.
זיי האָבן די פיל צימערן פאַר אַלע און דאָס אייגענע ווינקעלע פאַר יעדן איינעם...
מיר איז ענג מיט אייך.
אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

תלמידים און חסידים

תלמידים! איך ווייס, אַז מיינע היינטיקע רייד וועלן אייך נישט געפעלן, — אָבער נישט כדי צו געפעלן רעדט פּאַמפּאַדור. פּאַמפּאַדור וויל מיט אייך ריידן וועגן תלמידים און חסידים.

פּאַמפּאַדור האָט ליב די רביים. אָבער נישט די תלמידים און חסידים.

זיין אַ רבי, מיינט שטיין העכער פון אַנדערע — זיין אַ תלמיד, מיינט אַרונ־טערשלעפּן דעם רבין צו זייער נידעריקייט.

תלמידים! ווען נישט די תלמידים מיט די פאַרשטאָפּטע אויערן און פאַר־גולמטע קעפּ, וואָלטן אַ סך פאַלשע רביים נישט געווען און די וועלט וואָלט נישט געוווסט פון איבעריקע תורות און איבערדריסיקע לערעס...

אַ רבי לייכט אָפּט, ווי אַ זון פריי און בחינם פאַר אַלעמען, די תלמידים אָבער ווי עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס מען מוז באַצאָלן פאַר זייער ליכט.

אַ רבי עפנט אַ ישיבה, ווו ער וויל לערנען דאָס פאָלק זיין תורה און מיט אים זיין חכמה.

די תלמידים אָבער עפענען נאָר קרעמלעך, ווו זיי פאַרקויפן דעם רבינס תורה אויפן אונץ, און דערצו נאָך אויף פאַלשע וואָגן...

אָ, איר טויטע תלמידים פון יעזוס, שלוחים אין זיין נאָמען, דערמאָנט זיך, וואָס איר האָט אויפגעטון און שעמט זיך!

אָ, איר תלמידים פון קאַרל מאַרקס, קוקט זיך אַרום, וואָס איר האָט געטון מיט אייער רבינס תורה און פאַרדעקט אייער פּנים פון בושה!

און דערהויפּט האָט פּאַמפּאַדור פּיינט די אַמעריקאַנער חסידים פון גע־הערטע און געשריבענע תורות, פון געדרשנטע און געדרוקטע חכמות.

איר באַגעגנט זיך אָפּט מיט אייערן אַ צוהערער, אייערן אַ הייסן חסיד, און אייך ווערט פינצטער אין די אויגן. אַזוי קליין, גראָשעדיק און נישטיק איז דער מענטש! און קומט איר אַהיים, נאָך אַזאַ באַגעגעניש, ווילט זיך אייך צעברעכן די

פעדער, אויסגיסן דעם טינט, און זיך זעצן שבעה נאָך זיך און נאָך אייער אומ־שטערבלעכקייט...

און צערעדט איר זיך מיט אַזאַ איינעם, און ער הייבט אָן אַרויסשיטן פאַר אייך זיין בליק אויף קונסט און ליטעראַטור, און דערהויפּט זיין מיינונג און מבינות וועגן אייך, — דאַן פאַרלירט איר דעם גלויבן אין אייער טאַלאַנט, דאַן הערט איר אויף איינגאַנצן צו האַלטן פון זיך: אַזוי שלעכט און ביליק פאַרשטייען אייך די „לייטע“!

אוי, די מבינות פון די אַמעריקאַנער חסידים מיינע, ווי איך האָב זיי פיינט!

אַמעריקאַניש־יידישע לייענער — דאָס זענען עם־הארצים, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט אייער נאָמען אויף די ליפּן, ווי מיט אַ קנעפּל פון אַרבעטער־רינג אויפן לאַטש.

אַמעריקאַניש־יידישע לייענער — דאָס זענען די זעלבע גאַליאַרקע־„פּאַטרי־אָטן“, נאָר אָנשטאָט צו פּאַטשן מיט די הענט, קליאַטשען זיי מיט די צינגער, און דאָס איז נאָר ערגער!

און דאָס ערגסטע איז, וואָס יעדער גדול און קטן — יעדער צונג־רייבער און שמירער האָט דאָ אַ חסיד און אַ „פּאַטריאָט“, ווי יעדע פּעטע יידענע אַ גוידער און יעדער רייכער ייד אַ בייכל.

תלמידים! אויב אומעטום זענען חסידים עם־הארצים, זענען די אַמעריקאַנער חסידים פון אונדזערע שרייבער און גדולים — איבערמענטשלעכע עם־הארצים.

פּאַמפּאַדור אַנטלויפט פון אַזעלכע חסידים.

אים איז שוין פיל, פיל ליבער זיך צו באַגעגענען מיט אַ הונגעריקן וואָלף, איידער מיט אָט אַזאַ חסיד.

דער וואָלף וועט דיך בלויז אויפעסן, אָבער נישט פאַרמיאוסן דאָס לעבן, בעת דיין חסיד וועט דיר טון ביידע זאַכן.

פּאַמפּאַדור האָט ליב חסידות שטילע, צניעותדיקע. באַוווּנדערער, וואָס ריידן נישט. „פּאַטריאָטן“, וואָס פּאַטשן נישט בראַוואָ, און חסידים, וואָס לויפן נישט נאָך.

די בעסטע חסידים זענען פאַר פּאַמפּאַדורן די, וואָס ער זעט נישט.

און צו די בעסטע פון די תלמידים זאָגט פּאַמפּאַדור אַזוי:

תלמידים! הערט אויס אייער רבין — אָבער קריטיקירט אים! גיט אים אָפּ כבוד — אָבער פאַרגעטערט אים נישט! האָט אים ליב — אָבער הענגט זיך אויף אים נישט אָן מיט אייער גאַנצער לייביקייט!

דאָס שענסטע און דאָס מענטשלעכסטע איז צו לאָזן דעם רבין אַליין.

ווייל בלייבנדיק אַליין, פילט זיך דער רבי אָפּטמאַל שטאַרקער, ווי מיט זיינע תלמידים און חסידים.

און, צולעצט, דאַרף אַ רבי זיין, ווי אַ שיף, וואָס פירט אייך אַריבער דעם ים, ברענגט אייך אויף דער יבשה, לאָזט אייך אַראָפּ בשלום, און הייסט אייך גיין אייער וועג.

תלמידים מיינע, זייט װייניקער תלמידים!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור, און האָט מיט אַ שמייכל פאַרלאָזן זיינע צעטומלטע תלמידים.

פון אַלץ און אַלעם.

וואָס איז קליינלעכקייט? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

קליינלעך איז אַ פירער, וואָס מוז זיך קליין מאַכן, כדי גרויס צו ווערן.

קליינלעך איז אַ פרוי, וואָס גיט אַוועק די גרויסקייטן פון איר נשמה פאַר קליינגעלט.

קליינלעך זענען מענטשן, וואָס פויקן שטענדיק וועגן אייגענע גרויסקייטן.

קליינלעך זענען מענטשן, וואָס ריידן תמיד וועגן פרעמדע קלייניקייטן.

וואָס איז כבוד? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

כבוד — דאָס איז אַ זאַך, וואָס איז ביי אונדז פאַרבונדן מיט אומכבוד דאָס צו קריגן.

כבוד אויף אונדזער גאַס — דאָס איז אַ שפּיטאָל, וווּ ס׳ליגן קראַנק אונדזערע כלל־טוער, שתדלנים, פּאָליטיקער און שרייבקנעכט פון אַלע סאָרטן.

פאַר מיר איז אַ כבוד, ווען איך האָב נישט אייער כבוד.

וואָס איז גאַנצקייט? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

גאַנצקייט — הייסט נישט דאָס שרייען „גאָר אָדער גאָרנישט" און דערווייל גאָרנישט טון.

גאַנצקייט — הייסט טון האַלבקייטן און לאַכן פון די האַלבקייטן.

גאַנצקייט — הייסט פאַרשטיין די אייגענע האַלבקייט און צעשפּליטערטקייט.

איך האָס האַלבקייט — אָבער דאָס לעבן זאָגט: איך גיב דיר נאָר אַזויפיל, וויפל איך וויל און נישט וויפל דו ווילסט...

ס׳איז טאָקע בעסער אַ גאַנצער נאַר, איידער אַ האַלבער חכם, פונדעסטוועגן האָס איך דעם ערשטן נאָכמער.

ס׳איז טאָקע בעסער אַ גאַנצער קאַרגער, איידער אַ האַלבער בעל־צדקה, —

פּאַמפּאַדור

פונדעסטוועגן האָב איך דעם צווייטן פיל ליבער, ווייל איך קריג דאָך אַמאָל פון אים אַ טובה...

וואָס איז אומשטערבלעכקייט? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

אומשטערבלעכקייט — איז דער שור־הבור פון די קינסטלער, דער לויתן פון די שאַפערישע גייסטער.

אָבער פּאַמפּאַדור לאַכט פון אומשטערבלעכקייט.

הויז־מייז, קליינע און גרויסע, קומט און זאָגט עדות, וויפל גרויסע ווערק, דיקע ווערק, אומשטערבלעכע ווערק האָבן שוין אייערע ציינדלעך צעגריזשעט?

אומשטערבלעכקייט האָבן אויסגעטראַכט גייציקע שטערבלעכע.

וואָס איז איינזאַמקייט? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

איינזאַמקייט, דאָס איז אַ פאַרוק פאַר פליכעוואַטע קעפּ...

פיל קליינע און מיזערנע נשמות נוצן אויס די איינזאַמקייט, כדי צוצודעקן די פוסטקייט פון זייערע נשמות.

באמת איינזאַם איז דער, וואָס שטאָלצירט נישט מיט זיין איינזאַמקייט און בלייבט דאָך איינזאַם אין דער פריילעכסטער געזעלשאַפט.

איינזאַם איז דער, וואָס שלאָגט נישט קיין קאַפּיטאַל פון זיין איינזאַמקייט און פאַרקויפט נישט שטיקלעך איינזאַמקייט פאַר קליינגעלט צו דער געזעלשאַפט.

איך שטאָלציר נישט מיט מיין איינזאַמקייט און דאָך בין איך איינזאַם מיט אייך!

וואָס איז ליידן? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

ליידן — הייסט צינדן פייער אין דער נשמה.

ליידן — הייסט זיין ניכטער און וויסן פון די ליידן.

עס איז נישט קיין קונץ צו שרייען, אַז מ׳ליידט, און זיצןביים טרינקטיש.

עס איז נישט קיין קונץ צו פאַרגיסן ליידן מיט ווין און ליקער.

אמתע לייד זענען טיפער פון דעם שיכורס בעכער און העכער פון דעם שטאָפּער פון דער שאַמפּאַניער־פלאַש, וואָס פליט ביזן באַלקן...

ליידן — הייסט וויסן, אַז מ׳ליידט.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

„באַלאַנגען" און נישט „באַלאַנגען" *)

און פון אַלע זייטן האָט מען גערופן פּאַמפּאַדורן, ער זאָל צו עפּעס באַלאַנגען: שליסט זיך אָן אין „אַרבעטער־רינג"! קומט אַריין אין „עדת ישראל"! ווערט אַ מיטגליד ביי די מינסקער! צאָלט איין אין דער יוניע פון פּאָעטן אאַז"וו. אאַז"וו.

און פּאַמפּאַדור האָט געענטפערט:

פריינט! באַלאַנגען צו אַ פאַריין הייסט אַנשליסן זיך אָן קליינע גאַרנישטן, דערום וויל איך בעסער באַלאַנגען צום טאַטן פון אַלע גאַרנישטן — צום גאָר־נישט אַליין.

אַ פאַריין הייסט נאַרישקייט בשותפות, מחלוקת מיט אַ קאָנסטיטוציע און אומאָרדענונג מיט אַ פּרעזידענט.

באַלאַנגען צו אַ פאַריין הייסט האָבן מיט וועמען זיך צו קריגן, — און איז דען איך ווייניק דאָס וויבּ אינדערהיים?

באַלאַנגען צו אַ פאַריין הייסט האָבן נאָכן טויט גענויע פיר איילן און דאָס באַטייט: זיין געבונדן צו שטאַרבן נאָר אויף דעם און דעם פּלאַץ, און פאַר־וואָס זאָלט איר עס טון, ווען איר האָט פאַר זיך אַ גאַנצן ערד־קוגל צום אויסוואַל.

און זייט נישט אין כעס אויף מיר, פריינט מיינע!

פּאַמפּאַדור איז פאַר אַ חברהלאָזער מענטשהייט.

אַ חברהלאָזע מענטשהייט הייסט ביי פּאַמפּאַדורן — אַ מענטשהייט אַ געזונ־טע, וועלכע קען זיך חברן נאָר מיט דער נאַטור, האַלטן מיטינגען אין וועלדער און האַקן זיך אַליין אַ קבר פון שטיין.

פּאַמפּאַדור האַלט זייער פון דער חברה פוןביימער, וואָס שאָקלען זיך אָן אַ פּרעזידענט, פון זילבער־טייכן, וואָס פליסן אָן דעבאַטן...

פּאַמפּאַדור וויל זיינע נעכט פאַרייניקן נאָר מיט דער לבנה און שטערן.

און נאָכאַמאָל: זייט נישט אין כעס אויף פּאַמפּאַדורן.

פּאַמפּאַדור האַלט, אַז בעסער שוין צו זיין שוואַך פאַר זיך, איידער שטאַרק מיט הונדערטער שווינדזיכטיקע פאַריין־ברידער.

בעסער טרינקען אַליין וואַסער, איידער פלעשער ביר מיט חברה און נאָכדעם קריגן די פלעשער אין קאָפּ...

---

*) אַדאַפּטירט פון ענגליש, איז אַמעריקאַנישן יידיש באַטייט: אָנגעהעריקייט צו אַ פּאַרטיי, געזעלשאַפט, פאַריין אאַ"וו.

פּאָמפּאַדור

אָ, איר פאַרחברהטע ברידער און שוועסטער מיינע, ווען איך וואָלט מיט אייך קיין מיטלייד נישט געהאַט, וואָלט איך אייך געהאַסט.

אוי, דאָס רופן צו אָרדענונג! אוי, דאָס וואַסער פאַר די פּאָרזיצער! אוי, די האַמערס און די נעכט פון קריג און מחלוקת!

ווען מען וואָלט דאָס וואַסער, וואָס די פאָרזיצער טרינקען אויס ביי די מיטינגען, פאַרנוצט אויף צו באַוועגן מילן, וואָלט מען געקענט באַשפּייזן אַ וועלט מיט פּאָעטן.

ווען מ׳וואָלט די קראַפט פון די אויסגעקלאַפּטע האַמערס איבערגעגעבן אין די הענט פון גוטע שמידן, וואָלטן זיי זיכער געקענט אויסשמידן דעם האַמער פון באַפרייאונג אָדער, וויניקסטנס, מיליאָנען פּאָדקעוועס פאַר פערד.

תלמידים! ווילט איר לעבן אינטערעסאַנט? — דאַן דערוויילט פאַר אַ פּרעזידענט אייער גייסט, פאָלגט נאָך דעם האַמער פון אייערע געפילן, האַלט מיטינגען מיט אייערע געדאַנקען, מאַכט אַ „רוף צו אָרדענונג” בלויז צו אייער געוויסן און צאָלט אָפּצאָל בלויז צו אייערע דורכלעבענישן — און איר וועט האָבן דעם שענסטן פאַריין פון „באַלאַנג צו זיך אַליין”.

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

אויף די שפּיציקע שטיינער פון שטאָט

בושה און חוצפה

— שעמט זיך נישט, תלמידים מיינע! — זאָגט פּאַמפּאַדור.

שעמען זיך היינטיקע צייטן איז דאָס זעלבע, ווי צו עפּענען אַ קרעמל פון טליתים, מחזורים, סדורים און מזוזות צווישן אירלענדער און דערוואַרטן דערפאָלג...

דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן איז היינט אַ פּיראַמידע פון חוצפּה. זעט ווי שיין, ווי הערלעך דאָס איז!

דער מענטש ווערט געבוירן אַן עזות־פּנים, מאַכט געוואַלדן, איידער ער האָט נאָך געעפנט די אויגן, זיך געקויפט אַ פּאָר ברילן צו זען, צי איז דאָ פּאַר־וואָס צו געוואַלדעווען...

וואָס איז בושה? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

זאָגט מיר נישט, אַז דאָס איז קינדערשע נאַיוויטעט. זאָגט מיר נישט, אַז דאָס איז מיידלשע ריינקייט; זאָגט מיר נישט אַפילו, אַז דאָס איז מענלעכע ערלעכ־קייט — גיכער פון אַלץ איז דאָס שוואַכקייט פון כוחות...

און ווידעראַמאָל רופט פּאַמפּאַדור: שעמט זיך נישט! בושה — דאָס איז אַ שטאַרקער שלאָס אויף דער טיר פון גליק, וואָס דער כיטרער טייוול האָט אויפגעהאָנגען, כדי צו מאַכן שפּאַס מיטן מענטשן. נעמט אים אַראָפּ!...

חוצפּה — דאָס איז אַן אָפענע טיר צום פּאַלאַץ פון דערפאָלג; גייט גלייך, און נעמט, וואָס אייך קומט...

חוצפּה — דאָס איז דער הויכער בוזים פון אַ פרוי, וואָס פאַרשטייט איר ווערט אויפן מאַרק פון לעבן און לוסט...

שעמען זיך, מיינע פריינט, הייסט נישט לעבן, נאָר קרעכצן, הייסט נישט באַוועגן זיך, נאָר שימלען...

שעמען זיך — הייסט זיין אַן אבל אויף דער אייגענער חתונה; הייסט קומען צו אַ טיש מיט גוטע מאכלים, איבערלאָזנדיק דעם אַפּעטיט אינדערהיים.

אַז מען שעמט זיך, קען מען אַפילו נישט ליב האָבן.

ווייל ליב האָבן הייסט — וואַגן, און געוואַגטקייט איז די מוטער פון חוצפּה...

גרויסע שטאָט, איך פאַרהייליק דיך! נאָר אין דיר ליגט באַהאַלטן דער גרויסער אוצר פון חוצפּה!

דער טומל, דער הו־האַ — דאָס איז דער נצחון פון אַ זונה־געלעכטער איבער דעם צניעותדיקן שמייכל פון אַ דאָרפסמיידל...

די הימלקראַצער, — דאָס איז דאָס חוצפּהדיקע רייסן זיך צו די הימלען פון לענדלאָרד־גייסט און עם־הארצות...

חוצפּה און עזות, — דאָס זענען היינט אויך די חופּה־אונטערפירער פונעם טאַלאַנטלאָזן.

ווען אַ טאַלאַנט ווערט היינט געבוירן, פאַרטרויט אים אַ מלאך אַ סוד: באַנוץ נישט דיין טאַלאַנט, אויב דו ווילסט מאַכן אַ לעבן.

און דער טאַלאַנט פאָלגט דעם מלאכס עצה און ער ווערט אַ ביליקער דעק־לאַמאַטאָר אויף גראַשנדיקע קאָנצערטן, אַן אַקטיאָר, אַ קונצנמאַכער, וואָס פאַר־קויפט זיינע שאַפונגען פאַר ביליקע אַפּלאָדיסמענטן...

אין בושה נייטיקט זיך היינט קיינער נישט.

קיינער שעמט זיך נישט מער, חוץ דעם אַקטיאָר, וואָס דאַרף שפּילן אויף דער בינע די ראָלע פון אַ שעמעוודיקן פאַרליבטן...

קיינער ווערט שוין היינט נישט רויט. און זעט איר אַ פרוי, וואָס רויטלט זיך אין געזעלשאַפט, זוכט דעם סוד דערפון אויף די פּאָליצעס פון אַן אַפּטייק.

תלמידים! דאָס לעבן איז אַן אייביקער דועל צווישן טומאה און קדושה, חוצפּה און בושה, און שטענדיק זיגט די בושה און אייביק איז גובר די חוצפּה.

און פאַרוואָס זאָלט איר זיין באַזיגטע?...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

קראַנקע און געזונטע

און צו פּאַמפּאַדורס אויערן האָט דערגרייכט אַ בשורה, אַז איינער אַ דאָקטער האָט געפונען אַ זיכער מיטל צו שווינדזוכט, האָט אַ וואָלקן פון מרה־שחורה זיך פאַרשפּרייט אויף פּאַמפּאַדורס פּנים און ער האָט צו זיינע תלמידים אַזוי געזאָגט:

— תלמידים, איר קראַנקע שעפּעלעך מיינע, איך בין איצט אומעטיק און ווייסט איר פאַרוואָס?

ווייל איך בין קעגן דער אָפּשאַפונג פון קראַנקהייטן.

וווּנדערט זיך נישט, הערט וואָס פּאַמפּאַדור וועט אייך זאָגן:

קראַנק זיין — הייסט שרעקן זיך, און שרעקן זיך איז דער יסוד פון פיינערן לעבן.

זיכערקייט — הייסט שמאַלץ אויפן קערפּער און שווינדזוכט אין גייסט; און מער פון אַלץ שרעק איך זיך פאַר שווינדזוכט פון גייסט.

שרעק — דאָס איז אַ שפּאַנענד פאַרוואָרט צום בוך „פאַרשווינדן", אַ קאָרידאָר צום פּאַלאַץ פון אייביקן סוד, וואָס הייסט טויט, און ווען נישט די מורא פאַרן טויט, וואָלט דאָס לעבן געווען אַ לאַנגער גענעץ פון אַן אויפגעקומענעם גביר.

נעמט אַוועק די שרעק פון דעם מענטשנס נשמה, און זיין האַרץ וועט אָנהייבן שימלען, ווי אַן אַלט זעמל.

זיין געזונט — הייסט זיין ברוטאַל, הייסט זיין אַ פיזישע מאַכט, הייסט זיין מער חיה, ווי מענטש.

זיין קראַנק — הייסט זיין מער גייסט, ווי קערפּער, מער גאָט, ווי מענטש. פּאַמפּאַדור קען זיך נישט פאָרשטעלן אַ גאָט מיט רויטע באַקן.

קראַנקהייט — איז אידעאַל, מאָראַל, אינעווייניקסטע שיינקייט.

פּאָעזיע — דאָס איז די מוזיק פון אַ קראַנקער נשמה.

געזונטע מענטשן שרייבן נישט קיין לידער.

ליבע — דאָס איז האַלוצינאַציע פון אַ קראַנקער נשמה.

געזונטע מענטשן חלומען נישט אַפילו, און נעמט אַוועק פון דעם מענטשנס בעטל זיינע חלומות — און עס בלייבט אַ געלעגער פון אַ בהמה...

שווינדזוכט — דאָס איז דאָס לאַנגזאַמע טריקענען פון די ביינער, די פּילאָזאָפיע פון קערפּער — און אַן פּילאָזאָפיע, ווי וואָלטן מיר געוווסט, אַז דאָס לעבן טויג אויף כפרות?...

שווינדזוכט — דאָס איז דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון די אַרבעטער. נעמט עס פון זיי אַוועק, און זיי וועלן ווערן פריי — און אַ פרייער אַרבעטער־קלאַס איז אַ געפאַר פאַר דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן...

תלמידים מיינע, זייט קראַנק! קראַנקהייט — איז רחמנות.

אַ רייכע קראַנקע מוטער איז אַמאָל געגאַנגען שווער צו קינד, האָט זי געבוירן אַ קאַליקע און מען האָט עס אַ נאָמען געגעבן רחמנות.

אָן רחמנות וואָלט אונדזער געזעלשאַפט אויסגעזען, ווי אַ פּאַיאַץ אָן אַ מיצל מיט גלעקעלעך, און אַ רחמנות־שוועסטער אָן אַ ווייסן פאַרטוך...

איך בין פאַרליבט אין קראַנקע...

אַלץ, וואָס וויטיקט נישט, איז גאָרנישט ווערט.

אַ האַרץ אָן ווונדן איז אַ זייגער אָן אַ שליסל צום אָנציִען — עס איז נישט ווערט צו טראָגן עס אונטער דער קאַמזויל.

אַ האַרץ, וואָס בלוטיקט נישט — איז אַ פּראַצענטניק־האַרץ, אַ האַרצלאָז האַרץ.

און וואָלט איר דען געוואָלט זיין פּראַצענטניקעס?...

אַפילו אַ קאָפּ מוז אַמאָל ווי טון — אַ נישט איז דאָס אַ צילינדערהוט פון אַ בעל־עגלה און נישט קיין קאָפּ...

תלמידים! איך בין פאַר אַלע קראַנקהייטן, אָן אונטערשייד.

אַ געזונטע מענטשהייט איז פאַרמשפּט צום אייביקן שקלאַפן, ווייל נאָר די, וואָס האָבן נישט קיין קראַנקע נשמות, זענען שקלאַפן...

דאָקטוירים! נעמט נישט אַוועק ביי דער מענטשהייט די שרעק פון קראַנק ווערן!

דאָס איז די איינציקע שיינע זאַך, וואָס איז איר נאָך געבליבן, חוץ דער שאָקל־שטול און ציגאַרן־רויך.

תלמידים מיינע! איך הייס אייך קראַנק זיין...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

גאַסן־קערער און זינד

איך בין קעגן גאַסן־קערער, — זאָגט פּאַמפּאַדור.

גאַסן־קערער — דאָס זענען שוואַרצע יעזויִטן, וואָס קליידן זיך אין ווייסן, כדי אונדז צו נאַרן.

דאָס זענען מענטשן, וואָס פאַרדעקן זייער אייגן שמוץ, זוכנדיק פרעמדס.

דאָס זענען ריינקייט־ספּעציאַליסטן פאַר שכירות.

איך בין פאַר מיסט.

ווען מען קען נישט האָבן קיין בלומענטעפּ אויף יעדן פענצטער, — איז זאָל בליִען דאָס מיסט ביי יעדער טיר.

ווען מ׳קען נישט אַוועקנעמען דאָס מיסט פון יעדן פלאַץ, — איז זאָל עס בלייבן אומעטום.

קען מען אינגאַנצן אַוועקנעמען שמוץ? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

און ער ענטפערט: ניין!

ראַמט עס אויס פון איין ווינקל — ווערט עס געבוירן אין אַ צווייטן; נעמט עס אַוועק פון אונטער דער טיר — באַהאַלט עס זיך אונטערן בעט.

רייניקן שמוץ, תלמידים מיינע, איז בלויז אַ באַצאָלט שטיקל אַרבעט פאַר קהלשע קליאַמקעס.

אומזיסט ראַמט מען און אומזיסט רייניקט מען, כל זמן מענטשן מוזן זיך טאָג־טעגלעך פונדאַסניי פאַראומרייניקן.

אומזיסט זענען אַלע אונטערנעמונג־קאָמיסיעס: פאַרטרייבט מען די זינד פון מזרח־שטאָט — קלייבט זי זיך אַריבער אין מערב־שטאָט; פאַריאָגט מען זי פון באַרג — קלייבט זי זיך אַריין אין טאָל.

אויב ביי די רייכע איז ריינער אין די הייזער, איז דאָס צוליב דעם אויסגעשמירטן הויז־אויפזעער.

בלאָטע און שמוץ זענען די ליבלינג־קינדער פון דער היינטיקער אָרדענונג; זיי זענען נייטיק אויף אויפצוהאַלטן די אָרדענונג, ווי ס׳איז נייטיק רויב און פּאָליציי...

די גאַנצע געזעלשאַפט איז אַן ענציקלאָפּעדיע פון שמוץ.
אָרעמקייט איז אַ פאָלקס־אויסגאַבע פון שמוץ.
עשירות און לוקסוס זענען שמוץ אין אַ פּראַכט־אויסגאַבע.
צניעות איז פאַרדעקטע אומריינקייט.
פאַרשייטקייט איז אומריינקייט דעקאָלטירט.
זנות, איז טומאה אָן אַ פייגנבלאַט.
פאַמיליען־לעבן איז טומאה מיט אַ באַנדעראָל.

נעמט אַראָפּ דעם באַנדעראָל, מיינע פריינט, און איר וועט געפינען דעם קאָנטראַבאַנד...

און רחמנות האָט פאַמפּאַדור געהאַט אויף די אָרעמע, וואָס גראַבלען זיך אין די מיסט־פעסלעך, און ער האָט אַזוי צו זיינע תלמידים גערופן:

תלמידים! נעמט נישט אַוועק די מיסט־פעסלעך פון אייערע הייזער, כל־זמן מענטשן דאַרפן דאָרט זוכן חיונה...

און נאָכאַמאָל האָט ער צו זיינע תלמידים גערופן:

תלמידים! שטאַרק פיינט האָב איך דאָס שמוץ, וואָס מען האַלט עס אונטערן בעט! — וואַרפט עס אַרויס אין גאַס, אויף דער זון וואַרפט עס אַרויס, שעמט זיך נישט!

יעדערער פון אונדז איז אַ שמוץ־וואַרפער: איינער וואַרפט עס ביינאַכט, ווען אַלע שלאָפן, אַ צווייטער — בייטאָג מיט טומל און ליאַרעם.

איינער וואַרפט עס איינגעוויקלט אין אַ צייטונג, דער צווייטער — שרייבנדיק אין אַ צייטונג.

איינער וואַרפט עס פון פענצטער, דער צווייטער — פון אַ בינע.

איינער וואַרפט עס אויף זיין אייגענעם רעכענונג, דער צווייטער — אויפן חשבון פון קהל...

דער סך־הכל איז, אַז אַלע רייניקן זיך אויף דעם חשבון פון אַ צווייטן.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

מענטשן און חיות

אַלץ אין דער וועלט איז פאַרקרימט, פאַרמישט און צעמישט, — זאָגט פּאַמפּאַדור.

קיין אָריגינעלע זאַכן זענען נישטאָ.

אין יעדער חיה איז דאָ עפּעס פון אַ מענטשן. און אין יעדן מענטשן איז דאָ אַ היפּשער טייל חיה... אַ פערד האָט ענלעכקייט צו אַן אייזל און אַן אייזל האָט אין זיך סימנים פון אַ פאַרעקשנטן טעאָרעטיקער. אַלץ איז צעמישט. פאַראַן אויפגעקומענע גבירים, וואָס קוקן אויס ווי גענאָסן, און גענאָסן — וואָס זעען אויס, ווי לענדלאָרדס.

פאַראַן פּילאָזאָפן, וואָס האָבן אַ פּנים פון האָלצהעקער, און פאַראַן שניידער־יונגען, וואָס קוקן אויס, ווי אמתע דיכטער...

אָריגינעל זענען היינט נאָר די משוגעים, און דערום זיצן זיי טאַקע אין די משוגעים־הייזער. יעדער מענטש האָט אין זיך עפּעס פון אַ צווייטן. דער אָריגינעלסטער מענטש איז נאָר דער צוקונפט־מענטש, ווייל ער איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן...

קיין אָריגינאַליטעט איז נישטאָ!

לעבסטו לאַנג מיט דיין פרוי, קריגט זי דיין פּנים און דו איר פּנים, און צום סוף האָט אירביידע קיין פּנים נישט...

— האָט אַ חזיר אַ נשמה? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

און ער אַליין ענטפערט: יאָ!

ווייל יעדע נשמה, מעג זי זיין ווי געלייטערט, האָט אין זיך אַ היפּשן פראַצענט חזיר, און יעדער חזיר האָט אין זיך אַ טייל נשמה.

האָט אַ מענטש הינטישע געטריישאַפט? — פרעגט פּאָמפּאַדור.
און ער אַליין ענטפערט: יאָ.
ווייל געטריישאַפט איז אַ הינטישע זאַך.
ווייל פרייע, זעלבשטענדיקע באַשעפענישן זענען נישט בנמצא; די מערסטע זענען הינט, וואָס האַווקען אין זייערע ביידלעך און גריזשען די ביינער, וואָס דער באַלעבאָס וואַרפט זיי צו.
זיי נישט אָריגינעל, מיין פריינט, ווייל דאָס לוינט זיך דיר נישט.
דו זיי בעסער אַ נאָכקריכער.
די נאָכקריכער — די זענען היינט די מלכים אויף אַלע טראָנען.
ווויל איז די נאָכקריכער!
דאָס פאָלק האָט זיי ליב, דאָס פאָלק פאַרשטייט זיי, און וואָס דאַרפסטו נאָכמער, ווי די באַגייסטערונג פון פאָלק?
דער עולם ווייס נישט פון אָריגינאַליטעט.
געלינגט דיר דיין נאָכקרימעריי, זאָגט דער עולם: זעט, ווי שיין ער שרייבט דאָס, ווי גוט ער מאַכט דאָס! געראָט עס דיר אַמאָל נישט, האָט מען צו דיר אויך נישט קיין טענות! — ביזט דאָך נישט מער, ווי אַ נאָכקרימער...
די נשמה פון אַ מענטשן איז היינט בלויז אַ נאָכקרימעניש נאָך אַ נשמה, וואָס איז ערגעץ געווען אַמאָל — אַמאָל...
פריינט! זייט אוראַנג־אוטאַנגען און איר וועט האָבן אָריגינעל גליק אין לעבן...
אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

שפּיגלען און פרויען

תלמידים מיינע! צעברעכט די שפּיגלען!
אַלע שפּיגלען זענען ליגנער. אַ סאַלאָן־שפּיגל איז אַ יום־טובדיקער ליגנער, אַ קיך־שפּיגל איז אַ וואָכעדיקער ליגנער, אַ געשליפענער שפּיגל איז אַ פּאָעטישער ליגנער, אַ קעשענע־שפּיגל איז אַ בוזעם־פריינט ליגנער.
צעברעכט אַלע שפּיגלען!
אַ שפּיגל — דאָס איז אויבערפלעכלעכקייט אָנשטאָט פאַרטיפונג, פּנים אָנשטאָט האַרץ, פוסטער גלאַנץ אָנשטאָט ערנסט און געפיל.
אַ שפּיגל — דאָס איז חניפה פאַר דיין אייגענער פוסטקייט, דאָס איז אַ וויגבעטל פאַר דיין עגאָיזם. „ווי שיין דו ביזט״! — נאַרט דיך דער שפּיגל, און דו מיינסט ס׳איז אמת און דו לויפסט טון מיאוסע זאַכן...

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

אַ שפּיגל — דאָס איז דער פּאַנאָגראַף, וואָס האָט אין זיך גאָרנישט קיין אייגנס, נאָר ער גיט דיר צוריק דאָס, וואָס דו גיסט אים...

אַ שפּיגל — דאָס איז רעצענזיע, אַנשטאָט קריטיק, אויבערפלעכלעכע מבינות אַנשטאָט אָפּשאַצונג.

צעברעכט אַלע שפּיגלען!

ווען נישט די שפּיגלען, וואָלטן די מענטשן זיך געלערנט טיפער צו קוקן...

אַ געוויינלעכער שפּיגל ווייזט דיר מער נישט, ווי דיין פּנים, אַ גרעסערער באַוויזט דיר אויך דיין פיגור, אַ סאַלאָן־שפּיגל ווייזט דיר אַפילו דיינע שיך — אָבער ס׳איז נישטאָ קיין שפּיגל, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען דיין נשמה.

אַ שפּיגל — דאָס איז די דערפינדונג פון טייוול. ווען דער טייוול האָט אויס־געפונען דעם שפּיגל, האָט ער אַזוי געזאָגט: זאָל דער מענטש זיך אָנקוקן און מיינען, אַז ער איז עפּעס, און איך וועל אים דערווייל פאַרפירן.

אַ שפּיגל, אַזוי ווי אַ קאַלענדאַר, איז דער רויבער פון דיינע טעג, דער עדות פון דיין אַלטקייט, דער בוכהאַלטער פון די קנייטשן אויף דיין שטערן.

אַ שפּיגל — דאָס איז די פרייד פון די, וואָס האָבן פולע באַקן, נישט אָבער פון די, וואָס האָבן פולע הערצער.

נעמט אַרויס אַלע שפּיגלען פון די הייזער! — רופט אויס פּאַמפּאַדור.

וואָס מער שפּיגלען עס געפינען זיך אין אַ הויז, אַלץ ווייניקער שפּיגלט זיך דאָרט אָפּ דער שלום־בית.

אַ שפּיגל — דאָס איז אונדזער הייַנטיקע קולטור, וואָס גלאַנצט אַזוי שיין פון פאָרנט און איז אַזוי פאַרשפּינוועבט פון הינטן.

צעברעכט אַלע שפּיגלען און קוקט דער וועלט גלייך אין פּנים אַריין!

די פרוי איז דער שפּיגל פון אונדזער גייסטיקן צושטאַנד. ווייז מיר די פרוי, אין וועלכער דו ביזט פאַרליבט, און איך וועל דיר זאָגן, וואָס פאַר אַ פּנים דו האָסט.

און ווי די שפּיגלען, אַזוי די פרויען:

פון אַ פרוי, ווי פון אַ שפּיגל, האָבן מיר ליב צו לאָזן זיך נאַרן.

די נשמה פון אַ פרוי, ווי דאָס גלאָז פון אַ שפּיגל: איין הויך מיטן מויל, און עס ווערט פאַרצויגן און דו זעסט שוין גאָרנישט...

די ליבע פון אַ פרוי איז ווי דאָס גלאָז פון אַ שפּיגל: עס ווערט לייכט פאַר־שטויבט און דו דאַרפסט עס האַלטן אין איין רייניקן...

אַ פרוי, ווי אַ שפּיגל, דערזעט באַלד די ערשטע גרויע האָר אין דיין קאָפּ.

פּאַמפּאַדור וויל נעמען דעם ים פאַר שפּיגל. ער וויל זיין ווי די זון און זיך שפּיגלען אין די טיפע טיפענישן פון די ברייטע וואַסערן.

פּאַמפּאַדור וויל זיין ברייט און ריין, ווי דער הימל. ער וויל זיך שפּיגלען אין די אומענדלעכע וועלטן.

פּאַמפּאַדורס גייסט איז סודותדיק, ווי אַן אור־אַלטער וואַלד. ער האָט ליב שאָטנס, געהיימע גייסטער און וויל אַפילו נישט אויפדעקן דעם סוד פון זיין אייגן פּנים.

תלמידים מיינע! צעברעכט אַלע שפּיגלען!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

קליידונג און נאַקעטקייט

טוט זיך אויס נאַקעט, — זאָגט פּאַמפּאַדור.

קליידונג — איז פוסטער גלאַנץ.

נאַקעטקייט — איז נאַטור, קינדהייט, אומשולד...

שוין צופיל איז דער מענטש אָנגעפּעלצט, שוין צופיל קליידער טראָגט אויף זיך דער מענטשלעכער קערפּער — און דערפון נעמט זיך די שווערע משא אויף זיין נשמה.

נאַקעטקייט — דאָס איז די נישט פאַרדעקטע קערפּערלעכע שיינקייט. ווען דער מענטש האָט געקראָגן אַן אויסשיט אויפן לייב, ערשט דעמאָלט האָט ער זיך פאַרדעקט מיט שמאַטעס...

מענטשן, וואָס זענען געבענטשט מיט ריינקייט פון קערפּער, דאַרפן נישט מורא האָבן פאַר קיין עין־הרע, האָבן זיך נישט וואָס צו פאַרדעקן און דאַרפן זייערע נשמות נישט איינהילן אין מאַנטלען.

תלמידים מיינע, איך בין פאַר אַנטבלויזונג!

איר זאָגט: פאַרדעקן דאַרף מען דאָס, וואָס איז מיאוס. איך זאָג: דאָס מיאוסע אין מענטשן קען מען נישט פאַרדעקן...

קליידונג — איז דאָס קינד פון גאַס.

נאַקעטקייט — איז דאָס קינד פון הויז.

אייניקע מענטשן האָבן נישט מער ווי איין העמד אויפן לייב, אָבער זייער נשמה איז רייך; אַנדערע האָבן שענק מיט קליידער און זייער גייסט איז נאַקעט, ווי אַ בוים אין ווינטער.

ווען אַלע מענטשן וואָלטן אָנגעהייבן גיין נאַקעט, וואָלטן מיר קיין שטרייקן פון שניידער נישט געהאַט און אַפילו נישט קיין שניידערשע פּאָעטן...

אָנשטאָט שווער אַרבעטן אַריינצוצילען די פּאָדעם אין נאָדל, וואָלטן מיר געצילט צו העכערע צילן...

ווען מענטשן וואָלטן זיך דערזען נאַכאַמאָל איינגאַנצן נאַקעט, ווי אין די ערשטע ווילדע צייטן, וואָלטן זיי ערשט איינגעזען, ווי וויניק זיי האָבן פּראָגרע־סירט פון אדם הראשונס פייגנבלאַט ביז די געפּרעסטע הויזן.

נאַקעטקייט — דאָס איז דערלייכטערונג און שלום־בית. מענטשן נאַקעטע דאַרפן ווייניקער האָבן, ממילא וויניקער שקלאַפן און פאַרשקלאַפן אַנדערע...

נאַקעטקייט איז אויך דער צורוף צו אמתער ריינער ליבע. נאַקעטע גע־שלעכטער וועלן אָדער קניען פאַר דער שיינקייט פון קערפּער, פאַרהייליקן פליישׁ און בלוט, אָדער זיי וועלן בלויז פאַרגעטערן די נשמה... ס'וועט אָבער נישט זיין ווי די היינטיקע ליבע, וואָס מיט זיך דורך אַ שטאָלענעם קאָרסעט צוצוקומען צו דער נשמה...

פּרויען, אַרבעט פאַר אייער נאַקעטקייט — זי וועט אייך מער געבן, ווי אייער גלייכבאַרעכטיקונג!

פּרויען, האָט קיין מורא נישט פאַר אַנטבלויזונג!

די צוקונפטיקע געזעלשאַפט וועט זיין אַ נאַקעטע, דער לעצטער מענטש וועט זיין נאַקעט, ווי דער ערשטער מענטש.

תלמידים, די נאַקעטע מענטשהייט קומט!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

דעמאָלט האָבן אים זיינע תלמידים געפונען זיצנדיק אין איין העמד.

הימל און ערד

תלמידים מיינע, היינט איז פרילינג, און איך בין שיכור פון הימלישן וויין, באַטרונקען פון זון און פון שטראַלן — טרינקט מיט מיט מיר!

תלמידים! איך האָב נישט ליב די ערד, — ווייל אויף איר קען איך טרעטן...

איך האָב ליב דעם הימל, ווייל צו אים קען איך נישט דערלאַנגען...

אָ, איר צוגעבונדענע צו דער ערד, קומט צו מיר, און איך וועל אייך דער־הייבן צו די הימלען.

די ערד — דאָס איז עפּעס נאָך נידעריקער פאַר דער זויל פון מיין שוך.

דער הימל — דאָס איז עפּעס נאָך העכער פון מיין העכסטן געדאַנק.

איך האָב נישט ליב די ערד — ווייל זי איז דער באָדן פון מיין מאַכט־לאָזיקייט.

איך האָב ליב דעם הימל — ווייל דאָרט בין איך דער אומבאַשרענקטער הערשער.

איך האָב נישט ליב די ערד — ווייל פון איר באַפרייט מיך נישט אַפילו דער טויט.

איך האָב ליב דעם הימל — ווייל פון אים קען איך זיך שיידן גלייך ווי איך שליס מיינע וויִעס און לעש אויס מיין לעצטן חלום...

דער הימל — דאָס איז פרייע ליבע צווישן מענטש און נאַטור.

די ערד — דאָס איז דאָס געזעצלעכע ווייב, וואָס פלאָנטערט זיך אונטער די פיס ביזן טויט.

די ערד — דאָס איז די שקלאַפעריי פון מענטשן.

דער הימל — דאָס איז די פרייהייט פון געטער.

די ערד — דאָס איז דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון רויבער, די פאַרבויטע ביער־פאַסטקע פאַר קבצנים.

דער הימל — דאָס איז דער פרייער רשות פון פּאָעטן; פלי זיך פריי, פריי, און בוי זיך לופט־פּאַלאַצן, ווו דו ווילסט נאָר...

און פּאַמפּאַדור האָט אויפגעהייבן זיין געזיכט צו דער זון און האָט אויסגערופן:

תלמידים! קוקט דער זון גלייך אין פּנים אַריין.

בעסער בלינד ווערן, קוקנדיק אויף דער זון, ווי צו פאַרלירן די ראיה אין פאַבריק, ביי דעם שיין פון עלעקטרישע לעמפלעך.

זון — דאָס איז הייסע ליבע, און נאָר איינגעפרוירענע פאַרשווינען האָבן מורא צוקומען נאָענט, זי זאָל זיי נישט צעשמעלצן...

זעט! איך קוק דער זון גלייך אין פּנים אַריין: זאָל זי מיך ברענען!

נעמט אַוועק די שירעמס פון אייערע קעפּ, און קוקט דער זון אין פּנים אַריין גלייך מיט מיר! שירעמס זענען בלויז גוט פאַר שוואַך־קעפּיקע...

דאָס איינציקע, וואָס איך האָב נישט ליב אין הימל, איז די לבנה. זי איז נאַריש, ווי די פּנימער פון די פאַרליבטע, וואָס קושן זיך אונטער איר בלאַסקייט...

זון — דאָס איז מיט יעדער רגע מיליאָנען ניי־געבוירענע לעבנס.

לבנה — דאָס איז דער אייביקער בן־מינן פון הימל.

פּאַמפּאַדור גלייבט, אַז די זון וועט אַמאָל אויסגעלאָשן ווערן, ווייל זי האָט אין זיך צופיל לעבן, אָבער די לבנה קען לעבן אייביק — אַ טויטע.

די זון — דאָס איז די ווילטוערישע פּרינצעסין אין דעם לאַזור־פּאַלאַץ פון הימל. זי איז שטאָלץ און טיילט אירע שטראַלן פריי, מיט אָפענער האַנט.

די לבנה — דאָס איז די איינגעשרומפּענע קמצנטע. זי לאָזט פאַלן אירע קרענקלעכע שטראַלן מיט ציטערדיקע הענט.

און נישט אומזיסט מאַכן אַלע קאַרגע זייערע חשבונות פאַר דעם ליכט פון דער לבנה.

רופט צו מיר די זון: איך בין נאַזוו, און דערום ברען איך אַזוי שטאַרק.

זאָגט צו מיר די לבנה: איך בין דערפאַרן, און דערום בין איך אַזוי קאַלט.

תלמידים מיינע, הייבט אייערע קעפּ צו די הימלען, אָבער היט זיך, אַז רעדער זאָלן נישט אַריבער איבער אייערע פיס, ווייל בייז און אייפערזיכטיק איז די ערד און זי נעמט נקמה אָן די, וואָס הייבן זייערע קעפּ צו די הימלען.

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

שערן און געשוירענע

און ווען פּאָמפּאַדור האָט געהערט, אַז די שערער זענען אַרויס אין שטרייק, האָט ער מיט גרויס פרייד אויסגערופן:

תלמידים! די ראַזירער שטרייקן — זאָלן זיי!

ראַזירן — דאָס הייסט אַרונטער מיטן רעספּעקט, דאָס הייסט אָפּווישן דעם גרענעץ צווישן יונג און אַלט.

ראַזירן — דאָס הייסט, נעמען און מאַכן פון אַן אַלטן בעל־עבירהניק אַ גוט אַרומגעגאָלטן און אַ גוט אויסגעמאַסאַזשירטן יונגנמאַן, און עפענען פאַר אים די טיר צו נייע עבירות...

ראַזירן — דאָס איז חניפה פאַרן פּנים, און נישט אומזיסט איז דער גרעס־טער טייל ראַזירער קראַנק אויף חניפה.

ראַזירן — דאָס הייסט, צושטעלן אַ חלף צו אַ פרעמדן האַלדז און דערביי קוקן אין פענצטער און זאָגן וויצן...

ראַזירן — דאָס איז אונדזער ליגנערישע קולטור, וואָס פאַרגלעט אירע קנייטשן פון אָפּגעלעבטקייט, פאַרפּודערט איר געלקייט, פאַרדעקט איר פליך פון זינד — און איז דאָך באַנקראָט...

אַ ראַזירער־האַנט — דאָס איז אַ האַנט, וואָס גלעט און צערטלט דיך פאַר עטלעכע סענט, אַ האַנט, וואָס גלעט אַלע פּנימער גלייך.

אַ ראַזירשטול — דאָס איז אַ שטול, וואָס דרייט זיך, ווי אַ קאָקעטישע פרוי אין אַלע זייטן.

פּאָמפּאַדור איז פאַר אַ באָרדיקער מענטשהייט.

פּאָמפּאַדור

באָרד — דאָס איז בכבודיקע אַלטקייט, דאָס איז רעספּעקט פאַרן זיידן...

באָרד — דאָס איז אַ ישוב־הדעת־קאַמעראַד, אַ פריינט, מיט וועמען זיך צו האַלטן אַן עצה אין אַן עת־צרה.

ווייסע בערד — דאָס איז די שיינקייט פון דורות, דאָס איז טראַדיציע.

פּאָמפּאַדור האָט פיינט די באָרדלאָזע מענטשהייט, אַלטע, וואָס זעען אויס, ווי יונגע און יונגע, וואָס זעען אויס, ווי אַלטע...

ער האָט פיינט אַ מענטשהייט, וואָס האָט איין גלאַט ראַזירט פּנים פאַר אַלעמען, איין סקאַרבאָוון שרונט אין יעדנס קאָפּ, פּונקט ווי דער קנייטש אויף די הויזן...

גלייך געשוירן — גלייכע פלאַכקייט! גלייך געגאָלט — גלייך צעשניטן!

תלמידים! איך וויל אַ וועלט פון פאַרשידנאַרטיקייט, איך וויל פאַרשידענע בערד, לאַנגע און גאָר לאַנגע, האַלב גרויע און גאַנץ גרויע, ווייסע און גאַנץ ווייסע; איך וויל אמתע עלטער, ווי אמתע יוגנט!

זאָגט אַליין! קען מען ליב האָבן אַ יוגנטלעכקייט, וואָס הענגט אָפּ פון געבן טרינק־געלט דעם ראַזירער־יונג?

תלמידים! איך וויל אַ מענטשהייט מיט בערד, כדי צו קענען אָפּשיידן פון שוואַרץ ביז ווייס, פון געל ביז רויט...

איך האָב נישט ליב די מאַסאַזש־מאַשין, וואָס מיט זיך אומזיסט צו מאַכן פון אַלט יונג. זי קען בלויז ברומען, זשומען, אָבער נישט העלפן.

איך האָב פיינט יוגנט־פרישקייט אויף פּנימער, וואָס ווערט בלויז אויסגע־וואָרעמס מיט הייסע האַנטיכער...

איך האָב זייער נישט ליב מענטשן, וואָס אנשטאָט פאַרגיסן בלוט פאַר אידעאַלן, באַגנוגענען זיי זיך מיטן ביסל בלוט, וואָס מען פאַרגיסט זיי אויפן ראַזירשטול.

פּאָמפּאַדור וויל, אַז האָר זאָלן נישט זיין בלויז דאָס אייגנטום פון פאַלשע פּאָעטן.

האָר — דאָס הייסט וואַקסן, דאָס הייסט קריגן לעבן, זאַפט און כוח.

יעדעס קינד ווערט געבוירן נאַקעט, האָרלאָז און הילפלאָז. מיט דעם וואַקסן פון זיינע האָר וואַקסן אויך זיינע כוחות...

פּאָמפּאַדור האָט ליב די שמשון־לאָקן, די גבורה פון די לאַנגהאָריקע נאַ־טורקינדער!

אָ, איר צעשניטענע מאָרדעס, פאַרפּודערטע פּנימער, פאַרצלמטע באַקן, פּאָמפּאַדור רופט צו אייך: שטרייקט מיט די באַרבערס!

נעמט אַוועק אַלע באַרבערשטולן, פּאַרשליסט אַלע ראַזירהייזער און קערט זיך אום צו דער נאַטור!

מאַכט פון אייער קאָפּ אַ וואַלד און פון אייער האַרץ אַ ריינעם נאַטורקוואַל!

און אַ טיפער קנייטש האָט זיך באַוויזן אויף פּאָמפּאַדורס שטערן און ער האָט ווייטער גערעדט:

אָ, די געשוירענע און די שערער זייערע!

שוין צופיל שערט מען דאָס פאָלק, און עס פאַרשטייט נישט...

אָ, פאָלק, דו אייביק לעמעלע! עס שערן דיך די שערער־יונגען און עס שערן דיך די וואָל־סטריט־מאַגנאַטן און עס פאַרענדיקן די פּאָליטיקאַנטן דאָס, וואָס עס האָבן נישט געענדיקט די מאַגנאַטן...

פּאָמפּאַדור וויל, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך אויפהערן לאָזן שערן.

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

קריכן און קריכער

תלמידים מיינע! ווי גוט עס איז צו קריכן אויף אַלע פיר, ווי גוט ס׳איז צו זיין אַ קריכער!

קריכעריי — איז די מוטער פון דערגרייכן.

נישט אַלע שטאָלצע און הויך־געהייבענע קעפּ דערלאַנגען דעם הימל — מערער קלאַפּן זיי זיך אָן די נידעריקע סופיטן.

פריינט מיינע, פּאָמפּאַדור וויס וואָס ער זאָגט!

וואָס מער אַ מענטש קריכט, אַלץ מער דערגרייכט ער. די געזעלשאַפט האָט גרויס אַכטונג פאַר די קריכער, פאַר די חזיר־גייסטער, וואָס שלעפּן זייערע פיס מיט שטיקער בלאָטע, וואָס רוקן זייערע שנוקעס אין געמויזעכץ.

די היינטיקע געזעלשאַפט איז שטאָלץ אויף אירע קריכער, אויף אירע פויזנדיקע נשמות...

קריכן איז אַ נייטיקע זאַך, תלמידים מיינע!

קריכן! גאָט פון זאַמד און ווערעם, ווי גוט ס׳איז!

אַן אַרבעטער, וואָס קריכט פאַרן באַלעבאָס, האָט שטענדיק מער דערפאָלג, ווי דער שטאָלצער...

און אַפילו אין ליבע געווינען אויך מערער די קריכער און די שיכלעך־לעקער...

קענסט זיך זיין שטאָלץ, ווי נאַפּאָלעאָן, האָבן אַ כאַראַקטער פון אַ צעזאַר, וועסטו ביי אַ פרוי נישט געווינען, ווען דו ליגסט נישט צו אירע פיס.

און פאַרקערט — די קני־בייגער, די אויף־אַלע־פיר־פויזנדיקע פאַרליבטע, געווינען מערסטנס אַפילו די דעספּאָטישסטע פרויען.

תלמידים, לערנט זיך צו קריכן, און איר וועט האָבן דערפאָלג!

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

שטויב און ריינקייט

תלמידים מיינע! איצט איז פרילינג און איך וויל מיט אייך רעדן וועגן שטויב און ריינקייט.

פּאָמפּאַדור איז פאַר שטויב.

ריינקייט — דאָס איז אָפענע פענצטער, און אָפענע פענצטער — דאָס איז שמוץ פון גאַס...

און גלייכער שוין זינקען אין אייגענעם שטויב, איידער אין פרעמדן שמוץ.

שטויב — דאָס איז הייליקייט.

הייליקע ספרים — זענען ניין און ניינציק פּראָצענט שטויב און איין פּראָצענט הייליקייט.

נעמט אַוועק דעם שטויב פון אייניקע ספרים און ס'וועלן בלייבן אָרעמע געדאַנקען, צעשטעלטע אין שורות.

פּאָמפּאַדור איז פאַר שטויב.

אַ הויז אָן שטויב איז ווי אַ קוימען אָן רויך, ווי אַ גאַס אָן טומל, ווי פאַמיליע־לעבן אָן קריג...

שטויב — דאָס איז דער גרויער חלום פון אונדזער וואָר, דער סוד פון אַלטעגלעכקייט.

שטויב, — דאָס איז אַלץ: די גרויקייט פון בראשית, דער סוד פון ווערן און נישט ווערן...

בערג מיט שטויב — דאָס איז געשיכטע.

שטויב — דאָס איז דער אמתער פירער פון יעדער מחנה: פריער קומט דער שטויב און נאָכדעם די פערד.

און פּאָמפּאַדור האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטיפט אין זיך און ער האָט ווייטער גערעדט:

שטויב — דאָס איז ליידן. דאָס איז דער טאָג־טעגלעכער „אַנפאַל" אויף דער נשמה.

יעדער טאָג האָט זיין קלאָג און יעדע רגע איר שטויב.

שטויב, ווי די זון: די זון שיקט אירע שטראַלן פאַר אַלעמען גלייך. דער שטויב פאַלט גלייך אויף געשליפענע שפיגלען און אויף ערדענע כלים, אויף זייד און אויף לייוונט, אויף קופער און אויף גאָלד.

שטויב ווייסט נישט פון קלאַסן. פאַר שטויב איז נישטאָ קיין רייך און קיין אָרעם.

מער נישט, די רייכערע צווינגט ער צו האַלטן דינסטן אים צו ראַמען, און די אָרעמע ראַמען אַליין.

שטויב — דאָס איז די אייביקייט אַליין, וואָס פאַרשטויבט אונדז אין איר שנעלן לויף.

פאָמפאַדור איז פאַר אַלע פאַרשטויבטע פון דער וועלט.

יעדע ריינע נשמה איז פאַרשטויבט.

וואָס קלענער דער קאָפּ, אַלץ פאַרשטויבטער איז דאָס היטל.

פאַרשטויבטע שיך דערציילן אייך, אַז יענער איז געגאַנגען צופוס, געליטן און געבלאָנדזשעט, געפּלאָגט זיך און געזוכט ערגעץ אין די ווייטע ווייטקייטן.

און נאָר דער, וואָס זוכט און בלאָנדזשעט, איז אויפן וועג צום אמת.

פאָמפאַדור האַסט אַלע צוכטן, די מענטשן, וואָס לאָזן אויף זיך נישט פאַלן קיין שטויבעלע...

ווי אָפט פאַרמאָגט דער, וואָס האָט קיין שטויבעלע נישט אויף זיינע קליידער, אַ נשמה פון אַ חזיר...

אַ פאַרשטויבטער מענטש — איז אַ מענטש מיט עפּעס מער...

אַלץ, וואָס לעבט און באַוועגט זיך, מאַכט שטויב און ווערט צו שטויב.

די קליידער פאַר דער נשמה, ווי די קליידער פאַרן גוף, שטויבן זיך.

פאָמפאַדור האַסט די, וואָס גייען אַרום און רייניקן פרעמדן שטויב פון פרעמדע אַקסלען און אַליין האָבן זיי פודן בלאָטע אויפן געוויסן...

פאָמפאַדור אַנטלויפט פון די שטענדיקע אָפּשטויבער, פון די שטענדיקע בערשטלטרעגער, פון די, וואָס מאַכן דאָס קראַצן פרעמדע נשמות פאַר אַ פּראָפעסיע...

דאָס לעבן איז ווי אַ מיל, וואָס גיט צוגלייך אַרויס אי מעל צום לעבן, אי שטויב צו שעדיקן די לונגען...

פאָמפאַדור האַסט אויך די בערשטלעך.

בערשטלעך — דאָס זענען קאַליקעס־קריטיקער, וואָס האַלטן זיך פאַר ריכ־טער איבער דעם פאַרפאַסערס שטויב.

בערשטלעך — דאָס זענען נאַרישע רעפאָרמער, וואָס קראַצן דעם שטויב פון אויבן און מיינען, אַז זיי קערן וועלטן.

תלמידים מיינע, רייניקט נישט קיין שטויב, וואָרים וואָס מער איר וועט רייניקן, אַלץ מער וועט איר איינזען, ווי אומנוציק עס איז צו רייניקן...

תלמידים, פּאַמפּאַדור איז פאַר אַ וועלט פון שטויב, ווייל מער ווי שטויב פאַרמאָגן מיר אַלצאיינס נישט.

אַזוי האָט געערדט פּאַמפּאַדור, און האָט פאַרקלאַפּט דאָס פענצטער.

אַלטע און נייע פּרעזידענטן

איך האָב בעסער ליב אַן אַלטן פּרעזידענט, איידער אַ נייעם, זאָגט פּאַמ־פּאַדור.

אַ נייער פּרעזידענט — איז אַ ניי קאָקעטיש חנדל פון דער אַלטער מאַדאַם פּאָליטיקע, צום אייביקן נאַר, דעם פאָלק; אַן אַלט־געבאַקענער ליגן, אָפּגעפרישט פּונדאַסניי, אַ נייער זייפנבלאָז פון האָפענונג, וואָס פּלאַצט אַזוי שנעל, ווי זיין פאָרגייער.

אַן אַלטער פּרעזידענט — דאָס איז אַ טויטער פּאָליטישער שקר, אַ בר־מינן פון הבטחות און ישועות, וואָס וואַרט אויף קבורה.

דער בעסטער פּרעזידענט איז דער, וואָס פּרעזידענטעוועט צום ווינציקסטן; די סאַמע בעסטע פּרעזידענטן זענען די, וואָס האָבן געלעבט אַמאָל, אַמאָל אין דעריבער שטעלט מען זיי מאָנומענטן און מען קריצט זיי אויס זייערע געזיכטער אויף מטבעות.

ווי דעם ר״ח פון אַן אָפּגעשלאָגענער הושענא, ווי דעם שטויב פון אַן אַלטן לוח, אַזוי האָב איך ליב דעם שמייכל פון אַ פּרעזידענט, וואָס פאַרלאָזט זיין שטול. אַזאַ שמייכל קען קיינעם נישט שאַטן...

דערפאַר אָבער האָב איך פיינט דעם שמייכל פון אַ הערשער, פון אַ לייצע־האַלטער, פון אַ טראָן־באַשטייגער, ווייל דאָס באַטייט אַ נייע געפאַר.

אַ נייער פּרעזידענט — הייסט אַ נייע סטאַדע הונגעריקע שטעלזוכער און הויטשינדער אויף אַ נייעם בודזשעט.

אַ נייע נעץ, פאַרצויגן אויפן ים פון שאַכער־מאַכער מיט נייע פאָלקס־אידעאַלן.

אַ נייער פּרעזידענט — איז אַ נייער ראָמאַן מיטן פאָלק, אַ נייע טראַגי־קאָמעדיע, וואָס שפּילט זיך אין ווייסן הויז־טעאַטער גאַנצע פיר יאָר...

וואָס איז רעגירונג? — פרעגט איר.

און פּאָמפּאַדור ענטפערט: רעגירונג איז אַ טייער־טייערער קריג צווישן פאָלק מיט זיינע גוט־באַצאָלטע רעגירער, ווו דאָס פאָלק ווערט שטענדיק גענו־מען געפאַנגען און באַצאָלט נאָך קריג־קאָסטן.

רעגירונג — איז די געזעצלעך־באַרעכטיקטע געוואַלט, די קאָנסטיטוציע פון פּאָליציייִשן „קלאַב".

זעלבסטהערשונג איז אַ האַרב פון געבוירן.

קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונג — איז דאָס פאַרקריפּלטע קינד פון פרייהייט.

די קליגסטע צייט פאַרן פאָלק איז די צווישנצייט פון איין הערשאַפט און דער צווייטער, ווייל דעמאָלט זעט ער שאַרפער זיין רעכטלאָזיקייט.

דאָס גליקלעכסטע שטיקל צייט פאַרן פאָלק איז דער סוף זמן פון פּרע־זידענטשאַפט, ווען דער אַלטער פּרעזידענט לאָזט אַלץ איבער פאַרן נייעם און דער נייער האָט נאָך זיין ממשלה נישט געקריגן.

פּאָמפּאַדור טרוימט אַמאָל פון אַ ווייסן הויז אָן אַ פּרעזידענט, פון אַ רע־גירונג אָן אַ ווייסן הויז, — פון אַ פאָלק מיט פאַרשטאַנד.

פּאָמפּאַדור טרוימט אַמאָל פון אַ רעגירונג פון לויטער עקס־פּרעזידענטן.

און ווען פּאָמפּאַדור האָט צוגעזען דאָס פרייען זיך פון פאָלק מיט דעם אויפטריט פון נייעם פּרעזידענט, האָט ער אויסגערופן:

אָ, פאָלק! פּרעזידענטן גייען און פּרעזידענטן קומען, אָבער דער טראָן פון גערעכטיקייט בלייבט שטענדיק ליידיק.

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור אין דער צייט, ווען טאָפּט איז אַרויף אויפן שטול.

יקרות אויף פּאַפּיר און ביליקייט פון געדאַנק

און די תלמידים האָבן אַרומגערינגלט פּאָמפּאַדורן און אים געפרעגט, וואָס איז זיין מיינונג וועגן דעם יקרות אויף פּאַפּיר.

איז דאָס נישט קיין נאַציאָנאַלער אומגליק? שטעלט עס נישט אין געפאַר אונדזער קולטור?

און פּאָמפּאַדור האָט אַ שמייכל געטון און נאָכדעם אַזוי געזאָגט:

דער יקרות אויף פּאַפּיר איז נישט קיין אומגליק, נאָר אַ גליק.

פּאַמפּאַדור

פּאַמפּאַדור איז פּאַר אַ שטענדיקן יקרות אויף פּאַפּיר.

זאָל אַלץ זיין ביליק: עסוואַרג, ווי געטראַנקען אָבער אויף גייסטיקער שפּייז און גייסטיקע געטראַנקען מעג זיין דער גרעסטער יקרות.

און אַ יקרות אויף פּאַפּיר הייסט — אַ יקרות אויף גייסטיקער שפּייז און גייסטיקע געטראַנקען.

פּאַמפּאַדור איז בכלל קעגן פּאַפּיר.

ווען עס ווענדט זיך אָן פּאַמפּאַדורן, וואָלט מען אינגאַנצן אָפּגעשאַפט דאָס פּאַפּיר פון דער וועלט, אָפּגעשטעלט אַלע פאַבריקן, וואָס מאַכן פּאַפּיר, און ממילא דאָס אַרויסגעבן ביכער און צייטונגען.

ווען מען נעמט אַראָפּ דעם גיגאַנטישן באַרג געדרוקט פּאַפּיר פון מענטש־לעכן האַרצן, וואָלט די מענטשהייט זיכער פריי אָפּגעאָטעמט. זי וואָלט זיך אויפ־געהערט צו שפּייזן מיט גרויסע געביכערטע געדאַנקען, נאָר זי וואָלט גענומען דענקען אַליין.

פריי, פריי וואָלט געוואָרן די מענטשהייט, ווען מען באַפרייט זי פון די בערג פּאַפּיר, וואָס דריקן איר גייסט און פאַרשטויבן איר נשמה.

יונג, יונג וואָלט די מענטשהייט געוואָרן. יונג און פריש פונדאַסניי.

איר האַרץ וואָלט צוריק אָנגעהייבן קלאַפּן מיט דעם ריטם פון די ערשטע דורות...

פּאַמפּאַדור טרוימט וועגן אַ פּאַפּירלאָזער מענטשהייט.

פּאַפּיר איז, לויט פּאַמפּאַדורן, נאָך דער תּפיסה, די מיאוסטע דערפינדונג פון דעם מענטשן.

פּאַפּיר, ווי די תּפיסה, האָבן אָוועקגערויבט די פרייהייט פון מענטשן, צו באַוועגן זיך לויט זייער אייגענעם ווילן...

פּאַפּיר איז די גייסטיקע מוטער פון דער היינטיקער דעמאָקראַטיע. יעדער איינער טראָגט זי, די דאָזיקע דעמאָקראַטיע, אין קעשענע, ווי אַ צייטונג — און דעריבער איז זי אַזוי ביליק.

פּאַפּיר איז די מוטער פון דער מאַרקשרייענדיקער עפנטלעכקייט. די הענד־לערין מיט שטיקער נשמה פאַר גראָשנס, די באַשאַפערין פון שרייבן אַלס פּראָ־פעסיע.

פּאַפּיר איז דער פאַרשווועכער פון גאָטס וואָרט. ווען נישט דאָס פּאַפּיר, וואָלט גאָטס וואָרט געווען הייליקער, וואָלט דער פּרייז אויף נשמה־פּראָדוקטן געשטיגן.

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

פּאַפּיר איז די היים פאַרן ליגן. דער ערשטער ליגן האָט געפונען זיין דירה אויפן פּאַפּיר.

פּאַפּיר איז דער מעצענאַט פון יעדער טאַלאַנטלאָזיקייט. די ערשטע טאַלאַנט־לאָזיקייט איז אַרויסגעפּירט געוואָרן דורך פּאַפּיר...

פּאַפּיר האָט געגעבן די מעגלעכקייט יעדן עקר פון געדאַנק און יעדן סריס פון געפיל צו ווערן אַ דענקער און אַ פּאָעט.

ווען נישט דאָס פּאַפּיר, וואָלטן מיר נישט פאַרמאָגט אַזויפיל שרייבער און וואָרטזאָגער, וואָס האָבן גאָרנישט וואָס צו זאָגן, אויסער דעם צושטעלן אַ סך פּאַפּיר צום דרוק.

און פּאַמפּאַדור האָט אַ קרעכץ געטון און האָט ווייטער גערעדט.

פּאַפּיר, דאָס איז דער שרעקלעכער הויקער פון אונדזער ציוויליזאַציע.

תלמידים! ווי גליקלעך איך וואָלט געווען, ווען איך וואָלט אייך געקענט פאַרשטעלן אַ פּאַפּירלאָזע מענטשהייט!

נאָר אויב אָן פּאַפּיר איז אונדז נישט מעגלעך צו לעבן, ווי אָן פרויען, איז זאָל, לכל הפּחות, זיין אַ יקרות אויף פּאַפּיר, ווי אויף ראַדיום!

זאָל די אַרויסגעבער אָנקומען וואָס שווערער צו קריגן פּאַפּיר, וועלן זיי דרוקן נאָר דאָס שענסטע, דאָס קירצסטע און דאָס ניצלעכסטע.

זאָל דעם שרייבער אָנקומען וואָס טייערער צו קריגן פּאַפּיר, וועט ער נישט אַזוי שנעל פאַרקנסן זיין געדאַנק מיט פלאַכקייט...

זאָל יעדער שיינער געדאַנק ווערן ביי דעם שרייבער, ווי אַ מיאוסע טאָכ־טער, וועלכע עס איז שווער אויסצוגעבן...

זאָל בכלל דאָס נוצן פּאַפּיר דערלויבט ווערן פאַר יחידים, פאַר אויס־דערוויילטע.

פּאַמפּאַדור איז פאַר דעם אַלגרעסטן יקרות אויף פּאַפּיר!

אַ יקרות אויף פּאַפּיר הייסט ביי פּאַמפּאַדורן געדאַנקען־קאָנטראָל.

און געדאַנקען־קאָנטראָל איז נאָך פיל נוצלעכער, ווי קינדער־קאָנטראָל.

ווייל די גליקלעכסטע קינדער זענען די נישט־געבוירענע. אַזוי זענען די גרעסטע געדאַנקען די נישט־געשריבענע, און די שענסטע געפילן די, וואָס בלייבן ליגן אויפן דעק פון האַרצן.

דאָס זענען די פּערלען אויפן גרונט פון ים.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

סדרים און קשיות

און פּאַמפּאַדור האָט צוגעזען, ווי דער עולם האַוועט און שמייעט, כּשרט און שייערט און גרייט זיך צו די סדרים, האָט ער זיך פאַרטראַכט און אַזוי געזאָגט:

איך האָב נישט ליב קיין סדרים.

סדר — דאָס באַטייט פאַלשער וויין, פאַלשע מלכים, פאַלשע מלכות און אַ פאַלשע מלוכה. און מיר איז שוין ליבער עכטע שקלאַפעריי, עכטע שקלאַפן און עכטע מעטרעסעס...

פּאַמפּאַדור גלייבט בכלל נישט אין קיין סדרים.

סדר — דאָס איז בורזשואַזע אָרדענונג, באַלעבאַטישע געמיטלעכקייט, אַ קי־שעלע פאַר דעם געוויסן...

סדר — דאָס זענען אויסגעציילטע כּוסות, מיט אַ ברכה פאַר יעדן כּוס און מיט אַ טרוקענער זאָגעכץ נאָך יעדן כּוס.

סדר — דאָס זענען פעטע קניידלעך פאַרן מאָגן און מכּות פאַרן גייסט.

סדר — דאָס איז אַ „כל דכפין ייתי ויאכול", מיט פאַרריגלטער טיר.

ניין, — איך האָב נישט ליב קיין סדרים.

גיט מיר בעסער די אומאָרדענונג, דעם ערב־סדר, דאָס מאַרשירן צום ים, דאָס גיין איבערן ים, דעם קאַמף מיט פּרעהס רייטוועגן. מיר געפעלט עס בעסער, איידער דער רויִקער סדר נאָך דעם אַריבערגיין דעם ים.

איך האָב ליבער דעם „ויצעקו בני ישראל", דעם געשריי פאַר פרייהייט, איי־דער דעם זיגרייכן „אז ישיר", דערהויפּט נאָך ווען ער פאַרוואַנדלט זיך אין אַ שיכּורן חד־גדיא.

איך האָב ליב אומאָרדענונג!

אומאָרדענונג — דאָס איז דער אייביקער תהו־ובהו, וואָס שאַפט די פרייהייט און דעם אייביקן שטרעבן צו נאָך פרייערער פרייהייט! דאָס איז דאָס טרינקען פון גליק־בעכער אָן אַ ברכה.

אומאָרדענונג — דאָס איז די „היסב־בעט" פאַרן רעוואָלוציאָנערן גייסט; די פרייהייט־פּאָן, וואָס פלאַטערט אין די גאַסן און וויל נישט שימלען אין אַ ווינקל...

סדר — דאָס זענען בלויז פיר קשיות; פרעגן מער טאָר מען נישט. דאָס איז דער אָנגעשטרענגטער ענטפער, די פּאַרטיי־פּראָגראַם פון גייסטיקע אינוואַלידן.

אומאָרדענונג — דאָס איז די פּלאַטפאָרמע פאַר אומציילִיקע קשיות פון לעבן און טויט, קנעכטשאַפט און פרייהייט, וועלכע קענען נישט פאַרענטפערט ווערן פון פּאַרטיי־הגדות.

סדר — און מעג עס אַפּילו זיין די צוקונפטיקע געזעלשאַפט פון קאַרל מאַרקס, פּאַמפּאַדור קען אים נישט ליידן!

אומאָרדענונג — דאָס איז די פרייהייט פון צוקונפט־מענטש, וואָס וויל נישט האָבן קיין באַשטימטן פּנים, אַפילו נישט קיין מאַרקסיסטישן...

סדר — דאָס איז די רעטושירטע פרייהייט, אַ מיידלש פּנים, אויסגעגלעט פון אַ געשייטן פּאַטאַגראַפשטשיק.

אומאָרדענונג — דאָס איז דער נעגאַטיוו פון פרייהייט.

תלמידים! איך וויל פרייהייט אָן אַ סדר!

און אויפגעהייבן האָט פּאַמפּאַדור זיינע הענט און אַזוי גערופן:

אָרעמע מענטשן! האָט קיין מורא נישט פאַר אומאָרדענונג, פאַר רעוואָלוציע, שטרייקן און סאַבאָטאַזש! זיצט בעסער אין טורמע, אַבי פרעגט וואָס מער קשיות.

פּאַמפּאַדור האָט זייער ליב די קשיות־פרעגער, די אייביק אומצופרידענע.

פרעגט וואָס מער, וואָרים יעדע איינציקע קשיה איז מיר ליבער, ווי הונדערט ענטפערס.

פרעגט אַ סך, ווייל נישט פרעגן איז דער פונדאַמענט פון זעלבסט־הערשונג, דאָס געוועב פון דעספּאָטן.

פרעגט אַ סך און וואַרט נישט אויף קיין ענטפערס, ווייל יעדער ענטפער איז אַן אַנטשיידונג און אַנטשיידונג איז — טויט.

פרעגט: „וואָס איז לעבן?״ — אָבער לאַכט פון די ענטפערס! ווייל קיין ענטפער איז נישטאָ אַפילו ביי פילאָסאָפן. יעדער ענטפער איז בלויז אַ פילאָסאָפישער מאַנעווער אַרויסצודרייען זיך פון אַן ענטפער.

דערפאַר האָב איך ליב די פּאָעטן: זיי זענען נאַריש גענוג צו פרעגן און נישט קלוג גענוג צו ענטפערן.

פרעגן — דאָס איז פּאָעזיע פון האַרצן; ענטפערן, — דאָס איז פּראָזע פון מוח.

פרעגן — דאָס איז די שיינקייט פון אייביקן ציטער פון דער נשמה, פון אייביקן הונגער פון גייסט.

ענטפערן, — דאָס איז דער שלוקערץ פון די זאַטע, דער גענעץ פון די בויך־מענטשן...

זאָל לעבן דער אייביקער פראַגעצייכן, דער שטענדיקער „מה נשתנה״!

לאָזט גיין דעם „עבדים היינו״ מיט די פוילע תירוצים!

פרעגן קשיות, — דאָס איז קינדערשע נאַיִוויטעט, דאָס איז די אומשולד פון מלאכים; ענטפערן — דאָס איז די מלאכה פון דערוואַקסענע און זינדיקע.

דעריבער פרעגן קינדער מער, ווי די עלטערן זענען בכוח זיי צו ענטפערן.

תלמידים! איך האָב פֿיינט די היינטיקע איינגעסדרטע פֿרייהייט.

פֿרייהייט הייסט ביי מיר, ווי דער ווינט אין מדבר, ווי די וואָלקנס אויפֿן הימל, ווי די כוואַליעס איבערן ים.

תלמידים! מאַכט נישט פֿון אייער פֿרייהייט קיין סדר, קיין צערעמאָניע, שטרעבט צו פֿרייהייט אָן סדרים!

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

פֿון שניי, וואָס פֿאַלט אין שטאָט

און פּאָמפּאַדור איז געשטאַנען ביים פֿענצטער פֿון זיין דירה, געקוקט אויפֿן שניי, וואָס איז געפֿאַלן אינדרויסן.

און די תלמידים זענען געשטאַנען דערביי און האָבן דאָס צוגעקוקט און זיי האָבן אָנגעקוואָלן פֿון דעם שניי, וואָס פֿאַלט און דעקט צו די ערד.

און פּאָמפּאַדור האָט זיך אָנגערופֿן: תלמידים, ווי איך זע, געפֿעלט אייך זייער דער שניי, וואָס פֿאַלט, מיך אָבער ערגערט ער.

בטבע איז פּאָמפּאַדור נישט קיין אומעטיקער. זעט ער אָבער דעם ווייסן, קלאָרן שניי, פֿאַלנדיק פֿון הימל אויף דער שוואַרצער שטאָטישער ערד, ווערט ער זייער אומעטיק.

פּאָמפּאַדור איז פֿאַרליבט אין דעם שניי, וואָס פֿאַלט אויף פּוסטע וועלדער און וויסטע פֿעלדער. ער האָט אָבער פֿיינט דעם שניי, וואָס באַדעקט די גרויס־שטאָטישע גאַסן.

שניי, וואָס פֿאַלט אין שטאָט, דאָס איז מיידלשע אומשולד, וואָס ווערט פֿאַרשוועכט פֿון אַן אַלטן בעל־עבירה.

און וואָס איז די גרויסע שטאָט, אויב נישט אַן אַלטער בעל־עבירה?

שניי, וואָס פֿאַלט אין שטאָט — דאָס איז אַ פֿריילעך דאָרפֿס־מיידל, וואָס קומט אין שטאָט און ווערט אַ געפֿאַלענע.

שניי, וואָס פֿאַלט אין שטאָט — דאָס זענען אידעאַלן, וואָס קומען פֿון דער הויך, זיי האָבן נישט קיין קיום אין דער נידער. דאָס איז הימלישע ריינקייט, וואָס חברט זיך מיט בלאָטע.

און פּאָמפּאַדור האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף די מענטשן מיט די גראָבאייזנס, וואָס זענען געקומען אָוועקשאַרן דעם שניי און אַזוי געזאָגט:

שניי, וואָס פֿאַלט אין שטאָט — דאָס איז הימלישע צדקה, געטיילט פֿון אַ

פילאַנטראָפּישן גאָט. דאָס איז, אין בעסטן פאַל, אַ פּאַרזוך פון הימלישע נגידים צו לייזן די פראַגע פון אַרבעטסלאָזיקייט אויף דער ערד.

אוי, ווי פּאָמפּאַדור האָט נישט ליב די שניי־ראַמער. מענטשן, וואָס פאַר אַ שטיקל שוואַרץ ברויט טוען זיי צעטרעטן און פאַרשאַרן דאָס ריינסטע און דאָס שענסטע. מענטשן, וואָס קענען מיט איין און דעמזועלבן בעזים צעטראַמפּלען דאָס זויבערסטע, ווי דאָס שמוציקסטע.

אוי, אוי, ווי פּאָמפּאַדור האָט פיינט די מענטשן פון דער גרויסער שטאָט, וואָס יאָגן און אײַלן און טרעטן מיט זייערע פיס אויף בערג שניי, ווי אויף קופּעס מיסט, אויף מענטשלעכע קערפּערס, ווי אויף הילצערנע טראָטואַרן.

און פּאָמפּאַדור איז אָפּגעטרעטן פון פענצטער, אַן אומעטיקער און אַ פאַר־בענקטער, און ער האָט אַזוי געזאָגט:

תלמידים! שניי איז נישט פאַר דער שטאָט: די שטאָט איז נישט פאַר ריינע זאַכן... שניי דאַרף פאַלן אין דאָרף, וואַלד און פעלד. דאָרט קען אים קיינער נישט טרעטן. דאָרט בלענדט ער דאָס אויג מיט זיין ווייסקייט וואָכן־ און חדשים־לאַנג, ביז עס קומט די פרילינג־זון און צעשמעלצט אים.

און ווייסט איר, וואָס איז פּאָמפּאַדורס ווונטשן

פּאָמפּאַדורס ווונטש איז, אַז מען זאָל דעם שניי נישט אַוועקנעמען פון די גאַסן.

ווען די שטאָט־טאַטעס פאָלגן פּאָמפּאַדורן, באַפעלן זיי צו פאַרשפּאַרן טיר און טויער און פאַרבאָטן דאָס פאָלק אַרויס אין די גאַסן, בעת דער שניי פאַלט פון הימל און אַ פאָר וואָכן נאָכדעם.

זאָל דער שניי פאַלן און פאַלן, זאָל ער באַדעקן די העכסטע הייזער אַריבער די דעכער.

זאָלן די וווינונגען פון די גרויסשטאָטישע מענטשן אויסקוקן, ווי היילן פון ווילדע חיות אין טיפע וועלדער. דאָס וואָלט געווען לעבנסטרייער און אמתער.

און פּאָמפּאַדור האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און נאָכדעם אַזוי געזאָגט:

אָ, שניי־ריינע אידעאַלן פון מיין הימל, ווו זענט איר?

האָט מען אייך אַוועקגערוימט מיט די מיסטוועגן פון דער גרויסער שטאָט?

אָ, אידעאַלן מיינע: פאַרוואָס זענט איר נישט קיין שניי־פילקעס אין די ריינע קליינע הענטלעך פון קינדער ערגעץ ווייט פון שטאָט?

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

אַלטע נאַטור-אומגליקן און נייע אמתן

און ס׳איז געווען נאָך אַ גרויסער פאַרפּלייצונג, און פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן קולות צו פּאַמפּאַדורס אויערן: אַ גרויס אומגליק! אַ גרויס אומגליק!

און פּאַמפּאַדור האָט אַזוי געזאָגט: קיינער איז נישט שולדיק — שולדיק איז דער פרילינג...

פרילינג — דאָס איז דער איבערפלוס פון געפילן, ביי דער נאַטור, ווי ביים מענטשן.

און יעדער איבערפלוס איז אַן אומגליק.

איבערפלוס פון געפילן ברענגט צו ליבע.

איבערפלוס פון וואַסער ברענגט צו פאַרפלייצונגען.

„די נאַטור איז שולדיק!" — הער איך שרייען פון איין זייט.

„קאַפּיטאַל איז שולדיק! — הער איך שרייען פון דער צווייטער זייט.

פּאַמפּאַדור באַשולדיקט קיינעם נישט.

פּאַמפּאַדור זאָגט: ווען מענטשן וואָלטן געזעסן אַ ביסעלע העכער, וואָלט זיי קיין פאַרפלייצונג נישט דערגרייכט.

ווען מענטשן וואָלטן פאַרמאָגט אין זיך מער פייער, וואָלט זיי קיין וואַסער נישט געשאַדט...

באַרויִקט זיך און הערט פּאַמפּאַדורן:

קיין אַבסאָלוט אומגליק איז גאָרנישטאָ; יעדער אומגליק איז אַ גליק פאַר אַ געוויסן טייל פון דער מענטשהייט.

אַ גרויס אומגליק איז אַ גליק פאַר צייטונגען און קברות־לייט.

אַ גרויס אומגליק איז אַ גליק פאַר פאָלקס־פאַרטומלער און נדבה־קלייבער.

אַ גרויס אומגליק איז אויך אַ גליק פאַר גאָט: מען הייבט אָן מער דאַוונען.

צו וואָס באַשולדיקן?

איך האָב ליב דעם פאַרצייטיקן מענטשן.

איך האָב ליב דעם פאַרצייטיקן מענטשן מיט זיין גלויבן אין אַ העכערער קראַפט.

ער האָט אין צייט פון אַ מבול געבויט אַ קאַסטן און זיך געראַטעוועט.

און דער היינטיקער האָט גרויסע שיפן, גאַנצע שטעט אויפן וואַסער און קען זיך נישט ראַטעווען...

גוטע מענטשן, באַשולדיקט נישט די נאַטור!

פּאַמפּאַדור איז זיכער, אַז די נאַטור איז אַ פרוי; די נאַטור וויל שטיפן און

מוז שטיפן; די נאַטור איז לייכטזיניק, ווי אַ צען יאָריק מיידעלע און ווילד־פאַרשייט און קאָקעטיש, ווי אַן אַכצן־יאָריקע.

און יעדער שטיף קאָסט קרבנות. פרעגט די יונגעלייט, און זיי וועלן אייך דערציילן.

די נאַטור איז די אייביקע פרוי, די בייזע און די גוטע, די שלאַנג און די טויב צוזאַמען.

איר קענט זי נישט פיינט האָבן, כאָטש זי טוט אייך שלעכטס, כאָטש זי זינקט די שיפן פון אייערע האָפענונגען און פאַרפלייצט אייערע העכסטע טרוימען.

און פּאָמפּאַדור האָט זיך אויף אַ ווילע פאַרטראַכט און ער האָט ווייטער גערעדט:

איר ווייסט, פאַרוואָס איך האָב ליב אַן אומגליק? — ווייל דורך אים זע איך צום שטאַרקסטן די אָנמאַכט פון דעם מענטשן; איך האָב ליב צו זען, ווי עס צאַפּלט זיך דער מאָדערנער קולטור־טרעגער, לופטשיפן־באַזיצער און ראַדיאָ־אייגנטימער, וואָס באַרימט זיך, אַז ער האָט שוין באַלד אַלץ דערפונדן...

יעדער גרויסער אומגליק איז ביי מיר אַ פּראָטעסט קעגן די דערפינדער.

פאַרוואָס געפינען זיי נישט אויס אַ גאַרטל פאַרן שטורעמדיקן ים אָנשטאָט אַ קאָרסעט פאַר דער פרוי?

יעדער גרויסער אומגליק איז דער גרויסער לאַך פון דער נאַטור דעם שטאָלצן מענטשן אין פּנים אַריין.

תלמידים! איך האָב ליב די גרויסע שטורעמס, די גרויסע פאַרפלייצונגען און די גרויסע וואַלד־פייערן, ווייל זיי זענען דער אויסדרוק פון גבורה און העלדישקייט.

איך האָב פיינט די זעפיר־ווינטלעך, די זיידענע לאָנקעס, די פאַרשלאָפענע טייכלעך, — ווייל זיי זענען סימנים פון שוואַכקייט.

תלמידים! יעדער אומגליק איז אַ גליק. יעדער פאַרפלייצונג איז אין דערזעלבער צייט אויך אַן אָפּשווענקערן פון אומרייניקייטן און מיאוסקייטן.

איך שרעק זיך נישט פאַר נאַטורס צאָרן; די מענטשלעכע טעמפּקייט איז פיל שרעקלעכער.

יעדע קליינע מלחמה קאָסט פיל מער, ווי צען פאַרפלייצונגען.

אַ נאַטור־אומגליק איז אַ מאַסן־מאָרד אָן אַ פּלאַן; מלחמה איז אַ געפּלאַנטער מאַסן־מאָרד.

אַ נאַטור־אומגליק איז אַ קריג אָן דיפּלאָמאַטיע און אָן הכשרים פון געקרוינטע אידיאָטן...

די ביקס האָט מער לעבנס אומגעבראַכט, ווי הונדערט פייערשפייענדיקע בערג און פאַרפלייצונגען.

פּאַמפּאַדור שרעקט זיך נישט פאַר נאַטור־אומגליקן!

בעסער צעפּאַטשט ווערן פון אַ פרייער כוואַליע, איידער פאַרשאָטן ווערן אין אַ פינצטערער קוילנגרוב.

בעסער פאַרשפּייט ווערן פון אַ פייערבאַרג, איידער דערשטיקט ווערן יעדן טאָג פון פאַבריק־שקלאַפעריי.

בעסער שטאַרבן אויף אַ שיף אינמיטן ים, איידער אין אַ פינצטערן פייכטן קעלער.

תלמידים מיינע! האָט נישט מורא פאַר נאַטור־אומגליקן. זיי ברענגען נייע אמתן, שאַפן נייע תורות פאַר דער וועלט און שטויסן די געזונקענע מענטשהייט צו נייע הויכקייטן.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

זעלבסטמאָרד און טויט

תלמידים, — האָט אויסגערופן פּאַמפּאַדור, — באַלד איז פרילינג, און איידער די זון וועט זיך צעוואַרעמען, וויל איך אַריינכאַפּן און רעדן צו אייך וועגן זעלבסטמאָרד און טויט.

איך האַלט מער פון אַ זעלבסטמערדער, ווי פון אַ געוויינלעכן בר־מינן, ווייל איך האַלט שטענדיק מיט דער מינאָריטעט, און דערווייל שטאַרבן נאָך אַלץ מער מענטשן דורכן מלאך־המות און דורכן דאָקטער, איידער דורך אייגענער מי און פאַרלאַנג.

איך בין פאַר זעלבסטמאָרד! ווייל באַגיין זעלבסטמאָרד הייסט ביי מיר שטאַרבן מיט דעם אייגענעם טויט.

שטאַרבן ווי געוויינלעך — הייסט ביי מיר שטאַרבן נאָך דעם אייביקן פּאַסאָן פון מלאך־המות...

אָ, איר שוואַכע ברואימלעך, הערט זיך צו:

זעלבסטמאָרד, דאָס איז דער פּראָטעסט קעגן לעבן, דער שפּיי אין פּנים אַריין דעם מלאך־המות, די פאַרניכטונג פון אַ פעסטונג, אַנשטאָט זי איבערגעבן צום שונא.

טויט — דאָס איז אַ טראָטואַר, געלייגט פון דער מלאך־המות־רעגירונג, — אַלע מוזן אויף אים גיין...

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

זעלבסטמאָרד — דאָס איז אַראָפּ פון טראָטואַר; דאָס איז אַ שפּאַציר אינ־מיטן גאַס, דאָס איז אַ וועג פאַר זיך אַליין.

און אַז איר ווילט נישט זיין אַזוי ערנסט, וועל איך אייך זאָגן:

זעלבסטמאָרד — דאָס איז ראַזירן זיך אַליין, דאָס איז פרייהייט פון צע־שניידן זיך אַליין.

טויט — דאָס איז וואַרטן אויף דער ריי אין ראַזירהויז...

און ווילט איר נאָכמער, זאָג איך:

טויט, דאָס איז הייראַט דורך אַ שדכן.

זעלבסטמאָרד — דאָס איז הייראַט דורך ליבע.

שטאַרבן, ווי געוויינלעך, הייסט זיין אַ פיינער בירגער אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

זיין אַ זעלבסטמערדער — הייסט שטאַרבן אָן דער דערלויבעניש פון דאָק־טער, נישט אָנערקענען קיין רעצעפּטן, אויסלאַכן בעלי־חובות, אָפּטון דער גאַנצער וועלט אַ שפּיצל...

און אַ שאַרפער קנייטש האָט זיך באַוויזן אויף פּאַמפּאַדורס שטערן און ער האָט אַזוי געזאָגט:

אָרעמע מענטשן, פאַרוואָס זענט איר אַזעלכע שונאים פון זעלבסטמאָרד און פריינט פון מאָרד?

פאַרוואָס מאָרדעט איר אויף רעכטס און לינקס אָן רחמנות און האָט פיינט, ווען איינער דערמאָרדעט זיך אַליין?

פאַרוואָס מוז מען ביי אייך אַפילו שטאַרבן קאָלעקטיוו און באַגראָבן ווערן, לויט אַ קאָנסטיטוציע פון אַ פאַריין?...

נאַרישע מענטשן! פאַרוואָס האָט איר ליב דאָס כאָרכלען פון אַ גוסס און האָט פיינט דעם הילכיקן שאָס פון אַ זעלבסטמערדער?

פאַרוואָס מוזט איר וואַרטן ביז אייער קערפּער ווערט אַ חורבה און צע־וואַרפט נישט אַ בנין גלייך ווי ער ווייזט נאָר סימנים פון פוילקייט?...

אַ זעלבסטמערדער איז פריַער פון אַלץ נישט קיין פּחדן...

נעמען זיך אַליין דאָס לעבן איז דאָסזעלבע, ווי צו לעבן אַליין. דערצו דאַרף מען האָבן קוראַזש...

אָ, איר האָזן אין מענטשנגעשטאַלט, זאָגט, פאַרוואָס קענט איר אַליין נישט ענדיקן אייער לעבן?

תלמידים! דער צוקונפטיקער מענטש וועט זיין דער זעלבסטהערשער אויף זיין לעבן און אויף זיין טויט...

איך בין פאַר זעלבסטמאָרד, ווייל איך בין פאַר זעלבסטשטענדיקייט...
איך וויל פרייהייט פון טויט, ווייל איך וויל פרייהייט פון לעבן!...
ווען אַ מענטש קען נישט געבוירן ווערן ווען ער וויל, דאַרף ער אָבער קענען שטאַרבן ווען ער וויל.

אוי, ווי איך האָס די געשעפטלייט פון טויט, די הענדלער פון תכריכים, די פעדלער פון טרערן, די סוחרים פון לוויות, די קרקע־פאַרקויפער און פושקע־קלאַפּער!...

איך וויל שטאַרבן פּלוצים!...
פאַרוואָס פאַלט אַ שטערן פּלוצים פון הימל אַראָפּ?
איך וויל זיין אַ פאַלנדיקער שטערן!
איך וויל אַפילו נישט וואַרטן ביז דער פרימאָרגן וועט מיך אויסלעשן!...

נאָכדעם האָט זיך פּאָמפּאַדור באַרויִקט און אַזוי געזאָגט:
פריינט! אַלע זעלבסטמאָרדן זענען שיין.
אַ שאָס אין שטערן — דאָס איז אַ פּאָעטישער טויט. דאָס איז קלאַנג און ריטם.
נעמען זיך דאָס לעבן דורך סם, — דאָס איז אַ פילאָסאָפישער טויט, דאָס איז נודנע, לאַנגווייליק און צעצויגן.
דערטרינקען זיך, — דאָס איז ליבע־טויט. ווייל ליב האָבן הייסט פאַרלירן דעם קאָפּ, אָננעמען די אויערן פול מיט וואַסער, פאַרגיסן די אויגן מיט שוים, נישט הערן און נישט זען דעם טיפן אָפּגרונט, וואָס ציט אייך אַוועק אין זיין שויס...
און דערמאָנט האָט זיך פּאָמפּאַדור אָן זיין ליבע, וואָס ער קען נישט פאַר־טיליקן פון האַרצן, און אויסגערופן האָט ער אַזוי:
אומגליקלעכע פאַרליבטע! נעמט זיך דאָס לעבן צוליב ליבע, נישט צוליב אַ פרוי!
פרויען זענען דאָ פיל, ליבע — נישט.
קענסט מער נישט ליבן, שיס זיך אַריין אַ קויל אין שטערן... ווייל דו ביסט אַלצאיינס שוין אַ בר־מינן...
תּלמידים! לערנט זיך צו שטאַרבן זעלבשטענדיק!
אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

יאָרן און קאַלענדאַרן

„...און ווידער איז אַ יאָר פאַרזונקען אין דעם ים פון אייביקייט", — אַזוי זאָגן אַלע דיכטער, ליגנער און פּראָזן־פלעכטער.

פּאַמפּאַדור האָלט נישט פון פּראָזן.

פּאַר פּאַמפּאַדורן זענען נישטאָ קיין אַלטע און נייע יאָרן.

פּאַמפּאַדור לאַכט פון דעם קאַלענדאַר, ווי פון דעם זייגער. נישט געוווּסט האָט דער מענטש ווי צו לעבן, איז אים לאַנגווייליק געוואָרן, האָט ער גענומען אַ שטיק האָלץ, אויסגעקריצט אויף אים אַ ציפערבלאַט, באַשטימט די צייט און זיך געזעצט נודיען...

נודנע איז אים געוואָרן, דעם מענטשן, צו שפּאַנען פּריי, ברייט און מונ־טער אין דער אייביקייט, האָט ער גענומען אַ בלעטל, אויפגעשריבן אויף אים טעג, וואָכן און חדשים און געמאַכט אַ קאַלענדאַר.

פּאַמפּאַדורן איז ווויל אָן קאַלענדאַרן און אָן זייגערס... אויב ער האָלט שוין יאָ פון אַ זייגער, איז בלויז פון עכטן גאָלד, ווייל אַזאַ איז גוט אַמאָל צו פאַרזעצן. און אויב ער האָלט נאָך פון קאַלענדאַרן, איז דאָס בלויז פון די, וואָס מען קען יעדן טאָג אַרונטעררייסן פון זיי אַ בלעטל.

פּאַמפּאַדור האָט ליב אַרונטערצורייסן טעג.

שטייסט אויף אינדערפרי, גיסט אַ ריס אַ בלעטל און נישטאָ קיין טאָג.

עטלעכע אַזעלכע ריסן און — אויס מיט אַ חודש.

365 ריסן און — אַ סוף מיט אַ יאָר.

דאָס איז אַ שפּיל מיט דער אייביקייט, מיינע פריינט.

פּאַמפּאַדור רייסט און לאַכט...

וואָס זענען אַלטע און נייע יאָרן? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

איך וואָלט געגלויבט אין די נייקייט פון יאָרן, ווען אויף מאָרגן, נאָכן אַלטן יאָר, וואָלט איך דערזען אַ נייעם הימל איבער מיין הויט, אַ נייע ערד אונטער מיינע שיך, נייע מענטשן מיט נייע שוואַרצאַפּלען אין די אויגן. אַזוי אָבער, וואָס איז דער חילוק צווישן אַלט און ניי?

איך פרעג אייך, ווען איך וואָלט נישט געקראָגן קיין אומזיסטיקן קאַלענ־דאַר, וואָס וואָלט מיר דערמאָנט, אַז עס איז אַ נייער טאָג פון אַ נייעם יאָר?

תלמידים! ווען איר פאַרקלייבט זיך אין אַ געדיכטן וואַלד, ווו עס קרייען נישט קיין הענער, ווו עס קלאַפּן נישט קיין זייגערס און עס הענגען נישט קיין קאַלענדאַרן, וועט איר דען נישט אַלט ווערן?

און ווען איר וווינט אין שטאָט און ציילט די יאָרן, קענט איר דען אייביק יונג זיין?

פּאַמפּאַדור גלייבט נישט אין אייביקער יוגנט, דעריבער לאַכט ער פון דער צייט; ער ווייסט אָן דעם לוח, וויפל יאָרן ס'רוען אויף זיינע פּלייצעס...

דערפּאַר פאַלן דאָך ביי אים אויס די האָר פון קאָפּ און עס מערן זיך די קנייטשן אויף זיין פּנים...

תּלמידים! ווען איך שטעל, למשל, אַ דין שטעקעלע אין ים און זאָג אייך: דערמיט וועל איך אויסמעסטן די טיפקייט פון זיינע וואַסערן, וועט איר פון מיר נישט לאַכן?

אויב אַזוי, לאַכט פון די מענטשן, וואָס ווילן מיט אַ דין בלעטל פון אַ קאַלענדאַר מעסטן די אייביקייט!

תּלמידים מיינע! קערט אום דעם קאַלענדאַר מיט די ציפער צו דער וואַנט, לאַכט פון אַלטע און נייע יאָרן!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

ציין און דענטיסטן

נעמט אַרויס אייערע ציין, מיינע פריינט! — זאָגט פּאַמפּאַדור.

דער צוקונפט־מענטש דאַרף נישט האָבן קיין ציין.

דער מענטש ווערט שוין היינט געשאַצט נאָך די ציין נאָך:

וואָס מערער געזונטע ציין ער האָט אין מויל, אַלץ פּרימיטיווער איז ער, און וואָס מער ציין עס פעלן אים, אַלץ קולטורעלער איז ער.

ציין זענען אַ סימן פון געזונט, פון געזונטע שפּייזן און פון נאָענטקייט צו דער נאַטור.

ציין זענען אַ סימן פון נאַטירלעכקייט. דער גאָר אַמאָליקער מענטש האָט געמוזט געברויכן זיינע ציין אין קאַמף מיט זיין שונא, דער היינטיקער האָט בעסערע מיטלען...

אין דער צוקונפט וועלן מענטשן ווייך זיין און בלויז ווייכע זאַכן שלינגען.

איצט איז נאָך דער גאָלד־פּעריאָד אין מויל, אָבער מיט דער אָפּשאַפונג פון גאָלד וועט דעם מענטשנס מויל ווערן פּוסט, ווי דאָס האַרץ זיינס.

אַ מויל אָן ציין — הייסט זיין דערפאַרן און גרויסשטאָטיש.

ציין זענען היינט איבעריק, ווי ס׳זענען איבעריק די אויגן.

דער צוקונפט־מענטש וועט אַלץ געפינען פאַר זיך צעקייט.

ער וועט בלויז דאַרפן שלינגען, און דעריבער בלויז היטן דעם שלינג־אָרגאַן.

געבענטשט זאָלסטו מיר זיין, צוועגל פון דענטיסט, דו רייסט זיך צום צוקונפט־מענטש!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

אַנטיסעמיטיזם און געניאַליטעט

און די תלמידים האָבן זיך צערעדט וועגן אַנטיסעמיטיזם און זיינע שלעכטע רעזולטאַטן פאַר דעם יידישן פאָלק, און זיי האָבן באַדויערט, וואָס די שנאה צו יידן איז אַ גוט געשעפט אַפילו אין אַזאַ פרייען לאַנד, ווי אַמעריקע.

און פאָמפאַדור איז געזעסן אַ שווייגנדיקער צווישן זיי, און אַ שמייכל האָט געשפילט אין די ווינקלען פון זיין מויל.

— פאַרוואָס זאָגסטו אונדז גאָרנישט? — האָבן זיך די תלמידים צו אים געווענדעט. — די תלמידים ווילן וויסן פאָמפאַדורס מיינונג וועגן אַנטיסעמיטיזם.

און פאָמפאַדור האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אַזוי געזאָגט:

תלמידים! איר באַדויערט דעם אַנטיסעמיטיזם? — איך נישט;

איר האָסט אַנטיסעמיטן? — איך נישט!

און וווּנדערט זיך נישט! פאָמפאַדור האָט זייער פיל געקלערט וועגן דעם, און ער איז געקומען צום שלוס, אַז אַנטיסעמיטיזם איז דאָס גליק פון יידישן פאָלק.

אַנטיסעמיטיזם, — דאָס איז די קנאה צו אונדז, ווי צו אַן אייביק לעבעדיק פאָלק. און קנאה איז געזונט.

קנאה איז קאַמף, לעבן, נישט פאַרגעניגן. און אַז מען פאַרגינט מיר נישט, איז אַ סימן, אַז איך בין עפּעס, אַז מען רעכנט זיך מיט מיר.

און אַז מען רעכנט זיך מיטן יידישן פאָלק, איז אַ פאַקט, ווייל וואָס זענען די פאַגראָמען, אויב נישט קיין גרויסע רעכענונג מיט אונדז?

אַנטיסעמיטיזם איז שנאה צו אונדז ווי צו אַ פאָלק. און שנאה איז דער שטויס צו אַרבעט און טעטיקייט.

די פליסיקייט פון אונדזערע קינדער אין די שולן פון אַלע לענדער — דאָס איז דער רעזולטאַט פון דורות־לאַנגער שנאה צו אונדז.

אונדזער געניאַליטעט, — דאָס איז דער חשק אַראָפּצוקייקלען די שטיינער, וואָס מען האָט אַנגעוואָרפן אויף אונדזער קאָפּ.

אונדזערע ווונדערקינדער זענען, חוץ קינדער פון אָרעמעלייט, אויך קינדער פון אַנטיסעמיטיזם.

תלמידים! פאָמפאַדור האַלט זייער פיל פון אַנטיסעמיטן, ווי ער האַלט זייער פיל פון פיינטלעכע קריטיקער.

אַנטיסעמיטן, ווי פיינטלעכע קריטיקער, קענען מאַכן באַרימט. און אַ פאָלק, ווי אַ פאַרפאַסער, נייטיקט זיך אין באַרימונגס־מיטלען. אַ פאָלק, ווי אַ מחבר, דאַרף האָבן שונאים, וואָס זאָלן אַרויסברענגען זיין גאַנצע גרויסקייט.

פּאָמפּאַדור

פּאָמפּאַדור האָט נישט ליב די אוהבי־ישראל, די צדיקי־אומות־העולם, וואָס דערקלערן זיך אונדז אין ליבע מיט פּסוקים פון תנ״ך.

ערשט אָט די אוהבי־ישראל טוען אונדז נישט קיין גוטס, ווייל זיי האָבן אויף אונדז רחמנות, און רחמנות איז אַ קבורה פאַרן פאָלקס־כבוד.

געבענטשט זאָלן זיין די המנס, די שטעקערס, די סוואָרינס פון אַלע דורות! זיי האָבן פאַר אונדז מער אויפגעטון, ווי די חרבונאס, וולאַדימיר סאָלאָוויאָווס, גאָרקיס און אַנדערע.

ווען מיר וואָלטן געווען אַרומגערינגלט מיט לויטער ליבהאָבער, וואָלטן מיר פאַרבליבן קרעמער, מלמדים און בטלנים; נאָר צו פאַרדאַנקען אונדזערע שונאים, זענען מיר געוואָרן דיפּלאָמאַטן און לערער פון דער מענטשהייט.

און זייער גוט איז אויך, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם באַצאָלט זיך, וואָס עס לוינט זיך צו ווערן אַן אַנטיסעמיט, ווייל אויס בלויזן אידעאַליזם וואָלט עס קיינער נישט געוואָרן...

און פּאָמפּאַדור האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ מחנה פייגל, וואָס האָבן זיך געטראָגן אונטערן אָסיען־הימל און ער האָט אַזוי געזאָגט:

קורציזיכטיקע תלמידים מיינע! קוקט אָן די פייגל, וואָס פליִען אין איין גרויסער מחנה. דאָס זענען די פאַרפאָלגטע קינדער פון דער נאַטור. זיי פליִען עס איצט צו זוכן אַ וואַרעמע היים אויס מורא פאַר קעלט און פראָסט, אויס שרעק פאַר דער שנאה פון צפון־לאַנד.

ווען נישט די מורא, וואָלטן זיי אַלע געבליבן אויפן פּלאַץ — און אויסגעשטאָרבן.

אַנטיסעמיטיזם — דאָס איז דער שטענדיקער צפון־ווינט, וואָס טרייבט אונדז צו זוכן תמיד און אייביק נייע היימען — און דאָס ראַטעוועט אונדז פון פאַרניכטונג.

און פּאָמפּאַדור האָט זיך אויפגעהייבן צו גיין אין דער ריכטונג פון די פליִענדיקע פייגל, נאָר די תלמידים האָבן אים פאַרהאַלטן, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן, און ער האָט געזאָגט:

תלמידים! פּאָמפּאַדור האַלט סתם נישט פון ליבע פון פאָלק צו פאָלק, ווי ער האַלט נישט פון ליבע צווישן פרוי און פרוי. אַ פרוי האָט ליב אַ חברטע נאָר צייטווייליק, ביז עס קומט צו אַ געלעגנהייט צו כאַפּן אַ מאַן.

איין פאָלק האָט ליב אַ צווייט פאָלק, ביז עס קומט די געלעגנהייט פאַר אַ רויבעריי...

פרויען, ווי פעלקער, זענען בטבע רויבער.

וויסט איר, וואָס הייסט ליבע פון איין פאָלק צום צווייטן? דאָס הייסט: איך וויל, דו זאָלסט מיך אָנערקענען פאַר דעם קאָפּ פון דער ציוויליזאַציע, פאַר דער קרוין פון דער מענטשהייט און זיך בייגן פאַר מיר!

און וויסט איר, וואָס הייסט שנאה פון איין פאָלק צום צווייטן? דאָס הייסט: איך אָנערקען דיין מאַכט, ווייל איך האָב מורא פאַר דיר.

פון פעלקער־ליבעס קומען אַרויס „בונדן": צוויי־בונדן, דריי־בונדן אאַ"וו, און אַז פעלקער פאַרבינדן זיך, הייסט עס, אַז מען וויל עמעצן אין דער גיכער צוקונפט באַרויבן...

פעלקער־ליבע — הייסט אויך אַסימילאַציע: לאָז זיך, און איך וועל דיך איינשלונגען!

פעלקער־שנאה — הייסט זעלבסטשטענדיקייט.

פעלקער מוזן זיך פיינט האָבן. וואָס מער זיי האָבן זיך פיינט, אַלץ געזינטער איז פאַר דער ציוויליזאַציע.

פאַמפאַדור איז פאַר אַ שטאַרקער שנאה צווישן פאָלק און פאָלק. ווייל נאָר די ליבע האָט פאַראורזאַכט די וועלט־מלחמה.

תלמידים! רופט אויס מיט מיר: הורא פאַרן אַנטיסעמיטיזם!

אַנטיסעמיטיזם — דאָס איז אונדזער רעכט אויף לעבן, אונדזער וועג צו זעלבשטענדיקייט, אונדזער בלוט־סערום פאַר די מיקראָבן פון פאַרניכטונג, אונדזער פאַרהער פאַר דעם טריבונאַל פון דער געשיכטע...

פאַמפאַדור וויל נישט, אַז זיין פאָלק זאָל זיין אַ באַליבט פאָלק צווישן פעל־קער, ווייל אַ באַליבט פאָלק צווישן לעבעדיקע פעלקער הייסט אַ פאַרשווונדן פאָלק, אַ טויט פאָלק.

פון די רוימער רעדן אַלע מיט אַכטונג, ווייל די רוימער זענען טויט...

פריינט מיינע! נאָר די שנאה פון פעלקער האָט אונדז גרויס געמאַכט ווי אַ קליין פאָלק, נאָר זייער אייביקער האָס האָט אונדז געמאַכט פאַר אַן אייביק פאָלק.

אַזוי האָט גערעדט פאַמפאַדור.

פייפן און פייפער

איר קענט עפּעס פייפן? — האָט פאַמפאַדור איינמאָל אין אַן אָסיען־אָוונט זיינע תלמידים געפרעגט.

תלמידים! פייפן איז אַ גרויסער ענין.

פייפן מוז מען קענען, כדי צו האָבן דערפאָלג אויפן פייף־קאָנצערט פון לעבן.

איר דאַרפט נישט זיין קיין מוזיקער, איר דאַרפט נישט שפּילן פידל, ווי מישע עלמאַן, פּיאַנע, ווי פּאַדאַרעווסקי, — אָבער פייפן — דאָס מוזט איר קענען!

אָרעמע! אויב איר קענט נישט מאַכן פון אייערע ליפּן אַ פייף־אינסטרומענט, זענט איר אַ שוואַך נפשל, אַן אויסגעפייפט באַשעפעניש — און נישט מער.

פייפן איז דערפאָלג.

פאַראַן ביי אונדז פירער, כלל־טוער און קהלשע קליאַמקעס, וואָס זייער גאַנצער כוח ליגט אין פייפן.

פייפט אויף אידעאַלן, יושר און ליבע, און איר וועט האָבן דאָס גליק פאַר אַ שטענדיקן שכן אין אייער הויז.

פייפט אָן עמעצן עטלעכע טויזנט דאָלאַר, און איר וועט לעבן פייפנדיק.

איילט זיך און פייפט אויס אייער חבר, אַנישט וועט ער אייך אויספייפן.

אויספייפן אַ גאַסנלידל לוינט זיך היינט מער ווי אָנצושרייבן אַ גאַנצע ליטעראַרישע פּאָעמע...

ווי נאַריש די מענטשן זענען עס געווען אַמאָל!

אַמאָליקע ראָמאַנטיקער און ליבע־קרעכצער פלעגן נאַכט־איין, נאַכט־אויס אויסקרעכצן זייערע סערענאַדן ביי די פענצטער פון זייערע געליבטע, און מערס־טנס פלעגן זיי בלייבן ביי די קרעכצן; די בת־מלכות, די פרינצעסינס פלעגן זיך נישט באַוויזן. אַ היינטיקער גרויסשטאָטישער יונגערמאַן פאַררייסט דעם קאָפּ צו די פייער־שטיגן, נעמט צונויף די ליפּן אין אַ בייגל, לייגט צו אַ פינגער, גיט אַ פייף און די געליבטע פליט אַרונטער פון די טרעפּלעך, ווי אַ פילקע...

פאַראַן אַ סך זאַכן אין לעבן, וואָס איר טאָרט זיי נישט נעמען ערנסט, נאָר איר מוזט אויף זיי געבן — אַ פייף...

פּאָמפּאַדור איז מיט זיין גאַנצע נשמה פאַר פייפן!

הלוואי וואָלטן וואָס מער מענטשן געקענט פייפן.

פייפן, — דאָס איז דער סיגנאַל פון באַפרייונג פון די אַרבעטער־מאַסן!

עס וועט קומען אַ צייט — און מיט איין פייף פון אַ גענעראַל־שטרייק וועט מען אָפּשטעלן טויזנטער און טויזנטער פאַבריקן...

פייפט, מיינע פריינט! זאָל דער שאַרפער פייף פון דער צוקונפט צעשפּאַלטן די פוילע לופט פון דעם היינט, זאָל ער דורכשניידן די קעפּ פון די קליינבירגער און גייסט־פאַרשלעפערער און זאָלן מיר דערגרייכן מיט אַ פייף צום נייעם מענטשן!

גנבים און גניבה

די קאַסע פון פאָלק, — דאָס איז די שטענדיקע אינסטיטוציע פאַר גניבה.

דאָס פאָלק גלייבט אַלצאיינס, אַז מ׳באַגנבעט עס, און פאַרוואָס זאָל מען צעשטערן איינעם פון זיינע שענסטע גלויבנס?

ליידיק אויס די קאַסע פון פאָלק — זאָגט פּאַמפּאַדור.

די גאַנצע היינטיקע אָרדענונג — איז אַ גרויסע גנבים־האַנט אין דער טיפער קעשענע פון פאָלק.

די חכמה פון אַריטמעטיק איז די קלאָרסטע, אָבער אויף דעם זענען דאָ בוכהאַלטערס און סעקרעטאַרן — אויף צו פאַרטונקלען די ציפערן...

די קעשענע פון פאָלק איז אַ טיפע, דערפאַר זענען די פינגער פון די פירער לאַנגע.

וואָס הייסט אַ גנב? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

און פּאַמפּאַדור ענטפערט: אַ גנב איז אַ מענטש, וואָס קען באַהאַלטן.

קענסטו באַהאַלטן, מעגסטו גנבענען!

אַנטלויפן מיט דער קאַסע איז קיין חכמה נישט, — אַ חכמה איז גנבענען און בלייבן לעבן דער קאַסע.

נאָר נאָך קליגער איז צו גנבענען מיט אַ הכשר, מיט אַ פּראָטעקציע אונטער דעם הייליקן שוץ פון געזעץ.

יעדער מענטש האָט אין זיך ניין און ניינציק פּראָצענט גנב און איין פּראָ־צענט אָרנטלעכער מענטש.

אויב איינער איז נישט קיין גנב, האָט ער וואָס צו טון מיט גנבים, לעבט ער פון גנבים, קויפט ער פון גנבים.

אַ קעשענע־גנב, — איז אַ שפּעקולאַנט אָן גרויסע אַמביציעס.

אַ וואָל־סטריט־שפּעקולאַנט — איז אַ גנב מיט אַ רייכע פאַנטאַזיע.

אַ דיפּלאָמאַט — איז אַ גנב מיט שיינע מאַנירן.

אַריסטאָקראַטן־גנבים — הייסן ביי מיר די, וואָס ברעכן אויף פייערקאַסעס.

דעמאָקראַטן־גנבים — הייסן ביי מיר די, וואָס גנבענען פון קעשענעס.

פינגער — דאָס זענען שלוחים פון גנבים.

אַ שלאָס — דאָס איז גימנאַסטיק פאַר גנבים.

אַליץ, וואָס איז פעיִק און וויל לעבן, — גנבעט.

רעצעפּטן — דאָס איז געשריבענע גניבה.

זשורנאַליסטיק — געדרוקטע גניבה.

איניקע גנבֿענען בלויז ווערטער; אַנדערע אויך סוזשעטן; קליגערע — גאַנצע ביכער; זשעניען — באַגנבֿענען זיך אַליין.

גרויסע ראָמאַניסטן — דאָס זענען גנבֿים אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב.

קליינע סקיצנשרייבער — דאָס זענען גנבֿים בלויז אויף באַשרענקטע עמודים!

אַ סוחר איז אַ גנבֿ מיט אַ טשעק־בוך.

מסחר — איז גניבֿה אויף אַן אומנאַטירלעכן אופֿן.

איך האָב פֿיינט קליינע גנבֿים, ווייל זיי נוצן אויס זייער טאַלאַנט אויף קלייניקייטן; אַנשטאָט צו גנבֿענען מיליאָנען, גנבֿענען זיי גראָשנס.

צום בעסטן האָב איך ליב אַ טיטולירטן גנבֿ, אַ סענאַטאָר אָדער אַ קאָנגרעסמאַן, וואָס מיט איין האַנט גנבֿעט ער און מיט דער צווייטער בלעטערט ער די קאָנסטיטוציע.

צום ערגסטן האָב איך פֿיינט די שטילע גנבֿים, די, וואָס קריכן אויף די שפּיץ פֿינגער צו אונדזער נשמה...

פֿיל בעסער זענען שוין די, וואָס קריכן גלייך מיט די שטיוול און לאָזן הערן זייערע הילכיקע טריט.

די בעסטע זאַכן מוז מען אַריינשמוגלען, די שענסטע דימענטן ווערן גע־בראַכט בגניבֿה.

אין איניקע לענדער מוז מען די שאַרפֿסטע געדאַנקען גנבֿענען פֿון דער צענזור.

מערסטע פֿרויען זענען גנבֿים.

אַ שיינע פֿרוי איז אַ געפֿערלעכער גנבֿ. זי גנבֿעט אונדזער זעלבסטשטענדיקייט, אָפֿט אויך אונדזער איך.

אַן אָרעמע פֿרוי — איז אַ גנבֿ אין אַ יאַטקע, אַ רייכע — איז אַ גנבֿ אין אַ דעפּאַרטאַמענט־קראָם.

די שענסטע געפֿילן קומען נישט אַרויס אָפֿן פֿאַר דער וועלט, נאָר בגניבֿה, אין די שאָטנס פֿון צימער.

די ערשטע ליבע איז שטענדיק אַ געגנבֿעטע. דער ערשטער קוש ווערט גע־גנבֿעט מיט שרעק און האַרצקלאַפּעניש.

דער מענטש איז פֿון דער נאַטור אַ גנבֿ; אדם הראשון האָט געגעסן דעם ערשטן עפּל בגנבֿה.

ווען אדם הראשון וואָלט געווען אָנגעשטעלט אין אַן אָרדן, וואָלט, ער געוויס געגנבֿעט.

די נאַטור אַליין איז אַ גנבֿטע. זי גנבֿעט אַוועק פֿון מענטשן די שענסטע אַנ־

טיקן, דימענטן, פּערל און גאָלד־אוצרות און באַהאַלט זיי ערגעץ אין געהיימע ווינקעלעך, אויף די פינצטערע דעקן פון ים.

די נאַטור לערנט אונדז גנבענען.

אַנטקעגן די צען גענבאַט האָט זי אונדז געגעבן צען פינגער, כדי מען זאָל זיי קענען פאַרבייגן...

אָ, דו גרויסער פלאַקער פון מיין נשמה, אָ, דו נישט־געשטילטער דאַרשט מיינער צום לאַכן, זאָג, וויפל גוטע שעהן האָסטו ביי מיר אַוועקגעגנבעט, וויפל שיינע מינוטן אַוועקגערויבט אויף אייביק?

ווייל שאַפן — דאָס הייסט גנבענען זויבערע געפילן פון האַרצן און זיי פאַר־שמירן מיט טינט...

אַזוי האָט געררעדט פּאַמפּאַדור.

אין יענער צייט האָבן אים די תלמידים געטראָפנדיק לעזנדיק די נייס וועגן דער גניבה אין „אַרבעטער־רינג“.

נאָכאַמאָל פון אַלץ און אַלעם

וואָס איז עסטעטיק? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

עסטעטיק, מיין פריינט, איז היינט גלאַנציקע נעגל און אַן אומריין האַרץ צוזאַמען.

כדי צו זיין אַן עסטעטיקער היינט, מוז מען שטענדיק רעדן וועגן שיינקייט, קונסט, קאָלירן און מאַנירן, דערביי מאַכנדיק אומגעלומפּערט מיט די הענט און שפּריצנדיק יענעם גלייך אין פּנים אַריין.

וואָס איז שייך מיך, האַלט איך ווייניק פון דער היינטיקער עסטעטיק און פון די, וואָס רעדן שטענדיק פון עסטעטיק.

וואָס הייסט זיין צו יעדער צייט אַן עסטעטיקער? יעדער מענטש איז אַמאָל אַ מלאך און אַמאָל אַ חזיר.

יעדער מענטש האָט אַמאָל אַ פאַרלאַנג צו פליען אין די הימלען און אַמאָל דעמזעלבן פאַרלאַנג צו קריכן אין בלאָטע.

און אַמאָל האָט ער ביידע פאַרלאַנגען אויפאַמאָל.

ווייזט מיר די בלויז־עסטעטיקער און איך וועל זיי אַריינלאַכן אין פּנים אַריין.

אויך אין בלאָטע איז דאָ שיינקייט.

תלמידים, רעדט מיט מיר נישט מער וועגן עסטעטיק.

וואָס איז דערציִונג? — פרעגט פּאַמפּאַדור און ער ענטפערט:

דערציִונג איז גאָרנישט און גאָר.

דערציִונג איז אַ שאַרף מעסער אין די הענט פֿון קאַליקעס.

וואָס הייסט דערציִען אַ מענטשן? וואָס הייסט צוימען אַ ים? וואָס הייסט מעסטן אַן אָפּגרונט?

אָ, די דערציִונג פֿון די נישט־דערצויגענע, אָ, די קינדער און די עלטערן־פֿראַגע, ווי זי באַליידיקט מיך! איך גלויב נישט אין גלייכער דערציִונג פֿאַר אַלעמען.

גלייכע דערציִונג הייסט מאַכן מענטשן פֿאַר ציגל, וואָס ווערן געקנאָטן אין איין פֿאָרעם.

גלייכע דערציִונג הייסט אָפּשאַפֿן די אויסנאַם, דעם ווידערשפּרוך, דאָס אויסטערלישע.

אוי, די דערציִער אונדזערע, ווי נאַקעט זיי שטייען פֿאַר מיינע אויגן!

דערציִונג הייסט ביי אונדזערע דערציִער — מאַכן קונצן מיט דער נשמה פֿון פֿאָלק.

דערציִען דאָס פֿאָלק — הייסט ביי זיי זיך לערנען רייטן אויף זיינע פּלייצעס.

פֿריינט מיינע, גיט אַ געלעגנהייט אייניקע דורות זיך צו דערציִען אָן דערציִונג און איר וועט דערציִען צום גליקלעכן מענטשן.

וואָס איז באַגייסטערונג? — פֿרעגט פּאַמפּאַדור און זאָגט: רעדט מיט מיר נישט היינט פֿון באַגייסטערונג.

באַגייסטערונג איז היינט נישטאָ.

מאָדערנע באַגייסטערונג איז אַ יונג מיידל אין אַ שטייפֿן קאָרסעט.

מאָדערנע באַגייסטערונג איז אַ גרויסשטאָטישער געזונטער יונגערמאַן אָן אַ מאָגן...

מאָדערנע באַגייסטערונג איז רויך אָן פֿלאַמען.

מאָדערנע באַגייסטערונג איז אַ מצבֿה אויפֿן קבֿר פֿון באַגייסטערונג.

ווער איז היינט צו טאָג באַגייסטערט, פֿריינט מיינע, אַחוץ אַפּלאָדיסמענטן־געבער אויף שכירות, פּאַטריאָטן און באַצאָלטע אַנאָנסן־שרייבער?

דער מאָדערנער מענטש דאַרף נישט זיין פֿריי באַגייסטערט און האָט נישט פֿון וואָס צו זיין פֿריי באַגייסטערט.

וואָס, למשל, זאָל פּאַמפּאַדורן באַגייסטערן?

אַ רעדע, וואָס ער האָט שוין געהערט הונדערטער מאָל? אַ ליד, וואָס איז שוין איבערגעדרוקט צום טויזנטסטן מאָל? אַ געדאַנק, וואָס איז שוין איבער־געחזרט געוואָרן צום מיליאָניקסטן מאָל?

ווו איז די פרישקייט, די טעמע־נייקייט?

אונדזער וועלט איז צו אַלט, אונדזער קולטור צו בלוטארעם און אונדזערע קולטור־טרעגער צו פּראַקטיש.

דער מאָדערנער מענטשן איז אַ שטאָט־מענטש, וואָס רעכנט, ציילט, וועגט, — אָבער ווערט נישט באַגייסטערט.

תלמידים, צינדט אָן ליכט, טוט אויס אייערע געלע שיך און זעצט זיך שבעה נאָך דער באַגייסטערונג פון אַמאָל, ווייל זי איז טויט, שוין לאַנג טויט.

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

בילדונג און געבילדעטע

פּאָמפּאַדורן שוידערט פון דעם געדאַנק, אַז אַלע זאָלן זיין געבילדעט.

בילדונג פּאַר אַלעמען — הייסט בילדונג פאַר קיינעם נישט.

בילדונג פּאַר אַלעמען — הייסט אַ ביליקער סואַווענירר, געטיילט צו אַלעמען, אַנשטאָט טייערע מתנות צו געציילטע.

בילדונג פּאַר אַלעמען — דאָס איז אַ גרויס פּאַרוואַסערט שיסל אין אַ פּאָלקס־קיך, אַנשטאָט אַ קליין טעלערל גוטע שפּייז אינדערהיים..

פּאָמפּאַדור איז קעגן דעם, אַז בילדונג זאָל זיין אַזוי אַלגעמיין, ווי שניפּסן, אַז אידעען זאָלן האָבן אַזאַ גרויסע צירקולאַציע ווי פּעני־צייטונגען, אַז טאַלאַנטן זאָלן זיך געפינען אין יעדן הויז, ווי פּאַרגרעסערטע טאַטע־מאַמע־בילדער אויף די ווענט.

פּאָמפּאַדור האָט פיינט אַ געזעלשאַפט פון בלויז געבילדעטע.

אַ געזעלשאַפט פון בלויז געבילדעטע — איז ווי אַ געזעלשאַפט פון בלויז שיינע פרויען: זיי, די געבילדעטע, דערעסן מיט זייער שווערקייט און די שיינע פרויען מיט זייער פּוסטקייט.

אַ געזעלשאַפט פון בלויז געבילדעטע איז ווי אַ טעאַטער פון בלויז טראַגיקער, ווי אַ צירק פון בלויז פּאַיאַצן.

פּאָמפּאַדור וויל נישט זיין קיין מיטגליד אין אַ געזעלשאַפט פון בלויז געבילדעטע, אַזוי ווי איר וואָלט נישט וועלן זיין אַ שטענדיקער עסער אין אַ רעסטאָראַן פון בלויז מילכיקע בלינצעס.

פּאָמפּאַדור איז קעגן בילדונג אין אונדזערע פּאַראיינען, ווייל די בילדונג גייט נישט ווייטער פון לאָקאַל. ער איז קעגן „וויסנשאַפט", וואָס ווערט אויס־

געלאָשן צוזאַמען מיט דער אויסגעלאָשענער עלעקטריע. ער איז שוין גיכער פאַר אַ גראָשענעם בייגל פאַרן מאָגן, ווי פאַר אַ גראָשענער לעקציע פאַר דער נשמה.

פּאַמפּאַדור האָט נישט ליב, אַז מען טראָגט אונטער דעם אַרבעטער די גאַנצע „אַנטשטייאונג פון דער וועלט און מענטשהייט" אויף אַ טעלערל, ווי אַ הערינג אין אַ רעסטאָראַן.

פּאַמפּאַדור וויל פּאָעזיע אַנשטאָט טרוקענער חכמה, פריי באַגייסטערונג פאַר די מאַסן, אַנשטאָט פינף־דאָלאַרדיקער וויסנשאַפט.

ער וויל דעם טוי פון הימל, די קרישטאָלענע וואַסערן פון די נאַטירלעכע קוואַלן, אַנשטאָט „וויסנשאַפטלעכן" פּאָמפּע־וואַסער, וואָס איז בלויז גוט צו באַגיסן בלאָטיקע גאַסן.

ער האָט ליב דעם פּראָסטן מענטשן, ווייל דער פּראָסטער מענטש גלייבט נאָך אין בילדונג; ער האָט נישט ליב דעם געבילדעטן, ווייל ער גלייבט שוין אין גאָרנישט.

שוין גענוג געזאָרגט פאַר דער נשמה!

פּאַמפּאַדור זייער נישט ליב די נשמה־פאַרזאָרגער פון אונדזערע בילדונג־קאָמיסיעס, די גייסטיקע שפּייז פון די געאַלף־ביתטע פירער.

זאָרגן פאַר דער נשמה — דאָס איז אַן אַרבעט פאַר מיסיאָנערן און נשמה־כאַפּער.

דאָס פאָלק וויל עסן. און אפילו מיסיאָנערן געווינען אויך מער נאַראָנים פאַר זייער דומקייט מיט אַ מאָגערער וועטשערע, איידער מיט אַ פעטער דרשה.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט און דערנאָך האָט ער ווידער גערעדט:

ס'איז נישטאָ קיין אַלגעמיינע בילדונג, ווי ס'איז נישטאָ קיין אַלגעמיינע ליבע.

ווען חכמה וואָלט געקענט פאַרקויפט ווערן צו יעדן גלייך, וואָלט עס שוין לאַנג געווען אין די הענט פון אַ טראָסט.

ס'איז נישטאָ קיין בילדונג פאַר אַלעמען, ווי ס'איז נישטאָ קיין גליק פאַר אַלעמען.

נישט יעדער קאָפּ איז אַ נעסט פאַר בילדונג, ווי נישט יעדעס האַרץ איז אַ בלומען־טאָפּ פון געפילן.

תלמידים! העלפט אָפּשאַפן די בילדונג פאַר אַלעמען און איר וועט קומען צום געבילדעטסטן צוקונפט־מענטש.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

פאָרן און גיין צופוס

און ס׳איז געווען אין דער צייט, ווען ס׳האָט אויסגעבראָכן דער גרויסער טראַמוויי־שטרייק אין ניו־יאָרק.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך געשטעלט אויף דער פּלאַטפאָרם פון אַ צעבראָ־כענעם טראַמוויי און ער האָט אַזוי געזאָגט:

תּלמידים! פּאַמפּאַדור איז קעגן פאָרן סיי אויף פערד, סיי אויף באַנען, סיי אינדערהויך, סיי אונטער דער ערד און סיי אפילו אויף אויטאָמאָבילן.

געבענטשט זאָל זיין דער פוסגייער!

גיין צופוס — הייסט פאַרלאָזן זיך אויף די אייגענע כּוחות.

פאָרן — הייסט פאַרלאָזן זיך אויף עלעקטריע, גאַזאָלין און אַנדערע מאַשי־נאַווע קרעפטן.

גיין צופוס — איז פּאָעזיע. די גרעסטע פּאָעטן האָבן אָפט נישט קיין געלט פאַר הוצאת הדרך...

פאָרן — איז גאַנץ אָפט דער טייטש: עם־הארצות אין אַן אויטאָמאָביל.

גיין צופוס — איז ענוות, איז באַשיידנקייט.

ווען איר פאָרט אין טראַמוויי, האָט איר פאַר זיך נאָר די פיר ווענט און מערסטנס בלויז דעם רימען, אויף וועלכן איר הענגט. אָבער דער, וואָס גייט צופוס, האָט פאַר זיך אַ גרויסע, ברייטע וועלט, אַן אָפענע פון אַלע פיר זייטן.

גיין צופוס — הייסט לייענען דאָס בוך פון אַלע ביכער, וואָס הייסט נאַטור.

פאָרן — הייסט לייענען די אַנאָנסן וועגן היגעראויגן און מאָגן־פאַרשטאָ־פּונג אויף די ווענט פון די טראַמווייען.

גיין צופוס — הייסט זיין אַ בעסערער מענטש, ענטפערן גוט יאָר אויף אַ גוט מאָרגן, ווייל וואָס איז דאָ זיך גרויס צו האַלטן? גאָטס וועגן ליגן אויס־געשפּרייט פאַר אַלעמען גלייך.

פאָרן — איז דער טייטש: קריך אויף יענעמס קאָפּ, פאַרכאַפּ אַ בעסער פּלאַץ, קוק נישט אויף קיינעם און אַכט נאָר זיך אַליין.

גיין צופוס — הייסט זיך פאַרטיפן אין זיך, הייסט: ישוב־הדעת און רויִקייט.

פאָרן — איז דער טייטש: שווינדל פאַר די אויגן, פּאַנאָראַמען, וואָס בייטן זיך מיט אַ טייוולשער שנעלקייט, און דערום — פלאַכקייט פון געדאַנק און נערוון־צעטרייסלונג.

גיין צופוס — איז די מוטער פון נאַטירלעכער מידקייט. באַטייט: רוען אויפן גראָז און זיך אויסציִען אונטער אַ בוים.

פּאָרן — הייסט שלאָפֿן אין טראַמוויי, שטייענדיק אויף יענעמס הינעראויגן.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרקוקט און ווייטער גערעדט:

גיין צופֿוס — הייסט באַהעפֿטן זיך מיט נאַטור, מיטן ריח פֿון וועלדער.

פּאָרן — הייסט שמעקן גאַזאָלין...

דער ערשטער מענטש איז געגאַנגען צופֿוס, איז ער דערום געווען גליקלעכער.

פּאָרן האָט זיך דער מענטש אויסגעלערנט ערשט שפּעטער, ווען ער האָט אָנגעהויבן זיך אַרומיאָגן נאָכן גליק און אים נישט געפֿונען...

פּאַמפּאַדור איז פֿאַר אַ וועלט פֿון פֿוסגייער!

אַ פֿוסגייער — מוז, לכל הפּחות, האָבן געזונטע פֿיס. אָבער פּאָרן קען מען אַפֿילו מיט רומאַטעס.

אַ פֿוסגייער קען קיינעם נישט שעדיקן, אויסער זײַנע אייגענע פֿיס. אָבער פּאָרן — הייסט גאַנץ אָפֿט איבערפֿאָרן.

דער פֿוסגייער — איז דער דערפֿינדער פֿון הכנסת־אורחים־געדאַנק, פֿון דער שיינער מידה פֿון דערלאַנגען אַ טרונק דעם הימלאָזן און געבן אָפּעסן דעם וואַנדערער.

געבענטשט זאָלן מיר זײַן די ברייטע וועגן!

ווען איר גייט, זעט איר איבער זיך אַ הימל און אַ זון, פֿאַר זיךביימער און טײַכן. איר באַוווּנדערט די רײַכקייט פֿון גאָטס וועלט און אײַער נשמה ווערט געריייניקט.

ווען איר פֿאָרט אָבער אין טראַמוויי, שלאָפֿט איר. און שלאָפֿט איר נישט, קוקט איר אויף פֿעטע פּרויען און האָט נאָך פֿעטערע געדאַנקען.

געבענטשט זאָל אויך זײַן דער טרוקענער זאַמד פֿון די ברייטע וועגן!

ער איז פֿיל ווייכער פֿאַר מײַן נשמה, ווי די ווייכע פּלושענע שטולן אין די אויטאָמאָבילן!

און פּאַמפּאַדור האָט זיך נאָכאַמאָל פֿאַרטראַכט און נאָכדעם ווייטער גערעדט:

איילן זיך איז נישטאָ וואָס!

פּאַמפּאַדור האָט צײַט!

די ברייטסטע שטרעקעס קען מען נישט איבערגיין אין לויף פֿון יאָרן. און צום עק פֿון דער וועלט קען מען אַלצאיינס קיינמאָל נישט דערגיין, ווען אַפֿילו איר זאָלט פֿאָרן אייביק.

תּלמידים! זאָל רוען דאָס פֿערד, דער אייזל, דער קעמל, די באַן און דער אויטאָמאָביל — איך וויל גיין צופֿוס!

פּאַמפּאַדור האָט בדעה אָנצוזאָגן, אַז מען זאָל אים בעסער טראָגן צו זיין לעצטער רו, איידער פירן.

טראָגן צום קבר — איז דער טייטש: מיר, לעבעדיקע, פילן דיין געוויכ־טיקייט אויך נאָכן טויט, זענען מיט דיר חבר ביז דער לעצטער לאָפּעטע ערד.

פירן צום קבר — הייסט: מיר, לעבעדיקע, האָבן מיט דיר מער גאָרנישט וואָס צו טון. דו פאָר זיך און מיר וועלן גיין אונדזער וועג...

טראָגן צום קבר — שמעקט מיט כיבוד־המת פון פאָרצייטיקע דורות, מיט נאַטירלעכקייט, מיט אמתע טרערן.

פירן צום קבר — שמעקט מיט „פּאַריין־ברידער”, מיט „נאַדיר אַן אָנשי־קעניש גאָר”, מיט „אַן עבירה אַ האַלבן טאָג”.

בעלי־עגלות, קאָנדוקטאָרן און טראַמוויי־טרייבער, זייט נישט אין כעס אויף פּאַמפּאַדורן!

פּאַמפּאַדור האָט סתם נישט ליב קיין פירער און נאָך דערצו פאַר אַ הונגער־געהאַלט!

פּאַמפּאַדור האָט ליב שטיין אויף די אייגענע פיס, גיין אויף די אייגענע פיס און זיין זיין איינציקער וועגווייזער און פירער אומעטום.

אָט אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור, און איז מיט שטילע טריט אַרונטער פון דעם איילענדיק טראַמוויי.

פון מידקייט און וועגן מענטשן, וואָס טאָרן נישט זיין מיד.

איך בין מיד, מיין פריינט, זאָגט פּאַמפּאַדור.

מיד פון פלאַפּלען, מיד פון שרייבן, מיד פון עסן, מיד פון פאַרליבן זיך, מיד פון אַלץ.

און ליב איז מיר די מידקייט מיינע, ליבער פון אַלץ.

מיד זיין — דאָס איז פאַר מיר די רויִקייט פון נאָך האַלבער נאַכט אין אַ ניו־יאָרקער הויז.

מיד זיין — דאָס איז פאַר מיר דאָס ווייכע קישן אין צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט.

אייביק טעטיק זיין — דאָס איז דער גורל פון אַ קנעכט.

קיינמאָל נישט מיד זיין הייסט זיין אַ שקלאַף פון טעטיקייט.

זיי מיד, מיין נשמה! דאָס ווייזט, אַז דו ביסט אַמאָל טעטיק געווען, שטאַרק טעטיק געווען, האָסט אַמאָל געיאָגט איבער ווייטע ווייטקייטן און ברייטע ברייטקייטן.

פּאָמפּאַדור

מיד זיין — דאָס איז דאָס צוקונפטיקע געווינס פון אַרבעטער.
ווען דער אַרבעטער וועט אויסקעמפן די פרייהייט צו זיין מיד צו יעדער צייט, וועט געלייזט ווערן די קאַפּיטאַל־ און אַרבעט־פראַגע.
די מענטשהייט וועט דערגרייכן איר שטופּע פון קולטור־הויכקייט נאָר דורך מיד ווערן.
אָ, מידקייט, די קרוין פון מיינע חלומות ביסטו!
און צו פּאָמפּאַדורן שמייכלט פון ווייטן אַ מידע מענטשהייט, וואָס רוט אויס איר גרייז־גרויען שיינעם קאָפּ און דרימלט שטיל אויף די ריזיקע אַקסלען פון דער אייביקייט.
אָ, ווי שיין וואָלט געווען, ווען אַלע וואָלטן מיד געוואָרן, ווי פּאָמפּאַדור.
מידיקייט! לאָז זיך אַראָפּ, ווי אַ וויג־ליד אויף מיין קאָכיקער נשמה, פאַר־שלעפער זי, — ביז איך וועל ווידער ווערן טעטיק, ווי אַמאָל.
מידיקייט, — דאָס איז די ברכה פון גאָט, וואָס ער האַלט זי גרייט פאַרן צוקונפט־מענטש.
דער מענטש פון היינט טאָר נישט זיין מיד, קען נישט זיין מיד. ער מוז לויפן און איבעריאָגן די עלעקטרישע טראַמווייען און אויטאָמאָבילן. ער מוז זיין טעטיק, ווי אַ טעלעפאָן־דראָט.
נאָר דער צוקונפט־מענטש וועט קענען מיד זיין!
אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

אויף די הויכע בערג פון בחורשאפט

האַסן און ליבן

און פּאָמפּאַדור האָט איינמאָל זיך אַזוי געווענדט צו זיינע תּלמידים:
תּלמידים מיינע, האַסט!
האַסן — איז אַ גרעסערע חכמה, ווי ליבן.
ליבן — קען יעדער נאַרישער בחור; כּדי פיינט צו האָבן, מוז מען זיין, לכּל הפּחות, אַ מענטש מיט כאַראַקטער.
ליבע — איז שוין לאַנג געוואָרן אַ וואָכעדיק וואָרט ביי גראָשענע קריסט־לעכע גאַסן־פּרעדיקער, און דערום איז האַסן שוין באַלד אַ יום־טובֿ פאַר דער רייכער נשמה.
תּלמידים מיינע, פּאָמפּאַדור לערנט אייך פיינט צו האָבן. ליבע, זאָגט איר, בויט וועלטן. ניין! ס'איז פאַלש: אויב בויען, בויט עס די שנאה.
נאָר מיט גרויס האַס צו דער אַרבעט בויען די אַרבעטער די שענסטע שטעט, די רייכסטע פּאַלאַצן און די וווּנדערלעכסטע בריקן.
אַפילו אַ פאָלק ווערט נאָר שטאַרק דורך אַ צווייטן פאָלקס־שנאה צו אים.
וואָס איז ליבע?
ליבע —איז אַ פייער, וואָס פאַרצערט זיך אַליין; שנאה — איז אַ פייער, וואָס פאַרצערט אַ צווייטן.
מיט דער ליבע קענסטו ווייטער פון שלאָפצימער נישט גיין, מיט שנאה אָבער קענסטו באַזיגן וועלטן...
אָ, שנאה, ברען, ווי אַ פלאַקער, אין מיין האַרצן!
שנאה — דאָס איז שאַפונג. גרויסע שנאה — דאָס איז גרויסע שאַפונג.
ווען איינער האָט ליב, ליגט ער אין בעט און קרעכצט, אָבער ער שאַפט נישט.
שאַפן — דאָס הייסט, האַסן דאָס אַרומיקע, פיינט האָבן דאָס קליינלעכע,

פאַראַכטן דאָס נישטיקע, זיין פול מיט צאָרן צו אַלץ, וואָס איז נידעריק, אויפ־הייבן זיך ביזן הימל און אַראָפּקוקן מיט שנאה אויף דער ערד.

שנאה — איז ממשלה, זיגערישע הערשאַפט.

אויב גאָט איז דער הערשער פון אַלע וועלטן, איז עס נישט דורך ליבע, נאָר דורך' דעם, וואָס ער איז דער גרעסטער אכזר אין דער גאָרער וועלט.

ליבן — איז שוואַכקייט, אַן אַראָפּגעלאָזטער קאָפּ, נישטיקע הכנעה, רעזיג־נאַציע, געבויגענע קני און צעטרייסלטע נערוון.

און אין אַזאַ צושטאַנד קען מען בלויז מורמלען קראַנקע תפילות און שמייסן זיך מיט ריטער...

פּאָמפּאַדור האָלט אַפילו נישט פון דער ליבע פון אַלע ליבעס — די ליבע צו דער פרוי.

ווילסטו באַזיגן אַ פרוי? — האָס זי? דאָס איז די נייע לערע פון פּאָמפּאַדור.

ליבן באמת אַ פרוי — הייסט איגנאָרירן איר קערפּער און באַזיצן איר נשמה.

און באַזיצן די נשמה פון אַ פרוי — הייסט באַזיצן: כאַאָס...

ליבן אַ פרוי — הייסט באַזיגט ווערן פון איר, הייסט טון וואָס זי הייסט; און באַזיגט ווערן פון אַ פרוי — הייסט ווערן אויס מאַן.

שנאה — איז מענלעכער שטאָלץ, דאָס גלאַנציקע אויג פון אַ זיגער.

מאַן און זיגער גייען צוזאַמען.

תלמידים, ווילט איר קענען האַסן, דאַרפט איר קענען גוט די פרוי.

פּאָמפּאַדור איז פאַר אַ שטאַרקער שנאה צווישן מאַן און פרוי...

זאָל דער מאַן ווערן צוריק אַ רויבער און נעמען אַ פרוי מיט געוואַלד, ווי אַמאָל.

ווייל יעדע פרוי האָט ליב געוואַלד.

זיג און באַזיג! — דאָס איז דער אמת פון אַלע באַציִונגען פון מאַן צו פרוי.

פּאָמפּאַדור גלויבט נישט אין דער זעלבשטענדיקער ליבע פון דער פרוי.

די ליבע פון דער פרוי איז בלויז אַן עכאָ פון דעם מאַנס ליבע.

און פּאָמפּאַדור האָט אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם האָט ער ווידער גערעדט:

די גרעסטע פאַרברעכער זענען די פּאָעטן, ווייל זיי האָבן געצוימען די פרוי און זי געמאַכט פאַר דער געטין פון ליבע.

פרויען פאַרמאָגן נישט קיין ליבע, ווייל זיי זענען צו פּראַקטיש...

די ווייכקייט פון אַ פרוי איז אַ געבאָרגטע, איז נישט מער ווי פּודער און פאַרב צו געפעלן די מענער.

פּאַמפּאַדור גלייבט, אַז בלויז פלייש־אָרעמע מענטשן קענען זיין גייסטרייך, און פרויען זענען זעלטן פלייש־אָרעם.

ליבע — איז זעלבשטענדיקייט, און פּאַמפּאַדור גלויבט נישט אין זעלבשטענדיקע פרויען.

פּאַמפּאַדור וויל האָבן אַ שוואַכע פרוי און אַ שטאַרק גלאָז וויין.

איר זאָגט, דאָס האַרץ פון אַ פרוי איז אַ רעטעניש. ס'קען זיין, אָבער מיט טרעפן רעטענישן פאַרנעמען זיך נישט גאָר קיין קלוגע מענער...

תלמידים מיינע, לערנט זיך האָסן!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור. אין יענע צייטן האָט ער זיך צעשיידט מיט זיין צענטער געליבטער.

זינד און זינדיקע

וואָס איז זינדיק? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

און פּאַמפּאַדור ענטפערט: זינדיק איז אַ מיידל, וואָס איז שוין איבער אכצן און ווייסט נאָך נישט, וואָס עס הייסט אַ קוש.

זינדיק איז — אַ יונג ווייבל, וועלכע איז שוין דריי וואָכן נאָך דער חתונה און האָט נאָך נישט קיין געליבטן.

זינדיק איז — אַ יונגערמאַן, וואָס לעבט צוויי וואָכן מיט אַ מיאוס ווייב און איז פון איר נאָך נישט אַנטלאָפן.

זינדיק איז — אַ יונגערמאַן, וואָס רעדט מיט אַ פרוי וועגן פילאָזאָפיע, סאָציאָלאָגיע און פילאָלאָגיע אין דער צייט, ווען ער קען זי פּשוט אַרומנעמען.

אַן עבירה — איז, לויט מיין מיינונג, אַ טאָג, וואָס איר פאַרברענגט אַליין.

קלאָפּן דאַרפט איר זיך על חטא, ווען איר פאָרט אין פּאַרק — מיט אַ בוך.

די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פון נאַקעטע זינד. אַ מענטש הייבט אָן וואַקסן דורך זינד, ביז ער וואַקסט אויס אַ גרויסער זינדיקער...

אָן זינד וואָלט די וועלט אויסגעקוקט, ווי אַ יונגפרוי אָן ציין, ווי אַ בעט אָן קישנס...

די וועלט מוז זיין זינדיק, אַנישט וואָלט זי קיין פּנים נישט געהאַט.

יאָרן — זענען לייטערס פון זינד.

— וואַקסן — הייסט רייף ווערן אין זינד.

אויב דער הימל איז נישט קיין בית־עולם, מוז מען דאָרטן אויך זינדיקן...

אויב די מלאכים טראָגן נישט קיין שוואַרצע שפּאָקולן און האָבן מלאכטעס אויף וועמען צו קוקן, מוזן זיי זינדיקן.

אַ פרוי איז אַ קאָלעקציע פון זינד; יעדער מאַן מוז פון איר נעמען עפּעס — צום אָנדענק, אַנישט איז ער אַ נאַר...

זינדיקן מוז מען!

ווען דו וועסט נישט זינדיקן, וועט אַן אַנדערער זינדיקן פאַר דיר, — איז גלייכער דו זאָלסט אַליין זינדיקן...

אַלץ, וואָס לעבט — מוז זינדיקן.

נאָר טויטע געדאַנקען — זענען הייליק.

נאָר שוואַכע ברואים — זענען אומשולדיקע.

נאָר צוליב בלוטאָרעמקייט ווערט דער מענטש אַ תהילים־זאָגער.

פּאָמפּאַדור דענקט, אַז דער אמתער גאָט פון אַלע געטער איז דער גאָט פון זינד, ווייל אַלע האַלטן פון אים און דינען אים טריי.

ווען מיר וואָלטן נישט געזינדיקט, וואָלט מען דאָך נישט געדאַרפט בעטן אויף פאַרגעבונג, און פאַרגעבונג איז דאָך בלויז אַ טיר צו נייע זינד.

מענטשן זענען צעטיילט נישט אויף אָרעמע און רייכע, נאָר אויף גרויסע זינדיקע און קליינע.

די גרויסע זינדיקער זענען די, וואָס ווילן און האָבן מיט וואָס צו זינדיקן, און די קליינע זינדיקע זענען די, וואָס ווילן און האָבן, נעבעך, נישט מיט וואָס.

דאָס, וואָס די פרומע וועלט רופט זינד, איז בלויז אַ מאָס צו מעסטן פרעמדע מעשים, אָבער נישט קיין אייגענע.

אָט, למשל, ווען איר פירט אַ ליבע מיט מיין ווייב, איז דאָס אַ זינד. פיר איך אָבער אַ ליבע מיט אייער ווייב, איז דאָס בלויז אַ פאַרגעניגן.

תלמידים! דער גרעסטער זינדיקער איז דער, וואָס זינדיקט נישט!

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

פון איינס און אַ סך

איך האָב ליב אַ סך און מוז ליבן אַ סך, — זאָגט פּאָמפּאַדור.

ליבן אַ סך — הייסט זיין רייך ווי דער רעגנבויגן.

זיי אַ רעגנבויגן, מיין פריינט, זאָל דיין נשמה פאַרמאָגן אַזויפיל פאַרבן, ווי דער רעגנבויגן.

ווי קען מען בלויז ליבן איינע?

ליבן איינע — הייסט נישט קענען ליבן.
ליבן איינע — הייסט נעמען „היראַט־פּאַפּירן" אין דער ביוראָ פון לאַנג־ווייליקייט.
ליבן איינע — הייסט זעלבסטמאָרד פאַר דער ליבע.
נאָר פּראָזן־געברויכער און היפּאָקריטן האַלטן פון ליב האָבן איינע.
ליב האָבן איינע — הייסט זאָגן, אַז די נאַטור האָט בלויז איין פרילינג, איין בלום און איין נאַכטיגאַל.
ליבן אַלעמאָל איינע — הייסט נישט אָנערקענען די באַוועגונג פון דער צייט.
און פאַרוואָס זאָלסטו, מענטש, אָנהענגען בליי אויף די פליגלען פון דער אייביקייט ? !
קענסטו דען ליבן יעדן טאָג גלייך? קענסטו דען ליבן יעדע שעה גלייך?
האָב קיין מורא נישט פאַר ליבן אַ צווייט מאָל.
צווייטע ליבע — איז דער צווייטער ציטער פון דער ערשטער ליבע אויף דערזעלבער סטרונע פון דיין נשמה־פידל.
צווייטע ליבע — דאָס איז בלויז אַ ווידערקול פון דער ערשטער. און פאַר־וואָס לאָזן דעם אָפּקלאַנג פון דיין שטימע גיין פאַרלאָרן אין די ליידיקע רוימען?
ליבן אַ סך — הייסט אויפלעבן פיל מאָל דיין יוגנט.
ליבן אַ סך — הייסט פאַרמאָגן עטלעכע יוגנטן.
און פאַרוואָס זאָלסטו נאָר וועלן האָבן איין יוגנט?
איך האָב נישט ליב די איינמאָל־ליבהאָבער, — זיי זענען די תלינים פון געפילן.
און פאַרוואָס מאַכן פון דיין האַרץ אַ תליה?
ליבן אַ סך — הייסט דיכטן; ליבן איינע — הייסט זינקען אין פּראָזע.
ליב איינע און אַלע, ליב אַלע מיטאַמאָל, ליב איינע נאָך דער צווייטער, און דו וועסט וויסן פון ליבע.
דעמאָלט האָט פּאָמפּאַדור אָנגעהויבן זינגען ליבע צו זיין פערצנטער גע־ליבטע.

אַלטע בחורים און יונגע גליקן

פּע, אַן אַלטער בחור! פּע, אַן אַלטער בחור! שרייען אַלע.
און איך האָב ליב אַלטע בחורים, — זאָגט פּאָמפּאַדור.

די, וואָס האָבן יונג חתונה, זענען געפּילן־פּאָגראָמשטשיקעס און ליבע־צעשטע־רער פון אַלע צייטן און דורות.

אוי, איר יונגע חופּה־שטעלער, ווי איך האָס אייך!

אַן אַלטער בחור — דאָס איז דער צוקונפטיקער שוויגער־אָפּשאָפּער פון נייעם מענטשן.

זיין אַן אַלטער בחור — הייסט זיין קעגן הויכן דירה־געלט.

אַלטע בחורשאַפט — דאָס איז שענק־פרייהייט, רעסטאָראַנט־פרייהייט און קאָרטן־פרייהייט.

אָ, איר דריי פרייהייטן פון פרייען מענטשן — ווי טייער איר זענט!

יונג חתונה האָבן — הייסט טיר־קלאַפּעניש נאָך האַלבער־נאַכט.

איך שטעל דעם אַלטן בחור אַפילו העכער פון דער אַלטער מויד.

אַן אַלטע מויד, — דאָס איז מערסטנס דער קאָנפליקט צווישן דעם וויל און דעם קען נישט.

אַן אַלטער בחור איז דער העלד פון דעם קען און וויל נישט.

אַן אַלטע מויד — דאָס איז אָפט בלויז אַ זאַקן־אוצר פאַר קרובים.

אַן אַלטער בחור איז אַן אוצר פאַר זיך אַליין.

ציוויליזאַציע, דו וועסט דערגרייכן דיין הויך דורך דעם לייטער פון אַלטע בחורשאַפט!

פריינט מיינע! בלייבט אַלטע בחורים און איר וועט האָבן גענוג צייט זיך צו פוילן, און איר וועט קענען שטענדיק האַלטן פאַר זיך אָפן דאָס בוך פון אייער פאַרגאַנגענהייט, ציילן די קנייטשן פון אייער שטערן.

אויב אַ מיידל וועט מיך נישט פאַרכישופן אין איר נדן־נעץ, וועל איך אויך בלייבן אַן אַלטער בחור.

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

בערג און טאָלן

תלמידים! ווילט איר זיין באַליבט ביי דער מאַסע מיט אייערע תורות, גייט קיינמאָל נישט אַראָפּ פון באַרג, פאַרהילט זיך אין טומאַנען, מאַכט פון אייער לעבן אַ וואָלקן.

באַרג — דאָס איז פאַרגעטערונג, דער סוד פון שאַפן, דער לאַטיינישער רעצעפּט פון די נביאים.

באַרג — דאָס הייסט שטעלן זיך העכער איבער אַלעמען.

פּאַמפּאַדור האָט די נביאים פון טאָל, די פּאָליטיקער פון אונטערן באַרג.

טאָל — דאָס איז אַ הויז פאַר אייערע שטיוול, אַ געמייזעכץ פאַר אייערע אידעאַלן.

טאָל — דאָס הייסט וווינען מיט דער מאַסע און ווערן פון איר דערנידעריקט.

תלמידים! הערט, וואָס פּאַמפּאַדור זאָגט אייך: נידערט נישט אין טאָל מיט אייערע תורות, אויב איר ווילט, זיי זאָלן בלייבן הויכע און ריינע.

הויך אויפן באַרג מוז שטיין דער טראָן פון נביא, כדי דאָס פאָלק זאָל נישט זען די הילצערנע פיס.

דער נביא מוז זיין פאַר זיין פאָלק הויך, ווי דער הימל און סודותדיק, ווי די שטערן.

פּאַמפּאַדור איז זיכער, אַז ווען מענטשן וואָלטן געקענט כאָטש איינמאָל אָנרירן דעם הימל מיט די הענט, וואָלט ער שוין לאַנג געוואָרן דאָס אייגנטום פון גוט־באַזיצער, אָנשטאָט וואָס אַזוי איז ער בלויז דאָס אייגנטום פון געטער און פּאָעטן...

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרקוקט און ווידער געזאָגט:

תלמידים, און ווערט איר די נביאים פון טאָל, דאַן גייט פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל און מיט אַ שטעקן אין האַנט.

אַ שטעקן — דאָס איז דער סימן, אַז איר זענט אין טאָל בלויז אַ גאַסט.

און רעדט איר צום פאָלק, רעדט צו אים דורך דונערן און בליצן, שיט אויף אים פעך און שוועבל, דראָט אים מיט טויט און גיהינום. פאַרהילט אים אין רויך. דאַן וועט ער הערן אייער געבאָט.

דאָס פאָלק מוז מען שרעקן, ווי אַ קינד, אַ נישט וויל עס זיך נישט איינשפּאַנען אין יאָך, נאָר שפּילן אין פערדלעך און טאַנצן מיט קעלבלעך.

און גייט איר אַרונטער אין טאָל, ווייזט די מענטשן בלויז אייער רוקן. דאַן וועלן זיי פאַרגעטערן אייער פּנים, מעג עס אַפילו זיין פול מיט בלאָטערן.

אַפילו אַ גאָט, ווען מ׳קוקט אים אָן פּנים צו פּנים, נאָז צו נאָז, ווערט ער אויס גאָט.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך פאַרקלערט און ווידער גערעדט:

באַרג — דאָס איז לעגענדע, דאָס איז לעבן אין וואָלקן און שטאַרבן אין כמאַרע.

אַ גרויסער גייסט טאָר אַפילו נישט שטאַרבן, ווי אַלע.

זאָל קיינער נישט וויסן, ווו איר זענט געשטאָרבן, און אויך נישט ווו איר זענט געבוירן.

אַ נביא דאַרף נישט האָבן קיין מאַמע: עס מאַכט נישט, אַז מען געפינט אים אין אַ קעסטל און מען רעכנט אים צו צו עמעצן אַנדערש.

אַ נביא דאַרף נישט האָבן קיין טאַטן: דער פאָטער פון נביא, דאָס איז אַ פאַרוואָלקנטער באַרג.

וואָס דאָס שלאָפצימער איז פאַר מענטשן, איז די נשמה פאַר דעם נביא; אי דאָס שלאָפצימער, אי די נשמה מוז מען האַלטן פאַרהאַנגען, כדי זיי זאָלן בלייבן פאַרשטעלט פאַר אַנדערע.

און אַ שמייכל האָט זיך געוויזן אויף פּאָמפּאַדורס פנים און ער האָט ווידער געזאָגט:

תלמידים! לערנט זיך פון משהן.

שאַפן — דאָס הייסט הונגערן, נישט דערעסן פערציק טעג און פערציק נעכט.

אין אַ רעדאַקציע קען מען קיין נייע תורות נישט שאַפן.

האָנאָראַר איז דער בית־עולם פאַרן גייסט פון נביאים און קינסטלער.

תלמידים! גייט אויס פון הונגער, אָבער עסט נישט פון שיסל גלייך מיט אַלעמען, ווייל דאָס פאָלק האָט זייער נישט ליב צו זען זיינע תורה־געבער קייענדיק...

תלמידים מיינע! זייט נביאים פון באַרג און איר וועט פאַרגעטערט ווערן אין טאָל.

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור און איז אַוועק אויף זומער אין די קעטסקיל־בערג.

מלחמה און שלום

תלמידים מיינע, פּאָמפּאַדור איז פאַר מלחמה!

צופיל מענטשן האָט די וועלט, ווי צופיל ביכער.

ווען מען וואָלט אַ העלפט ביכער פאַרברענט אויפן פייער, וואָלטן נאָך געגנוג ביכער פאַרבליבן צו פאַרוואָסערן די מוחות.

ווען מען וואָלט אַפילו אַ העלפט מענטשהייט פאַרניכטען אין פייער פון מלחמה, וואָלטן נאָך גענוג מענטשן פאַרבליבן צו לעבן אויף צרות.

פּאָמפּאַדור איז פאַר מלחמה.

מלחמה — דאָס איז דער אוראַלטער ווילדער גאָט פון בלוט און נקמה, וואָס

לאָזט זײַלן רויך פֿון זײַנע נאָזלעכער, שפּריצט פֿײַער פֿון די אויגן און קנײטשט זײַן שטערן אין גרימצאָרן.

און דערדאָזיקער אוראַלטער גאָט איז פֿיל ליבער פּאָמפּאַדורן, ווי דער גאָט פֿון די הײַנטיקע געראַזירטע מענטשן מיט אַ האַוואַנע־ציגאַר אין מויל, אַ שמייכל אויף די ליפּן, שלום אויפֿן צונג און טויט אין האַרצן...

פּאָמפּאַדור איז פֿאַר מלחמה.

מלחמה — דאָס איז די פֿאַרפּאַסערין פֿון דער וועלטגעשיכטע. ווען די מענטשן וואָלטן שטענדיק געשלאָפֿן אין שלום, וואָלט די געשיכטע געווען אַ קאָמף מיט בעט־אינזעקטן.

מלחמה — דאָס איז פֿײַער פֿון יוגנט און לעבן.

שלום — דאָס איז אַן אָנגעהייצט אײַוועלע פֿאַר אינוואַלידן.

פּאָמפּאַדור איז קעגן שלום.

שלום — דאָס איז שטילקייט פֿון קבֿרים, רויִקייט פֿון מתים, פּאָעזיע פֿון מצבֿות.

תּלמידים, פּאָמפּאַדור וויל נישט הײַנטיקן שלום!

הײַנטיקער קאַפּיטאַליסטישער שלום — דאָס איז אַ שטענדיקע בלוט־פֿאַר־גיסונג, אָן אַ שלאַכט, אַ טאָג־טעגלעכע אויסשלאַכטונג אָן געווער.

פּאָמפּאַדור איז מער פֿאַר אַן אַלגעמיינער אויסשלאַכטונג אויפֿן פֿעלד, איידער צו פֿאַרניכטן זיך אײַנציקווײַז אין שטאָט.

אַרבעטער, האָט קיין מורא נישט פֿאַר מלחמה! שוין בעסער זײַן האַרמאַטן־פֿלייש אויף פֿעלדער, איידער פֿאַבריק־קנאָכן אין ענגע גאַסן.

מלחמה — דאָס איז אַ שטים, וואָס רופֿט: מענטשן! קערט זיך אום צו דער נאַטור, ווײַל נאָר דורך מלחמה ווערן פֿון שטעט פֿעלדער.

און פּאָמפּאַדור האָט זיך אויף אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט און ער האָט ווײַטער געזאָגט:

תּלמידים! דאָס גאַנצע לעבן פֿון אַ מענטשן איז מלחמה.

צוויי פֿאַרליבטע, דאָס זענען צוויי אַרמייען.

קושן — דאָס זענען מאַנעוורעס.

לײַדן פֿון ליבע — דאָס הייסט טראָגן אַ קויל אין האַרצן.

אַ פּרויענהאַרץ, — דאָס איז אַ שטענדיקער קריגפּלאַץ, און נישט אומזיסט האָבן פֿרויען אַזוי ליב סאָלדאַטן.

פֿאַמיליענלעבן — דאָס איז אַ וווינונג אין בויך פֿון אַ האַרמאַט.

אַ מאַן — דאָס איז אַ סאָלדאַט, וואָס מוז שטענדיק שטיין אויף דער וואַך פון זיין שלאָפצימער.

תלמידים, רופט צו מלחמה!

פעלקער וואָס ווילן שלום, זענען אַנטיקן פאַר מוזייען.

תלמידים, זייט נביאים פון מלחמה!

זאָל ברענען דאָס שלאַכטפעלד, זאָל האָגלען מיט קוילן, זאָלן קראַכן פעסטונגען און זאָלן מענטשן פאַלן, ווי העלדן אויף שווערדן, אַלץ בעסער אײדער זיי זאָלן שטאַרבן, ווי פליגן אויף פליגפאַפיר...

און זאָרגט זיך נישט וועגן די אלמנות און די יתומים.

אלמנות טרייסטן זיך זייער שנעל: פרעגט ביי שדכנים. און יתומים ווערן שנעל אַליין טאַטעס.

נידער מיט דעם רחמנות פון רחמנות־שוועסטער!

מלחמה — דאָס איז אַ העלדין, וואָס גייט פאַרויס דער מחנה.

שלום — דאָס איז אַ רחמנות־שוועסטער, וואָס גייט הינטער דער מחנה.

אַ דבורה הנביאה, אַ זשאַנאַ ד'אַרק געדענקען אַלע, קיינער אָבער געדענקט נישט די נעמען פון די מיליאָנען רחמנות־שוועסטער, וואָס האָבן געקליבן פאַר־וווּנדעטע אויפן שלאַכטפעלד.

תלמידים! קענט איר נישט גיין אויף מלחמה, האַלט מלחמה מיט זיך אַליין. מאַכט פון אייער האַרצן אַ שלאַכטפעלד פון געפילן. זאָלן יעדן טאָג פאַלן אייערע סאָלדאַטן.

אַזוי האָט גערעדט פאָמפאַדור.

ביליק און טייער

תלמידים, איך בין פאַר אַ יקרות.

אָנשטאָט צו מאַכן ביליקע פרייזן אויף לעבנסמיטלען, מאַכט בעסער טייע־רער דאָס לעבן אַליין!

אָ, איר קליינע און גרויסע רעפאָרמירער, קומט און הערט, וואָס פאָמפאַדור וועט אייך זאָגן וועגן ביליק און טייער!

ביליק — דאָס איז די געקויפטע ליבע פון פרויען.

ביליק — דאָס איז די טעגלעכע פרעסע, וואָס האָט געשאַפט דעם פעני־לעזער.

יקרות — דאָס איז עסטעטיק, דאָס איז די שיינע נשמה, וואָס פאַר איר איז גאָרנישט צו טייער.

אוי, די ביליקע פּרייזן פאַר אַלעמען, אוי, די דעמאָקראַטיע פון געפילן, ווי איך קען זיי נישט דולדן!

ביליקע פּרייזן אויף שפּייז — דאָס זענען ביליקע רעפאָרמען פון ביליקע נביאים. דאָס איז פאַרוואָסערונג, אָנשטאָט קונסט.

ביליק — דאָס איז דער נייער לעזער, וואָס באַנוגנט זיך מיט לייענען פון קינאָ־ליילעך, אָנשטאָט ביכער.

ביליק — דאָס איז די פּאָפּולערע מוזיק אין יעדן הויז, וואָס איז אַ „וווּנ־דערקינד" אין יעדן צימער, דאָס איז אַ פּיאַנע אויף יעדן גאָרן.

איך בין פאַר אַ גרויסן יקרות.

מאַכט אַ הויכן טאַריף אויף דער ליבע. און זאָלן זי קענען באַקומען בלויז די רייכע נשמות, די מיליאָנערן פון גייסט, די מלכים פון שיינקייט, די פּרינצן פון געפילן.

דער שאָדן פון ביליקער ליבע איז פיל גרעסער, ווי דער שאָדן פון טייערן צוקער.

ביליקע ליבע — הייסט ביליקע פּאָעזיע, ביליקע שטימונג.

אָן טאַריף איז די ליבע ביי די היינטיקע פּאָעטן, און דערום איז זי אַזוי ביליק ביים פאָלק.

אָ, איר ליבע־שאַכערער, איר ביליקע סוחרים פון פאַרנאַס, איר פּאָליטיקאַנען פון דער מוזע!

פאַרוואָס האָט איר געמאַכט פון דער ליבע אַ ביליקן אויספאַרקויף פון גראַמען, אַ קליין־קרעמעריי פון געפילן?

גיט מיר צוריק די סערענאַדע פון דעם אַמאָליקן פאַרליבטן אונטערן הויכן פענצטער פון זיין געליבטע, און נאָט אייך אָוועק די גאַנצע קאָרידאָר־ליבע פון אונדזערע זין און טעכטער!...

גיט מיר דעם ווייטיק פון איין פאַרליבטער נשמה פון אַמאָל, דעם חלום פון איין אַמאָליקער קליינשטעטלדיקער מיידל, און נאָט אייך אַלע שבועות, קאָמפּ־לימענטן און ליבע־פּליסטערניש פון אַלע טאַנצזאַלן פון דער גרעסטער וועלט־שטאָט!

מאַכט אַ הויכן שטייער אויף הייראַט, זאָל נישט יעדער מעגן פירן צו דער חופה זיין ביליקע נשמה.

זאָלן נאָר הויכע גייסטער זיך מעגן פּאָרן און געבוירן קינדער פאַר דער צוקונפט.

תלמידים, מיך אַרט נישט דער יקרות אויף האָבער. מיך קימערט נאָר דער זול אויף דער נשמה.

פון טייערן האָבער האָבן ליידן בלויז דורות פערד.
אָבער פון ביליקע הייליקייטן ליידן דורות מענטשן.
ביליקער צוקער — הייסט נאָך נישט פאַרזיסן דאָס לעבן.
ביליקער וואָל — הייסט נאָך נישט קליידער פאַר אַלעמען...
אָ, ווי איך האָב פיינט דעם זול אויף אַלע אונדזערע הייליקייטן!
נאָר דורכן טייערן וועג פון יקרות וועלן מיר קומען צום נייעם מענטשן!
אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

טאַנצן און טענצער

און פּאַמפּאַדור איז איינמאָל אין אַ ווינטער־אָוונט געקומען אויף אַ באַל און האָט, ווי זיין שטייגער איז, זיך געשטעלט אָן אַ זייט.

און פּאַמפּאַדור האָט געקוקט אויף די פּאָרלעך, וואָס האָבן זיך געדרייט אָן אַ טאָלק, און אייניקע מיידלעך האָבן איינגעלאַדן פּאַמפּאַדורן צום טאַנצן, נאָר ער האָט נישט געוואָלט.

און ווען זיי האָבן אים געפרעגט, פאַרוואָס טאַנצט ער נישט, האָט ער צו זיי אַזוי געזאָגט:

נישט קיין שונא פון טענץ שטייט דאָ פאַר אייך: פּאַמפּאַדור האַלט זייער פון טאַנצן.

טאַנצן — דאָס איז דער קערפּער־פליים, וואָס פאַרדעקט די פוילקייט פון גייסט.

טאַנצן פאַר אַ יונגנמאַן איז אַ גאָלדענע ווענטקע אין די הענט פון אַ גוטן פישער.

איך האַלט זייער פיל פון טאַנצן, אָבער איך קען נישט...

ליבע מיידלעך, ווייסט איר וואָס הייסט קומען אויף אַ באַל, זיין יונג און נישט קענען טאַנצן?

ליבע מיידלעך, אַן אומגליקלעכער איז פּאַמפּאַדור...

און ווען די מיידלעך זענען אַוועק פון אים, האָט ער צו זיינע תלמידים אַזוי געזאָגט:

די גאַנצע חכמה אין לעבן באַשטייט אין טאַנצן.

טאַנצן — הייסט זיין קלוג אין לעבן.

טאַנץ אַרום אַלץ, דריי זיך אַרום אַלץ, בויג דיין קערפּער, ווי אַ שלאַנג, בויג זיך, ווי אַ פּאָליטיקאַן ערב וואַלן, קלאַפּ צו מיטן פוס, וווּ מ׳דאַרף — און דו וועסט באַהערשן דעם באַל פון לעבן...

זיין אויף דעם באַל פון לעבן און נישט טאַנצן, הייסט פאַרלירן אַ געלעגנהייט צו געווינען...

טאַנצן גוט — הייסט יאָ אָנטרעטן און נישט אָנטרעטן אויף פרעמדע הינעראויגן...

טאַנצן — דאָס מוזן גוט קענען קלוגע פּאָליטיקער, געשייטע כלל־טוער און פעיִקע רעדאַקטאָרן...

טאַנץ אַלע טענץ, אַבי האָב דערפּאָלג!

טאַנץ אַליין, אין צווייען, אין קאַראַהאָד, — אַבי געווין חן.

צו טאַנצן אַליין אָבער מוז מען זיין שטאַרק.

טאַנצן אַליין — הייסט באַהערשן די מאַסן.

טאַנצן אַליין, הייסט געווינען אָדער פאַרלירן.

קענסטו דאָס — איז ווויל צו דיר! ווען נישט, גיי אין קאַראַהאָד!...

אַ קאַראַהאָד — הייסט פאַרברידערונג פון פיס, הייסט צוזאַמענגיסן דיינע חסרונות מיט די חסרונות פון כלל, באַטייט אָפּטמאָל דאָס פאַרדעקן פון די אייגענע חסרונות...

פאַל נישט אַרויס פון קאַראַהאָד, דערמיט שרייבסטו זיך אַליין אונטער דיין טאַנץ־אורטייל.

מעגסט האָבן אַ טראָט פון אַ בער, באַוועגונגען פון אַ אוראַנג־אוטאַנג, וועט מען דיך נישט קריטיקירן, ווען דו טאַנצסט מיט מיט אַלעמען...

אָ, פריינט מיינע, עס איז גוט צו טאַנצן!

אָ, פריינט מיינע, זייט מיר מוחל, וואָס איך קען נישט טאַנצן...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

שיכרות און שיכורים

און ס׳איז געווען פּורים צו דער סעודה, און די תלמידים זענען געווען אַ ביסל שיכורלעך און זיי האָבן פיל פראַגן פּאַמפּאַדורן געשטעלט.

און פּאַמפּאַדור האָט אויפגעהויבן אַ גרויס גלאָז ווייַן, אויסגעטרונקען מיט איין זופּ און האָט אַזוי געזאָגט:

תלמידים מייַנע, וואָס איז לעבן? לעבן איז אַ גיגאַנטישע פלאַש וויין... טרינקט ביז וואַנען איר קומט צום דעק...

לעבן איז שיכּרות.

לעבן איינזאַם — הייסט שיכּורן אַליין, ביחידות.

זיין אַ מענטש פון געזעלשאַפט — הייסט טרינקען בצבור.

שיכּרות — דאָס איז פאַרגעטערונג פון זאַכן, דאָס איז חסידות.

עכטע ליבע — דאָס איז 99־ער משקה: עס ברענט אין מוח, אין האַרצן!

אייפערזוכט — דאָס איז שיכּרות פון געזונטע מענטשן.

טרינקט, תלמידים מייַנע!

איך האָב זייער נישט ליב די צוביסלעך־זופּער, די פאַרבייסער נאָך יעדן זופּ, די אַריסטאָקראַטן פון שענק...

טרינקען — הייסט אַריינגיסן מיטאַמאָל, מיט איין זופּ און נישט פאַרקרימען זיך...

און משקה דאַרף זיין שטאַרק, שאַרף, ביטער; אמתער ספּירט מוז ברענען!

שוואַכע משקה, ווי שוואַכע פּאָעזיע, שטילט נישט דעם דאָרשט.

שוואַכע משקה, ווי ליבע פון אַן אַלטער פרוי, ברענט נישט.

און נאָך האָט פּאַמפּאַדור געזאָגט:

פרייַנט! טרינקט נישט פון גלעזל.

אַ גלעזל — דאָס איז אַ מאָס, אַ צוים פאַרן מויל; דאָס איז שקלאַפעריי פון טרינק־טיש.

טרינקט פון פלאַש און וואַרפט נאָכדעם די פלאַש צום באַלקן: דאָס איז פרייהייט, אָפּטימיזם, דער גאַלגאַן־הומאָר פון לעבן...

און צעבראָכן האָט פּאַמפּאַדור אַ גרויסע פלאַש און האָט אַזוי געזאָגט:

פרייַנט! טרינקט נישט, ווי ייִדן, און זוכט נישט קיין ספּעציעלע ימים־טובים אויף צו מאַכן אַ שנאַפּס.

טרינקט אין אַלע ימים־טובים און אין אַלע וואָכנטעג.

טרינקט אויף מרדכיס הצלה און המנס מפּלה! טרינקט אויף אייער אייגענער מפּלה!

ייִדן לעבן אויף נסים און טרינקען נאָר מיט נסים.

זייט, ווי גויִים, וואַרט נישט אויף נסים און טרינקט שטענדיק!

אַ שענק — דאָס איז די חופּה פונעם גליקלעכן הייראַטלאָזן.

געבענטשט זאָל מיר זיין די פלאַש שנאַפּס! — זי פירט צו פאַרגעסנקייט, און פאַרגעסנקייט איז די מוטער פון נייעם לעבן...

פאַרגעסן זיך — הייסט פאַרשיכורן די פאַרגאַנגענהייט און לאַכן צו דער צוקונפט...

אַ שיכור — דאָס איז אַ מאַן, וואָס גייט דורך זיין וועלט וואַקלענדיק און שאָקלענדיק זיין קאָפּ אין אַלע זייטן.

און נאָר דער, וואָס שאָקלט זיין קאָפּ אויף אַלע זייטן, איז אַ גליקלעכער!

זיין ניכטער — דאָס הייסט גיין גלייך. און גייסטו גלייך, האָסטו נאָר איין וועג פאַר די אויגן. און איין וועג איז ענגשאַפט פאַר דער נשמה.

שיכורן — דאָס הייסט פאַרזעצן דיווירקלעכקייט אין דעם לאָמבאַרד פון דער פאַנטאַזיע, — און נאָר די פאַנטאַזיע איז דער אוצר פון די קבצנים...

ניכטערקייט — דאָס איז דאָס געווער פון פרויען. די נאַטור האָט זיי באַשאַפן ניכטערע, כדי צו קענען פאַרשיכורן די מענער...

פרויען — ווילט איר גלייכע רעכט מיט די מענער, הייבט אָן שיכורן! נאָר זאָגט איר שענק וועט איר אייער רעכט באַקומען!..

און צעהיצט האָט זיך פּאַמפּאַדור און האָט אויסגערופן:

אַ, איר ניכטערע באַשעפענישן! לאַכט נישט פון די שיכורים, וואָס וואַלגערן זיך שיכורערהייט אין די גאַסן, כל־זמן איר קענט די ניכטערע קיין היים נישט געבן!..

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

תשובה און פאַרטיי־בעלי־תשובה.

און די תלמידים האָבן געפונען פּאַמפּאַדורן, זיצנדיק אויף אַ הויכן שטיין, אין איינעם פון די שטאָטפּאַרקן, און זיי האָבן אים געבעטן, אַזוי ווי איצט איז די צייט פון תשובה טאָן, זאָל ער זיי עפּעס זאָגן וועגן תשובה.

און פּאַמפּאַדור איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער און האָט געשוויגן.

אָבער די תלמידים האָבן אים אַרומגערינגלט און זיי האָבן געוואָלט וויסן, פאַרוואָס ער וויל נישט רעדן וועגן תשובה.

און פּאַמפּאַדור האָט זיי געהייסן זיך זעצן אַרום אים אויפן גרויסן שטיין, און ער האָט אַזוי געזאָגט:

תלמידים! ווייסט איר, פאַרוואָס איך וויל נישט רעדן פון תשובה? ווייל תשובה ווי צדקה, זענען טעכנישע מיטלען צו באַרויקן דעם אייגענעם געוויסן, און פּאַמפּאַדור האָט נישט ליב די געוויסן־באַרויקער פון אַלע סאָרטן.

דאָס, וואָס צדקה געבן איז פאַר רייכע רויבער און מיליאָנערישע וועלט־באַצווינגער, דאָס איז תשובה טאָן פאַר זעלן־אָרעמע און געפיל־קבצנים.

דער רייכער רויבער טיילט צדקה, און הערט נישט אויף צו רויבן און דער זעלן־אָרעמער טוט תשובה, און הערט נישט אויף צו קריכן אין בלאָטע.

ביידע, אי דער רייכער צדקה־געבער, אי דער אָרעמער תשובה־טוער, זע־נען פּחדנים, מענטשן, וואָס ציטערן פאַרן יום־הדין, און נאָכמער פאַר זייער הויט.

און פּאָמפּאַדור האָט פיינט פּחדנים, מעגן זיי אפילו זיין עכט פילאַנטראָ־פּיש און עכט מאָראַליש.

תשובה, ווי צדקה, זענען פּאַטענטירטע רפואות פאַר פוסטע נשמות. הכש־רים צו זינדיקן ווייטער. גוטע סחורה אין די הענט פון מאַרקשרייענדיקע הענ־דלער, ווייל גאַנץ ערלעכע מענטשן דאַרפן זיך נישט אויסקויפן נישט מיט תשובה, נישט מיט צדקה.

און פּאָמפּאַדור האָט געוואָרפן אַ שטרענגן בליק אויף זיינע תלמידים און האָט ווייטער גערעדט:

אַ שטענדיקער בעל־עבירה איז אַ מענטש אָן אויסגעהאַלטענער, און אויס־געהאַלטנקייט ביי עבירות איז שיין, — ווי סטיל אין שרייבן.

אַ שטענדיקער בעל־עבירה איז אַ מענטש מיט כאַראַקטער, מיט אַ האַרט האַרץ און אַ האַרטן נאַקן, און כאַראַקטער איז אַ פעלז אויפן פעלד. איר האָט פאַר אים דרך־ארץ, ווען אפילו איר קענט אויף אים נישט אָנשפּאַרן דעם קאָפּ...

אַ בעל־תשובה איז אַ מענטש אָן אַ רוקנביין, און אַ מענטש אָן אַ רוקנביין איז ווי אַ שרייבער אָן סטיל, — אַ נאָכמאַכער, אַ נאָכקרימער.

אַ בעל־תשובה איז אויך אַ מענטש, וואָס איז מיד געוואָרן פון זינדיקן, אָדער וואָס האָט פאַרלוירן די קראַפט צו זינדיקן, און מיד־געוואָרענע און קראַפט־לאָזע זענען גוטע איינוווינער פאַר מושב־זקנימס.

און פּאָמפּאַדור האָט זיך פאַרקוקט אויף דער פאַרגייענדיקער האַרבסט־זון און ער האָט אַזוי געזאָגט:

פריינט מיינע! פּאָמפּאַדור האָט ליב עקשנים, איינגעשפּאַרטע בעלי־עבירות, מענטשן, וואָס שיינען אויף זייער אופן ביז דעם אונטערגאַנג פון זייער זון...

פּאָמפּאַדור האָט גרויס דרך־ארץ פאַר די אלישע בן אבויהס, וואָס ווילן נישט תשובה טאָן.

וואָס איז תשובה? — תשובה איז אַ ווייכער שאָקל־שטול אויף צו פאַרשלע־פערן אויף דער עלטער דעם אויסגעשפּילטן „איך".

און וואָס איז זינד? — זינד איז אַ יונג פאַרשייט פערדל, וואָס פליט איבער וואַלד און פעלד, ביז עס ברעכט האַלדז און נאַקן.

תלמידים! פּאַמפּאַדור האָט נישט ליב קיין בעלי־תשובות, ווי ער האָט נישט ליב קיין גרים.

בעלי־תשובה, ווי גרים, זענען קליינהענדלער מיט גרויסע זאַכן.

בעלי־תשובה, ווי גרים, ווילן אנערקענונג פאַר זייער אָפּפער, לאַרבערקרענץ פאַר זייערע אויפטוואונגען, שטולן אין גן־עדן פאַר זייערע מעשים־טובים... און וואָס איז דאָס, אויב נישט קליינהאַנדל?

פּאַמפּאַדור זאָגט צום גר: פריינט, גאָטזוכער, קום נישט צו אונדז, מיר זענען נאָך אַליין אויך נישט זיכער, אויב ביי אונדז איז דער ריכטיקער גאָט.

פּאַמפּאַדור זאָגט צום בעל־תשובה: פריינט חרטה־האָבער! שטיי, ווו דו שטייסט, מיר האָבן נאָך נישט אונטערגעזוכט, צי אונדזער פּלאַטפאָרם איז די שטאַרקסטע.

און פּאַמפּאַדור איז אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער די תלמידים האָבן אים געבעטן, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן, און ער האָט געזאָגט:

תלמידים! מער ווי די שול־בעלי־תשובה האָב איך פיינט די פּאַרטיי־בעלי־תשובה.

פּאַרטיי־בעלי־תשובה — דאָס זענען אַנטלאָפענע מענער, וואָס קומען צוריק...

נאַריש איז אַנטלויפן פון דער ווייב (צו וואָס ביסטו פרי׳ער אַזוי געלאָפן נאָך איר?), אָבער נאָך נאַרישער איז דאָס קומען צוריק.

נאַריש איז דאָס אַנטלויפן פון דער אייגענער פּאַרטיי, אָבער נאָך נאַרישער איז דאָס קומען צוריק.

און דער עיקר: מיט פּאַרטיי־בעלי־תשובה, ווי מיט אַנטלאָפענע מענער, קען מען קיינמאָל נישט זיין זיכער.

צוריקגעקומענע מענער קענען ס׳רוב נישט בלייבן לאַנג אין דער היים און זיי אַנטלויפן ווידער.

און די מערסטע פּאַרטיי־בעלי־תשובה קענען נישט בלייבן ביי זייער ער־שטער תשובה.

און פּאַמפּאַדור איז אַראָפּ פון שטיין, האָט געדריקט זיינע תלמידים די הענט און זיי צום אָפּשייד אַזוי געזאָגט:

פריינט מיינע, איילט זיך נישט צו ווערן בעלי־תשובה! איילט זיך בעסער צו זינדיקן!

איר פרעגט, פאַרוואָס? ווייל זינדיקן הייסט געניסן פון לעבן, און געניוס

איז ראַנדעוווּ מיט דער בליץ־שווינדעגדיקער צייט, וועלכע מען טאָר נישט פאַרשפּעטיקן... אָבער תשובה־טאָן — דאָס קענט איר אפילו צען מינוט פאַרן טויט.

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור, און ער האָט פאַרלאָזט זיינע תלמידים.

טעאַטער און אַקטיאָרן

און די תלמידים האָבן געפרעגט פּאָמפּאַדורן, פאַרוואָס מען זעט אים אַזוי ווייניק אין טעאַטער?

און פּאָמפּאַדור האָט אַזוי געזאָגט:

תלמידים! פּאָמפּאַדור האָט נישט ליב טעאַטער, ווייל ער האָט ליב דאָס לעבן.

און טעאַטער איז נישט לעבן, נאָר מאַסקע, גרים, פאַרב און פאַלשקייט.

אויב טעאַטער איז אפילו דער שפּיגל פון לעבן, איז דאָס זייער אַ ביליקער שפּיגל.

פּאָמפּאַדור האַלט נישט פון טעאַטער.

טעאַטער — איז פאַר פּאָמפּאַדורן נישט קיין אמתע קונסט, און אַקטיאָרן זענען ביי אים נישט קיין אמתע קינסטלער.

אמתע קונסט — איז באַשיידן, שטיל, אַ ווינקל פאַר זיך אַליין.

אַן אמתער קינסטלער האָט פיינט אַן עולם, וואָס קומט אויף אים קוקן, ווען ער שאַפט...

אמתע קינסטלער שאַפן נישט אויף אַ שטאַרק באַלויכטענער בינע, נאָר ביים ליכט פון זייער אייגענער נשמה.

אמתע קינסטלער שאַפן פריִער פון אַלץ פאַר זיך אַליין.

וואָס נענטער די שאַפונג איז צום קינסטלער, אַלץ ווייטער איז דער קינסטלער פון עולם.

וואָס איז אַן אַקטיאָר? — פרעגט פּאָמפּאַדור.

און פּאָמפּאַדור ענטפערט: אין בעסטן פאַל איז אַן אַקטיאָר אַ מענטש, וואָס פאַרקויפט שטיקער טאַלאַנט אויפן פונט פאַר אַ מאַרק מיט מענטשן.

פּאָמפּאַדור האַלט נישט פון אַקטיאָרן.

דער גרעסטער אַקטיאָר איז קלענער אין די אויגן פון פּאָמפּאַדורן פון דעם קלענסטן פּאָעט.

ווייל דער קלענסטער פּאָעט שאַפט פריִער פון אַלץ — צו זעטיקן זיין אייגענע נשמה.

און דער גרעסטער אַקטיאָר שאַפט שטענדיק — צו באַפרידיקן דעם גרויסן עולם.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און ווײַטער גערעדט:

טעאַטער איז שונד.

שפּילן טעאַטער, ווי שרײַבן אַ שונד־ראָמאַן, הייסט ווען נעמען דעם עולם, הייסט זיך אַרונטערלאָזן צו זײַן מאַיעסטעט דאָס „ווערטע פּובליקום".

די שוישפּיל־קונסט איז פּריִער פאַר אַלץ קערפּער־קונסט. און די קונסט פון קערפּער איז קונצנמאַכעריש.

די שוישפּיל־קונסט איז געצילט פּריִער פון אַלץ פאַרן אויג, און דאָס אויג אין אַ מענטשן קען מען בלענדן.

די שוישפּיל־קונסט איז אַ קונסט, וואָס קומט פון אַ צווייטער האַנט — פון שרײַבער צום אַקטיאָר. און דאָס איז ווי אַ געליבטע, וואָס קומט צו אײַך נאָכדעם, ווי זי איז געלעגן אין די אָרעמס פון אַ צווייטן.

תלמידים, ווייסט איר, וואָס איז באמת טעאַטער און וואָס איז באמת אַן אַקטיאָר?

טעאַטער, ווי מלחמה, — אין בײַדע זוכט מען „העלדן", נישט קיין קינסטלער.

אַן אַקטיאָר, ווי אַ גענעראַל, — זוכט, דער עיקר, צו נעמען מיט שטורעם, זיך אויסצייכענען. ער ווענדט דערבײַ אַן אַלע סטראַטעגישע מיטלען.

אויף דער בינע פון טעאַטער, ווי אויף דער בינע פון מלחמה, איז דער עיקר דער מאָמענט: מען דאַרף וויסן, ווי אויסצונוצן דעם מאָמענט. מען דאַרף קענען נאַרן דעם „שונא", אים אָפּטאָן אַ שפּיצל, אים נעמען געפאַנגען.

און אַלץ, וואָס איז געבויט אויפן מאָמענט, איז נישט קיין קונסט.

טעאַטער־קונסט איז באַזירט אויף דער שנעלסטער שנעלקייט, עס דאַרף „קלאַפּן", עס דאַרף נעמען.

און דאָס אמתע לעבן, ווי די אמתע קונסט, איז אין לאַנגווײַליקייט און אפילו אין פוילקייט.

טעאַטער טאָר נישט לאַנגווײַליקן.

קונסט מעג.

יעדעס גרויסע קונסטווערק לאַנגווײַליקט. אַזוי ווי דאָס לעבן גופא.

טעאַטער איז אַ פאַרגעניגן, קונסט אַ טרויערדיקער חוב.

תלמידים! איר זענט אוודאי מקנא די אַקטיאָרן, די אַפּלאָדיסמענטן, וואָס זיי קריגן, אין דער צײַט, ווען אַ שריפטשטעלער זעט נישט זײַנע באַוווּנדערער?

פּאַמפּאַדור איז איבערצייגט, אַז טאַקע די אַפּלאָדיסמענטן — דאָס זענען די קבורה־רידלען פון דער טעאַטער־קונסט.

בעסער שאַפן אונטער די שטילע פליגלען פון דער איינציקער מוזע, איידער אונטער דעם אַפּלאָדיסמענטן־רויש פון אַ טויזנטקעפּיקן עולם.

פּאַמפּאַדור האָט מיטלייד מיט די אַקטיאָרן, וועלכע פאַרבן זיך אָפּ אַ לעבן, גרימירן זיך אָפּ די יאָרן און בלייבן מיט צעקנייטשטע פּנימער און פלעקן אונטער די אויגן.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור. אין יענער צייט איז ער נאָך נישט געווען קיין טעאַטער־קריטיקער.

נאָכאַמאָל וועגן מלחמה

און ס׳איז געווען אין סאַמע פלאַקער פון וועלט־מלחמה. און פּאַמפּאַדור איז געווען פאַרצווייפלט. און ער האָט אַזוי צו זיינע תלמידים געזאָגט:

תלמידים! אומזיסט זענען אַלע אונדזערע חלומות און דערוואַרטונגען: די וועלט וועט קיין שלום נישט האָבן. לאָמיר אויפהערן זיך שפּילן אין שלום־שפּיל.

תלמידים מיינע! אויך פּאַמפּאַדור ווערט אַ מלחמה־פּרעדיקער.

וואָס איז אַ וועלט פון שלום? — אַ וועלט פון שלום איז אַ וועלט פון גראָז־עסן און מילך־טרינקען.

וואָס זענען די נאָכפאָלגער פון ישעיה הנביא? — אויסגעמאָגערטע וועגע־טאַריאַנער, מילכיקע פילאָזאָפן און ווייבער, וואָס ווילן נישט פאַרלירן זייערע שפּייזער.

תלמידים, איך בין אַ פלייש־עסער!

צו וואָס זיך אַליין נאַרן? מלחמה — דאָס איז אַ נייטיקייט פאַר דער וועלט, ווי פלייש־עסן פאַר דעם איינצלנעם.

מלחמה — דאָס איז אַ געזונטער אַפּעטיט פון אַ געזונט פאָלק.

וועלט־מלחמה — דאָס הייסט עסן פלייש מיטן פולן מויל, זויפן בלוט מיטן פולן לעפל, — אַ ריזיק בראָטן פון מיליאָנען פוּ־ן סאָלדאַטן־פלייש, סערווירט פון דיפּלאָמאַטן.

און וואָס איז שלום? שלום הייסט זיין אַ בהמה, מעקען און לאָזן זיך מעלקן.

שלום — דאָס איז אַ דיעטע בלויז פאַר קראַנקע, שווינדזוכטיקע פעלקער, פאַר שוואַך־ברוסטיקע נאַציעס.

פּאַמפּאַדור איז איצט אַפילו פאַר אַ וועלט־קריג.

די וועלט מיט איר גאַנצער קולטור האָט ביז דער איצטיקער גרויסער וועלט־מלחמה אויסגעקוקט, ווי אַ מילכיקער רעסטאָראַן, פול מיט מאָגן־ליידנדיקע בטלנים.

אייראָפּע האָט צופיל פּראַקטיצירט וועגעטאַריאַניזם, סערווירט פון האָניק־דיפּלאָמאַטן און פוטערדיקע פרידן־שמירער.

איצט האָט דאָס וואָרט די פלייש־עסנדיקע חיה, דער גענעראַל מיט דעם ביינער־צעשמעטערנדיקן האַרמאַט, דער מענטש פון בלוטדורשט.

מענטשן! — רופט פּאָמפּאַדור — צו וואָס זיך מאַסקירן פאַר מענטשן? עפנט ווילד אויף אייערע אויגן, צעשפּרייט די נאָזלעכער און ווערט חיות.

מענטשן! קערט זיך אום צום וואַלד, צו אייער ערשטער, אמתער היים, פרעסט אויף איינער דעם צווייטן און רעוועט אויס אַ לויבגעזאַנג צום גאָט פון וואַלד!

די וועלט מוז איבערגעפאַרבט ווערן מיט בלוט!

וואָס איז געשיכטע? גאָרנישט!

בלוט — דאָס איז וועלטגעשיכטע.

וואָשט אָפּ דאָס בלוט פון די היסטאָרישע ביכער און עס וועלן בלייבן שמאַטעס, באַצוקערטע ליגנס און נאַרישע מעשיות פאַר אַלטע באָבעס.

בלוט — דאָס איז לעבן.

פּאָמפּאַדור זעט איצט די וועלט אין אַ בלוט־וואַנע און ער זאָגט:

פאַרגיסן בלוט — דאָס איז מענטשלעך פון אייביק עולם.

יעדעס גרויסע פאַרגעניגן ווערט געקויפט מיט בלוט־פאַרגיסונג.

ליבן שטאַרק — הייסט פאַרוווּנדן זיך.

ווערן מוטער — הייסט בלוטן.

בלוט — דאָס איז שאַפן.

אָן בלוט מאַכט מען צייטונג־אַרטיקלען, שלעכטע פּאָעזיע און וואַסערדיקע פילאָזאָפיע.

און צו וואָס די פוסטע רייד וועגן רחמנות?

רחמנות — דאָס איז אַ מפיל־קינד פון צדקה, וועלכע איז אַליין אויך אַ וויסטע קאַליקע.

רחמנות — דאָס איז אַ פילאַנטראָפיש ליליפוטפלאַסטערל, געלייגט פון קאַפּיטאַליסטישע רויבער־דאָקטוירים אויף דער גיגאַנטישער ווונד פון דער געזעלשאַפט.

און רעדט מיט מיר אויך נישט וועגן שלום־זוכער, די סאָציאַליסטן.

סאָציאַליסטן — דאָס זענען די זויגקינדער פון דער וועלט: זיי זויגן די דאַרע ברוסט פון שלום, ווייל זייערע ציינדלעך זענען נאָך צו שוואַך צו קייען פלייש.

גלויבט פּאַמפּאַדורן. זאָלן זיי נאָר עלטער ווערן און זיך זעצן ביים טיש גלייך מיט אַלעמען, און זיי וועלן אויך ווערן פליישפרעסער ווי אַלע.

תלמידים, פּאַמפּאַדור זעט די מיליאָנען מחנות סאָלדאַטן, וואָס זענען גרייט אויסגעהרגעט צו ווערן, און ער בלייבט רויק. אים אַרן נישט מער די גרויסע בוכשטאַבן פון די „עקסטרעס", אים קימערט נישט די גרויסע צאָל הרוגים.

מאַכן אַ גאַנצן בית־עולם אויפּאַמאָל איז דען נישט גלייכער, ווי מאַכן אַ מתים־שטאָט ביסלעכווייז?

תלמידים מיינע, זייט פליישפרעסער! איך בין פּאַר מענטש־חיה אויף דער וועלט, כל־זמן עס איז נאָך קיינעם נישט געלונגען צו מאַכן פון דער ערד אַן אַכטן הימל...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

דעמאָלט האָבן אים זיינע תלמידים אָנגעטראָפן גייענדיק אין דער ריכטונג פון וואַלד.

אייביקער הונגער און דערווייליקער נאַכטלעגער

און ס׳איז געווען אין די צייטן פון אַרבעטלאָזיקייט, ווען די אַרבעטלאָזע מחנות האָבן געשטורעמט די קירכן און געפאָדערט עסן און נאַכטלעגער, און פּאַמפּאַדור האָט זיך געשטעלט אויף אַ טרעפּל פון אַ קירך און ער האָט אַזוי געזאָגט:

תלמידים! פּאַמפּאַדור איז פּאַר אייביקן הונגער אויף דער וועלט!

פּאַמפּאַדור איז מיט אייך, איר אייביק־הונגעריקע.

הונגערן — דאָס איז נאָר די פּריווילעגיע פון קינסטלער, שיינקייט־זוכער און הימל־דערגרייכער.

ווילט איר דערגרייכן וואָס שנעלער דעם הימל, דאַן מוזט איר אייער גוף מאַכן לייכט, ווי אַ פייגעלע פון שטאָטישע פּאַרקן.

תלמידים! זייט שטענדיק הונגעריק נאָך עפּעס.

הונגערט נאָך ליבע, נאָך שיינקייט, נאָך מאכלים נישט געגרייטע און געטראַנקען נישט דערלאַנגטע.

ווייל נאָר הונגעריקערהייט קענט איר זיי דערגרייכן.

תלמידים מיינע, זייט קינסטלער!

און אויב ס׳איז אייך שווער צו זיין קינסטלער פון פּעדער און פון פּענזל, דאַן זייט, לכל הפּחות, קינסטלער פון נישט־עסן.

קינסטלער מוזן הונגערן.

זאַטע נפשות ווערן באַלעבאַטים פון בייכלעך און פון „ביכלעך״, אָבער נישט די הערשער פון נייע אמתן און נישט געבאַנק־ביכלטע חלומות.

זאַטקייט — איז דער טויט פאַרן שעפערישן גייסט.

ווען מ׳שלאָפט מיט אַ פולן מאָגן, קען מען אַפילו נישט חלומען פון בייגל מיט פּוטער.

דעם קינסטלערס בעט איז זיין שרייבטיש: נאָר דאָרטן ווערן געבוירן זיינע שענסטע חלומות.

דאָס פּוטער־געבעקס פונעם שיינקייט־זוכער זענען זיינע פאַנטאַזיעס.

שאַפן — דאָס הייסט הונגערן, דאָס זענען די אייביקע קראַמפּן פון דער נשמה.

תלמידים מיינע, זייט שאַפער און שטויסט די וועלט צום שאַפן!

אַ זאַטע מענטשהייט — דאָס הייסט אַ מענטשהייט פון בלויז מאָגן און אַפּפּירמיטלען.

פּאַמפּאַדור איז פאַר הונגער.

דער הונגער איז פאַר דעם גייסט דאָס אייגענע, וואָס דער קאָרסעט פאַר דעם פרויענקערפּער: ער מאַכט אים איידעלער.

פּאַמפּאַדור איז קעגן זאַטקייט.

זאַטקייט — דאָס איז זיכערקייט, און אַ פיינע נשמה טאָר נישט זיין זיכער.

אמתע פיינקייט — הייסט שטענדיק ציטערן פאַרן מאָרגן.

קינסטלערישע נשמות דאַרפן שטענדיק בלאָנדזשען און שטענדיק זוכן נייע נאַכטלעגערס.

אָ, איר היימלאָזע, זוכט נישט קיין היימען, נאָר נאַכטלעגערס!

גייט אַפילו אין די קירכן.

אַלץ איז בעסער צו לאָזן דאָרט איבערנעכטיקן אייער קערפּער, איידער צו טאָגן דאָרט מיט דער נשמה.

תלמידים, האַלט אין איין זוכן נייע היימען, אָבער געפינט נישט!

— געפינען נישט קיין היים! — רופט די קונסט צו דער קינסטלערישער נשמה.

תלמידים מיינע! פּאַמפּאַדור איז שטענדיק הונגעריק.

צענדליקער פרויען קענען נישט שטילן זיין גרויסן הונגער נאָך ליבע.

צו פּאַמפּאַדורן שמייכלען שטענדיק נייע היימען און ווינקען שטענדיק נייע ליבעס.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור, און איז אַרונטער פון טרעפּל.

באַנק-ביכלעך און געלט-שפּאָרעניש

תלמידים מיינע, שפּאָרט נישט קיין געלט!

דער רויקסטער קאָפּ איז דער געדאַנקענלאָזער, דאָס מונטערסטע האַרץ איז דאָס זאָרגלאָזע, און די זיכערסטע קעשענע איז די פּוסטע.

תלמידים מיינע, פאָלגט אייער פּאַמפּאַדורן, און הערט וואָס ער זאָגט אייך:

שפּאָרן געלט — דאָס איז די מאַמע פון איינגעשרומפּטן מאָגן, דער מיקראָב פון שווינדזוכט.

שפּאָרן געלט — דאָס איז דער קרבן פון אייער פאַרגעניגן, די לאָפּעטע ערד אויף אייער לעבנסלוסט, די תכריכים פאַר אייער זאָרגלאָזיקייט.

דאָס באַנק־ביכל ביים לעבן איז דאָס אייגענע, וואָס דער גן־עדן נאָכן טויט: ביידע ליגן אין די הענט פון באַנקירן און הענדלער מיט דער דומקייט פון פאָלק...

אָ, איר אָפּגעגאַרטע פון ביידע וועלטן! בויט נישט אייער גליק אויף שפּאָרן פאַר דעם מאָרגן. בויט אייער גליק אויף פאַרלעבן דעם היינט.

נאַראָנים! גיט אויס אייער גליק מיטאַמאָל. פאַרלעבט אייער געלט, ווי אייערע טעג: אַלצאיינס זענט איר באַנקראָט.

לאָכט פון דער צוקונפט!

די צוקונפט — דאָס איז אין בעסטן פאַל אַ באַנק־ביכל ביים באַנקיר „צופאַל".

אוי, די באַנק־ביכלעך און די חלומות פון צוקונפטיקע גליקן, ווי זיי נאַרן דעם מענטשן!

דאָס בעסטע באַנק־ביכל איז נישט מער, ווי אַ שטיק פּאַפּיר. און דאָס גרעסטע גליק איז נישט מער, ווי אַ געשריבענער ציפער.

בויען דאָס גליק פון לעבן אויף אַ באַנק־בוך איז דאָס אייגענע, ווי אויפהאַלטן דעם שלום־בית אויף אַ כתובה...

תלמידים! פּאַמפּאַדור איז לאַנג געקומען צום שלוס, אַז בעסער לייגן דאָס גליק ביי דעם לייכטפליגלדיקן „מאָמענט", איידער ביי דעם פעטבייכיקן באַנקיר.

אַ באַנקיר — דאָס איז אַ רויבער מיט אַ חשבון.

אַ באַנקיר — איז אַ ווייב אויף דאַטשע, זי לעבט אַ טאָג אויף אייער רעכענונג...

דער בעסטער באַנקיר איז נאָר דער טויטער, ווייל ער קען שוין אייער געלט נישט פאַרלעבן...

אַ באַנק — דאָס איז אונדזער פאַרמשכונט לעבן; עס עסט אויף דעם קרן מיטן פּראָצענט.

אַ באַנק — דאָס איז אונדזער האָפענונג, פאַרזעצט אויף קליינע פּראָצענטן.

אַ באַנק — דאָס איז דער מאָרגנדיקער טאָג, וואָס קען ברענגען אַ געלאָף אויף אַלע אייערע טרוימען...

די זיכערסטע באַנק איז די באַנק פאַרן הויז, אויף איר זיצט מען, אָבער זי זעצט נישט אָן.

תלמידים מיינע, שפּאָרט נישט.

האָבן אַ באַנק־ביכל הייסט זאָרגן פאַר אַ צוקונפט, באַזאָרגן זיך מיט אַ פרוי, אַרבעטן אַ גאַנצן לעבן און זיך אָפּשפּאָרן אַ הויקער.

אַ באַנק־ביכל — דאָס איז באַנקראָטירטע בחורשאַפט, אַ וואַטאָווער לייבל פאַר דער עלטער, וואָלענע זאָקן פאַר די רומאַטישע פיס.

תלמידים מיינע! יוגנט שפּאָרט נישט, יוגנט פאַרלעבט.

די איינציקע זיכערע קאַסע פאַר דער יוגנט איז די פרייד.

האָבן אַ באַנק־בוך — הייסט זיין פּראַקטיש. און פּראַקטישקייט איז די ערשטע באַנקראָטירטע פירמע פון דעם צוקונפט־מענטש.

די שיינע נשמה — זי איז אומפּראַקטיש.

די שיינע נשמה — זי איז די ברייטע נשמה.

די ברייטע נשמה — זי איז אַן אָרעם מיידל אין איין קליידל.

די שפּאָרנדיקע נשמה — דאָס איז אַ מיאוסע רייכע מויד, וואָס זוכט שידוכים דורך צייטונגען...

און פּאַמפּאַדור האָט גענומען אַן „עקסטרע"־מלחמה־צייטונג אין זיין האַנט און ער האָט צו זיינע תלמידים אַזוי געזאָגט:

שלום — דאָס איז אַ וועלט־באַנקראָט.

מלכים — דאָס זענען באַנקירן, וואָס שטעלן איין אין קאַמף די קעפּ פון זייערע דעפּאָזיטאָרן, די אונטערטאַנען.

סאָלדאַטן — דאָס זענען די זעלבע נאַרישע דעפּאָזיטאָרן, וואָס פאַרלירן שטענדיק.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט און נאָכדעם האָט ער ווידער גערעדט:

תּלמידים! שפּאָרט נישט אַפילו קיין דורכלעבענישן. מאַכט נישט פון אײַער נשמה קיין בוך מיט אַלטע חשבונות, מעגן זײַ אַפילו זײַן ליבע־חשבונות.

תּלמידים! שפּאָרט נישט קיין געלט ביסלעכווײַז, וועט איר עס נישט פאַרלירן מיטאַמאָל.

די צוקונפט פון נײַעם מענטשן געהער צום זאַרגלאָזן!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור. אין יענער צײַט האָט ער געזען די טויזנטער מענער און פרויען, וועלכע זענען געשטאַנען בײַ די צוגעשלאָסענע בענק און באַקלאָגט זייערע אָפּגעשפּאָרטע סענטן.

וואַרטן און האָפן

הײַנט, תּלמידים מײַנע, וויל איך מיט אײַך רעדן וועגן וואַרטן און האָפן.

איך ווייס, איר האַלט זייער פון דידאַקטיקע זאַכן, איז הערט, וואָס פּאַמפּאַדור וועט אײַך זאָגן:

וואַרטן — הייסט ווערן אַ שקלאַף צו דער צײַט.

און גליקלעך זענען די, וואָס הענגען נישט אָן זייער גליק אויף די ווײַזערס פון זייגער...

וואַרטן — דאָס איז די כּלי־זין פון דער האָפענונג, און האָפענונג — דאָס איז די אינקוויזיציע פון דער נשמה...

וואַרטן — איז אַפילו שלעכט אויף אַ געליבטער, און נאָך ערגער איז, ווען זי ווייסט, אַז איר וואַרט אויף איר: זי וועט דעמאָלט זיכער נישט קומען, כּדי אײַך צו פאַרשאַפן דאָס פאַרגעניגן פון וואַרטן...

וואַרטן — דאָס איז דאָס געוועער פון אַ פרוי, וואָס וויל אײַך באַקעמפן.

און אַ פרוי איז דער שטענדיקער שונא פון אײַער רויִקייט.

תּלמידים וואַרט נישט און האָפט נישט!

קומט איר אויף אַ ייִדישן קאָנצערט מיט אַ פּראָגראַם פון דערוואַרטונגען, וועט איר אַוועק אַנטוישטע.

גייט איר אין אַ ייִדישן טעאַטער מיט דערוואַרטונגען, וועט איר נאָך מער אַנטוישט ווערן.

עפנט איר אַ ייִדישע צײַטונג און דערוואַרט דאָרט עפּעס וויכטיקס צו געפינען, זעענט איר אַ שטימען־פון־פאָלק־שרײַבער.

דערוואַרט איר אַ טובה, אַ גמילות־חסד פון אַ חבר, ווערט איר עס געוויס נישט קריגן...

דערוואַרטונג — איז די מוטער פון ערגערניש און יאוש.

נישט וואַרטן — הייסט זיין דערפאַרן, שטעלן אויף זיך אַליין, הייסט גלויבן אין זיך אַליין...

האָפן — דאָס איז דאָס מפּיל־קינד פון אָפּטימיזם, — און אָפּטימיזם איז היינט בלויז אַ תּושב פון ווערטערביכער.

וואַרטן — דאָס איז אַ שוועסטער פון אָרעמקייט און אייזל־געדולד, — און צו וואָס זיין אַן אייזל?

לעבן באַטייט שפּרינגען, לויפן, זיין לייכטזיניק, קיינעם נישט טרויען, אויף גאָרנישט וואַרטן, טאַנצן דאָ מיט איינעם, דאָ מיט אַ צווייטן, ווי אַ פּאַרשייט מיידל אין טאַנצקלאַס...

לעבן איז — אַ נאַכט אין אַ האָטעל, אַ כאַפּ פון אַ בופעט, אַ שפּרונג אויף אַ פרעמדן באַל, אַ גלי פון אַ גלי־וואָרעם אין גראָז, אַ שאָקל פון אַ היטל ביים גריסן זיך, אַ ברען פון אַ שוועבעלע, אַ ציטער פון אַ פּאַרהאַנג. לעבן הייסט נעמען גלייך, אָן דערוואַרטונגען פון דער צוקונפט...

גלויבן אין דער צוקונפט — דאָס איז פּרנסה פאַר וואָרזאָגער און קאָרטן־לייגער.

שיין אין לעבן איז נאָר דער סיורפּריז, דאָס פּלוצלונג געקומענע.

צום ליבסטן איז אַ קוש, ווען דו כאַפּסט אים אומגעריכט, ערגעץ אין אַ פּאַרק, פון אַ ווילד־פרעמד מיידל...

וואַרטן אויף עמעצן איז נאָר גוט מיט אַ שלאָס אויף דער טיר.

אויב עס איז אייך שוין יאָ אַמאָל באַשערט צו וואַרטן אויף אַ פרוי, איז נאָר אין ראָג־גאַס לעבן אַ ווייַנקעלער. דאָרט וועט איר קענען פאַרטרינקען אייער אַנטוישונג, אויב זי וועט נישט קומען...

האָפענונג — דאָס איז אַ זעלבסטנאַרעריי. דאָס איז קאָרטנגעלט, וואָס איר דאַרפט ערשט געווינען... דאָס איז אַ שפּיל אין באַהעלטעניש מיטן בלינדן צופאַל...

תּלמידים, האַלט נישט קיין וואָרט, מאַכט נישט קיין ראַנדעוווס, אַפילו נישט מיט קיין אשת־איש, באַשטימט נישט קיין צייט מיט קיינעם נישט און און וועט זיין גליקלעכער...

תּלמידים מיינע, וואַרט נישט!

וואַרטן — דאָס איז דער משיח פון די נאַראָנים.

איך וויל נישט וואַרטן, — דאָס וועט זיין דער יובל־געשריי פונעם נייעם מענטשן.

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

פריינט און פיינט

און איינמאָל איז געקומען צו רייד וועגן פריינט און פיינט, און פּאָמפּאַדור האָט אַזוי געזאָגט:

תלמידים! פּאָמפּאַדור האָט ליב זיינע פיינט און האָט נישט ליב זיינע פריינט.

אַ פיינט רעדט אויף אייך פון אויסווייניק, טראַכט אויף אייך אויס בלבולים און נישט אַלע גלויבן אים.

אַ פריינט רעדט פון אינעווייניק, מיט אויטאָריטעט. ער איז באַקאַנט מיט אַלע סודות פון אייער שלאָפצימער, און אַלע גלויבן אים, ווייל מען ווייס דאָך, אַז ער איז אייערער אַ פריינט.

אַ פיינט רעדט אויף אייך אומעטום, צום שלעכטן, אָבער ער מאַכט אייך אַ נאָמען...

אַ פריינט פאַרשוויגט אייך מערסטנס, ווייל אַלע ווייסן דאָך, אַז ער איז אייערער אַ פריינט, און וואָס האָט ער וועגן אייך צו רעדן?...

פּאָמפּאַדור האַלט נישט פון פריינט.

אַ פריינט מוז מען שטענדיק גלעטן, אַנישט פאַרלירט איר זיין פריינטשאַפט.

אַ פריינט מוז מען אייביק לויבן, צי ס'איז דאָ פאַרוואָס, אָדער נישט, — ווען נישט, פאַרלירט איר זיין פריינטשאַפט.

אַ פריינט טאָר מען קיינמאָל נישט זאָגן דעם אמת: ער ווערט תיכף ברוגז. און איז נאָך אייער פריינט דערצו אַ באַרימטער מענטש, מוזט איר אים חנפענען פיר און צוואַנציק שעה אַ טאָג, אַנישט ווערט ער אייך אַ דם שונא.

פריינט זענען מערסטנס פּחדנים, וואָס ווילן אויסנוצן אייער שטאַרקייט פאַר זיך, ווילן זיך באַהאַלטן הינטער אייער רוקן, כדי די קויל פון אַ שונא זאָל אייך פריער טרעפן ווי זיי...

האָבן פריינט — הייסט האָבן אַ גרויסע הוצאה. אַ פריינט האָט חתונה, דאַרפט איר געבן דרשה־געשאַנק; ווערט ביי אים געבוירן אַ קינד, דאַרפט איר טראָגן אַ מתנה; פייערט ער אַ געבורטסטאָג, אַ יובילײ, אַ גאָלדענע חתונה, גיט ער אויס קינדער — באַטייט דאָס אַלץ מתנות און מתנות.

פּאַמפּאַדור

האָבן פריינט — הייסט אויך האָבן מענטשן, וועלכע איר מוזט לייען גמילות־חסדים אויף נישט צוריק צו קריגן.

וואָס הייסט פריינטשאַפט? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

און פּאַמפּאַדור ענטפערט:

פריינטשאַפט הייסט פאַרניכטונג פון זיך זעלבסט, פאַרקלענערונג פון די אייגענע כוחות, הייסט פאַרלאָזן זיך אויף אַ צווייטן, — און צו וואָס?

וואָס הייסט פיינטשאַפט? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

און פּאַמפּאַדור ענטפערט:

פיינטשאַפט הייסט פאַרשטאַרקן זיך אַליין, זיין שטענדיק קאַמפּסלוסטיק און מוטיק, פילן שטענדיק די אייגענע קראַפט.

און פּאַמפּאַדור איז אַנטשוויגן געוואָרן, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער ווייטער גערעדט:

פיינט — דאָס איז דער טערמאָמעטער פון אייער שטאַרקייט.

פריינט — דאָס איז די מעסטשנור פון אייער שוואַכקייט.

פּאַמפּאַדור זאָגט: זאָג מיר, מענטש, וויפל פיינט דו האָסט, און איך וועל דיר זאָגן, וויפל מאַכט דו באַזיצסט. און דאָס זעלבע זאָג מיר, וויפל פריינט דו האָסט, און איך וועל דיר זאָגן, ווי ווייט שוואַך דו ביזט...

תלמידים, אַנטלויפט פון פריינט!

האָבן איין פריינט איז נישט פּראַקטיש, האָבן אַ סך איז געפערלעך.

אַנטלויפט פון אַ הויזפריינט: ער ווייס, ווי איר לעבט מיט אייער פרוי, און ער וועט עס אויספויקען פאַר דער גאַנצער וועלט.

אַנטלויפט פון אַ פריינט, וואָס שלאָפט מיט אייך אין איין בעט: ער ווייסט, פון וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל אייער אונטערהעמד איז געמאַכט, און ער וועט אייך באַרעדן...

און די תלמידים האָבן געפרעגט פּאַמפּאַדורן: און וואָס איז מיט פרויען־פריינטשאַפט?

און פּאַמפּאַדור האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

די ערגסטע פריינטשאַפט אין דער וועלט איז די פרויען־פריינטשאַפט, ווייל זי קאָסט צום טייערסטן.

אַ פרוי איז נאָר דאַן אייער פריינט, ווען איר פאַרלירט אין איר שוין אייער פרייהייט.

פרויען־פריינטשאַפט הייסט פאַרשפּרייטן אַ חופּה איבער אייער קאָפּ און באַזאָרגן אייך מיט זאָרג.

פרויען האָבן קיינמאָל נישט ליב אומזיסט.

האָבן פרויען פאַר פריינט איז אַ סימן, אַז איר זענט אַ נאַריש ייִנגל, איז אַ צייכן, אַז איר קענט פון פרויען גאָרנישט געניסן, אַז אין אייערע אָדערן רינט „מאַראַל", אָנשטאָט בלוט, און אַז סוף כל סוף וועט איר מיט איינער פון זיי הייראַטן...

פאַרקערט, האָבן פרויען פיינט הייסט, אַז איר האָט געלעבט אַ טאָג, אויסגענוצט דעם מאָמענט און זיך דאַך אויסגעדרייט פון זייערע הענט און געבליבן אַ פרייער פייגל.

פּאָמפּאַדור גלויבט בכלל נישט אין פרויען־פריינטשאַפט.

אַ פרוי שטייט בלויז אין פריינטלעכער פאַרבינדונג מיט דער נאַטור, איז בלויז געטריי איר בלינדן אינסטינקט, וואָס באַפעלט איר: „האָב קינדער!"

אין פרויען־פריינטשאַפט גלויבן נאָר די, וואָס זענען געבענטשט מיט אַ פרויען־כאַראַקטער.

פּאָמפּאַדור האַלט פון פרויען־פיינטשאַפט.

אַ פרוי איז אַ פיינט דעם מאַן, אַנישט וואָלט זי אים געלאָזט אַרומלויפן פריי און זיך בחורן ביז דעם לעצטן האָר אויפן קאָפּ.

אַ פרוי איז אַ שונא דעם מאַן, אַנישט וואָלט זי אים נישט געצוווּנגען צו דינען די געהיימע צוועקן פון דער נאַטור און צו פאָלגן אירע בלינדע געזעצן.

אויב מען וויל שוין יאָ האַלטן פון פרויען־פריינטשאַפט, איז נאָר פון דער, וואָס גרענעצט זיך מיט איינבייען אַ קנעפּל און דערלאַנגען אַ ריין נאָזטיכל.

און פּאָמפּאַדור האָט געוואָלט גיין זיין וועג, נאָר די תּלמידים האָבן אים געבעטן, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן.

און ער האָט געזאָגט:

תּלמידים, ווילט איר וויסן, ווער עס זענען פּאָמפּאַדורס פריינט?

פּאָמפּאַדורס פריינט איז יעדער איינער, וואָס איז אים פאַרבייגעגאַנגען און נישט באַגריסט...

פּאָמפּאַדורס פריינט איז יעדעס מיידל, וואָס איז געזעסן אויף זיינע קני און האָט געהאַט געגוג טאַקט זיי צו לאָזן פריי פאַר אַ צווייטער...

פּאָמפּאַדורס פריינט זענען די פרעמדע, די גאַנץ ווייטע מענטשן, וואָס ער האָט זיי געזען דורך די פענצטער פון שנעל־לויפנדיקע באַנען.

פּאָמפּאַדורס אמתע פריינט זענען די שטילע העלדן פון לאַנג־פאַרגעסענע ראָמאַנען.

פּאַמפּאַדורס אמתע פריינט זענען די פרעמדע קינדער, וואָס שמייכלען אין אַ שיינעם פרילינגטאָג צו פּאַמפּאַדורן, נישט וויסנדיק, ווער ער איז.

תלמידים! פּאַמפּאַדור מאַכט זיך אַ האַלבן טוץ שונאים אַ וואָך, און ער איז צופרידן.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

שרייבן און לעזן

תלמידים, שרייבט נישט!

צו וואָס שרייבן? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

דאָס געשריבענע וואָרט דאַרף געבוירן ווערן, ווי אַ בליץ און טרעפן, ווי אַ דונער.

אָבער ביי אייך איז עס אַ צעקייט שטיק אייערבייגל און אַ זופּ לעבּ־לעכע טיי.

דאָס געשריבענע וואָרט דאַרף זיין, ווי אַ מעסער אין אַ וואונד.

אָבער ביי אייך איז עס, ווי אַ גאָפּל אין אַ טייגעכץ.

תלמידים! שרייבן — דאַרף הייסן פאַרגיסן בלוט: אייגנס און דעם לעזערס.

קענט איר פאַרגיסן דאָס בלוט פון לעזער — שרייבט! ווען נישט, פאַרקויפט רוסישן קוואָס.

אַ שרייבער דאַרף זיין אַ נביא פון שנאה, אַנישט זאָל ער בעסער ניאַנטשען קינדער.

די שרייבער־אַרענע דאַרף זיין, ווי אַן עשאַפאָט: קעפּ דאַרפן דאָרטן פאַלן, און די פעדער דאַרף זיין די גילאָטינע.

דאָס געשריבענע וואָרט דאַרף פאַלן, ווי פייערדיקע לאַווע פון אַ גיהנומדיקן ווולקאַן, פאַר וועלכן מענטשן שרעקן זיך, לויפן און ראַטעווען זיך מיטן לעבן.

אָבער אייער וואָרט איז סאָדעוואַסער, וועלכעס גיסט זיך פאַר אַ סענט און וועלכעס יעדער קען טרינקען...

אך, ווי איך האַס אייך, איר סתם־שרייבער און גלאַט־שמירער!

אַ געדאַנק דאַרף אָנשפּאַרן אין דער אייביקייט, דערפאַר דאַרף מען דענקען אַן אייביקייט און שרייבן אַ מינוט.

אָבער איר דענקט קיינמאָל נישט און שרייבט אייביק.

טינט ווערט פאַרוואַנדלט אין בלאָטע, ווען עס שטייט לאַנג אָפּגעדעקט אין טינטער.

און די נשמה פון אַ שרייבער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שפּייקעסטל, ווען זי שטייט טאָג־טעגלעך אָפּגעדעקט פאַרן לעזער.

אוי, ווי איך האָס אויך די סתם־לעזער און די שטענדיקע וואָרט־שלינגער!

תלמידים! נאָר צוויי מענטשן מעגן שרייבן: דער, וואָס האָט פיל איבערגעלעבט, און דער, וואָס האָט זיך איבערגעלעבט.

נאָר איין מענטש מעג לעזן: דער, וואָס לעזט די בלעטער פון זיין אייגענער נשמה יעדן טאָג.

גלאַט שרייבן, ווי גלאַט לעזן, איז אַ פאַרברעכן.

טראַכט אַ סך און שרייב ווייניק! — דאָס איז פּאָמפּאַדורס עצה צום שרייבער.

לעז ווייניק און טראַכט אַ סך! — דאָס איז פּאָמפּאַדורס באַפעל צום לעזער.

שרייבער! נעמט די פעדער אין האַנט נאָר דאַן, ווען איר קענט שוין מער נישט פאַרטראָגן די רייכקייט פון אייער נשמה.

אָבער צו וואָס שרייבן פון אָרעמקייט?

לעזער! נעמט נאָר דאַן אַ בוך אין האַנט, ווען איר קענט שוין אַליין נישט דענקען, אָבער צו וואָס לעזן פון לאַנגווייליקייט?

וואָס איז גאָטס וואָרט? — פרעגט פּאָמפּאַדור.

גאָטס וואָרט — ענטפערט פּאָמפּאַדור, — איז דאָס נישט־באַצאָלטע, דאָס אומזיסט־געשענקטע.

פּאָמפּאַדור קען נישט פאַרטראָגן קיין נביאים, וואָס מאַכן אַ לעבן.

שרייבן פאַר געלט — איז דאָסזעלבע, ווי אַרויספירן יעדן טאָג אייער געליבטע אויפן מאַרק.

שרייבן פאַר געלט — איז דאָס זעלבע, ווי פאַרקויפן פונטן בלוט.

שענקט אייער בלוט, ווען איר האָט עס צופיל, אויב פאַר אייך איז וויכטיק צו ראַטעווען עמעצנס לעבן, נעמט אָבער דערפאַר קיין געלט נישט.

תלמידים! שרייבט אויך נישט אין שטאָט פאַר די שטאָטישע לעזער.

אַ שטאָטישער לעזער וויל, אַז דער שרייבער זאָל אים פריילעך מאַכן, און אַ לעזער דאַרף מען גאָר פּייניקן.

גאָט מיינער! ווי מיאוס מיר איז דאָס שרייבן אין שטאָט.

פּאָמפּאַדור וויל שרייבן ערגעץ זיצנדיק אויף אַ שטיין.

פּאָמפּאַדור וויל שרייבן צופוסנס פון אַ גיגאַנטישן באַרג.

נאָר מאַלע וואָס פּאָמפּאַדור וויל!

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור. אין יענער צייט איז ער געווען פאַראורטיילט צו שרייבן יעדן טאָג.

פאמפאדור

נאכאמאל וועגן איינס און א סך

תלמידים, איך וויל מיט אייך רעדן פון איינס, און רעדן א סך.

איינס איז דער פאטער פון „מיין״, דער מיקראב פון פריוואט־אייגנטום, דער פאנצער פון מיאוסן עגאיזם...

מיין הויז — הייסט זיין א הויזבאזיצער; מיין פאבריק — הייסט זיין אן עקספּלואטאטאר. מיין פאלק הייסט ווערן א שאוויניסט; מיין ווייב — הייסט נישט אנערקענען קיין קווארטיראנטן.

די וואס האבן פיל צום אויסוואל, האבן מער צו פארלירן, און דערפאר זענען זיי אויך די גליקלעכסטע.

ליבט נישט איין פרוי, נאר ליבט א סך פרויען און איר וועט האבן די ליבע פון יעדער איינער: אזוי רופט די דערפארונג.

אפשטעלן זיך ביי איין פרוי — הייסט לייגן די ליבע אויפן טהרה־ברעט.

איין מאל ליבן — הייסט אייביק ליבן, — און אייביקע ליבע האבן אויס־געטראכט מיאוסע מיידלעך און שלים־מזלדיקע בחורים.

ווייל מיר האבן היינט אן איין־פרוי־סיסטעם, דערפאר האבן מיר אזוי פיל אנטלאפענע מענער.

ליבן איין פרוי — הייסט אויסדערוויילן זי פון א סך, און אלץ, וואס איז אויסדערוויילט, טויג נישט.

יידיש פאלק, זאג, ביסטו נישט אויסדערוויילט?

די געצנדינער זענען געווען פיל גליקלעכער ווי די איין־גאט־דינער: האט זיי איין גאט אפגענארט, האבן זיי געבעטן צו א צווייטן.

גלויבט נישט אין איין גאט!

גלויבן אין איין גאט — הייסט שרייען, אז נאר מיין גאט איז דער ריכ־טיקער, הייסט בויען א מזבח פאר דעם גרעסטן פון אלע געטער; דעם גאט פון פאנאטיזם.

געבענטשט זאל זיין דער דינער צו אלץ, דער פארהייליקער פון א סך, דער פילווייבערניק, ער איז דער שאפער פון כלבוניק, — און דער כלבוניק איז די פעיקסטע חיה פון מענטשן־מין.

ווארפט זיך אהין און אהער, זייט א פילזייטיקער, ווי די וועלט אונדזערע, וועלכע האבן פיר זייטן: מזרח, מערב, דרום און צפון...

מיט מזרח אליין קען די וועלט נישט אויסקומען, כאטש פון דארט שיינט שטענדיק די זון ארויס...

איינס איז סכנה!

אַ היינטיקער קעניג קען אַמאָל בלייבן אָן אַ שטעלפאַרטרעטער, ווייל ער האָט בלויז איין געזעצלעכע פרוי.

מיט שלמה המלך האָט דאָס נישט געקענט פּאַסירן...

זיין אַן איינצלנער אין דער געזעלשאַפט הייסט גיין קעגן דער געזעלשאַפט, דאָס הייסט, ווערן אַ זעלבסטמערדער.

אַליין גיין מוז מען נאָר דאַן, ווען דער וועג איז אַ שמאָל ברעטל איבער אַ טיפער בלאָטע.

אָבער דאָס לעבן איז צו ברייט פאַר דעם אַליינגייער.

גייט נישט אַליין, פאַרמישט זיך אין דער מאַסע און מ׳וועט נישט אַרויס־זען אייערע פעלערן.

עס מאַכט נישט, אויב איר קענט קיין איין זאַך נישט, אַבי איר קענט אַלץ. ווילט איר מאַכן אַ לעבן, מוזט איר אַלץ קענען.

מוזט איר קענען פייפן, זינגען, טאַנצן, שרייבן, מעקן, שמעקן, לעקן און קריכן אויף גלייכע ווענט.

אויב איר זענט אַ גוטער דיכטער, איז ווייניק, איר מוזט נאָך דערצו זיין אַ דעקלאַמאַטאָר, אַ פּאַיאַץ.

אויב איר זענט אַ קינסטלער, איז ווייניק, איר מוזט נאָך דערצו זיין אַ גוטער געשעפטסמאַן.

תלמידים, איין זאַך קען זיך קיינמאָל נישט באַצאָלן!

אַרבעט פאַר אַ סך: אַ סך אינסטיטוציעס, אַ סך צייטונגען, אַ סך אידעאַלן...

איין צאָן אין מויל איז אַ קללה, איין האַרץ איז אַן אומגליק; פּראַקטישע מענטשן מאַכן פון זייער האַרץ אַ סך הערצלעך, און זיי פילן ווייניקער.

דאָס איינציקע וואָס גאָט האָט גוט געטון מיטן איינס, איז דאָס, וואָס ער האָט געגעבן איין מויל דעם מענטשן; שטעלט זיך נאָר פאָר, וואָס פון אונדז, מענער, וואָלט געוואָרן, ווען די ווייבער האָבן צו צוויי מיילער...

איינס — הייסט האָבן איין פּנים, און מיט איין פּנים מוז מען זיך שעמען, און דעריבער איז גלייכער צו זיין אַ פילפּנימדיקער...

זייט אַלץ פאַר אַלעמען און גאָרנישט פאַר קיינעם!

דאָס איז דער ווונטש פון דעם צוקונפטמענטש.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

שווימען און באָדן זיך

תלמידים מיינע, האָט איר זיך שוין געבאָדן? זעצט זיך דאָ אויס אַרום מיין קאַווע־טישל, און זאָל זיך אייך דאַכטן, אַז עס איז אַ ים־ברעג פון קוני־איילאַנד און איך וועל מיט אייך רעדן וועגן שווימען און באָדן זיך.

תלמידים, ווילט איר זיין גליקלעך אין לעבן, פאַרלאָזט נישט דעם ברעג.

נישט פאַרלאָזן דעם ברעג הייסט ליגן אין וויכן זאַמד און שמייכלען צו די כוואַליעס, מיינט זיין אַ קינד און זיך שפּילן מיט זאַמד, בויען געביידעס פון זאַמד.

און גלויבט פּאַמפּאַדורן, אַז די קינדערשע זאַמד־הייזער זענען זיכערער, ווי די שטאַרקסטע שיפן אויפן ים.

תלמידים מיינע, אַנטלויפט פון ים!

ים — דאָס איז דער נישט געמאָסטענער אָפּגרונט, דאָס לאַכן אין פּנים דער זיכערקייט, דאָס שפּילן פון לעבן און טויט...

ים — דאָס איז דאָס ווילדע צאַפּלען זיך פון דער טיפער נשמה, דער וויי פון דער שיינקייט־זוכנדיקן גייסט, וואָס קען נישט געפינען קיין רו אין די ברייטסטע ברייטקייטן.

תלמידים! מאַכט נישט פון אייער לעבן קיין ים.

דאָס לעבן איז פאַר אייניקע אַ רויק טייכל; פאַר ווייניקע אַ וואַרעמע וואַנע; פאַר פיל אַ געמויזעכץ; אָבער נאָר פאַר געציילטע אַ ים.

און אַ שטים פון אַ געטרייער באַלעבאָסטע רופט צו אייך: קינדער! ווילט איר זיין צופרידן, מאַכט פון אייער לעבן אַ וואַרעמע וואַנע און נישט מער! אַנטלויפט פון ים!

ס'איז פיל זיכערער זיך צו וויגן אין אַ וויגשטול, איידער אויף די כוואַליעס פון ברייטע וואַסערן.

נאָר טאָמער איז אייך באַשערט זיך צו באָדן אין ים, פאָלגט פּאַמפּאַדורן און האַלט זיך ביים ברעג, לאָזט אייער פוס אָנטאַפּן דעם גרונט.

האַלט זיך ביים ברעג — דאָס איז די זיכערקייט פאַר אייער הויט. דאָס הייסט — זיין באַלעבאָס, האָבן אַ זיכערע היים, אַ געגרייטן טיש און אַן אויסגעבעט בעט.

אָבער אויף קיין פאַל, תלמידים מיינע, שווימט נישט!

שווימען — דאָס איז סכנה, גיין קעגן שטראָם, האָבן אַן אייגענע מיינונג.

שווימען — דאָס הייסט קומען אין קאַמף מיטן ווינט.

און קעמפן מיטן ווינט — דאָס איז היץ־קעפּיקייט, אידעאַליזם און הונגער. תלמידים, שווימט נישט אַפילו פּאָר אַ באַלוינונג.

דער עולם פון ברעג באַוווּנדערט טאַקע די כוואַליעס־באַקעמפּער, די קלאַפּטער־לייגער, די אַקטיאָרן פון וואַסער...

דער עולם פון ברעג האָט ליב אַ ספּעקטאַקל פון פרעמדער סכנה; דער עולם פון ברעג האָט ליב די נאַראָנים, וואָס שטעלן איין דאָס לעבן און ווערן דערטרונקען.

אָבער עס לוינט זיך נישט...

און פּאָמפּאַדור האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך פאַרטראַכט און ווידער געזאָגט:

אויף קיין פאַל לאָזט זיך נישט אַרונטער אונטערן וואַסער. פאַרטיפט זיך נישט אַפילו אין דעם ים פון אייערע אייגענע ליידן.

פלאַכקייט באַצאָלט זיך!

טיפע זאַכן האָט קיינער נישט ליב, אַ חוץ אַ טיפער קעשענע.

זאָל לעבן די אויבערפלאַך! — רופט די פּראַקטישקייט.

שווימט נאָר פון אויבן אויף, לייכט, לייכט; רירט און רירט נישט אָן דאָס וואַסער, און איר וועט האָבן דערפאָלג.

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור, און איז אַוועק נעמען אַ וואַנע.

אַ לויב־געזאַנג צום ווינט

תלמידים! פּאָמפּאַדור האָט ליב דעם ווינט און פאַרגעטערט דעם שטורעמווינט.

דער ווינט, ער איז דער פרייסטער איינוווינער פון דער ערד.

ער האָט נישט קיין פאָטערלאַנד און ווייסט נישט פון פּאַטריאָטיזם.

ער איז דער באמת גרעסטער אוניווערסאַל־בירגער.

דער ווינט — ער איז דער פרייסטער געדאַנק פון דער נאַטור, איר אומבאַשרענקטער ווילן, איר נישט רעדאַקטירטע ווערק.

דער ווינט — דאָס איז די גרעסטע ליריק פון דער ברייטסטער נשמה...

דער ווינט, ער איז דער טאַטע פון קינדערשרעק, פון שדים, וואָס פייפן, פון נישט גוטע, וואָס דרייען זיך אין דער לופטן.

און שרעק מאַכט דאָס לעבן שיין, גיט אים צו קינדערשן חן.

און פּאָמפּאַדור האָט אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם ווייטער גערעדט:

ווינט — דאָס איז פּראָטעסט. דאָס איז דער טייטש: נידער מיט טראַדיציע אַרונטער מיט אַלע צעפּוילטע דעכער!

פּאַמפּאַדור האָט פֿיינט די שטילע זעפֿיר־ווינטלעך, וואָס קרייזלען די פּיאות, די זיידענע ווינטלעך, וואָס גלעטן פּעטע באַקן פֿון שמאַלציקע פּרויען זומער אין די בערג.

שטילע ווינטלעך זענען שמייכלער, און שמייכלעריי האַסט פּאַמפּאַדור, אין וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם דאָס זאָל נישט קומען, צי אין דער פֿאָרם פֿון אַ לעק־קריטיק, אַ חניפה־רעדע, צי אין דער פֿאָרם פֿון אַ שטיל ווינטל, וואָס גלעט.

פּאַמפּאַדור האָט פֿיינט אַ מענטשן, ווי אַ פֿאַרשלאָפֿענעם טייך, וואָס פֿילט נישט דעם ווינטס שטאַרקע האַנט אויף זיין פּנים.

דער אמתער טייך איז ערשט דער, וואָס ווערט געכוואַליעט פֿון ווינט.
און טיפֿקייט איז ליידן, און ליידן זענען די ווינטן פֿון דער נשמה.
אַ טייך, וואָס איז רויק, איז נישט טיף, קען אים אַ קינד אַריבערגיין באָרוועס.
פּאַמפּאַדור איז פֿאַרליבט אין די צאָרנדיקע שטורעמווינטן, וואָס רייסן אויס הונדערטיאָריקעביימער מיטן וואָרצל, ברעכן איבער מאַסטביימער, שניידן איבער די שטאַרקסטע שטריק און פּיפֿן אין די אויערן פֿון די קינדער פֿון פֿרייען ים — די מאַטראָזן.

פּאַמפּאַדור האָט ליב דעם ווינט, וואָס רייסט די לאָדן פֿון פֿענצטער. ווען פּאַמפּאַדור זיצט ביי זיך אין צימער און רייסט אַרונטער די מאַסקעס פֿון פֿאַלשע געטער, דאַן פֿילט זיך פּאַמפּאַדור נישט איינזאַם: ער ווייסט, אַז הינטערן פֿענצטער דאָרט שטייט אַ חבר, וואָס פֿילט מיט.

פּאַמפּאַדור האָט ליב דעם ווינט, וואָס קלאַפּט אין די שויבן שפּעט ביינאַכט, ווען פּאַמפּאַדור זיצט מיט זיין געליבטער. דאָס מאַכט זיין געליבטע זיך פֿעסטער דריקן צו זיין ברוסט.

און ווען אַפֿילו דער שטורעמווינט צעקלאָגט זיך אַזוי שטאַרק און וועקט אים אויף אינמיטן נאַכט, אַרט עס אויך נישט פּאַמפּאַדורן.

ער באַנעמט דעם ווינט, דעם וועקער אָן אַ ציל, דעם שלאָפֿרויבער אָן אַ פֿאַרוואָס און אָן אַ פֿאַרווען...

און ווען דער צפֿון־ווינט פֿרירט יעדן גליד און קילט יעדן אָטעם — אויך דאַן לאַכט פּאַמפּאַדור.

דער צפֿון־ווינט איז פֿאַר פּאַמפּאַדורן דער שטאַרקסטער סאַטיריקער און קאַלטבלוטיקסטער וועלט־אויפֿטרייסלער.

פּאַמפּאַדור האָט ליב דעם ווינט פאַר זיין שטאָלצן גיין אויפן וועג, וואָס ער האָט אויסגעקליבן.
אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

ציל און צוועק.

און ס'איז געווען אין די ערשטע טעג פון פרילינג, און פּאַמפּאַדור האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ צו דער זון און האָט אַזוי געזאָגט:

תלמידים! אויב פּאַמפּאַדור האָט ליב דעם פרילינג, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל ער איז אָן אַ דרך, ווי פּאַמפּאַדור.

און פּאַמפּאַדור טרוימט פון אַ וועלט אָן אַ ציל.

זיין אָן אַ ציל — דאָס הייסט פאַר פּאַמפּאַדורן — טרוימען אָן אַ שיעור, אָן אַ צוועק, אָן אַ גרענעץ און אָן אַ מאָס.

זיין אָן אַ ציל — דאָס הייסט פאַר פּאַמפּאַדורן — שאַפן אויף דער ערד אַן אייביקן פרילינג...

פּאַמפּאַדור האָט ליב דעם הימל אין פרילינג, ווייל ער הענגט גלאַט אַזוי זיך...

פּאַמפּאַדור האָט ליב די זון אין פרילינג, ווייל זי לייכט סתם אַזוי זיך און אַרבעט נישט פאַר קיין סאָדעוואַסער־געשעפטן, ווי אין זומער.

פרילינג — דאָס איז דער נאַטורס נישט געדרוקט ליד, גאָטס נישט פאַר־קויפטע פּאָעמע, דער ווונק צו אייביקער אַרבעטלאָזיקייט און אייביקן פוילן זיך אויף דער וועלט.

פרילינג — דאָס איז דער פרייער קוש פון דער נאַטור אָן מחותנים, עדות און חתונה־רינגלעך...

פרילינג — דאָס איז לעבן אין בלאָנדזשען און בלאָנדזשען אין טרוימען...

תלמידים! פרילינג — דאָס איז דער נאַטורס פרייע ליבע מיט הימל, ערד און מענטשן, בעת אָסיען איז דער סימבאָל פון הייראַט, פליכט און היים.

פּאַמפּאַדור איז מיט אַלע ציללאָזע און צוועקלאָזע.

צוועקלאָז — איז דאָס געזאַנג פון נאַכטיגאַל, דער גלאַנץ פון די שטערן, די בלויקייט פון הימל, דער דופט פון די בלומען, דאָס מורמלען פון זילבער־קוואַל, דאָס שרייבן פון אָנפאַנגער.

צוועקלאָזיקייט — דאָס איז לערנען גלאַט אַזוי זיך, כדי צו זוכן דעם אמת און אים נישט געפינען...

פּאַמפּאַדור

די שענסטע שעהן זענען די צוועקלאָזע, די נישט גערעכנטע, די נישט געזייגערטע.

פּאַמפּאַדור האָט פײַנט דעם ציל פון די צילבאַוווסטע!

ציל — דאָס הייסט ווערן פעט און זיין צופרידן מיט דער פעטקייט.

ציל — דאָס איז אַ צאַם אַרום לעבן: ווייטער גיין טאָרסטו נישט...

אָן אַ ציל — דאָס איז אַ שפּרונג איבערן צאַם, אַ קוליע זיך אינדערלופטן, נישט אַכטנדיק אויף די געפּרעסטע קליידער.

אָן אַ ציל — דאָס איז אַ וועג אַ ברייטער, אָן טראַמוויי־געלט און אָן קאָנדוקטאָרן, אַ וועג, וואָס פירט ווייטער פון אַלע ווייטקייטן.

ציל — דאָס איז אַ ראָמאַן אָן אַן ענדע. און דער בעסטער ראָמאַן איז דער נישט געענדיקטער, דער, וואָס איר קענט אַליין פאָרזעצן.

תלמידים מיינע, זייט ווי די נאַטור! זי, די נאַטור, איז ציללאָז אין איר שלעכטסקייט, ווי אין איר גוטסקייט.

אמתע נאַטירלעכע שיינקייט איז אָן אַ ציל, כאָטש זי טרעפט אין ציל.

שיינקייט מיט ציל איז די שיינקייט פון פּודער־קעסטל און פאַרב־פלעשל...

קומט אַהער, איר צילבאַוווסטע, איר שונאים פון פרילינג און צוועקלאָזי־קייט, און איך וועל אייך פרעגן, צו וואָס לעבט איר און צו וואָס צילט איר, אויסער די צילן, וואָס איר האָט שוין אויסגעצילט!

פּאַמפּאַדורס ציל איז צילן ווייטער פון יעדן ציל...

אָ, איר צוועקלאָזע און ציללאָזע יאָרן מיינע, לויפט אייך, ווי פרילינג־ווינטן אויף קאָרנפעלדער און ברענגט מיך אַלעמאָל צו נייע פרילינגס און נייע זונען...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

מיט ווייב און קינד אין טאל

וויגן און יועקן

און די תלמידים זענען איינמאָל געקומען צו פּאַמפּאַדורן און אים געפונען פאַרוויגנדיק זיין קינד.

און די תלמידים האָבן אַלע אין איין קול אויסגערופן: זעט נאָר, זעט, פּאַמ־פּאַדור וויגט גאָר קינדער! פּאַמפּאַדור אין דער ראָלע פון אַ ניאַנקע! ווי קומט אַזאַ זאַך צו פּאַמפּאַדורן! ווי פּאַסט עס אים גאָר?

און פּאַמפּאַדור האָט אָפּגעמאָסטן זיינע תלמידים מיט זיין שאַרפן בליק, האָט אַ שמייכל־געטון, און נישט אויפהערנדיק וויגן, אַזוי געזאָגט:

תלמידים! פּאַמפּאַדור האַלט זייער פון וויגן.

וויגן איז די העכסטע פילאָסאָפיע פון אַלע פילאָסאָפיעס.

אַלע פילאָסאָפיעס צעטומלען, רעגן אויף און שטעלן נישט צופרידן. אָבער די וויג־פילאָסאָפיע גיט רו און שלאָף און שטעלט כאָטש צופרידן אַ וויגקינד.

אויב אַלע לעבנפילאָסאָפיעס זענען שאָקלדיק און וואַקלדיק אין זייער גרונט, איז אַ וויגעלע שאָקלדיקער פון זיי.

די תלמידים מיינען, אַז וויגן איז אַ קלייניקייט, אָבער פּאַמפּאַדור ווייס, אַז עס איז גאַנץ אָפט פיל לייכטער צו פאַרוויגן דעם אייגענעם געוויסן, ווי פאַרוויגן אַ קינד, וואָס שרייט זיך פאַנאַנדער אינמיטן דער נאַכט.

ס׳איז אָפט פיל שווערער צו פאַרוויגן אַ קליין שרייערל, ווי אויפצוּוועקן אַ גאַנץ הויז.

ס׳איז בכלל שווער צו פאַרוויגן, ווי שווער צו באַרויקן.

תלמידים! פּאַמפּאַדור האַלט אַפילו מער פון וויגן און פאַרוויגן, ווי פון וועקן.

וויגן — דאָס הייסט טרייסטן און געבן רו (און נישט אַלע קענען עס!) אין דער צייט, ווען מיר אַלע קענען מאַכן אַ טומל און רויבן ביי יענעם די רו.

וויגן — דאָס הייסט געבן כאַטש באַרויקונג פון איין געשריי ביזן צווייטן, און וואָס קענען מיר נאָך געבן אונדזערע מיטמענטשן?

פאַרוויגן — דאָס איז שטילע שאַפונג, דעריבער ריינע קונסט.

וועקן איז אין בעסטן פאַל, פּראָפּאַגאַנדע, טענדענציעזע אַרבעט, — און דאָס איז ווייט פון קונסט.

פאַרוויגן — דאָס איז די לערע פון בודא, דאָס ברענגען צום שענסטן געמיט־צושטאַנד.

וועקן — דאָס הייסט אָנזאָגן וועגן אַ גנבה, אַ שריפה, אַ רציחה.

וועקן — דאָס קען יעדער גאַסנמענטש.

וועקן — דאָס קען אַפילו אַ פּראָסטער וועקזייגער, כדי אָבער צו פאַרוויגן, דאַרף מען האָבן אַ מענטשן.

און פּאָמפּאַדור האָט געשיקט זיין פאַרחלומטן בליק ערגעץ ווייט־ווייט, און האָט ווייטער גערעדט:

אָרעמע תלמידים מיינע! איר ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז צו פאַרוויגן אַ קינד.

און הלוואי וואָלט פּאָמפּאַדור געקענט פאַרוויגן גאַנצע דורות. אַ שאָקל אַהער, אַ שאָקל אַהין, און די מענטשהייט זאָל זיך באַרויקן. דאָס וואָלט געווען אַן אויפטו!

און מיינט נישט, אַז גרויסע און דערוואַקסענע דאַרף מען נישט וויגן.

פּאָמפּאַדור זאָגט: גרויסע דאַרף מען נאָכמער וויגן, ווי קליינע. אוי, נייטיקן זיי זיך גאַנץ אָפט, די דערוואַקסענע חכמים, אין אַ וויגעלע און אין פאַרוויגער, נאָר זיי שעמען זיך און זיי בלייבן אומגליקלעך.

און פּאָמפּאַדור האָט אַריינגעקוקט אין דעם וויגעלע, וווּ ס׳איז געלעגן זיין פאַרוויגט קינד און ער האָט פאַרגעזעצט:

פריינט מיינע! ווי שיין עס איז דאָס קינדערוויגעלע!

דאָס איז די איינציקע היים, וואָס אַ מענטש האָט אינגאַנצן פאַר זיך אַליין, אָן שותפים.

דאָס איז דאָס איינציקע וועלטל, וואָס מען פאַרלאָזט מיט פרייד און ליבע. און שיין איז אויך דאָס וויגליד.

דאָס וויגליד, דאָס איז דאָס איינציקע אינטערנאַציאָנאַלע ליד, דאָס באמת פאַרשטענדלעכע פאַר אַלעמען.

איר האַלט זייער פון דער מאַרסעליעזע, איך נישט אַזוי. די מאַרסעליעזע וועקט צום קלאַסנקאַמף, צו פאַרביטערונג, — און דאָס וויגליד איז אַ הימן פאַר פרידן און רויִקייט.

די מאַרסעליעזע איז אַ ליד, וועלכעס ווערט פאַרטויבט פון דער קלאַפּעריי פון מענטשנטריט און פערדנטריט.

דאָס וויגליד איז אַ שטיל היימליד, געזונגען אין דער שטילקייט פון שלאָפּ־צימער.

מוטערס! איר דאַרפט זיין שטאָלץ, וואָס איר וויגט און פאַרוויגט אייערע קינדער!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

שטויב און פאַמיליענלעבן

און ס׳איז געווען אַ יאָר נאָך פּאַמפּאַדורס חתונה, און די תלמידים האָבן געטראָפן פּאַמפּאַדורן, זיצנדיק אַן אומעטיקן ביי זיך אין הויז.

אין הויז איז געווען ריין און שיין. דאָס נייע טייערע מעבל האָט געשיינט, נאָר די פענצטער זענען געווען פאַרמאַכט און די שטאָרן אַרונטערגעלאָזט.

און די תלמידים האָבן זיך געווענדט צו פּאַמפּאַדורן, ער זאָל רעדן וועגן פאַמיליע־לעבן.

און פּאַמפּאַדור האָט געענטפערט: געוויס, נאָר פריִער מוז איך עפּעס באַזאָרגן.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך געווענדט צו זיין יונגער פרוי און איר אַזוי געזאָגט: ליב ווייב מיינס! גיי אַרויס אויף אַ ווײַלע, לאָז מיך מיט מיינע תלמידים אַליין, ווייל איך וויל איצט רעדן וועגן פאַמיליע־לעבן, און די קליינע פרויען־אויערן קענען נאָך קיין פריי וואָרט וועגן פאַמיליע־לעבן נישט אויסהערן, ווייל נאָך איז אַ פרוי נישט פריי גענוג.

און ווען די פרוי האָט געפאָלגט פּאַמפּאַדורן און האָט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל פאַרלאָזט דעם זאַל, האָט פּאַמפּאַדור אַזוי געזאָגט:

תלמידים! איר זייט אוודאי מקנא פּאַמפּאַדורן, וואָס אַלץ אַרום אים פינקלט און גלאַנצט, וואָס אַ דייטשישע ריינקייט רינגלט אים אַרום און קיין ברעקעלע

שטויב איז נישט צו מערקן אויפֿן מעבל, אָבער פּאָמפּאַדור איז זיך אַליין נישט מקנא.

ווען מען וואָלט אייער פּאָמפּאַדורן איצט געגעבן די ברירה אויסצוקלייבן: דאָס ריינע פֿאַמיליע־לעבן אָדער דעם בחורשן שטויב, וואָלט ער זיכער אויס־געקליבן דאָס לעצטע.

ווייל וואָס איז פֿאַמיליע־לעבן? — פֿרעגט פּאָמפּאַדור.

פֿאַמיליע־לעבן איז אַ שטענדיק היטן זיך פֿון שטויב, וואָס קומט פֿון אויסנ־ווייניק, און אַן אייביקע תפיסה פֿון אינעווייניק.

בעת בחורשאַפֿט הייסט אָפֿענע פֿענצטער, לופֿט און פֿרייהייט פֿון אינעווייניק ווי פֿון אויסנווייניק.

פּאָמפּאַדור האַלט זייער פֿיל פֿון בחורשאַפֿט.

און פּאָמפּאַדור האַלט, אַז שוין בעסער שטויב מיט אָפֿענע פֿענצטער, איי־דער מוסטערהאַפֿטע ריינקייט מיט פֿאַרשטיקטע לונגען.

בחורשאַפֿט — הייסט לייג זיך, ווו דו ווילסט, און זעץ זיך, ווו דו ווילסט, יעדער פּאָזע איז אַנגעלייגט!

פֿאַמיליע־לעבן — הייסט פֿאַרקויפֿן זיך פֿאַר אַ שקלאַף צו פֿיין־געשניצטע טישן און שטולן.

בחורשאַפֿט — הייסט לעבן פֿאַר זיך אין איין צימער מיט איין פֿענצטער און איין טיר.

פֿאַמיליע־לעבן — הייסט האָבן אַ סך צימערן — פֿאַר מעבל... אַ סך טירן און קיין פֿרייען אַרויסגאַנג.

בחורשאַפֿט — הייסט אַ טיש אַ פֿאַרלייגטער מיט ביכער, אַ באַדעקטער מיט שטויב, אַ טינטער פֿול מיט שפּינוועבס, אַ שטול אָפּט אַ צעבראָכענע, — אָבער אַ קאָפּ אַ ריינער.

פֿאַמיליע־לעבן — הייסט אַ זויבערער טיש, אַ ווייכע שטול, — אָבער אַ קאָפּ אַ פֿאַרטשאַדעטער.

וואָס איז די נשמה פֿון פֿאַמיליע־לעבן? — פֿרעגט פּאָמפּאַדור.

און פּאָמפּאַדור ענטפֿערט:

די נשמה פֿון פֿאַמיליע־לעבן איז אַ האַז, וואָס ציטערט אָפּ אַ לעבן לאַנג.

מען ציטערט, דאָס ווייב זאָל נישט אַנטלויפֿן מיט אַ יינגערן, אַ שענערן, אָפּט אַ מיאוסערן; מען ציטערט, מען זאָל נישט האָבן צופֿיל קינדער; מען צי־טערט איבער די שוין־געהאַטע קינדער; מען ציטערט איבער דער הכנסה; מען

ציטערט איבער דער הוצאה, און דער עיקר, מען האַלט אין איין ציטערן איבער דעם נייעם מעבל, קיין שטויב זאָל עס נישט אויפעסן.

וואָס איז אַ גוטע באַלעבאָסטע? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

און פּאַמפּאַדור ענטפערט:

אַ גוטע באַלעבאָסטע איז נישט די, וואָס היט דעם מאַן, נאָר וואָס היט דאָס מעבל.

וואָס איז אַ גוט ווייב? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

און פּאַמפּאַדור ענטפערט:

אַ גוט ווייב איז נישט די, וואָס היט דעם מאַנס נשמה זאָל נישט פאַרוועלקן, נאָר די, וואָס היט דאָס הויז פון בערג שטויב, וואָס פאַלן.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און נאָכדעם ווייטער גערעדט:

תלמידים! איילט זיך נישט איינצושפּאַנען אין שפּאַן פון דעם פאַמיליע־וואָגן! און אויב איר טוט עס שוין יאָ, ווינט אין איין צימער און קויפט נישט קיין מעבל. און קויפט איר שוין יאָ מעבל, היט זיי נישט פון שטויב.

תלמידים! האַלט פאַרהאַקט די פענצטער פון אייערע צימערן, אויב איר ווילט האַלטן פון פאַמיליע־לעבן!

אַזוי האָט געזאָגט פּאַמפּאַדור.

טאָג און נאַכט

און ווידער איז געקומען דער האַרבסט, און ווידער זענען לענגער געוואָרן די נעכט. און פּאַמפּאַדור איז ווידער באַגייסטערט געוואָרן פאַר דער נאַכט, און ער האָט אַזוי געזאָגט:

תלמידים! פון אַלע מיינע ליבסטע פון דער נאַכט ליב איך אַמשטאַרקסטן די נאַכט אַליין.

נאַכט — איז ליבע־פליסטער, רו און שטילע תפילה.

טאָג — איז קנאה־שנאה, געפילדער און קללות.

נאַכט — איז הכנסה.

טאָג — איז הוצאה.

די כוחות, וואָס מיר קלייבן אָן דורך די נעכט, פאַרשווענדן מיר דורך די טעג, און צו וואָס פאַרשווענדן אומזיסט?

נאַכט איז דער טייטש: חלום, ווי אַ קינד!

טאָג — הייסט: באַטריג, ווי אַ גרויסער!

נאַכט איז די דערפינדערין פון דעם בעט. און דאָס בעט איז דאָס געבורט און ווידערגעבורט פון מענטשן.

נאַכט, צוגלייך מיט דער ליבע, וועלכער זי דינט צום געטרייסטן, איז די באַזיצערין פון צויבער און סודות, — דערפאַר איז זי אַזוי טיף, ווי די ליבע.

גרויס איז דער כוח פון דער נאַכט!

איבערנאַכט וואַקסט אַ מענטש אויס און ווערט רייף.

איבערן טאָג ווערט ער אָפט קלענער...

איבערנאַכט ווערט אַ מענטש אַפילו גרוי. איבערן טאָג ווערט ער בלויז פאַרשוואַרצט.

איבערנאַכט פאַרלירט אַ מענטש אַ גלויבן און געפינט אַ נייעם.

פריינט מיינע! באַזינגט מיט מיר צוזאַמען די נאַכט, ווייל אויב מיר זענען נאָך נישט קיין פאַרקויפטע שומרים, געהערט די נאַכט צו אונדז און דער טאָג איז נישט אונדזערער.

אין דעם ליכט פון טאָג זענען מיר פאַרקויפטע צו שקלאַפן־טרייבער, זיצן מיר און אַרבעטן פאַר פרעמדע.

אָבער די נאַכט ברענגט אונדז אַהיים, ווען אַפילו די היים איז נישט מער ווי אַ פלאַץ פאַר אַ צעבראָכן בעט.

טאָג — איז זון. און זון באַטייט: מענטש, שעם זיך! און שעמען זיך איז דאָס ווייכסטע קישעלע פאַר מיאוסע מעשים.

נאַכט — הייסט אַראָפוואַרפן פון זיך די בושה צוזאַמען מיט די קליידער. און נאָר ווען מיר זענען נאַקעט, הייבן מיר אָן באמת פאַרשטיין דעם זין פון זינד און ליבע.

טאָג — איז אויך קנעכטשאַפט צו דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, שקלאַפעריי צו דעם, וואָס יענער וועט זאָגן.

נאַכט — איז רעספּעקט פאַר זיך אַליין.

און פּאָמפּאַדור איז אַלץ מער און מער באַגייסטערט געוואָרן, און ער האָט אויסגערופן:

געבענטשט זאָלן זיין די קורצע ווינטערטעג, ווייל זיי ברענגען אונדז שנע־לער צו דער נאַכט!

תלמידים! ווי גוט עס איז אַרומצוּוואַנדערן איבער די גאַסן ביינאַכט! ערשט ביינאַכט, ווען די פינצטערניש באַדעקט אַלץ, דערזעט דער מענטש אַ גרויס ליכט פאַר די אויגן.

אין די לאַנגע נעכט, אין די שמאָלע גאַסן, דאַן ערשט געפינט ער זיין „איך", וואָס ער האָט געהאַט פאַרלוירן בייטאָג.

ביינאַכט האָט אַפילו די גרעסטע שטאָט אַ פּנים פון אַ דאָרף.

און אַ שטענדיק דאָרף פאַר דעם מענטשן, — דאָס איז דער מיזיניק־טרוים פון פּאָמפּאַדורן.

פּאָמפּאַדור האָט אַפילו ליב די נאַכטוואַנדלער: זיי זענען אומשעדלעכער, ווי די טאָגהענדלער.

און פּאָמפּאַדורן אַרן אויך נישט די גניבות און רציחות, וואָס ווערן באַגאַנגען אין די פּעך־שוואַרצע נעכט.

אַלץ קלענער זענען זיי פון די גניבות און רציחות, וואָס ווערן באַגאַנגען אונטער דעם ליכטיקן פּנים פון דער זון.

און פּאָמפּאַדור האָט דערזען די לבנה, וואָס גייט אויף אין הימל, און האָט געזאָגט:

תלמידים! צום ליבסטן זענען מיר די נעכט אָן שטערן און אָן לבנה.

שטערן — דאָס זענען נאַרישע אַמביציעזע קינדער, וואָס רייסן זיך אַראָפּצו־גליטשן פון די הימלען אויף דער ערד, און ווי קען מען זיי ליב האָבן, ווען זיי פאַרבייטן הימל אויף ערד?

לבנה — דאָס איז די נאָכקרימערין פון דער זון. זי וויל לייכטן, ווי יענע און קען נישט. און איך האָב פיינט נאָכקרימער.

דערפאַר זאָג איך: אַ נאַכט אָן שטערן און לבנה איז ערשט די אמתע נאַכט!

און פּאָמפּאַדור האָט זיך פאַרקוקט ווייט־ווייט און ער האָט געזאָגט:

גליק — דאָס איז אַ נאַכט־שאָטן.

דער אוצר — דאָס איז דער סוד פון דער נאַכט.

נאַכט דו ביסט מיר ליב, ווייל אויף דיין נאָמען רופט זיך נישט קיין יידישע צייטונג.

נאַכט! לאָז זיך אַראָפּ אויף מיינע פּלייצעס! באַדעק מיין קאָפּ מיט דיין שוואַרצן טוך! שליס מיר מיינע אויגן און זאָל איך מיינען, אַז איך בין גליקלעך.

ווייל נאָר מיט צוגעמאַכטע אויגן זעען מיר דאָס אָנגעזיכט פון גליק...

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

פון מיידלעך, וואָס ווערן ווייבער און פון קינדער, וואָס וואַקסן

פּאָמפּאַדור האָט ווינציק פון רחמנות, דאָך מאַכט ער אַן אויסנאָם פאַר צוויי!

פּאָמפּאַדור האָט רחמנות אויף מיידלעך, וואָס ווערן ווייבער, און אויף קינדער, וואָס וואַקסן.

מיידל — איז טרוים און געזאַנג.

ווייב — איז ווירקלעכקייט און ליידן.

מיידל איז זעלבשטענדיקייט, כאָטש אויף דערווייל.

ווייב — איז די שקלאַפין פון מאַן און נאַטור.

אַן אידעאַל מיידל פון אַלע צייטן איז זעלבסטקאָנטראָל.

אַן אידעאַל ווייב פון היינט איז קינדערקאָנטראָל.

און ס'איז פיל שענער און עסטעטישער זיך זעלבסט צו קאָנטראָלירן, ווי צו קאָנטראָלירן די צוקונפטיקע דורות.

מיידל — איז די פּרינצעסין פון ליבע.

ווייב — די דינסטמויד פון דער ווילדער קעניגין ליידנשאַפט.

זיין אַ מיידל — הייסט וויקלען זיך אין טרוימען.

זיין אַ ווייב — הייסט וויקלען קינדער.

מיידל — איז אַ פּאַלאַץ, וועלכן אַלע מענער שטרעבן צו באַזיצן.

ווייב — אַ צעשטערטער טעמפּל, וועלכן די מערסטע מענער ווילן פאַרלאָזן.

מיידל איז אַ גאָרטן פון בלומען און געזאַנג.

ווייב — איז אַ קיך מיט טעפּלעך־געקלאַנג.

און אויך אַזוי האָט פּאָמפּאַדור רחמנות אויף קינדער, וואָס וואַקסן.

וואַקסן — דאָס הייסט דערנענטערן זיך צום אונטערגאַנג פון זון.

זיין אַ קינד — הייסט בלייבן ביי די ערשטע שטראַלן פון פרימאָרגן.

וואַקסן — הייסט זיין אומבאַהאָלפן, אַרויסגיין אין מאַרק פון לעבן און ווערן פאַרצווייפלט.

זיין אַ קינד — הייסט נישט אַרויסגיין פון די אייגענע וויקעלעך, בלייבן שטענדיק אָפּטימיסטיש.

דאָס געבורט פון אַ קינד איז דער טריומף פונעם לעבן.

ווען עס הייבט אַן וואַקסן, הייבט אָן טריומפירן דער טויט.

תלמידים, ווי שיין וואָלט געווען, ווען קינדער וואָלטן געבליבן ביי זייער קינדהייט אויף אייביק.

מענטשן, זאָגט איר, ווילן וואַקסן?

אָבער איך זאָג:

וואַקסן איז קאַריערע, און קאַריערע איז דערגרייכונג, און דערגרייכונג — איז טויט. וואַקסן הייסט ווערן אויס קינד, מיינט גיין מיט שנעלע טריט צו פאַרניכטונג.

איר וועט זאָגן: נישט וואַקסן איז קעגן פּראָגרעס. אַלץ, וואָס לעבט, מוז וואַקסן, מוז גרעסער ווערן. אָבער פּאָמפּאַדור אנערקענט נישט אַ פּראָגרעס, וואָס אַרבעט אַזוי געטריי פאַרן מלאך המות.

פּאָמפּאַדור טראָגט אין האַרצן די גרעסטע שנאה צום טויט.

און פּאָמפּאַדור האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווײַלע און נאָכדעם ווידער גערעדט:

מאַמעס! אײַלט זיך נישט אַרויסצונעמען אייערע קינדער פון די וויגעלעך!

אַ קינד אין וויג — איז דאָס שפּיל פון די דערוואַקסענע.

און אַ דערוואַקסענער איז דאָס שפּיל פון שיקזאַל.

מאַמעס! איר זענט בלינד, ווען איר ווילט, אַז אייער קינד זאָל וואָס שנעלער וואַקסן און זיך שטעלן אויף זיינע אייגענע פיסלעך!

פאַרוואָס פאַרשטייט איר נישט, אַז דאָס מענטשלעכע שטיין אויף די אייגענע פיס איז ערשט דער אָנהייב פון זיין שוואַכקייט און הילפלאָזיקייט?

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

אַ הימן צום ערב יום־טוב

תלמידים! איר האָט אַוודאי ליב דעם יום־טוב, פּאָמפּאַדור אָבער האָט ליב דעם ערב יום־טוב.

ערב יום־טוב — דאָס איז ערשט דער אמתער יום־טוב.

ערב יום־טוב — דאָס איז אַ טרוים, וואָס שוועבט אינדערלופטן, אַ הייליקייט, וואָס ציטערט אין האַרצן, אַ שטרעבן צו עפּעס גרויס.

יום־טוב — הייסט פאַרפּוצטע וואָכעדיקייט; אַ טרוים, וואָס איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט, אַ גליק, וואָס מען ציילט זיינע גסיסה־מינוטן.

ערב יום־טוב — דאָס איז חתן־כלה־פּעריאָד, דאָס איז קושן נאָך נישט פאַרגעזעצלעכטע, געזאָגנגען נאָך נישט אויסגעזונגענע.

יום־טוב — דאָס באַטייט: אַ יאָר נאָך דער חתונה, אַ נוס אַ צעקנאַקטער, ווייך אויסגעטרונקענער, אַ טישטוך אַ פאַרפלעקטער.

ערב יום־טוב — דאָס באַטייט: מלבושים ביים שניידער, פיש אין פאַן, אַ ליבע־בריוו נאָך נישט קיין געלעזענער.

יום־טוב — דאָס הייסט דער גענעץ נאָכן שלאָף, דער שלוקערץ נאָכן זאַטן מאָלצייט.

ערב יום־טוב — איז דער טייטש: האָפענונג, שפּאַנונג, דערוואַרטונג.

יום־טוב — הייסט שוין געקומען, געזען און עס איז גאָרנישט...

ערב יום־טוב — באַטייט דאָס רוישן פון אַ זיידן קלייד פון אייער אָנקומענדיקער געליבטער.

ערב יום־טוב איז אַ נסיעה ערגעץ אין אַ ווייט לאַנד. די באַן קלאַפּט און דאָס האַרץ מיט איר, עפּעס אומבאַקאַנט טראָגט זיך אַנטקעגן, עפּעס אומדערוואַרט וועט אייך באַגעגענען.

יום־טוב — איז דאָס לעבן פון דעם רייכן פּוסטהאַרציקן, און דערפאַר אַזוי אָרעם.

ערב יום־טוב — איז דאָס לעבן פונעם אָרעמען טרוימער. — דערפאַר אַזוי רייך.

פּאָמפּאַדור האָט ליב דעם ערב יום־טוב פון אַלץ: דעם ערב יום־טוב פון ליבע, דער ערב יום־טוב פון פרילינג, דעם ערב יום־טוב פון באַפרייונג.

אַ, ווען מענטשן וואָלטן געקענט אייביק אָנהאַלטן דעם ערב יום־טוב, וואָלט דאָך געווען מער גליק און מער פרייד אויף דער ערד.

תלמידים! שטרעבט צום אייביקן ערב יום־טוב!

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

היץ און קעלט

תלמידים מיינע, פּאָמפּאַדור איז קעגן היץ.

היץ — דאָס איז דער מלאך־המות פון פּראַקטישקייט, דער קבֿרן פון דער לאָגיק, די לאָפּעטע ערד אויף אַלע נאַרישע אידעאַלן.

היץ — דאָס איז די מאַמע פון אַלע ליבע־דערקלערונגען.

פּאָמפּאַדור איז פאַר קעלט.

קעלט — דאָס איז ישוב־הדעת, שניי־קלאָרקייט פון שכל און אייז פון דער נשמה.

תלמידים מיינע, נאָר קעלט ברענגט צו אחדות, צו חברשאַפט, נאָר אַ גוט פרעסטל טרייבט דעם מענטשן צו טיילן זיין בעט מיט עמעצן, צו גרינדן אַ היים.

נאָר אויף מורא פאַר קעלט אויף דער עלטער האַלט זיך די הייראַט, בויט זיך דאָס פאַמיליע־לעבן.

ווען ס׳וואָלט שטענדיק קאַלט געווען, וואָלט דער מענטש געווען אַ גוטער הויזבאַזיצער, אַ געטרייער מאַן און אַן איבערגעגעבענער פאָטער.

ווען ס׳וואָלט שטענדיק קאַלט געווען, וואָלט די וועלט אויסגעקוקט, ווי איין גרויסע, פאַרברידערטע פאַמיליע, וועלכע זיצט און וואַרעמט זיך ביי אַ קאַמין.

נאָר אַ היץ האָט באַשאַפן די היץ־קעפּ, און נאָר די היץ־קעפּ ברענגען אַלע אומגליקן אויף דער וועלט.

נאָר אין היצן איז געבוירן געוואָרן דער פעסימיזם, די איינזאַמקייט, דאָס וועלן אַנטלויפן פון שטאָט און פון געזעלשאַפט, דאָס ווישן זיך פאַר זיך.

תלמידים מיינע, אַרבעט פאַר מער קעלט אויף דער וועלט!

אין בעסטן פאַל איז פאַרפרוירן ווערן בעסער, ווי צעשמאָלצן ווערן.

ווייל אַ פאַרפראָרענער גייט איר, וויניקסטנס, אַוועק קאַלטבלוטיק אויף יענער וועלט.

פּאַמפּאַדור איז פאַר אַ שטענדיקן צפונפּאָל אויף דער ערד. ווייל אויפן צפונ־פּאָל איז מער פינצטער, ווי ליכטיק, און נאָר פינצטערערהייט קען מען וויניקער אַנטאַפּן די חסרונות פון לעבן.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

וועגן טאַלאַנט און נאַרישקייט

פאַרוואָס זענען קלוגע דיכטער אָפט נאַרישע מענטשן? — פרעגט פּאַמ־פּאַדור.

מוז דען אַ טאַלאַנט נאַריש זיין?

און פּאַמפּאַדור ענטפערט:

טאַלאַנט מוז נאַריש זיין.

נאַרישקייטן פאַר אַ טאַלאַנט — דאָס איז דער בעכער, וואָס האַלט איין דעם וויין, דאָס בלאַט, וואָס דעקט צו די פרוכט, דאָס האָלץ, וואָס שפּאַרט אונטער דעם בוים.

טאַלאַנט מוז נאַריש זיין.

נאַרישקייט פאַר טאַלאַנט איז אַ פשוט קליידל אויף אַ יום־טובדיק יונגן מיידלקערפּער, עס גיט צו מער חן...

אַ דיכטער טאָר נישט זיין קלוג, ווייל קלוגשאַפט הייסט וואַך זיין, און אַ דיכטער מוז שטענדיק חלומען, און די שענסטע חלומות זענען די נאַרישסטע.

פאַר אַ דיכטער איז גענוג, אַז ער פאַרשטייט זיך אויף פרעמדע נאַרישקייטן.

פריינט! איך האָב ליב די נאַרישקייטן אין קינסטלער־נשמות.

ווייל באַנאַרישן זיך אין אַ גוטע זאַך.

ווייל באַנאַרישן זיך הייסט זיין אַ קינד.

ווייל באַנאַרישן זיך הייסט גלויבן.

ווייל באַנאַרישן זיך הייסט האָבן אומשולד.

תלמידים מיינע! זייט נישט קיין חכמים.

תלמידים מיינע! פאַרהייליקט די קונסט אין איר נאַרישקייטן, און באַנאַרישט זיך וואָס מערער, ווייל קלוגע און דערפאַרענע שאַפן נישט...

אַזוי האָט גערעדט פאַמפאַדור.

פאַרטייען און קאַבינעט־מענטשן

און די תלמידים האָבן זיך איינמאָל צערעדט מיט פאַמפאַדורן וועגן פאַרטייען און זיי האָבן אים געפרעגט, פאַרוואָס ער שליסט זיך נישט אָן קיין פאַרטיי אין אַמעריקע?

און פאַמפאַדור האָט אָנגעקוקט זיינע תלמידים מיט אַ שמייכל און ער האָט אַזוי געזאָגט:

תלמידים! דאָסמאָל האָט איר רעכט.

אַ מענטש אין אַמעריקע מוז געהערן צו אַ פאַרטיי, אויב ער וויל שפּילן אַ ראָלע.

די יידישע אַמעריקע איז אַ לאַנד פון פאַרטייען און בית־עלמינס.

איר מוזט דאָ געהערן צו אַ פאַרטיי, ווי באַזאָרגן זיך מיט קרקע.

געהערן צו אַ פאַרטיי — הייסט מאַכן אַ לעבן און באַזאָרגן זיך מיט קרקע — הייסט געפינען רו נאָכן טויט.

און דערהויפּט באַדאַרף געהערן צו אַ פאַרטיי דער טאַלאַנטלאָזער און דער גייסטיק־קינדערלאָזער.

ווייל ווו איז די פאַרטיי פאַרן טאַלאַנטפולן? — פרעגט פאַמפאַדור.

און פאַמפאַדור ענטפערט:

די פּאַרטיי פאַרן טאַלאַנטירטן איז נאָך נישטאָ, ווי ס׳איז נישטאָ די היים פאַרן פריגייסט, ווי ס׳איז נישטאָ דאָס פאָטערלאַנד פאַרן מענטשן אָן בירגער־פּאַפּירן.

ס׳איז דאָ אַ פּאַרטיי פאַרן טאַלאַנטלאָזן, ווי ס׳איז דאָ אַ היים אומעטום פאַרן קאַריערע־מאַכער, ווי ס׳איז דאָ אומעטום אַ פאָטערלאַנד פאַר דעם, וואָס ביר־גערט זיך שנעל איין...

וואָס איז אַ פּאַרטיי אין דער יידישער אַמעריקע? — פרעגט פּאָמפּאַדור.

און פּאָמפּאַדור ענטפערט:

אַ פּאַרטיי איז די דאַרדאַנעלן פאַר טאַלאַנטלאָזיקייט, דער מעצענאַט פון עם־הארצות, דער העלם פאַר פוסט־קעפּיקייט, דאָס וואַרעמע אייוועלע פאַר אַלע דערפאָלגזוכער.

אַ פּאַרטיי — איז אַ לייטער פאַר דעם שנעל־קריכער צו דערלאַנגען וואָס שנעלער צו די אַקסלען פון פאָלק.

דאָס פאָלק פרעגט דאָ נישט, וואָס פאַר אַ רייכקייט באַזיצט דיין נשמה, נאָר אויף וואָס פאַראַ „פּלאַטפאָרם” שטייסטו?

דאָס פאָלקט קימערט זיך דאָ נישט, וואָס דו טראָגסט אין האַרצן, נאָר וואָס דו טראָגסט אויפן לאַץ.

יעדער איינער מוז דאָ צו עפּעס געהערן. איר קענט זיך זיין אַ גרויסער שריפטשטעלער, אָן אמתער טאַלאַנט, נאָר כל־זמן איר זענט נישט געווען קיין פאַרזיצער אויף אַ מיטינג, סעקרעטאַר פון אַ פאַרזאַמלונג, אַ לעקציע־האַלטער ביי אַ גראָשענעם בילדונג־פאַראיין, אָדער, לכל הפחות, אַ גאַסן־רעדנער, האָט איר נישט קיין ווערט און מען רעכנט זיך נישט מיט אייך.

אין דער יידישער אַמעריקע לעזט מען שרייבער נישט צוליב זייער גוטס־קייט פון שרייבן, נאָר ווייל זיי זענען די קעפּ אָדער עקן פון געוויסע פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך.

און מעג אַ לעזער דעם פּאַרטיי־שרייבער נישט קענען נעמען אין מויל, ווי אַ ביטערע פּיל, און מעג ער זיין אומפאַרשטענדלעך, ווי דער טויט, און מעג מען אים בכלל נישט לעזן, אָבער ער פאַרנעמט דאָך דעם אָנגעזעעענסטן פּלאַץ אין אַ צייטונג.

אין דער יידישער אַמעריקע איז אַ מיטינג, אנשטאַט שאַפונג, אַ פּאַרטיי־רעזאָלוציע, אַנשטאַט שטימונג.

אין דער יידישער אַמעריקע דאַרף מען נישט שיין שרייבן, נאָר פעסט שטיין אויף אַ פּלאַטפאָרם.

תלמידים! איר קענט דאָ דורך איין וואָך שטיין אויף אַ פּלאַטפאָרם און האַלטן אַ נאַרישע רעדע און מער באַרימט ווערן, ווי פון אַ סך יאָרן שרייבן און דענקען אין דער שטילקייט פון קאַבינעט.

און פּאָמפּאַדור האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע און באַטראַכט די גע־זיכטער פון די תלמידים, און נאָכדעם האָט ער ווייטער גערעדט:

פרײַנט מײַנע, אַנטלויפט פון קאַבינעט! אַמעריקע האָט פײַנט דעם קאַבי־נעט־מענטש. זי פאַרהייליקט דעם מיטינג־מענטש און דעם גאַסנמענטש.

אַמעריקע האָט זייער ווייניק אַכטונג פאַר האַרץ, נשמה און שטילע טרוימען.

אַמעריקע האָט ליב דאָס שרײַאיקע, דאָס גרילציקע און דאָס טומל־מאַכנדיקע.

און וואָס איז נאָכמער שרײַענדיק, גרילצנדיק און טומל־מאַכנדיק, ווי אַ פּאַרטיי?

אַמעריקע, דאָס איז אַ ריזיקע פּויק, וווּ יעדער איינער לייגט צו אַ האַנט, גיט אַ פּויק און ציט ארויס עטלעכע אויער־פּאַרטויבנדיקע קולות.

ווילט איר האָבן דערפאָלג, שליסט זיך אָן אין פּויק־אָרקעסטער!

ווילט איר ווערן אַ באַרימטער שרײַבער, נישט פאַרמאָגנדיק קיין ברעקל טאַלאַנט, גרינדעט אַ פּאַרײַן, מאַכט זיך חסידים, זײַט אַ שטענדיקער פּאָרזיצער, טרינקט אַ סך סאָדעוואַסער, זיצט שפּעט ביי מיטינגען, — דאַן וועט מען שוין אײַער שרײַבן פאַרצוקערן.

ווייל וואָס הייסט דאָ קענען שרײַבן, פרעגט פּאָמפּאַדור? און פּאָמפּאַדור ענטפערט:

קענען שרײַבן — הייסט שטיין אין צ. ק. פון אַ פּאַרטיי; באַטייט דאָ — זײַן אַ רעדנער מיט אַ הייזעריקער שטים.

ווייל וואָס הייסט דאָ אַ לעזער? — פרעגט פּאָמפּאַדור.

און פּאָמפּאַדור ענטפערט: אַ לעזער הייסט דאָ אַ קעפּל־לעזער. דאָ לעזט מען נישט די אַרטיקלען, נאָר מען קוקט, ווער ער שרײַבט זיי: ווען עס שרײַבט „מײַנער", איז דאָס גרויס...

ווען פּאָמפּאַדור וואַרפט דאָ אַן אויג אויף אַלע אונדזערע באַרימטע שרײַבער און שאַצט זיי איבער איינס נאָך איינס, זעט ער, אַז דאָס זענען נישט קיין שרײַ־בער, נאָר כלל־טוער. דורך דעם אָפענעם טויער פון כלל־טוערײַ זענען זיי אַרײַן אין הויף פון שריפטשטעלערײַ. און אויב שרײַבן הייסט שכר פאַר שורות, דאַן קריגן זיי די גרעסטע שכירות.

און פּאָמפּאַדור האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און נאָכדעם ווייטער גערעדט:

אונדזער „יונגע" וועלן קיינמאָל זיך נישט אַרויפאַרבעטן אויף דער ייִדישער גאַס, ווייל זיי שטייען ווייט פון פּאַרטייען, ציטערן, ווען זיי קומען אַרויף אויף אַ פּלאַטפאָרם, און ווילן געהערן נאָר צו דער מוזע.

נאַראָנים, זיי ווייסן נישט, אַז דעם פּאַרזיצערס האַמער האָט שוין דאָ מער מענטשן אַ נאָמען געמאַכט, ווי די מוזע.

מיט דער מוזע מוז מען שווער אַרבעטן, ביז מען ווערט באַרימט.

און מיטן האַמער איז אַ קלאַפּ און אַ צווייטער, און דיין נאָמען איז אויף אַלע ליפּן.

איר קענט האָבן זייער פיל צו זאָגן, נאָר אייער וואָרט האָט קיין ווערט נישט, ווען עס האָט נישט געקריגן קיין צ. ק.־הכשר און איז נישט געשטעמפּלט געוואָרן פון אַ פּאַרטיי־שטעמפּל.

די פּאַרטייען האָבן דאָ אַלץ: אַ „מאַשין", געלט אין באַנק, אַ שטעמפּל, און אַזוי אויך לייטאַרטיקל־שרייבער, טעאַרעטיקער, סקיצנשרייבער, פעליעטאָניסטן און אַפילו אייגענע פּאָעטן.

דאָס, וואָס אַמאָל איז געווען דער הויף־פּאָעט, איז היינט דער פּאַרטיי־פּאָעט.

תלמידים! פאָלגט אייער פּאַמפּאַדורן, פאַרשרייבט זיך פאַר מיטגלידער פון וועלכער עס איז פּאַרטיי, מעג זי אפילו זיין פון אַ מזומן מיטגלידער. אפילו קריגן אַ מאָגערע שטעלע קענט איר אויך נאָר דורך די שמאַלציקע הענט פון די פּאַר־טיי־פירער.

און קענט איר נישט געהערן צו אַ פּאַרטיי, רייבט זיך כאָטש לעבן די פּאַרטיי־פירער. ווען נישט, זענט איר אויסגעשפּילט, איידער איר האָט נאָך אָנגעהויבן שפּילן.

פריינט מיינע! פּאַמפּאַדור געהער נישט צו קיין פּאַרטיי און דערפאַר ווייסן אַזוי ווייניק מענטשן פון פּאַמפּאַדורן.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור, איז אַוועק און האָט געלאָזט זיינע תלמידים מיט אָפענע מיילער.

קיי־גומי און גליק

תלמידים! ווילט איר זיין גליקלעך, קויפט קיי־גומי, לייגט אין מויל און קייט!

קיי־גומי — דאָס איז די שענסטע דערפינדונג פון אַמעריקע.

קיי־גומי — דאָס איז דער מאַרך־פאַרשלעפּערער, יושר־פאַרוויגער און גע־דאַנקען־באַפרייער פון דעם אמת־אַמעריקאַנישן בירגער.

יעדעס פאָלק האָט זיך זיין קעגנגיפט צום וועלטשמערץ: דער ייִד — אַ קאַפּיטל תהילים; דער רוס — אַ פלעשל „וואָדקע"; דער דייטש — אַ פּאָר צענדליק גלאָז ביר, און דער אַמעריקאַנער — אַ פּעקעלע „קיי־גומי".

קיי־גומי איבער אַלץ.

באַזאָרגט זיך מיט קיי־גומי, קייט סיי ביי טאָג, סיי ביי נאַכט, און איר וועט נישט וויסן פון אידעאַלן־קראַנקהייטן, פון נערוון־צעטרייסלענדיקע וועלטפּראָבּלעמען, פון דער לעבן־ און טויט־פּראָגע.

קייט קיי־גומי, און איר וועט פאַרשפּאָרן צו דענקען און זיך דערדענקען צו זעלבסטמאָרד.

קיי־גומי פאַר אַלץ!

מאַכט איר אַ ליבע־דערקלערונג — טוט עס מיט אַ שטיק גומי אין מויל: עס וועט אַרויסקומען פיל באַחנטער און פּראַקטישער.

און אַפילו אין העכסטן עקסטאַז פון דער ליבע, ווען איר כאַפּט אַרום אייער געליבט ווען און באַדעקט זיין מלאכים־געזיכט מיט צענדליקער קושן, — אויך דאַן הערט נישט אויף צו קייען דאָס טייערע קייעניש.

און זייט איר אַ גרינער ערשט פון שיף, באַזאָרגט זיך פריִער פון אַלץ מיט קיי־גומי. דאָס לערנען די שפּראַך פון לאַנד וועט אייך נישט מאַכן אַזוי שנעל פאַר אַן אַמעריקאַנער; דאָס באַקענען זיך מיט די נויטיקע מנהגים און געזעצן פון לאַנד וועט אייך נישט מאַכן אַזוי גיך פאַר „געל", — דאָס קליינע שטיקעלע קיי־גומי וועט עס טון פאַר אייך.

גרינע תלמידים מיינע, קייט קיי־גומי אומעטום און שטענדיק!
פּרעדיקט ברודערליבע — און קייט!
קוקט צו אַ געשלעג אין גאַס — און קייט!
דערקלערט קריג — און קייט!

קייען קיי־גומי — דאָס הייסט אויסערלעכע רו און אינערלעך גליק.

און פּאָמפּאַדור האָט אַ ביטערן שמייכל געטון און אויסגערופן:

זיי מיר געבענטשט, דו קייענדיקע חיה! זיי מיר טויזנט מאָל געגריסט פאַר דיין פּראַקטישקייט און לעבנס־חכמה!

ווייל דאָס גרויסע גליק פון דעם צוקונפטמענטש ליגט נישט אין וועלט־שלום, דאָס גרויסע גליק פון דער מענטשהייט איז נישט פאַרבאָרגן אין אירע פאַרווירקלעכטע אידעאַלן, נאָר אין דעם קליינעם שטיקל קיי־גומי.

קיי־גומי — איז דאָס טייערסטע גליק־מיטל פאַר דעם ביליקסטן געלט־פּרייז!
אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.
אין יענע טעג האָבן אים זיינע תּלמידים געפונען, ציִענדיק פון מויל קיי־גומי.

שרייבער, וואָס זוכן טעמעס

זוכט נישט קיין טעמעס, — זאָגט פּאַמפּאַדור.
זוכן אַ טעמע — דאָס הייסט זיין געבונדן.
זוכן אַ טעמע — דאָס הייסט עפּעס פאַרלאַנגען.
און ווער דאַרף אייערע פאַרלאַנגען?
דער עולם וויל פּלוידערייען, כאַפּ־לאַפּ און „אויף־איין־פוס־ליטעראַטור".
שפּרינגט פון איין געדאַנקלאָזיקייט צו דער צווייטער, שרייבט וואָס עס פאַלט אייך איין, און איר וועט האָבן דערפאָלג.
זוכט נישט קיין טעמעס, וואָרום דאָס וועט אייך ברענגען צום שאַפן.
און שאַפן דאָס איז דאָס גרעסטע אומגליק פאַר אַ יידישן שרייבער.
שאַפן ביי יידן — הייסט נישט האָבן קיין פּרנסה...
שאַפן ביי יידן — הייסט בלייבן אַן אייביקער קבצן.
שאַפן — דאָס הייסט מאַכן קנייטשן אויפן שטערן פון קלוגן לעזער.
און קלוגע שרייבער האָבן מיטלייד מיט זייערע לעזער.
און דערפאַרענע שרייבער לוינט זיך נישט איינצורייסן מיט זייערע לעזער.
וואָרום אַ לעזער — דאָס איז היינט אַ נאַריש, צעפּיעשטשעטע קינד.
און וואָס טוט מען, אַז עס וואַרפט אַוועק אינגאַנצן דאָס לייענען, — פאַר וועמען שרייבט מען?
אוי, דאָס „פאַר וועמען שרייבט מען"! — ווי שרעקלעך דאָס איז...
עס זענען שוין לאַנג אַוועק די יאָרן פון שרייבן פאַר זיך אַליין, און קוויקן זיך מיט זיך אַליין.
שרייבן פאַר זיך אַליין — הייסט גלויבן.
און דאָס איז היינט אַן אוממעגלעכע זאַך פאַר דעם שרייבער, וואָס וויל מאַכן אַ לעבן.
שאַפן און גלויבן — דאָס האָבן געקענט אונדזערע זיידעס, וועלכע זענען געווען באַזאָרגט מיט ווייבער, וועלכע האָבן זיי באַזאָרגט מיט חיונה.
אַ היינטיקער שרייבער זאָגט: געמאַכט און פאַרקויפט! איך שרייב נישט

פֿאַר זיך, איך דאַרף דאָס נישט, איך בין ווי דער הויזנגייער, היטלמאַכער, ראָק־שטעפּער.

פֿאָדערט — און איך גיב!

פֿאָדערט נישט — און איך שטום!

שרייבער! זייט נאַריש, זייט אַפֿילו אידעאַליסטיש, טוט, וואָס איר ווילט. אָבער איין זאַך פֿאַרשטייט, אַז איר געהערט דעם לעזער — און נאָר דעם לעזער.

און דערפֿאַר זוכט נישט קיין טעמעס, ווייל ער, דער לעזער, זוכט נישט קיין טעמעס.

פֿלוידערט אַבי פֿאַרשאַפֿט מיר פֿאַרגעניגן, — דאָס איז דער רוף פֿון הײַנטיקן לעזער צו זיין שרייבער.

פֿייניקט מיך נישט! — דאָס איז דער באַפֿעל פֿון לעזער צו זיין שרייבער. — ווייסט, אַז איך לייען עס אין טראַמוויי.

אוי, די טעמעס! זיי האָבן שוין נישט איין אומפּראַקטישע שרייבער־נשמה פֿאַרפּירט.

אָט זיץ איך איצט אין צימער און זוך אַ טעמע, — זאָגט פּאַמפּאַדור, אין מיינע אַלטע מאַנוסקריפּטן ליגן פֿאַר מיר און אויך נייע, האַלב אָנגעפּאַנגענע, און איך פֿרעג זיך: ווען וועט שוין קומען אויך מיין צייט?

די צייט פֿון אויסשרייבן זיך, די צייט פֿון טעמע־אויסטריקעניש, די צייט פֿון צופֿרידן זיין אָן טעמעס, ווען?

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אַלטע און נייע זאַכן

תּלמידים! — האָט פּאַמפּאַדור אָנגעפּאַנגען. — ווילט איר זיין שטענדיק ניי ביים פֿאָלק, טראָגט אים אונטער אַלטע געדאַנקען.

פּאַמפּאַדור האַלט זייער פֿיל פֿון אַלטע געדאַנקען.

אַלטע געדאַנקען זענען שליסלען צו דער זיכערהייט־קאַסע פֿון דערפֿאָלג.

אַלטע געדאַנקען זענען שטענדיק די נייסטע פֿאַרן פֿאָלק.

נייע געדאַנקען זענען ריזיקאַליש, און דער גרעסטער טייל מענטשן וויל נישט ריזיקירן.

נייע געדאַנקען זענען, ווי ערשט געבוירענע קינדער: זיי לאָזן נישט שלאָפֿן, און מענטשן ווילן שלאָפֿן.

וואַרפֿן אין פֿאָלק אַ נייעם געדאַנק — הייסט עפֿענען מוחות, — און דאָס

פאַלק וויל נישט עפענען זיין מוח, ווי ער וויל נישט עפענען די פענצטער פון זיין דירה.

און אַ סאַרקאַסטישער שמייכל האָט דורכגעצוקט פּאַמפּאַדורס ליפּן און ער האָט ווייטער גערעדט:

פריינט! זייט איר אַ שרייבער, אַ פּרעדיקער אָדער אַן אַנדער מין לערער פון דער מענטשהייט, שרייבט און פּרעדיקט און לערנט נאָר וועגן אַלטע זאַכן. רעדט איר, שיט נאָר מיט פאַרשימלטע פּסוקים, שרייבט איר, ברענגט נאָר ציטאַטן פון פאַרשטויבטע ביכער.

דאָס פאָלק, ווי אַ קליין קינד, האָט ליב צעקייטע זאַכן, און וואָס איז נאָך אַזוי צעקייט, ווי אַן אַלטער געדאַנק?

דער לעזער, ווי דער צוהערער, האָט אַכטונג פאַר גרויע בערד, ווי פאַר פאַרצייטיקע מאָראַלן, פאַר אַן אַלטער חורבה, ווי פאַר אַן אַלטן וויין.

וווּ איז דער אַריינגאַנג צום טויער פון דערפאָלג פאַר אַ שרייבער?

— אין טאַלאַנט! — ענטפערט איינער.

— אין דער נייקייט פון טעמעס! — באַשטימט אַ צווייטער.

— אין פּראַקטעקציע! — פּסקנט אַ דריטער.

— אין מזל! — וויל האָבן אַ פערטער.

— אין פּאַרטיי־אַנגעקניפּטקייט! — רעזאָנירט אַ פינפטער.

— אין אַ שטענדיקן פלאַץ, ווו זיך דרוקן! — וויצלט זיך אַ זעקסטער.

פּאַמפּאַדור זאָגט: אין נישט וועלן געבן דעם לעזער קיין נייע זאַכן!

נאָר אין אַרויסנעמען פון אַרכיוו פאַרלעגענע אַנטיקן, אין איבערקייען און ווידערהאָלן ליגט דער דערפאָלג פון אַ שרייבער.

און פּאַמפּאַדור איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט נאָכדעם ווייטער גערעדט:

תלמידים! ווילט איר ווערן רייך, האַנדלט מיט אַלטע זאַכן.

אַ סך פון אונדזערע איצטיקע גבירים האָבן צו פאַרדאַנקען זייער עשירות דעם מסחר פון אַלטע זאַכן.

ווילט איר ווערן אַ גוטער, אָנערקענטער וויצלער און הומאָריסט. זאָגט אַלטע וויצן!

ביי נייע וויצן דאַרף מען טראַכטן: וועט מען פון זיי לאַכן אָדער נישט? פון אַלטע וויצן לאַכט מען זיכער...

און, ליבע מיינע, האָט קיין מורא נישט פאַר ווידערהאָלונגען.

ווידערהאָלן — הייסט קלאַפּן מיט אַ טעמפּער האַק איבער יענעמס טעמפּן זכרון.

און דאָס פאָלק האָט אַ זייער טעמפּן און שלעכטן זכרון.

און האָט גאָר קיין מורא נישט, ווען אַ מענטש מיט אַ גוטן זכרון וועט אייך אָפּשטעלן און זאָגן: דערדאָזיקער געדאַנק איז אַלט! פון דעם וויץ שמעקט מיט שימל! איך האָב אים שוין געהערט הונדערט מאָל!

איר האָט איינס אין זינען: עס וועלן שטענדיק אויף איינעם, וואָס געדענקט, זיך געפינען ניין און ניינציק, וואָס האָבן שוין פאַרגעסן...

און זייט איר אַ שרייבער און קומט אַ יום־טוב, און מען הייסט אייך שרייבן אַ יום־טוב־אַרטיקל, זוכט נישט קיין נייע טעמעס. דאָס קען אייך פאַרפירן ווער וויס וווהין. שרייבט איבער אַן אַלטן אַרטיקל און גיט אים דרוקן.

ווייל ווי דאָס פאָלק האָט ליב זיינע אַלטע ימים־טובים, אַזוי האָט עס ליב די אַלטע געדאַנקען וועגן זיי.

און פּאָמפּאַדור האָט שוין געוואָלט גיין זיין וועג, נאָר די תלמידים האָבן אים געבעטן, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן וועגן נייע און אַלטע זאַכן.

און פּאָמפּאַדור האָט געזאָגט:

אַלטע געדאַנקען — זענען אויטאָריטעטן און אויטאָריטעטן זענען די אייביקע געצן, פאַר וועלכע דאָס פאָלק קניט.

נייע געדאַנקען — זענען רעוואָלוציעס, און פאַר רעוואָלוציעס האָט דאָס פאָלק מורא.

אַלטע געדאַנקען — זענען זיכערע שטולן מיט פעסטע פיס און ווייך־אויס־געבעטע רוקנס, — מען קען זיך אויף זיי אָנשפּאַרן.

נייע געדאַנקען — זענען שפּיציקע שטיינער, אויף וועלכע מען קען צע־בלוטיקן די פיס ביי די ערשטע טריט.

דאָס פאָלק קוקט מיט חשד אויף נייע זאַכן.

אַפילו נייס אין די ציַיטונגען איז אויך פּראַקטישער צו געבן אַלטע.

דאָס פאָלק האָט ליב די עלטסטע נייס, ווי די ייִנגסטע פרויען.

שרייבט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אַז דרייפוס איז באַפרייט געוואָרן, אַז פּאָרט־אַרטור איז גענומען געוואָרן, אַז נאַפּאָלעאָן איז אַריין אין מאָסקווע, און מען וועט אייך לייענען.

איך האָב אַמאָל אויך ליב געהאַט נייע געדאַנקען, — זאָגט פּאָמפּאַדור, — ביז איך האָב איינמאָל דערזען אין שפּיגל, ווי מיין שטערן איז צעקנייטשט, און איך האָב די נייע זאַכן אָנגעהויבן האַסן.

צו וואָס, פרעג איך אייך, זאָל פּאָמפּאַדור זוכן נייס יעדן טאָג אין זיין אייגענעם האַרצן, ווען זיינע חברים האָבן פאַר זיך אַ וועלט מיט נייעס אין די

אַלטע שמות, און זיי זענען געזונט, מוטיק און רויטלען זיך, ווי יונגע דאָרפס־מיידלעך ? !

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור און האָט פאַרלאָזן זיינע תּלמידים.

דאָס גליק פון פולן טייסטער

און די תּלמידים האָבן מקנא געווען פּאַמפּאַדורן, וואָס ער האָט איצט געננוג געלט און קען זיך פאַרגינען, וואָס ער וויל.

און פּאַמפּאַדור האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט :

תּלמידים! איר קענט נישט אייער פּאַמפּאַדורן.

פּאַמפּאַדור האָט גאָר צום בעסטן ליב בלייבן אָן געלט און איז צייטנווייז גאָר מקנא דעם מענטשן, ביי וועמען עס קלינגט נישט אין קעשענע.

בלייבן אָן געלט — דאָס הייסט אויפלעבן פונדאָסניי דיין זאָרגלאָזיקייט.

בלייבן אָן געלט — מיינט אַ קוק טאָן אויף דער וועלט מיט קינדישע אויגן, אַנשטאָט וואָס אַלעמאָל קוקט איר אויף איר מיט די אויגן פון אַ סוחר, וואָס קען אַלץ קויפן...

בלייבן אָן געלט — הייסט ווערן צוריק פריי, גיין אומעטום, וווּ מען רופט אייך. ווייל האָט איר געלט, הייבט איר אָן צו טראַכטן, וווּהין ס'איז בעסער צו גיין, און פון אַלע גליקן בלייבט איר גאָר אין הויז...

בלייבן אָן געלט — באַטייט: אָנפאַנגען קלעטערן צוריק אויף די די הויכע בערג פון פרייען שטרעבן, אַנשטאָט צו ליגן אַ געבונדענער אין דעם טאָל פון אַלטעגלעכקייט.

איר, תּלמידים מיינע, האָט געוויס ליב, ווען עס קלינגט אין קעשענע. אָבער פּאַמפּאַדור האָט צום בעסטן ליב צו פילן דעם לעצטן סענט, ווי ער גייט אַוועק.

דער לעצטער סענט, וואָס גייט אַוועק, — דאָס איז דאָס ווידערגעבורט פון אייער גליק.

דער לעצטער סענט, וואָס גייט אַוועק, — איז בחורשע פרייהייט, וואָס קומט צוריק.

ווייל וואָס איז גליק? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

און פּאַמפּאַדור ענטפערט:

ס'איז נישט קיין גליק אומצוטראָגן זיך טאָג און נאַכט מיט אַ פולן טייסטער און מורא האָבן פאַר די נישט אָנערקענער פון פּריוואַט־אייגנטום.

ס׳איז נישט קיין גליק צו האָבן געלט אין באַנק און טאָג און נאַכט ציטערן, אַז אַט וועט זי קראַכן.

ס׳איז אַפילו נישט קיין גליק צו צאָלן פּינקטלעך דירה־געלט און זען פאַר זיך שטענדיק דעם צופרידענעם שמייכל פון דעם הויז־באַלעבאָס, וואָס נעמט עס צו.

ס׳איז אַפילו נישט קיין גליק צו עסן אין צייט און קוקן זיכער דעם קעלנער אין די אויגן.

דאָס אמתע גליק, מיינע פריינט, איז ערגעץ ווייט, ווייטער הינטער דער דירה־געלט זיכערקייט און רעסטאָראַן־זאַטקייט.

דאָס אמתע גליק פון לעבן איז טיפער פון דעם טיפסטן טייסטער.

דאָס אמתע גליק פון לעבן איז אין אומזיכערקייט, איז אין ציטערן מיט יעדן נייעם טאָג לעבן, פאַר דעם נייעם טאָג לעבן און עסן און נישט האָבן מיט וואָס צו באַצאָלן...

ביי מענטשן, וואָס עס לאָזט זיך ביי זיי קיינמאָל נישט אויס דער סענט, הייבט זיך קיינמאָל נישט אָן דאָס גליק.

דאָס אמתע גליק פון לעבן רוט נישט אין אַ פולן מאָגן — נאָר אין אַ פוסטער קעשענע.

תּלמידים! פאָלגט אייער פּאַמפּאַדורן, בלייבט וואָס אָפטער אָן געלט און איר וועט געפינען אייער געלטלאָז גליק.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

דאָס ליד פון פּייער

פּייער, ברען מיך נישט, שוין גענוג! לעש אויס דיין טייוולשע מאַכט.

פּייער, נאָך פון חדר־יוגנט ברענסטו מיך, און וואָס האָט פּאַמפּאַדור פון דיין ברענען ? !

אָ, די היייליקע האַרץ־פּייערלעך, ווי שעדלעך זיי זענען!

פּייער — דאָס איז טויט פאַר דער נשמה.

פּייער — דאָס איז די מוטער פון אומפּראַקטישקייט און פּאָעזיע.

פּייער — דאָס איז אידעאַל און קדושה.

אוי, די פּייערן פון מיין נשמה, ווי איך שרעק זיך פאַר זיי! ווי וואַלד־פּייערן אויף גרויסע ברייטע שטרעקעס, וואָס טאַנצן איבער די קעפּ פון די

אוראַלטעביימער, ברעכן און ברענען די צווייגן, אַזוי האָבן די פייערן פון מיין נשמה פאַרניכטעט די שענסטע ביימער פון מיינע וואַלד־פאַנטאַזיעס און גלויבנס.

טאָג־טעגלעך ברענען וואַלד־פייערן אין מיין האַרצן, און ווער קען זיי לעשן? און ווען פאַר פּאַמפּאַדורן שטייט אַ גרויס גלאָז קאַלט סאָדעוואַסער, און ער טרינקט, און פילט זיך רויקער, דאַן קוקט אים אויס דאָס גאַנצע לעבן פון מענטשן, ווי אַ גרויס הויז, וואָס איז יעדע מינוט אין געפאַר פאַרניכטעט צו ווערן.

און ער בענטשט דאַן די פייערלעשער.

די פייערלעשער, דאָס זענען די פּראַקטישע אידעאַלן, וואָס לעשן אויס די פייערן, פאַרטרייבן דעם רויך, קלעטערן אויף אומזיכערע לייטערס צו ראַטעווען די שוואַכע און די דערשראָקענע.

און ער בענטשט אויך דאַן די וואַסערלייטונג, וואָס באַזאָרגט גענוג וואַסער אויף צו פאַרהיטן פון אונטערגאַנג.

פייער, ברען נישט מער!

פריינט מיינער! לעש אויס די פייערן פון דיין האַרצן און דו וועסט געפינען די בריק, וואָס פירט צום נייעם מענטש.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

מאָנאָלאָג און דיאַלאָג

תלמידים! די קלוגסטע פאָרעם פון געשפּרעך איז דאָס שווייגן, נאָר אַזוי ווי די חכמה פון שווייגן קאָנען זייער ווייניקע, דערפאַר וויל איך מיט אייך רעדן וועגן מאָנאָלאָג און דיאַלאָג.

פּאַמפּאַדור שטעלט דעם מאָנאָלאָג פיל העכער, ווי דעם דיאַלאָג.

מאָנאָלאָג — איז בחורשאַפט. דאָס איז איין צימער פאַר זיך אַליין, אַ שטענדיקער שמועס מיט זיך אַליין.

דיאַלאָג — דאָס איז פאַמיליע־לעבן, אַ שטענדיק איבעררעדן זיך מיט ווייב.

מאָנאָלאָג — איז ליריק, ממילא אמתע פּאָעזיע.

דיאַלאָג — איז דראַמע, און דערפאַר אַזוי געקינצלט, ווי אַלץ אויף דער בינע.

מאָנאָלאָג — איז אַ מעשהלע, וואָס אַ מאַמע דערציילט איר קינד.

דיאַלאָג — איז רכילות פון ווייבער אויף די טרעפּ פון הויז

מאָנאָלאָג — איז תפילה.

דיאַלאָג — לשון־הרע.

פּאַמפּאַדור האָט ליב די מאָנאָלאָג־מענטשן, די מענטשן, וואָס קענען זיין מיט זיך אַליין, רעדן צו זיך אַליין און פאַרטיפן זיך אין זיך אַליין.

צו וואָס דיאַלאָגעווען? — פרעגט פּאַמפּאַדור, — צו וואָס רעדן מיט יענעם?

אויב איר האָט נישט וואָס צו זאָגן, איז דאָך איבעריק די אַרבעט, און אויב איר האָט יאָ עפּעס צו זאָגן, וועט איר געפינען אַזוי וויניק צוהערער.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט און האָט ווידער גערעדט:

תלמידים! וואָס מער פּאַמפּאַדור טראַכט, אַלץ מער ווערט ער באַגייסטערט פונם מאָנאָלאָג.

רעדן מיט זיך אַליין — דאָס איז נאַטירלעכקייט.

דער מענטש איז דאַן אויפריכטיק, אינטים.

רעדן מיט אַ צווייטן — הייסט זאָגן ליגן, זיך אויספּיינען און זיין פאַלש.

זיך אויסרעדן דאָס האַרץ — דאָס איז מאָנאָלאָג.

פרעגן אַן עצה — דיאַלאָג.

לייען אַ גמילת־חסד — דאָס איז מאָנאָלאָג (איר רעדט און יענער שווייגט).

מאָנען אַ גמילת־חסד — דאָס איז דיאַלאָג (יענער מאָנט און איר זאָגט, אַז איר האָט נישט).

און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף פּאַמפּאַדורס ליפּן און ער האָט ווייטער גערעדט:

מאָנאָלאָג — איז אַן אסיפה פאַר זיך, שטענדיק איינגעגעבן, גוט דורכגעפירט.

דיאַלאָג — איז אַ קאָנפערענץ אין אַ גרויסן זאַל, מיט מחלוקות, דעבאַטן און גאָרנישט טון.

מאָנאָלאָג — איז אמתע ליבע.

ווען אַ מענטש איז פאַרליבט, רעדט ער צו זיך אַליין. רעדט ער אַפילו נישט מיט זיין געליבטער. געפינט ער אַ חבר צו זיינע לייד און פרייד אין זיין אייגע־נער נשמה.

דיאַלאָג — איז שוין ליבע־דערקלערונג מיט אַן ענטפער פון איר זייט. און דאָס איז דער אָנהייב פון קריג.

אוי, דער דיאַלאָג, דער דיאַלאָג! ווי פיינט עס האָט אים פּאַמפּאַדור!

די וועלט איז פול מיט רייד.

ווען מענטשן וועלן קומען צום אייביקן מאָנאָלאָג, ערשט דאַן וועלן זיי ווערן ריכטיקע מענטשן. זיי וועלן שווייגן לאַנג און רעדן וויניק...

תלמידים ,רופט אויס צוזאַמען מיט פּאַמפּאַדורן: נידער מיטן דיאַלאָג, זאָל לעבן דער מאָנאָלאָג!

און פּאַמפּאַדור איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט מער גאָרנישט געוואָלט זאָגן, אָבער די תּלמידים זענען צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן וועגן מאַנאָלאָג און דיאַלאָג, און פּאַמפּאַדור האָט געזאָגט:

מאָנאָלאָג — איז דער ווינט, וואָס שרייט אין פעלד און וויל קיינעם נישט פאָלגן.

מאָנאָלאָג — איז דאָס געזאַנג פון אַ פויגל, וואָס זוכט נישט קיין צוהערער.

מאָנאָלאָג — איז דער גרונט־טאָן פון דער גרויסער עלעגיע פון דער וועלט, וואָס הייסט — „יידיש פאָלק".

דאָס ייִדישע פאָלק איז אַ פאָלק פון מאָנאָלאָג. עס רעדט כסדר פאַר זיך. קיינער הערט אים נישט... עס באַקלאָגט זיך, אָבער עס בלייבט בלויז אַ מאָנאָלאָג.

זיין נישט געהערטער געשריי אין גלות — איז אַ מאָנאָלאָג. זיין פאַרשטיקטער קרעכץ איז אַ מאָנאָלאָג. און דערפאַר איז ער אַזוי טראַגיש־שיין, און דערפאַר האָט פּאַמפּאַדור אַזוי ליב זיין פאָלק...

תּלמידים! געוואוינט שוין רעדן אַפילו פון מאָנאָלאָג. פּאַמפּאַדור האָלט זייער פיל פון שווייגן. און מאָנאָלאָג איז דער שאָסיי־וועג, וואָס פירט צום שווייגן.

לאָמבאַרדן און שיינע חלומות

און ס'איז געווען אין דער צייט פון גרויסן קריזיס, און די תּלמידים האָבן באַגעגנט פּאַמפּאַדורן אויפן וועג צום לאָמבאַרד, און ער האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

תּלמידים מיינע! די שענסטע אינסטיטוציע אין לאַנד איז דער לאָמבאַרד.

אַ לאָמבאַרד — דאָס איז דאָס לעבן: מיר אַלע פאַרמשכונען דאָרטן אונדזערע בעסטע חפצים, אונדזערע גאָלדענע שטרעבונגען, דימענטענע אידעאַלן און זייַדענע חלומות.

מיר אַלע טראָגן אַהין די זייגערלעך פון אונדזערע חלומות, די רינגען פון אונדזער פאַנטאַזיע, די בראַנזאָלעטן פון אונדזערע האָפענונגען.

מיר וויסן קיינמאָל נישט דעם סוף פון אונדזערע טייערסטע זאַכן: אַ חופּה־רינג, אַט איז ער אויף די צאַרטע פינגער פון אונדזער געליבטער, און אָט גייט ער איבער אויף די פינגער פון אַ גאַסנפרוי.

ווען מיר זענען יונג, זענען מיר נישט שטאַרק אויסגערעכנט. מיר ברענען צופיל און דאַן הייבן מיר אָן טראָגן אין לאָמבאַרד פון לעבן צו פאַרזעצן. מיר פאַרזעצן דאָרטן ביסלעכווייז אונדזער ליבע, אונדזער גלויבן, אונדזער ברען און אונדזערע שענסטע חלומות.

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

מיר טראָגן אַזוי לאַנג אין לאַמבאַרד, ביז מיר בלייבן ביי די אָפּגעריבענע קוויט־צעטלעך: אונדזער זילבער ווערט אויסגעשטעלט אין פענצטער צו דער גאַס אַרויס און פאַרקויפט צו דורכגייער.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

און איז ווייטער געגאַנגען.

וועגן רייזן און רייזנדער

תלמידים מיינע, רייזט נישט אַרום! זאָגט פּאַמפּאַדור.

זוכט נישט קיין נייע לענדער! עס זענען נישטאָ קיין נייע לענדער פאַרן אומרויִקן גייסט.

פון אייער קליין, היימיש פענצטערל קענט איר זען מער וועלטן, ווי פון די צענדליקער פענצטער פון שנעל־לויפנדיקע צוגן.

תלמידים! זיצט אויף איין פּלאַץ.

זיצן אויף איין פּלאַץ — הייסט ווערן אַ חשוב ביי שכנים און קריגן קרעדיט אין דערבייאיקן קרעמל.

אין די וואַגאָנעס קענט איר בלויז זען פּנימער, נישט קיין נשמות.

אין אַ האָטעל־בעט קען מען נישט אויסוואַרעמען קיין געפילן. מ׳איז צופרידן אַז מ׳וואַרעמט אויס די גלידער.

מיטן קאָפּ אויף אַ פרעמדער קישן קען מען נישט חלומען.

דער שיינער גייסט מוז האָבן אַ היים, כאָטש ס׳איז אים שווער צו צאָלן דירה־געלט...

תלמידים מיינע, רייזט נישט!

די גרעסטע ים־שיף קען נישט פאַרוויגן דעם שטורעם פון האַרצן. אַן אומרויִקע נשמה קען נישט געפינען קיין רו ביי נייע ברעגן.

די אינעווייניקסטע שטים פון אומצופרידנקייט קען קיין פייף פון אַ שיף־קוימען נישט פאַרטומלען.

דריקן אַלעמאָל נייע הענט נעמט נישט אַרונטער דעם דרוק פון האַרצן.

זוכן גוטע מענטשן אינדערפרעמד, איז ווי צו זוכן ליבע ביי אויסגעלאַסענע פרויען...

— שטאָטמענטש, צו וואָס וואַנדערן?

אין שטאָט פון אייזן און שטיין איז נישט בעסער פון אַ צווייטער.

פּאַמפּאַדור

דער גאַסנשטויב איז אין אַלע לענדער דערזעלבער.

נישטאָ קיין גליק אינדערפרעמד, ווען איר האָט עס נישט אינדערהיים.

דאָס גליק פון מענטשן פלאַטערט העכער איבער די מאַסטביימער פון די גרעסטע שיפן; דער סוד פון אַן אידעאַלן לעבן איז פיל ווייטער פון דער גרעס־טער ווייטקייט.

תלמידים, זיצט אויף איין פלאַץ!

ווען אַלע וואָלטן געווען אַרומפאָרער, וואָלט די וועלט בלויז אויסגעקוקט, ווי איין גרויסער האָטעל מיט בעטלעך און מאַטראַצן; וואָלטן די איינציקע נוצ־לעכע מענטשן געווען די קעלנער; וואָלט די ליטעראַטור געווען בלויז אַ ליטעראַטור פון אַ שפּייז־קאַרטע; די עסטעטיק — אַ ציינהעלצל אין מויל; די ליבע — אַ נאַכט אין אַ צימער פון אַ האָטעל; דער אמת — אַ רענצל מיט קויטיקע וועש; די דאַנקבאַרקייט — טרינקגעלט פאַר די בעלי־עגלות און משרתים; און די יאָרן — אַן אַרויפשטייגן און אַראָפּשטייגן אויף באַנען...

פאַר פּאַמפּאַדורס אויגן ציִען זיך דורך אַ ריי וואַנדער־פעלקער און ער רופט:

אומגליקלעך איז דאָס פאָלק, וואָס האָט אַ וואַנדערשטעקן אין האַנט, אַנשטאָט אַ באָדן אונטער די פיס.

אַ פאָלק, וואָס וואַנדערט, קען בלויז האָבן אַ געשיכטע פון האָטעל־חשבונות, באַליידיקונגען פון קעלנער און שלאָפלאָזע נעכט.

תלמידים, וואַנדערט נישט, ווען אַפילו מ׳מאַכט פאַר אייך הונדערט אָפּשייד־אָוונטן.

קיין וואַנדערער, זינט די וועלט איז אַ וועלט, האָט נישט געבראַכט פון זיין וואַנדערוועג דעם אַלכעמישן שטיין פון גליק...

תלמידים מיינע, הערט פּאַמפּאַדורן.

פּאַמפּאַדורס היים איז אומעטום און אין ערגעץ נישט. פּאַמפּאַדור דאַרף נישט וואַנדערן...

זיין גייסט האָט נישט קיין טאַמאָזשנעס און גרענעצן; אָט איז ער מיט אייך און אָט כאַפּט ער זיך אַריבער איבער ימים, פאַרפליט אין די טיפסטע וויסטענישן, ציט זיך אויס פריי אויף ווילדע גראָזן.

מיין טרוים האָט שטאַרקע פיס. ער גייט אויס אין איין ווילע גאַנצע לענדער.

מיין טרוים האָט לאַנגע הענט, ער דערלאַנגט מיט זיין שלום אַלע מענטשן און פעלקער.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

ליבע צום מוטערלאַנד

תלמידים, פון אַלע זייטן טראַגט זיך אַ געשריי: דאָס פאָטערלאַנד איז אין געפאַר! טוט אייער פליכט צום פאָטערלאַנד! קומט ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד!

פון אַלע זייטן פויקט מען פון ליבע צום פאָטערלאַנד, פון אָפּפערן זיך פאַרן פאָטערלאַנד.

און דער עולם ווערט פּאַטריאָטיש ווילד און לויפט ראַטעווען.

אָבער פּאָמפּאַדור וויל פאַר אייך קומען מיט אַ נייער לערע: די לערע פון מוטערלאַנד.

תלמידים! פריִער האָבן אַלע גערעדט און געפּרעדיקט ליבע צום פאָטערלאַנד, און אין דעם נאָמען פון דערדאָזיקער ליבע איז מען באַגאַנגען די גרעסטע רציחות און שאַנדטאַטן.

פּאָמפּאַדור וויל צו אייך רעדן פון אַ נייער ליבע, — פון ליבע צום מוטער־לאַנד.

די אַלטע ליבע צום פאָטערלאַנד האָט אונדז גענאַרט, מיאוס גענאַרט, דער־פאַר מוז מען איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף מאַכן צו דער וועלט־פאַרניכטנדיקער פראַזע: „ליבע צום פאָטערלאַנד"!

וואָס איז ליבע צום פאָטערלאַנד? — פרעגט פּאָמפּאַדור. און ער ענטפערט:

ליבע צום פאָטערלאַנד — דאָס איז אַ הכשר אויף שנאה אין נאָמען פון ליבע.

דאָס איז גוואַלד און פאַרגוואַלדיקונג אין נאָמען פון מענטשלעכקייט.

ליבע צום פאָטערלאַנד — דאָס באַטייט רויִנע פון אונדזערע היימען אין נאָמען פון ליבע צום לאַנד.

און וואָס איז ליבע צום מוטערלאַנד? — פרעגט פּאָמפּאַדור.

און פּאָמפּאַדור ענטפערט:

ליבע צום מוטערלאַנד — דאָס באַטייט אייביקער שלום און זיכערקייט פון טויזנטער היימען.

ליבע צום מוטערלאַנד — זאָגט: מענטשן, זייט גליקלעך!

תלמידים! פירט מיך צום מוטערלאַנד!

דאָרט איז זונשייַן, דאָרט איז רו, דאָרט איז שטילקייט!

און פּאָמפּאַדור האָט זיך פאַרקוקט ערגעץ ווייט, ווייט און נאָכדעם גערעדט:

ליבע צום פאָטערלאַנד — דאָס איז פאַרהייליקונג פון טויטער געשיכטע; דאָס איז אַ קדוש־טאַנץ פאַר מצבות; דאָס איז לאָבן זיך מיט דער העלדישקייט פון געשטאָרבענע זיידעס.

ליבע צום מוטערלאַנד — דאָס איז צוקונפט און גליק; דאָס איז וויגלידער פאַר קינדער, וואָס דאַרפן ערשט געבוירן ווערן.

ליבע צום פאָטערלאַנד — הייסט אַ שפּיל אין סאָלדאַטן, אַ גליק פאַר אַמוניציע־פאַבריקאַנטן.

ליבע צום מוטערלאַנד — הייסט שפּיל פון קינדער און פרייד פון מוטערס.

וואָס איז דער כבוד פון פאָטערלאַנד?

דער כבוד פון פאָטערלאַנד איז דער מאָדערנער פייערגאָט, וואָס האָט ליב מענטשנפלייש.

און ווייסט איר, וואָס איז דער כבוד פון מוטערלאַנד?

דער כבוד פון מוטערלאַנד — איז אַ שטילע טויב, וואָס באַוואַכט איר טויבן־נעסט.

די ליבע צום פאָטערלאַנד — איז אַ געקינצלטע, אָבער די ליבע צום מוטערלאַנד איז אַ נאַטירלעכע.

פאַר ליבע צום מוטערלאַנד איז נישטאָ קיין גרענעצן און קיין ימים; די גאַנצע וועלט איז אָפן פאַר איר, בעת ליבע צום פאָטערלאַנד איז אַ באַגרענעצטע און שמאָל־הערציקע.

פריינט מיינע! דער פאָטער־קולט האָט שוין צופיל באַהערשט די וועלט, זאָל פון איצט אָן אָנהייבן הערשן דער מוטער־קולט.

ס'איז שוין צייט, אַז די פאָטערס זאָלן בכלל איבערגעבן די מוטערס די לייצעס פון דער ממשלה.

וואָס פאָטער־הערשאַפט איז, דאָס ווייסן מיר שוין, לאָמיר אויך פּרוּוון מוטער־הערשאַפט.

פאָטערס רעדן נאָר אין נאָמען פון כבוד, מוטערס רעדן אין נאָמען פון זייערע קינדער. און וואָס איז ערנווירדיקער?

דאָס מוטערלאַנד איז אומעטום, ווו מיין מאַמע לעבט מיט מיר, ווו מען האָט מיך ליב.

דאָס פאָטערלאַנד איז נאָר דאָ, ווו מען שיקט מיך אין פייער.

און וואָסער לאַנד איז בעסער?

האָט נישט קיין מורא פאַר דער מוטער־שוואַכקייט.

אונדזער פאָטערלעכע שטאַרקייט האָט אונדז בלויז געהאָלפן חרוב מאַכן אַ וועלט. אפשר וועט די מוטערלעכע שוואַכקייט העלפן בויען אַ נייע וועלט?

תלמידים! פּאַמפּאַדור איז פאַר אַ מוטערלאַנד, ווייל ער איז פאַר אַ קינדער־לאַנד!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

אויפן בית־עולם פון יאָרן

תלמידים! — האָט פּאָמפּאַדור אָנגעהויבן רעדן, גלייך ווי זיינע תלמידים האָבן אים געטראָפן ערב ניי־יאָר 1917, — איר וועט גלויבן אייער פּאָמפּאַדורן, צי נישט, נאָר פּאָמפּאַדור האָט ליב נישט די יאָרן, וואָס קומען אָן, נאָר די יאָרן, וואָס גייען אַוועק.

יאָרן, וואָס גייען אַוועק — זענען בעלי־חובות, וואָס האָבן שוין איינגעמאָנט זייער חוב, אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן, — אָבער איינגעמאָנט.

יאָרן, וואָס קומען אָן — זענען בעלי־חובות, וואָס קומען ערשט קלאַפּן אין טיש.

און מיט וואָס וועט איר זיי באַצאָלן? ווייסט איר כאָטש, אַז איר זייט באַנקראָט?

יאָרן — וואָס גייען אַוועק — זענען ליבעס, וואָס האָבן זיך שוין אויס־געשפּילט.

און אויסגעשפּילטע ליבעס זענען די בעסטע, ווייל מען קען זיי שוין נעמען אונטערן מעסער פון קריטיק און זען אין דעם ליכט פון קלאָרן שכל.

יאָרן, וואָס קומען אָן — זענען ליבעס, וואָס איר דאַרפט ערשט שפּילן, און צו וואָס די אומזיסטע ערגערניש און האַרצווייטיק? גלויבט איר דען אין ליבע?

יאָרן, וואָס גייען אַוועק, וועקן דערינערונגען: גוט אָדער שלעכט, נאַריש אָדער קלוג, — ליבן מוז מען זיי.

יאָרן, וואָס קומען אָן — זענען נאַרישע מעשים, וואָס מען קלייבט זיך ערשט טון, און צו וואָס זיך ווייטער נאַריש מאַכן?

אין פּאָמפּאַדור האָט שטרענג אָנגעקוקט די תלמידים זיינע, ווי נייגעריק זיי בעטן, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן, און ער האָט ווייטער גערעדט:

יאָרן, וואָס גייען אַוועק — זענען מלבושים אָפּגעטראָגענע, ביי די אַרבל אָפּגעריבענע, מיט אַ גלאַנץ אויף די לאַצן, אָן קנעפּלעך, און דאָך איז שווער זיך פון זיי צו שיידן.

יאָרן וואָס קומען אָן — זענען מלבושים ערשט געבראַכט פון שניידער: עס שמעקט פון זיי מיט נייקייט, יעדער טייל איז גוט צוגעפּרעסט, די נייע קנעפּלעך שמייכלען מיט זייערע פרישע פּנימלעך, איר טוט זיי אָן, — און דאָך פילט איר זיך אין זיי נישט באַקוועם.

יאָרן, וואָס גייען אַוועק — זענען געסט, גוטע, פיינע, וואָס האָבן אייך באַזוכט, אויפגעגעסן און אויסגעטרונקען אַלץ אין הויז, פאַרפלעקט די טישטוכער, אָנגע־

פּאַמפּאַדור

רויכערט און אַנגעוואָרפן ציגאַרן־אַש, געמאַכט אייך דול און קראַנק — אָבער דאָך זענען זיי שוין אַוועק, — אַ דאַנק!

יאָרן, וואָס קומען אָן — זענען געסט, וואָס דאַרפן ערשט קומען: דער טיש איז פאַר זיי געגרייט, דער כיבוד לאַכט אַרויס פון די שיינע כלים, און פון דער דערפאַרונג מיט די אַלטע געסט פילט איר, אַז גלייכער וואָלטן זיי נישט געקומען.

יאָרן, וואָס גייען אַוועק — זענען אויסגעגעבענע טעכטער: טאַקע שווער אָנגעקומען, אָבער דאָך, אַרונטער אַ הויקער פון פּלייצע, מען קען צו זיי אַפילו גיין צו גאַסט און האָבן נחת...

יאָרן, וואָס קומען אָן — זענען טעכטער, וואָס מען דאַרף זיי ערשט חתונה מאַכן, דאָס הויז איז פול מיט זייער טומל, טאַטע־מאַמע גייען אום שטענדיק פאַרזאָרגט: „אָך, ווען גאָט העלפט און מיר גיבן זיי שוין אויס״!

און פּאַמפּאַדור האָט געשיקט זיין בליק ערגעץ ווייט, ווייט, און ער האָט ווייטער גערעדט:

תלמידים! אייער פּאַמפּאַדור ווערט זייער פּעסימיסטיש יעדן ערב ניי־יאָר.

פּאַמפּאַדור זעט, ווי עס ווערט געבוירן אַ ניי־יאָר, און ער זאָגט: נאָך אַ קאַליקע אין דער משפּחה פון יאָרן!

און ווער דאַרף אַזויפיל קאַליקעס?

פּאַמפּאַדור וואַרפט זיין אויג אין דער אייביקייט און ער זעט זי אין דער געשטאַלט פון אַן אומענדלעכן בית־עולם, ווו עס רוען יאָרן אָן אַ צאָל און אָן אַ חשבון.

און אַ שרעק כאַפּט אַרום פּאַמפּאַדורן פאַר דעם גיגאַנטישן בית־עולם.

און דאַן זעט ער די מכשפה־צייט אין דעם געשטאַלט פון מלאך־המות, וואָס קאָסעט אייניאָריקע עופהלעך גאָר אָן רחמנות.

און פּאַמפּאַדור פרעגט: צו וואָס געבוירן ווערן, צו לעבן בלויז איין יאָר?

פּאַמפּאַדור האָט מיטלייד מיט נייגעבוירענע יאָרן, ווי מיט ניי־געבוירענע קינדער.

וועט דען דער נייגעבוירענער האָבן מער מזל, ווי זיין פאַרשטאָרבענער ברודער?

און פּאַמפּאַדור טראַכט: אפשר וואָלט מען זיך גענומען טראַכטן פון אַ יאָרן־געבורט־קאָנטראָל, ווי פון אַ קינדער־געבורט־קאָנטראָל?

און פּאַמפּאַדור איז זייער אומעטיק געוואָרן און ער האָט מער גאָרנישט געוואָלט זאָגן, נאָר די תלמידים האָבן אים מיט הונגעריקע אויגן געבעטן, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן, און ער האָט געזאָגט:

אוי, איר יאָרן, וואָס איר גייט אַוועק, ווי שיין איר זענט נאָכדעם, ווי איר זייט שוין אַוועק!

תלמידים! ווען אייער פּאַמפּאַדור הערט דעם ניי־יאָר־טומל, דעם כאָר־געקלאַנג פון די גלעקער, דעם שיכורן געשריי פון די מענטשן, וואָס פרייען זיך מיט די ניי־אָנגעקומענע יאָרן, צעלאַכט ער זיך ביטער און זאָגט:

אָ, איר קורצזיכטיקע! פילט איר דען נישט, אַז מיט דעם פייערן פון די נייע יאָרן ווערט אויסגעלאָשן דער פייער פון אייער האַרצן? אַז מיט דעם שיכורן לכבוד דעם ניי־יאָר פאַרשיכורט איר אייער לעבן? און אַז אין דעם גלאָקן־קלאַנג הערט זיך דער קלאַנג פון אייערע יוגנטגלעקלעך, וואָס ווערן פאַרקלונגען?

אָ, איר לייכטזיניקע און קורצזיכטיקע!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

קלאָר און נישט קלאָר

אוי, ווי איך האָב פיינט די מענטשן, וואָס פאַר זיי איז אַלץ קלאָר, — זאָגט פּאַמפּאַדור.

קלאָרקייט — איז דער שונא פון פּאָעזיע, פון פאַנטאַזיע און קינדער־מעשהלעך.

קלאָרקייט — איז די מאַמע פון פּראַקטישקייט.

פאַר דעם פּראַקטיקער זענען אָפן אַלע זיבן הימלען, און ער זעט דאָך קלאָר גאָטס פּנים און גאָטס באָרד, און ער זעט אויך קלאָר די לאַנגע טישן מיט די גוטע פישן, וואָס שטייען אין גן־עדן אָנגעגרייט פאַר אים.

קלאָרקייט — דאָס איז אַ פּאַרטיי־פּראָגראַם, וואָס איז איינמאָל אויפגעשריבן און גייט נישט ווייטער פון שריפט.

אומקלאָרקייט — דאָס איז ברייטקייט, שיינקייט און פילפאַרביקייט.

קלאָרקייט — איז די פּאַרטיילעכקייט פון אַ פּאַרטיי־מיטגליד, וואָס פאַר אים איז בלויז קלאָר זיינס און אומקלאָר אַלץ, וואָס איז נישט זיינס.

אומקלאָרקייט — דאָס איז דער שענסטער פּעריאָד אין דער ליבע פון אַ פרוי.

ווען די ליבע ווערט איך שוין קלאָר, פאַרוואַנדלט זי זיך אין הייראַט.

קלאָרקייט אין ליטעראַטור — הייסט פּאָפּולאַריזאַציע, מיינט קריכן צום עולם.

קלאָרקייט — הייסט נישט האָבן קיין ספקות.

פּאַמפּאַדור

און נאָר באַלעבאַטים פון לאַנגע אויערן פאַרמאָגן קיין ספקות נישט.

קלאָרקייט — איז דער פירשטעקן אין די הענט פון כיטרע פירער צו פירן די מאַסן.

אונדזער לעבן איז שוין צו קלאָר, — דערפאַר איז עס אַזוי וואַכעדיק.

פאַר אַן אַרבעטער איז זיין טאָג קלאָר: אויפשטיין מיטן זייגער, עסן מיטן זייגער, קומען מיטן זייגער, און אפילו דאָס עסן, וואָס דאָס ווייב מאַכט פאַר אים, איז אים אויך קלאָר... דאַסזעלביקע, וואָס נעכטן און אייערנעכטן.

אַ יום־טוב — הייסט, ווען איך ווייס נישט קלאָר, וואָס פאַר אַ גליקן עס דערוואַרטן מיך מאָרגן.

קלאָרקייט — איז טויט.

אומקלאָרקייט — איז לעבן און האָפענונג.

פריינט! וואָס מער אומקלאָרקייט אין אונדזער לעבן, אַלץ גליקלעכער וועלן מיר זיין.

אָ, איר פאַרפלאָנטערטע אומקלאָרע בענקשאַפטן פון מיין האַרצן, צעגייט זיך נישט, וואָרום נאָר מיט אייך בין איך שטאַרק און מוטיק!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

וואַכן און שלאָפן

היינט וועל איך מיט אייך רעדן אַ גאַנצע נאַכט, תלמידים מיינע!

היינט, וויל איך וואַך זיין!

האָט איר שוין אַמאָל געהאַט דעם חשק פון אייביק וואַך זיין?

האָט איר שוין אַמאָל געהאַט דעם פאַרלאַנג צו טרייבן פון זיך דעם שלאָף, ווי אַ שונא?

שלאָפן — דאָס איז די שקלאַפנקייט, וואָס די נאַטור האָט אָנגעטאָן דעם מענטשן, דער קנעכטשאַפט־שטעמפל, מיט וועלכן דער טייוול האָט באַזיגט אונדזער נשמה, דער אייביקער זיג פון קערפער איבערן גייסט.

איך וויל וואַכן, תלמידים מיינע, און פריי זיין.

איך וויל אייביק וואַך זיין און לאַכן דער נאַטור אין איר הערשער־פּנים אַריין.

ווי ליב ס'איז מיר צו מאַכן פון נאַכט טאָג און טרייבן די שאָטנס אין זייערע ווינקלען אַריין.

ווי ליב ס'איז צו רעוואָלטירן קעגן די מעשי־בראשית, קעגן דעם אוראַלטן געזעץ פון דער וועלט...

וואַכן — דאָס איז דאָס געווער פון צוקונפטמענטש, דער זיג פון רייכן גייסט איבערן אָרעמען קערפּער.

אָ, די שלאָפלאָזע נעכט, ווי טייער זיי זענען מיר!

אוי, דער ווילן אייביק וואַך צו זיין, ווו נעמט מען אים?

דאָקטוירים, קערפּער־פּאַרהייליקער און געזונט־פּאַרהיטער! גיט מיר נישט קיין רפואות, — איך וויל אייביק וואַך זיין! איר האַלט שלאָפלאָזיקייט פאַר אַ קראַנקהייט? — איך נישט!

איר זוכט מיטלען, ווי די שלאָפלאָזיקייט צו טויטן, — איך זוך זי אויפצולעבן... אָ, די יונגע שלאָפלאָזע נעכט מיינע, ווו נעמט מען זיי?

אָ, דער חשק אייביק וואַך צו זיין, ווו קריגט מען אים איצט?

תלמידים מיינע, גיסט וויין, פלאַפּלט און טרייבט פון זיך דעם שלאָף אויף מיילן־וויט!...

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

פאראדאקסן און שטימונגען

צווייטע טייל

אינהאלט

פון צווייטן טייל

א) אַנטלויפער, מיטלויפער און נאָכלויפער

די נייע איסט־סייד
וועגן פאַרהייליקונג און
פאַרהייליקטע
„אהבת ישראל" און אויסדער־
ווילטקייט
די נייע קדוש־שפרינגער פאַר דעם
„אַמאָל איז געווען"
אַ דריטער מאָל אויף דער נייער
איסט־סייד
אַ פערטן מאָל אויף דער נייער
איסט־סייד

טאַקע ווידעראַמאָל וועגן אונדזער
אויסדערווילטקייט
יידיש טעאַטער ווו ביזטו?
אויף דער עלטער
אין איין ריי
ירושה און יורשים
גאָט זוכער און גאָט געפינער
רעדן און שווייגן
יידישע אַחריות, ווו זוכט מען אייך?
ווען פאָמפּאַדור זיצט אין הויז

ב) אין קעניגרייך פון יידישן וואָרט

דריי זענען זיי
ביי אַ גלאָז טיי
וועגן עם־הארץ און למדן
לויות ביי אונדז
קריטיקער און שרייבער
אַן אַנטי־שלאָף פּראָקלאַמירונג
נביאים און דיכטער
ווערט פּאָעטן
אַלטע רעווידירער
פּירער און פאָלק

ווערטער־ביכער
פּאָעזיע, פריילעכקייט און רעליגיע
צוריק צום טישקעסטל
אַ ניגון פון ערגעץ־ווייט
צופיל ביכער
שווער און גרינג
אַ פאָלק פון מוסר
אַ כמו חשבון־הנפש
מ'זעט דאַן איין
גלאַט קריטיק און גלעט קריטיק

ג) פון פּאַמפּאַדורס נאָטיץ־בוך

גערעאַטעוועטע שורות

ד) אין קריג מיט פילאָזאָפיע

דער אייביקער עמער
רויך איבער אַלעס
בעט און וואַנע
סטעליע־פילאָזיפיע
פון ריין און אומריין
מיט פויגל צוגלייך
קוקערעקו
דער אמת וועגן טויבן
אַ גלייכע און דאָך נישט קיין גלייכע
דאָס פייפל
אַ מוזיקאַלישער שקר
צווישן הונט און קאַץ
אַ פאָלק פון דאָקטוירים
פרייער ווילן
לאַנג לעבן זאָלן די טעותן!
דאָס צווייטע געשלעכט
די קאַנאַפּע
די הינקענדיקע וועלט
קיינער ווייסט נישט
הימל און ערד
דער הייליקער קריג
אין וואַלד פון גרויס־שטאָט
אַ קליין אָרעם ווערעמל
וועלדער ברענען
אָן אָן ענטפער
וועגן בריקן און גליקן
ווערט אַסטראָנאָמען
ערגעץ ווו...
אַלטע לייט
זוכט נישט קיין פּתרון!
מיט שטילע טריט
אָן אָדע צו אַ באַנק אין פּאַרק
אַ קרימינעלע פאַרברעכערין
די אייביקע סדרה
אין קאַמף פאַר פרייהייט
אַ לויב־געזאַנג צו דער גאַס
ווייבערשע לאָגיק
לאָזט זיך פאַרפירן!
וו־אַ־אָ־ס־ס־ס?
פון פּאַמפּאַדורס פאַרוואָסן
חשבונות און ציפער
וועגן זייגערס און זייגערלעך
ד״ר קינזיס טעות
וועגן דער חכמה פון באַנאַרישן זיך
אַ סאַלוט צום שקר
די זינד אינסטיטוציע
ביזן לעצטן אָטעם

ה) תפילות לפּאַמפּאַדור

לעצטע תפילה
תפילות לפּאַמפּאַדור

אנטלויפער, מיטלויפער און נאכלויפער

די נייע איסט סייד

א.

און פּאָמפּאַדור האָט געקויפט אַ שטעקן פאַר זיין לעצט געלט און איז אַוועק שפּאַצירן איבער דער איסט סייד.

און אַ נייע איסט סייד האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט און ער האָט אויס־גערופן:

אָ, ווי פאַרענדערט איז דיין פּנים, איסט סייד מיינע! איך דערקען דיך שוין נישט באַלד! העסטער פּאַרק האָט ביימער און איסט בראָדוועי — כינעזער... אויף דיינע טרעפּ אָנשטאָט אַ ייִדישע יוגנט וואָס רעדט רוסיש און חלומט אין ייִדיש, זיצן איצט נעגער־ייִנגלעך און דזשיגן מיט די פיסלעך און פאַרביי זיי גייען מאָדנע ייִדן מיט הבדלה פּאות...

ייִדישע רעדאַקציעס זענען נאָך דאָ, נאָר פון זיי אָטעמט מיט לויה אַנאָנסן און קרעמערשע קאָנקורענץ: ווער זאָל פריִער אונטערגייִן?

ווו זענען די יונגיטשקע צייטונג פעדלער פון אַמאָל? עס הילכן נאָך אין פּאָמפּאַדורס אויערן זייערע אויסרופן, עס איז געווען אַ רוף צום לעבן און קאַמף.

די איינציקע געביידע וואָס שטייט נאָך נישט געררירט, איז דער „עדיוקיי־שיאָנעל אַלייענס", דאַכט זיך, אַז אויף די ווענט איז נאָך דאָ דער אויפשריפט: „מאַסליאַנסקי ידבר". די אַמאָל באַרימטע „שלומס קאַפע", איז איצט אַ „באַר" פאַר בעלי־עגלות און ייִדישע שרייבער דריקן זיך אין אַ קאַפעטעריע, ווו זיי זענען איבעריק...

אַ היים האָבן די ייִדישע שרייבער איצט וויניקער ווי אַמאָל, אָבער אויך די שרייבער זענען שוין נישט די פון אַמאָל...

עס זענען שרייבער מיט אַנדערע חלומות און אינספּיראַציעס און איבער זיי לויערט דער „עמוד הענן" פון זקנה.

און פון זיי שרייט אַרויס: היט דיין שטעלע קאַלעגע ביז דו ווערסט 65 און קענסט קריגן סאָציאַלע פאַרזיכערונג!...

און פּאַמפּאַדור איז אַרויס פון דער איסט בראָדוועי קאַפעטעריע און געטראַכט: — אוי ווי עס בענקט זיך מיר נאָך דער אַמאָליקער קנאת סופרים! ס'איז געווען אַ קנאה פאַר אַ גוט ליד, אַ פיינע דערציילונג און אַ שטאַרקן אַרטיקל. היינטיקע קנאה איז נאָר פאַר אַ צווייטער שטעלע, וואָס מען רופט „פּובליסיטי"... אַלע ווילן קריגן אָט די גליקלעכע „פּובליסיטי"־שטעלע!

ב.

און פּאַמפּאַדור האָט אַ צווייטן מאָל געבלאָנדזשעט איבער דער איסט סייד און ווידער באַזוכט די איסט בראָדווייער קאַפעטעריע און ער האָט זיך געזעצט אָן אַ זייט און צוגעהערט די שמועסן פון קאָלעגן שרייבער. און ער האָט געהערט פּסוקים... פון חומש, פּרק און עין־יעקב...

און פּאַמפּאַדור האָט זיך געזאָגט:

— אָ, ווי פלינק־צונגיק דיינע קינדער זענען, יעקב! אַלע זענען מיטאַמאָל געוואָרן לומדים... און אַלע ריידן פון רעליגיע... און אַלע אַרבעטן איצט ביי „אהבת ישראל".

און פּאַמפּאַדור האָט פאַרלאָזט די קאַפעטעריע און ער האָט געשעפּטשעט פאַר זיך:

— קאָלעגן לומדים! פון דער העלער הויט געוואָרענע, אָ, איר אַרומטאַנ־צער אַרום רעליגיע, מיין האַרץ טוט ווי פאַר אייך און אייער צערונענע וועלט־לעכקייט.

אָט ערשט דאַכט זיך, זענט איר אַלע געווען אַפּיקורסים און „בעזבאָזש־ניקעס".

און פּאַמפּאַדור איז געגאַנגען זיין וועג און געטראַכט: וווּנדער איבער וווּנדער! אַלע די וואָס האָבן אָט ערשט ציטירט פּושקין — ציטירן איצט רבנו בחיי. און די וואָס האָבן גערעדט פון האַמסון — ריידן איצט פון כוזרי. אַנדערע צייטן — אַנדערע רייד און ציטאַטן. און דער פּולס פון זעלבסטבאַרימערייַ קלאַפּט אַזוי שטאַרק. די וואָס האָבן אַמאָל קוים באַזוכט אַ חדר — באַרימען זיך היינט, אַז זיי זענען געווען אין אַ ישיבה און ווי גרויס די באַגייסטערונג איז איצט ביי די קאָלעגן פאַר חסידות און קבלה. כמעט יעדער איינער טראָגט זיך אַרום מיט אַ פּלאַן צו שאַפן ווערק פון בראַסלאַווער, קאָצקער און בעל שם טוב.

און פּאָמפּאַדור האָט געקלאַפּט מיטן שטעקן אין די האַרטע שטיינער פון טראָטואַר און ער האָט געדונערט פאַר זיך:

— אָ, איר יורדים פון גייסט! איבערגעשראָקענע שאָטנס טוליעט איר זיך צו די אויסגעליידיקטע רעדאַקציעס און ווער קען אייער גייסט דערהייבן? איר שפּילט זיך אין לומדות איצט ווי אַמאָל אין קאָמוניזם... אָט ערשט איז אייער אידעאַל געווען אַ רייזע קיין מאָסקווע, איצט — אַ רייזע קיין תל אָביב, אפשר וועט מען זיך מרחם זיין אויף אייך און איבערזעצן אייך אין העברעיש...

און פּאָמפּאַדור האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און אים האָט זיך גע־נומען דאַכטן, אַז אַרום אַ סלופּ נישט־ווייט פון אַ יידישער רעדאַקציע שטייט יידיש אַ פאַרטרויערטע און זי זוכט עפּעס מיט די אויגן...

ג.

אָבער ווען פּאָמפּאַדור האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין צימער, האָט ער זיך באַרויקט און ער האָט זיך כמעט צעזונגען:

— ווי גוט ס'איז צו זיין אין דיינע געצעלטן יעקב! ווי ליב עס איז צו געהערן איצט צו דער גרויסער מחנה צוריקקומער, בעלי־תשובה, גאָט־געפינער און אהבת ישראלניקעס!

ווי שיין עס קוקן היינט אויס די באַיאַרמולקטע חברים מיינע!

עס איז איצט דער צוריקקום פון דער יאַרמולקע! ביי דער וועלט איז איצט אַן אַטאָם־עפּאָכע, ביי אונדז — אַ יאַרמולקע־עפּאָכע!

געוועזענע פייגענבוימיסטן, סטאַלין פאַרגעטערער, פריידענקער, ראַדיקאַלן און היטללאָזע אינטעליגענטן, אַלע טראָגן זיך אום איצט מיט יאַרמולקעס אין קעשענע... אייניקע מיט פאַפּירענע, מפונקים, — מיט זיידענע, אַלע האַלטן זיי גרייט אַ יאַרמולקע אויף אַן „עת צרה" און די „עת צרה" איז — אַ „לאַנטשעאָן" פאַר דער פּרעסע...

און לאַנטשעאָנס פעלן נישט ביי אונדז איצט. און מערסטע לאַנטשעאָנס ווערן סערווירט אין יאַרמולקעס...

און די תלמידים האָבן געבעטן פּאָמפּאַדורן ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן אויף דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער טעמע און פּאָמפּאַדור האָט זיך פאַרטראַכט און נאָכדעם ווידער גערעדט:

— מען קען אונדזער ראַדיקאַלן דור אָנרופן „דער דור פון די גרינגפיסיקע": עס איז אַ דור וואָס קען אַריבערגיין זייער קונציק לייכט פון איין אידעאַל צו אַ

צווייטן... פון איין שיטה צו אַ צווייטער. עס איז אַ דור פון אַריבערלויפער, וואָס אים איז ווויל ביז גאָר...

מען גייט אַריבער פון איין לאַגער אין אַ צווייטן ווי פון איין קאַפעטעריע אין אַ צווייטער... פאַר די דאָזיקע פלינקע לייכט־פיסיקע, איז אַ ריכטונג פון אַ פאַרטיי בלויז אַ קאַפעטעריע: אַריין, אָפּגעקלונגען, אַרויסגעצויגן אַ בילעטל, צו־געלאָפן צום בופעט, אַ לעק אַהער אַ שמעק אַהין און — פאַרטיק פאַר היינט. און מאָרגן גייט מען אין אַ צווייטער קאַפעטעריע... ווי גוט ס׳איז אָט דעם מין שרייבער איצט, ווי לייכט אים לעבט זיך! און אויב ער איז אַ דיכטער איז ווי לייכט עס זינגט זיך אים.

עס איז אַ דיכטן אויפן זייגער ממש.

נעכטן, אַ פערטל צו אַכט אין אָוונט, באַזונגען בירא־בידזשאַן, היינט, האַלב נאָך צען אינדערפרי — ישראל. אַ ביסל פריִער געטרונקען לחיים פאַר דער אָק־טאָבער רעוואָלוציע, און מיט עטלעכע שעה שפעטער פאַר דער רעפובליקאַנער פאַרטיי... פריִער פאַרהייליקט דעם פּראָלעטאַריאַט, שפעטער אַ ווייל — די בור־זשואַזיע, די לעצטע צענדליק יאָר האָבן אויף דער ייִדישער גאַס געשפּילט אַ ראָלע פיס. אַ גרעסערע ראָלע ווי האַרץ און מוח. האָט איר געהאַט פיס איבערצו־לויפן — האָט איר געקראָגן אַ נאָמען און כבוד, אויף דער ייִדישער גאַס, אויף דער גרענעץ צווישן איין באַוועגונג צו דער צווייטער, האָט מען נישט געפרעגט אויף אַ האַרץ־וויזע אָדער געפיל־פּאַספּאָרטן, נאָר אויף אַ פוס צייגעניש... זענט איר צוגעלאָפן צו אונדז — זענט איר אונדזערער, האָט איר איבערלויף קראַפט, זענט איר געזונט און טויגט פאַר אונדז!

פיס — דאָס איז אַלץ וואָס מען האָט געפאָדערט פון אַ גוט שטייענדיקן פאַרטיי מיטגליד!

פיס! פיס! פיס!

איצט האַלט זיך ביי גרינדן אַ נייע פאַרטיי פון „אהבת ישראל״, וועלכע פאַטשט כסדר ר׳ יעקבן איבער דער פלייצע און שטעלן יעדן שחרית — דאַוונער אויפן פעדעסטאַל פון די נביאים...

תלמידים! ווויל און גוט איז אָט די פלינקע פיס־באַזיצער. מיינע פיס זאָגן זיך אָפּ פון לויפן און איבערלויפן. פּאַמפּאַדור וויל זיצן אויף איין פּלאַץ, רויכערן זיין ליולקע און צוקוקן מיט אַ שמייכל, ווי אָט די אַלע איבערלויפער וועלן באַלד לויפן צוריק מיט רומאַטעס אין די פיס און פאַרהאַרטעוועטע אָדערן...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

פּאַמפּאַדור

וועגן פאַרהייליקונג און פאַרהייליקטע

תלמידים! איר האַלט זיכער פון פאַרהייליקונג? פּאַמפּאַדור האַלט אויך פון פאַרהייליקונג — אָבער נאָר נאָכן טויט.

אַ שרייבער, אַ ריכטער, אַ מנהיג און סתם אַ גרויסן מענטשן, טאָר מען נישט אָפּגעבן קיין כבוד ביים לעבן — נאָר נאָכן טויט...

טאַלאַנטפולע מענטשן זענען אַמביציעז ווי שיינע פרויען, — גיט מען זיי קאָמפּלימענטן, ווערן די קאָמפּלימענטן פאַרוואַנדלט אין זייערע הענט אין שעד־לעך געווער...

טאַקע נאָר נאָכן טויט דאַרף קומען די פאַרהייליקונג, ווייל, — תלמידים מיינע, — נאָכן טויט קען עס נישט שאַדן, — נישט זיי און נישט אונדז!

נאָכן טויט מעג מען פון שרייבער מאַכן אָבות, און זיידעס — אָבער נישט ביים לעבן... ווייל טוט מען עס ביים לעבן וועלן זיי צוריקצאָלן מיט שוואַכע ווערק און נודנע דער?בערונגען...

גרויסע מענטשן — טאָר מען בכלל נישט פּיעשטשען. זיי זענען אין דער מדרגה פון קליינע קינדער וואָס, ווען איר צאַצקעט זיך מיט זיי צופיל הייבן זיי אייך אָן קריכן אויפן קאָפּ און צעברעכן אייערע ברילן.

פּאָמפּאַדור האַלט, אַז פאַר אַ שרייבער איז אַ סך געזינטער ווען ער ווערט ביים לעבן נישט צופיל געהויבן און געכבודט.

טאַדל און קריטיק זענען דווקא די וואָס מאַכן רייכער אַ טאַלאַנט. די שטיינער וואָס אַ טאַלאַנטפולער מענטש קריגט אַריין ביים לעבן — ווערן פאַרוואַנדלט אין דימענטן. נאָר אָרעם גייסטיקע שרעקן זיך פאַר שטיינער פון קריטיק. נאָר אין פּוסטע קעפּ קלינגט אָפּ יעדער געוואָרפן שטיינדל מיט אַ הילכיקן קלאַפּ...

די לאָרבער־קרוינען פון נביאים זענען נישט געווען קיין יובּיליי־פייערונגען, איבערטריבענע שבחים און דונערדיקע אַפּלאָדיסמענטן — נאָר טורמעס און בערג מיט שטיינער...

און פּאָמפּאַדור האָט געוואָרפן זיין בליק ערגעץ ווייט — און ווייטער גערעדט:

תלמידים! ביים לעבן טאָרן נישט זיין קיין הייליקע און פאַרהייליקטע. בלויז אין טויט, און נאָכן טויט עקזיסטירט הייליקייט.

טויט — איז ווייטקייט און דערווייטערונג און נאָר אין משך פון ווייטקייט און נאָר דאָס וואָס ווערט דערווייטערט פון אונדז ווערט אונדז הייליק און טייער.

אַ טויטע געליבטע — בויט אויס אַ טעמפּל אין אונדזער האַרץ, אַ קדשי

קדשים... אַ לעבעדיקע געליבטע — צווינגט אונדז צו נעמען אַ דירה און צאָלן דירה־געלט...

יוגנט איז אַ פאַרשוועכונג פון היילקטימער, אַ רעוואָלט קעגן פאַרהייליקטע. יוגנט האָט ליב רייסן פרכותן און אַריינדרינגען אין הייליקע פלעצער אָן אַ דערלויבעניש...

אַלץ וואָס לעבט באמת — זאָגט פּאַמפּאַדור — איז קעגן פאַרהייליקונג.

אַ לעבעדיקער געדאַנק, וואָס קומט אין באַריר מיט אמת ערדישע אינטע־רעסן, פאַרלירט זיין קדושה...

דאָס לעבן איז — צעשטערונג פון פאַרגעטערונג. יעדע רגע, — פאַרשוועכונג פון הייליקייטן, יעדע מינוט פאַרהייליקונג — איז שטויב אויף אַלטע ספרים און שטויב איז שעדלעך פאַר געזונטע לונגען.

איר ווייסט פאַרוואָס תכריכים זענען הייליק? ווייל זיי ווערן גענייט פון אַלטע ווייבער וועלכע קענען שוין נישט זינדיקן.

און פּאַמפּאַדור קומט צום שלוס: נאָר אויף מצבות מעג מען אויסקריצן די גרעסטע שבחים, ווייל שטיין איז האַרט און ער קען אָפּשלאָגן אַלע שקרים.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

„אהבת ישראל" און אויסדערוויילטקייט

.1

קומט אַהער תלמידים מיינע און איך וועל אייך פאַרוויגן מיט דער נייער וויג־ליד: „אהבת ישראל".

עס איז אַ וויגליד, וואָס דאַרף פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון „ציגעלע מיגעלע" און „תורה איז די בעסטע סחורה"...

דאָס איז אַ ליד מיט וועלכן „געוועזענע" מכל המינים ווילן פאַרוויגן זייער אייגענע פּוסטקייט...

די לופט פון דער ייִדישער גאַס איז איצט פול מיט ליבע צום ייִדישן פאָלק... מען גלעט איצט ישראל, מען חנפהט אים אין דער פּרעסע און אויף דער בינע...

יעדער געוועזענער גאַנץ־וועלטלעכער און האַלב־וועלטלעכער ייִד, דער־קלערט זיך היינט אין ליבע בלויז צו זיין פאָלק... שטייט אויף די קני פאַר „כנסת ישראל" און זינגט:

— ליבע דאַמע פון מיין האַרצן, דולצינעע מיינע! (אַנטשולדיק איך מיין שולמית) אה, ווי איך האָב דיך ליב! גיב מיר דיין האַנט!

אָבער די דאַמע הערט און שמייכלט: זי איז שוין נישט קיין יונגיטשקע און זי קען גוט אָט די קאַוואַליערן... וואָס האָבן זיך שוין דערקלערט אין ליבע וועמען איר ווילט אַליין: דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט, דער פּרייסישער מאַרק־סיסטקע און דער סאָוועטישער שיקסע אין דער קורטקע... זי קען זיי — און זי שמייכלט...

2.

און פּאָמפּאַדור האָט אַליין אַ שמייכל געטון און פאַרגעזעצט:

תלמידים! ווילט איר זיין היינט צו טאָג אויפן טאָג־אָרדענונג פון אונדזער קולטור־יאַריד? דערקלערט זיך אין ליבע צום פאָלק ישראל דריי מאָל אַ טאָג!

אין אונדזערע אויסגעליידיקטע קרעמלעך איז עס די נייעסטע פּרישסטע סחורה...

„אהבת ישראל" דאַרף עס זיין דער „ניילאָן" פון אונדזער „קיום"...

און אָ, ווי דערווידער עס זענען מיר די נייע פאַבריקאַנטן, וואָס פאַבריצירן און פּראָדוצירן „אהבת ישראל" פאַרן מאַסן־געברויך ווי הוסט־צוקערקעס; יאָ, די ליבע צו יידן איז אַרויס פון די קעמערלעך פון האַרצן און זיך צעלייגט ברייט אויף די טרוקענע פּאָליצעס פון אונדזערע נייע רעקלאַמע קרעמלעך...

3.

און פּאָמפּאַדור פרעגט: דאַרף דאָס יידישע פאָלק ליבע פון זיינע קינדער? —און ער ענטפערט: יאָ! געוויס! אָבער אָן ביליקע פּראָפּאַגאַנדע און שרייענדיקע רעקלאַמע...

אַ ייד אַ פּשוטער האָט ליב זיין פאָלק אָן פּרעס־אַגענטן, אונטערשטופּער און טינטלערס...

די ערשט אויסגעבריטע „אהבת ישראלניקעס" באַשולדיקן אַפילו דעם זיידן מענדעלע אין שנאת ישראל...

זאָגט פּאָמפּאַדור: אויב דער „זיידע" האָט געזייט שנאה צום יידישן פאָלק איז ניקאָלאַי דער צווייטער געווען אַ יידישער פּאַטריאָט...

מיט „אהבת ישראל" וויל מען היינט באַגיין אַ מאָרד אויפן זיידן... וועלכער

איז געווען אַ פּענצטער־עפּענער אין געטאָ... און אַז מען עפנט אַ פּענצטער, אַ שטאַרק פאַרהאַקטן — בלאָזט עס אַרויס דעם שטויב אין גאַס אַריין...

אָ, איר אומדאַנקבאַרע! — רופט פּאַמפּאַדור — דער זיידע האָט אייך געגעבן אייראָפּעיִשן נוסח אויף אַ יידישער קאַנווע — איז עס אייך ווייניק? דער זיידע האָט אייך געשאַפן לשון, איז עס אייך ווייניק?

דער זיידע — געוואַלדעוועט איר — האָט רק אַרויסגעפירט שלעכטע יידישע טיפּן? איר וואָלט געוואָלט גוטענקע, זיסענקע, צדקימלעך, אַה? אָבער דאָס וואָלט דאָך געמיינט נאָך אַ שאָמער ביי אונדז, און איז דען איין שאָמער נישט גענוג?

4.

און די תלמידים האָבן געפרעגט פּאַמפּאַדורן: און וואָס איז מיט אונדזער אויסדערוויילטקייט?

און פּאַמפּאַדור האָט זיך פאַרטראַכט און ווייטער גערעדט:

איך פרעג זיך אַליין גאַנץ אָפט: זענען מיר טאַקע אַן אויסדערוויילט פאָלק ווי מיר ווילן זיך אַליין איינריידן? זענען מיר טאַקע בעסער און עטישער פון אַנדערע פעלקער און שטייען העכער פון זיי? און איך ענטפער זיך אַליין: ניין! היינט געוויס נישט!

אויב מיר האָבן געקאָנט זיך אַליין נעמען דעם טיטול פון „אתה בחרתנו", איז עס געווען דווקא אמאָל, ווען מיר זענען געווען איינגעשלאָסן אין די געטאָ־ווענט... און געזעסן זיך כסדר שטייענדיק פאַרן באַרג סיני...

אַמאָל, ווען מיר זענען געווען אַ פאָלק פון לערנער, פון „חצות"־אָפּריכטער... דאַן, זאָג איך, זענען מיר געווען אַן אויסדערוויילט פאָלק — אויף צרות און פאַרגראַמען... אַ דערשלאָגענע מאַסע פאַר דער וועלט — אָבער שטאָלץ אין אירע דלד אמות...

אָבער שוין גלייך ווי מיר זענען אַרויס פון די געטאָ ווענט, גענומען זיך פירן און קליידן וועלטלעך — איז אונדזער „אתה בחרתנו" פאַרשוווּנדן...

און איצט, ווען מיר מלוכהוועןשוין ווי אַלע און האָבן אַ פּאַרלאַמענט ככל הגויים, (כאָטש מיר רופן עס „כנסת") און האָבן פאַרטייען מער ווי אַלע און מיר זענען מיליטאַריזירט ווי אַלע, איצט איז נאַריש צו ריידן פון אויסדערוויילטקייט...

און וואָס איז מיט אונדזער עטיק? מיט אונדזער „מוסר היהדות"? —

זיי ליגן אין שטויב פון אַלטע ספרים...

היינט קענען מיר נישט זיין קיין מוסטער פאַר פעלקער.

מיר זענען סוחרים אויפן וועלט־מאַרק פונקט ווי אַלע... הלוואי האָבן מיר נאָר סחורה צו פאַרקויפן... מיר וועלן מיט דער צייט האָבן אויך פּאָליטיק אויך... די קולטור פון דער וועלט, די ציוויליזאַציע פון דער וועלט זענען היינט די זעלבע פאַר אַלעמען... די זעלבע ראַדיאָ ברענגט נייעס און אַנאָנסן פאַר אַלעמען, די זעלבע „טעלעוויזיע" וויזט פּנימער פאַר אַלעמען גלייך... און דער עראָפּלאַן הודזשעט אויך פאַר אַלעמען... און דער „פרידזשידער" פאַרפרירט אונדזער „כשר" מיט זייער „טריף" צוגלייך... ס'איז איין וועלט היינט! די מורא פאַר קאָמוניזם איז אַן אַלגעמיינע... דער שרעק פאַר דער אַטאָם־באָמבע כאַפּט אַרום יעדען. — איין וועלט!

איז וואָס בלייבט פאַר אונדזער אויסדערוויילטקייט? בלויז דער געפעפערטער אַלטער יידישער וויץ, וועגן געפילטע פיש, שטעקל־דרייער, שדכנים, בטלנים, שנאָרער און אַנזעצער... איז אָבער אויך אָט דער יידישער וויץ באַלד דאָס אייגנטום פון דער וועלט; גוים דערציילן שוין יידישע וויצן אַ סך בעסער ווי מיר אַליין — און יידן אַפּלאָדירן...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

די נייע קדוש־שפּרינגער פאַר דעם „אַמאָל איז געווען"

רוקט זיך צו נעענטער, תלמידים מיינע, און איך וועל אייך פאַרטרויען אַ סוד: פּאַמפּאַדורן איז דערווידער די שפּאָגל־נייע פאַרגאַנגענהייט־פאַרהייליקער אונדזערע. די קדוש־טענצער פאַר אַלץ וואָס איז געווען אַמאָל... און די נייע „נביאים" אונדזערע וואָס רעקאָמענדירן אונדז דעם „מה שהיה" אַן דעם „מה שיהיה".

ווי אַ פאָלק זענען מיר שוין צופיל אַ פאָלק פון „אַמאָל איז געווען"... און דערפאַר טאַקע אַ פאָלק מיט אַן אויסגעפּאַסטער פאַרוויינטער קעגנוואַרט און אַן אַסיענדיקער, פאַרכמורעטער צוקונפט.

אמת, אין דער פאַרגאַנגענהייט ליגט דער גרעסטער טייל פון אונדזער גע־שיכטע צווישן פעלקער און אַ סך אויף וואָס מיר קענען שטאָלץ זיין. אָבער שטאָלצירן איז איין זאַך און גיין אויף שטאָלצן איז אַ צווייטע...

און מיר האָבן זיך די לעצטע יאָרן אַרויפגעשטעלט אויף צעבראָכענע שטעקנס און גענומען גיין אויף שטאָלצן ביז קאַמיזם...

אַוודאי איז דאָ אין עבר אַ סך שיינקייט און טראַגישע הערלעכקייט. אָבער

מיט רימען זיך אַליין ווי דער אַפּאַלאָ צווישן פעלקער — פאַרמיאוסן מיר זיך אַליין...

בכלל געגומען, האָבן מיר אַמאָל נישט געלעבט — נאָר געשאָלטן אונדזער גורל און געטיילט קללות אונדזערע שונאים כדי צו שטילן אונדזער שלימזלדיקע קעגנוואָרט...

און וואָס זענען קללות? — פרעגט פּאָמפּאַדור — אויב נישט פּאַפּירענע געווער אין די הענט פון שוואַכע און באַזיגטע.

און פּאָמפּאַדור האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווייל און ווייטער גערעדט:

פּאָמפּאַדור איז סתם אַ קנאַפּער חסיד פון גלאָריפיצירטע פאַרגאַנגענהייטן, אַפילו פאַר געזונטע פעלקער. פּאָמפּאַדור איז איבערצייגט, אַז ווען פעלקער וואָלטן זיך ווייניקער אַרומגעטראָגן מיט זייערע גלאָררייכע פאַרגאַנגענהייטן וואָלטן זיי ממילא ווייניקער פאַרהערלעכט זייערע נצחונות אויף די שלאַכטפעלדער — וואָלט די וועלט שוין לאַנג אפשר פאַרווירקלעכט איר גרויסן חלום פון וועלט־פרידן.

ווייניקער קרויגונג פון געוועזענע העלדן מיינט — ווייניקער חשבונות מיט שכנים. ווינציקער היסטאָרישע וועקסלען צו געוועזענע שונאים...

ווייל ווי שטאַרק פעלקער זאָלן נישט וועלן גיין אין קריג, פאַר זייער קעגנוואָרט און צוקונפט, גייען זיי אָבער מער פאַר פאַרגאַנגענע קריוודעס, פאַר געירשנטע נקמה־געפילן, פאַר מפּלות פון פאַרשוווּנדענע דורות, פאַר דעם האָנאָר פון גלאָריפיצירטער, אַליין איבערגעטריבענער געשיכטע...

און דערפאַר, קומט פּאָמפּאַדור צום שלוס, אַז פאַרגאַנגענהייט איז פאַר אַלע פעלקער אַ מין נאַציאָנאַלע שווינדזוכט וואָס עסט אויף ביסלעכווייז די נשמה פון דורות און גיט עס איבער די קינדער ווי אַ ירושה...

און פּאָמפּאַדורס שטערן האָט זיך פאַרוואָלקנט און ער האָט פאַרגעזעצט:

תלמידים! מיר איז פריקרע און אַנטיפּאַטיש, אונדזערע ניי־געבאַקענע פאַרגאַנגענהייט־פאַרהייליקער, די, וואָס האָצקען אונדזער אַמאָל אויף רעוומאַטישע קני. די פלינקע אַגענטלעך פאַר „אהבת ישראל״, וואָס טראָגן אייך צו פאַרגאַנגענע חשיבות אויף צעשפּאָלטענע צינענע טעלער און ווילן אייך איינריידן, אַז עס זענען כלים פון בית־המקדש...

אָפּט הייב איך אָן אַפילו האָסן די הייניטיקע גאָסן־פאַרהילכער אונדזערע. אַז אַלץ וואָס איז געווען ביי אונדז אַמאָל איז געווען גרויס, הערלעך און עטיש. און אַז די יידן פון די אַמאָליקע שטעטלעך זענען געווען בלויז צדיקים און מלאכים, און אַז יעדער קרעמער איז געווען אַ למדן־וואָוניק, און יעדער בעטלער אַ פאַר־

קליידעטער אליהו הנביא. און יעדער וואָכערניק — אַ באַהאַלטענער בעל צדקה. און יעדער גבאי און שטאָט־פּאַרזאָרגער — אַ משה מאָנטעפיאָרי...

פּאַטשט נישט דער אמת איבערן מויל אָט די סאַכאַרין־נביאים? און באמת זענען אונדזערע אַמאָליקע געטאָס געווען בלאָטיק ביזן האַלדז... און אַז קליינע מענטשעלעך האָבן זיך געטאָפּטשעט און פאַרשפּריצט אַנדערע... און אז מ׳קען נישט פאַרוואַנדלען קרעמער אין למד־וואָווניקעס און פון בעטלער טאָר מען נישט מאַכן פאַרקליידעטע אליהו הנביאס...

און אַז עס איז אַ פאַרברעכן אַרונטערצורייסן אַזעלכע קלאַסיקער ווי מענדעלע פאַר אָנווייזן אויף אונדזערע קרעץ און געשווילעכצן...

און אַ פייער פון צאָרן האָט זיך באַוויזן אין פּאָמפּאַדורס באַברילטע אויגן און ער האָט אויסגערופן:

תלמידים, מען קען נישט אויפלעבן אַ פאָלק מיט פּאַטשן אים כסדר איבער דער פּלייצע און מען קען אים נישט געזונט מאַכן מיט גלאָריפיקאַציע־מעדיצין און מען קען אים נישט לאָזן שלונגען הייַנט די פּילן פון „אַמאָל איז געווען״.

מען קען בלויז פאַרטומלען די מוחות מיטן פּוסטן „אתה בחרתניזם״ און מען קען מיט פאַבריצירטע טאַנדעטנע „אהבת ישראל״ נישט פאַרהיטן פון אַסימילאַציע...

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור...

אַ דריט מאָל אויף דער נייער איסט־סייד

און פּאָמפּאַדור האָט זיך אַ דריטן מאָל דורכגעשפּאַצירט איבער דער איסט סייד, זיך אומגעקוקט און געפרעגט:

— ווו זענען פאַרשוווּנדן די הונדערטער קליידער־קראָמען אויף קאַנאַל־סטריט מיט די אַרבל־שלעפּער?

און ער האָט זיך געענטפערט:

— אין גאָלד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן יעדער קליידער־געשעפט! גאָלד, זילבער און דימענטן קוקן איצט אַרויס פון די דיקע, מיט מאַרמל אַרומגעבויטע שוי־פענצטער.

נישט קראָמען נאָר גאַנצע גאַסן זענען איצט איבערפולט מיט גאָלדוואַרג — פון קאַנאַל ביז דער בויערי.

עקס־יידיש שניידעריש פאָלק — דו ביזט אַ גאָלדן פאָלק איצט!

און אַ וואָלקן האָט באַדעקט פּאָמפּאַדורס פּנים און ער האָט געמורמלט:

נאָך אַלע שניידערישע גראָבקייטן פון דער אַמאָליקער איסט סייד, געפעלט זי מיר מער, ווי די נייע, די געאיידלטע מיט דימענטן פאַרפוצטע איסט סייד. שניי־דעריי — האָט דערציילט פון היימישקייט, אַרבעט, מי, קאַמף, פאַלקס־ליד און יוניאָן.

גאָלדוואַרג — רעדט פון אויפגעקומענקייט, לוקסוס, גלאַנץ און ספּעקולאַציע.

אין די גראָבלעכע פאַסטריגעס פון שניידעריי, איז געלעגן איינגענייט אַ וואָרעם, פשוט יִדיש־האָרץ פון „עמך". אָבער וואָס ליגט אין די רייך אויסגע־לייגטע דימענטן, גאָלדענע זייגערלעך, פּלאַטינום רינגלעך, האַלדז־בענדער און פּערל? — פוסטער גלאַנץ און פאַרשוועכדערישקייט!

שניידעריי האָט דעם אַמעריקאַנער ייִדן געגעבן פירער, לערער, אַגיטאַטאָרס, און שרייבער. זיי אַלע זענען דורכגעגאַנגען דורך דער נאָדל און אויסגעפּרעסט געוואָרן דורכן פּרעס־אייזן, אָבער די דימענטעריי גוט אונדז בלויז קרעמער און ספּעקולאַנטן און ביים זייט שמוגל און אייביקע שרעק פאַר רויבער...

פּאַמפּאַדור בענקט נאָך דער שניידערישער קאַנאַל־סטריט. איצט קוקן אים אויס אַפילו די אַמאָליקע אָרבל־שלעפּער ווי פּיאָנערן.

אָבער די קאַנאַל־סטריט פון היינט, די מיט מאַרמאָר און שטאָל אויסגעבויטע איז מיר דערווידער... פּאַמפּאַדורן פרעסטלט איבערן לייב קוקנדיק אויף די רייכע שוי־פענצטער. ער זעט פון ווייטן אַ האַק פון אַ פּאַגראָמשטשיק וואָס לויערט אויף זיי... ער זעט צענדליקער גויִשע נישט־פאַרגינערישע אויגן וואָס וואַרטן מיט זעק זיי אַנצופילן מיט ייִדיש האָב און גוטס.

צו הויך־לוקסוסדיק שרייט קאַנאַל־סטריט היינט מיט אַ גאָלדענער פוסטער שטימע...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אַ פערט מאָל אויף דער נייער איסט־סייד

און פּאַמפּאַדור איז אַריינגעפאַלן אין ראָמאַנטישע זכרונות און ער איז ווידער אַוועק אויף דער איסט סייד, זוכן צייכנס פון זיינע פאַרלאָרענע טריט אויף אירע טראָטואַרן.

אַהאַ! דילענסי סטריט... אַ גאַס, וואָס פירט צו דער וויליאַמסבורג בריק... יאַ... אָט איז זי! די זעלבע נאָך. הענגט אין דער לופטן ווי מיט יאָרן צוריק...

אויף איר האָט פּאַמפּאַדור אומגעפירט אונטערן אָרעם זיין יוגנט־ליבע... אַה, ווי נאַיִוו איז דאַן געוועזן פּאַמפּאַדור, געמיינט, אַז זי איז זיין אייביקע כלה...

יאָ... די זעלבע בריק... נאָר אַנדערע יונגע פּאָרלעך קושן זיך אויף איר איצט...

און אפשר — טראַכט פּאָמפּאַדור — איז שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע צו נעמען אַ מיידל אויף אַ בריק? צו ביליק... היינט זענען דאָ רייכע פילם־הייזער, פּאַלאַצן... נאַכט־קלובן, באַרס און קאַרס...

היינט גנבעט מען שוין סתם קיין קושן נישט מער. אַ וואָכעדיקער ענין... היינט האָט מען גלייך ביים ערשטן שפּאַציר חתונה און ביים צווייטן רעדט מען שוין פון אַ גט...

נישטאָ מער די ליבע־קרעכצער פון אַמאָל. „ווערטערס ליידן" קענען היינט נישט געשריבן ווערן חוץ ווי אַ פּאַראָדיע...

און אָט איז פּאָמפּאַדור אויף ראָטגערס סקווער און זיינע אויגן בלאָנדזשען אַרום.

וואָס זוכט פּאָמפּאַדור? ער זוכט דאָס ווייסע פערד, אויף וועלכן אַ יידישער יוניאָן־פירער פלעגט אַמאָל ריטערלעך אַרויס פּאַראַדירן צום ערשטן מאַי...

און ווו איז דער פאַנטאַן? אויסגעטרוקנט, פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיטן ערשטן מאַי... צוזאַמען מיטן פערד... און די מאַסן יידישע יוניאָן־לייט...

די האַרץ פון די אַמאָליקע יידישע יוניאָנס איז אַ גוישע היינט. די פּיס און הענט אויך. נאָר דער קאָפּ איז נאָך אַלץ אַ יידישער... ער לאָזט זיך נישט אַזוי שנעל גיליאָטינירן...

ווו זענען די יידישע אַרבעטער היינט? זיי זענען ווו איר ווילט: אויף וואָל־סטריט, אויף בראָדוויי, אין פלאָרידאַ, אויף גאַסט־רייזעס קיין מדינת ישראל אָבער נישט אין די יוניאָנס...

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

טאַקע ווידעראַמאָל וועגן אונדזער אויסדערוויילטקייט

מיר האָבן זיך איינגערעדט, זאָגט פּאָמפּאַדור, אַז מיר זענען דער איינציקער אויסדערוויילטער בן־יחידל־פאָלק.

און מיר זענען ביי זיך זיכער, אַז דער „אתה בחרתנו" איז פאַרצייכנט בלויז אויף אונדזער פּאַספּאָרט און בלויז מיר מעגן זיך מיט אים אַרומטראָגן.

אָבער אַלע וואָס קענען פעלקער און ווייסן זייערע נאַציאָנאַלע חסרונות, וועלן מוזן אויסרופן: ר' ייִד, דו ביסט נישט דאָס איינציקע אויסדערוויילט פאָלק! ככל הגויים — קאָנקורירט שטאַרק מיט „אתה בחרתנו מכל הגויים".

פּאַמפּאַדור זאָגט זיך אַמאָל אין דער שטיל, כדי נישט אויפרייצן די ניי־פּאַבריצירטע נביאים, אַז דער אתה בחרתנו קומט נישט נאָר פון אונדזער באַרג סיני — נאָר אויך פון אַ סך אַנדערע בערג און בערגלעך!

דאָס רוסישע פאָלק טראָגט זיך אַרום מיט אויסדערוויילטקייט נאָך אַ סך פון פריִער, פאַר דאָסטאָיעווסקין.

דאָסטאָיעווסקי האָט עס בלויז געוואָלט באַגרינדן פּסיכאָלאָגיש — מעלאָ־דראַמאַטיש.

און נאָך באַרגיקער איז דאָס דייטשע „דויטשלאַנד איבער אַלעס". די דייטשן האָבן פון זייער אויסדערוויילטקייט געשאַפן אַ רוצחישע ראַסן־טעאָריע און זי געטיגלט אין בלוט און פייער...

און אויך דער אימפּעריאַליזם און די קאָלאָניאַל־פילאָזאָפיע פונעם ענגלישן פאָלק שטאַמען פון אתה בחרתנו יחוס, און דער ייִד ביקאָנספעלד האָט געגעבן אַ „היתר", אַז גרויס־בריטאַניע, נישט נאָר מעג זי, נאָר מוז באַהערשן פעלקער.

די ענגלענדער האָבן זיך אַליין איינגערעדט, אַז נאָר זיי זענען מסוגל און באַרעכטיקט צו באַהערשן אַנדערע, און געוויס איז דאָס פּוילישע פאָלק שאָוויִ־ניסטיש איבערצייגט אַז ס'איז דאָס אויסדערוויילטע פון אַלע סלאַווישע פעלקער צו טראָגן די קרוין פון „אתה בחרתנו"...

וואָס זשע, פרעגט פּאַמפּאַדור, איז פאַרט דער אונטערשייד צווישן זיי און אונדז אויף אָט דעם גייסטיק־קראַנקן געביט?

דער אונטערשייד איז דער, וואָס זייער „אתה בחרתנו" האָט זיך קריסטלעך־פרום, יעזויִטיש־אינקוויזיטאָריש אָנגעשפּאַרט אויף אַ ביקס און שווערד און זיי האָבן מיט ביקס און שווערד העלדיש געצוווּנגען אָנצונעמען זייער אויסדערוויילט־קייט, און מיר האָבן זיך סומך געווען בלויז אויפן זאָגעכץ: אַ זאָג און אַ קרעכץ, אַ קרעכץ און אַ זאָג... מיר האָבן קיין קאָלאָניעס נישט פאַרכאַפּט, ווייל מיט נאַקעטע באַרימערייִ, קען מען גאָרנישט פאַרכאַפּן.

און ווייסט איר גאָר וואָס עס האָט אונדז דערהאַלטן. אונדז געגעבן אַריכות ימים — טאַקע נישט די ברכה פון „אתה בחרתנו", נאָר גאָר די קללה:

„שפוך חמתך" האָט פאַר אונדז מער אויפגעטון ווי „אתה בחרתנו". מיר האָבן געשאָלטן און געלעבט...

און וואָס ס'איז שייך אונדזער „פרידלעכקייט", — מיינט פּאַמפּאַדור, — וואָלטן מיר ווו מ'וואָלט עס אונדז דערלויבט, אויך נישט געווען בעסער ווי אַנ־דערע פעלקער... און מיר וואָלטן זיכער אויך געקעמפט מיט געווער פאַר אונדזער אויסדערוויילטקייט...

אונדזער אומגליק, אָדער גליק, איז געווען, וואָס מיר זענען געווען די שוואַכסטע צווישן פעלקער און מיר האָבן בלויז אין שול, מיט ציטערדיקע הענט און געליימטע קני׳עס געשעפּטשעט: „אתה בחרתנו״...

די דאָזיקע ברכה איז געווען פאַר אונדז אַ נחמה פאַר אונדזער שיפלות...

טראַגי־קאָמיש איז געווען אונדזער קיום, געבויט אויף פוסטע באַרימערייַ און יורידישער אַנגעבלאָזנקייט.

ניין! — זאָגט פּאַמפּאַדור — מיר וואָלטן אין תוך נישט געווען בעסער וואָס שייך דער אתה בחרתנו־בראַנזשע פון אַנדערע — נאָר מיר זענען געווען שוואַכער...

און הייַנט ווען מיר האָבן ענדלעך זיך דערשלאָגן צו אַן אייגענער היים, וועט אונדזער „אתה בחרתנו״ ווערן ככל הגויי׳מדיק... עס מוז קריגן באַרעכטיקונג, אַ באַוואָפנטע מאַטיווירונג...

מיר וועלן זיך נאָר איינפּעסטיקן, וועלן מיר, ווי אַלע נעמען חלומען וועגן ווערן אַנגעזעענער, מעכטיקער און שטחדיקער... מיר וועלן מוזן אונדזער „אתה בחרתנו״ — אויב ער בלייבט ביי אונדז — אויסשפּרייטן, באַרעכטיקן און רעאַ־ליזירן.

מיר וועלן עס מוזן טון, אַפילו אונטער דער מאַסקע פון גייסטרייכקייט און מיטן לאָזונג פון „מאור לגויים״.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

יידיש טעאַטער ווו ביזטו?

א.

און פּאַמפּאַדור איז אַרויס אויף „סעקאָנד עוועניו״, זוכן דעם יידישן טעאַטער.

און ער איז געבליבן שטיין ביי אַ געשעפט פון מצבות און געוויינט די ברילן:

יידיש טעאַטער ווו ביזטו? אפשר שטייט שוין דאָ אויך אַ שטיין פאַר דיר?

און ער האָט פאַרנומען אַ דין קול פון צווישן די נאָך נישט אויסגעקריצטע מצבות:

יידיש טעאַטער, דאָס וואָס איז נאָך פון אים געבליבן באַהאַלט זיך הינטער אַ פרעמדער גוי׳שער שילד... עס וויל קרעמעריש אַריינפירן יונגע קונים אָבער זיי גייען פאַרביי און טענצלען אַוועק...

יידיש טעאַטער שעמט זיך מיט זיך אַליין... האָט מורא צו ווייַזן זיין פּנים אַפילו אויף זיין אייגענער גאַס... פאַרדעקט עס זיין פּנים מיט אַ מאַסקע, בעבעט דרייַ פערטל ענגליש, און האָפקעט מיט רעוומאַטיזנע פיס...

יידיש טעאַטער, דאָס ברעקל וואָס איז נאָך געבליבן פון דעם אַמאָליקן רייכן טיש, איז אין תוך נישט יידיש מער... דאָס יידישע וואָרט ווײנט אויף זיינע רוי־נען... עס בעט זיך אַז מען זאָל אים שוין שטעלן אַ שטיין און אויסקריצן אַ פּ"נ...

און פּאַמפּאַדור האָט אַן איבערגעשראָקענער גענומען שטעלן פּיס פון דעם מצבה־געשעפט אָבער אַן אל מלא רחמים שטימע האָט אים נאָכגעיאָגט...

און מיט אַמאָל האָט ער פאַרנומען אַ שטילן דראָבנעם געלעכטער. ווער לאַכט עס? ווער האָט עס אַ האַרץ צו לאַכן?

און פּאַמפּאַדור האָט דערזען פאַר זיך שטיין אַן אַלטיטשקן, אינגאַנצן אַ ווייסן, יידישן אַקטיאָר... און ער האָט עס געלאַכט מיט דעם דראָבנעם געלעכטערל:

— וועמען זוכט פּאַמפּאַדור? מיך צי דעם יידישן טעאַטער? כי! כי! איך האָב אימערגעלעבט מיין טעאַטער... איך שלעפּ זיך נאָך אַרום, אָבער ער? כי! כי!

און פּאַמפּאַדור האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס געלעכטערל און ער האָט ממש גענומען לויפן...

אָבער אָט האָבן זיינע אויערן אויפגעכאַפּט אַ שלוכצן ווי אַ געוויין פון אַ יונגער אלמנה.

— נישטאָ קיין „בענעפּיטס"! אוי וויי! אוי וויי! ווו איז היגעקומען דער „בענעפּיט"־עולם? נאָר „בענעפּיטס" קענען מיך נאָך ראַטעווען פון טויט!

און פּאַמפּאַדור האָט זיך געזאָגט: אומזיסט דאָס וויינען! אַ טעאַטער קען זיך נישט האַלטן אויף בענעפּיט־קונדן. אויף אַרויפגעצוווּנגענע, איינגעבעטענע טעאַ־טער־גייער, אויף אַן עולם וואָס אָפּפערט זיך ממש פאַרלאָזנדיק דעם קאַרטן־טיש צוליב יידיש טעאַטער... אויף אַ פּובליקום אָן באַציִונג צום יידישן וואָרט. וואָס קומט אין יידישן טעאַטער ווייל ביי אַ „בענעפּיט" קען ער זיך דורכשמועסן מיט לאַנדסלייט...

אַ סך שוחטים האָבן זיך מתעסק געווען אין דער שחיטה פון יידישן טעאַטער — אָבער די לעצטע „חיק" און „פליק" איבערן האַלדז האָט געגעבן דער „בענעפּיט"־עולם. די אַסימילאַציע האָט אָנגעהויבן. די יוניאָנס האָבן צוגעהאָלפן און דער בענעפּיט־עולם האָט פאַרענדיקט...

און פּאַמפּאַדור האָט שוין געהאַט באַשלאָסן זיך אָפּטראָגן פון סעקאָנד עווע־ניו. אָבער אָט האָט זיך פון ערגעץ גענומען טראָגן אַ ניגון, דער אַלטער יידישער טעאַטער־ניגון... אַ לידל לויט נוסח גאָלדפאַדן... און דער ניגון האָט זיך געדרייט און געוויקלט אַזוי ליב, וואַרעם־געשמאַק... און פּאַמפּאַדור איז געבליבן שטיין און זיך זאַט נישט געקענט אָנקוויקן און ער האָט געזאָגט צו זיך אַליין:

— נו, יאָ... פון יידישן טעאַטער איז בלויז געבליבן אַ ניגון אין דער לופטן...

אַ ניגון אין נוסח פון יידיש טעאַטער. און ווען אַ ייד פאַרבלאָנדזשעט אויף סעקאָנד עוועניו, צו עסן אַ גוטן מילכיקן וואַרעמס, אָדער צו אַ לויה... און ער דערהערט אָט דעם גוט־באַקאַנטן טעאַטער־ניגון... גיט ער זיך אַ דערמאָן: אַמאָל געווען דאָ אַ יידישער טעאַטער!... מיט גרויסע אַקטיאָרן: אַדלער, קעסלער, טאָמאַשעווסקי...

אי „גאָט מענטש און טייוול"! אי „קעניג ליר"!... און אַ בענקשאַפט כאַפּט אים אַרום און עס רייסט זיך ביי אים אַרויס אַ קרעכץ... אָבער גלייך כאַפּט ער זיך, אַז דאָס פּאַסט גאָר שוין איצט נישט פאַר אים... דאָס איז אַלץ געווען אין יענע גרינע יאָרן... איידער ער האָט געוווּסט פון בראָדוויי און פלאָרידאַ און ער לאָזט זיך גיין צו דער לויה אָדער רעסטאָראַן...

ב.

און ווען פּאַמפּאַדור איז געקומען צו זיך אַהיים האָט ער אַזוי גערעדט צו זיך אַליין:

אָ, יידיש טעאַטער, קיינער פאָדערט שוין פון דיר גאָרנישט מער! מען מאַכט נאָך אַמאָל אַ שטיקל סימפּאָזיום אָבער דאָס איז בלויז פון אַלטער געוווינהייט, און ליבע צו אָט דעם מאָדנעם נאָמען...

און ווען דער בעסערער יידישער טעאַטער־עולם, ווי מען רופט אים, קומט זיך אַמאָל צוזאַמען אויף אַ זייטיקער מאַגערער „שארית־הפליטה"־פאָרשטעלונג שטעלט ער זיך צופרידן. ווער פאָדערט היינט עפּעס מער?

— אַבי מען הערט נאָך אַ יידיש וואָרט!

— אַבי אַן שמוץ!

— און אַבי מען באַגעגנט זיך נישט אויף לויות!...

אַלע די וואָס האָבן נישט לאַנג צוריק געגוואַלדעוועט: קונסט! פולע קונסט! ריינע קונסט! גייען איצט איין אויף אַ דרייטל און אַ פערטל...

דאָס יידישע טעאַטער איז אַ געפאַלענער, אַ יורד פון גרויסן פאַרנעם, שווער אים שטעלן צוריק אויף די פיס... און די קליינע צאָל טעאַטער־גייער זענען יורדים גלייך מיט אים, יורדים אָן אַמביציעס און אָן געזונט...

מען וויל נישט צופיל — אָט, אַבי מען זשיפּעט נאָך! אַבי עס קלאַפּט נאָך אַן אָדער! און אַבי נישט קיין „בייגל מיט יאַקס"...

אַלט איז דער בעסערער יידישער טעאַטער־גייער, און ער חלומט נישט מער, און ער וויל מער נישט אַריינרייסן וועלטן...

ער איז אָדער ערשט פון האָספּיטאַל, אָדער ער קלייבט זיך גיין אַהין... ער

איז אַ טעאַטער־ליבהאָבער מיט מיחושן און קראַנקהייטן... פון אַ דור וואָס גייט אַוועק... און די שיינענדיקע פּליכעס זענען די עדות און די פּאַרקאַטשעטע שטערנס ביז אַרויף צו זענען די באַשטעטיקער...

און פּאַמפּאַדור האָט פּאַרענדיקט:

ווען דער יידישער טעאַטער וואָלט מיט אַמאָל נסימדיק יונג געוואָרן — וואָלט נישט געווען ווער עס זאָל אים אַפּלאָדירן... ווייל דער בעסערער יידישער טעאַטער־גייער איז מיד פון זיך און פון די יידישע פּראָבלעמען. עס איז גענוג אַז ער גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ: אַבי נישט קיין שמוץ...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אויף דער עלטער

און פּאַמפּאַדור איז אויף אַ צייט אַנטשוויגן געוואָרן און די תלמידים האָבן געמאָנט — אַ פּאַרוואָס, און פּאַמפּאַדור האָט אַזוי געזאָגט:

תלמידים, ליבהאָבער פון פּאַראַדאָקס! פּאַמפּאַדור איז זיך מודה פאַר אייך, אַז אים האָט דערעסן דאָס שפּיל אין פּאַראַדאָקס.

ווען פּאַמפּאַדור איז יונג געווען, האָט ער געוואָרפן דעם פּאַראַדאָקס ווי אַ פּילקע — אַ וואַרף און אַ כאַפּ, אַ פלי אין דער הויך און אַ כאַפּ אונטן...

יונג איז געווען פּאַמפּאַדור און זיינע פינגער פלינק. אָבער איצט, אויף דער עלטער, וואַרפט זיך נישט מער און כאַפּט זיך נישט מער.

פּאַמפּאַדור האָט אַמאָל געמיינט, אַז זיין פּאַראַדאָקס ברענגט נוצן דעם פאָלק, שאַרפט זיין מוח, לאָזט אים זען זאַכן פון אַ צווייטער זייט... מען קאָן לערנען פון פּאַראַדאָקס — אַז מערסטנס זענען די גלייכע וועגן גאָר קרום, און די קרומע וועגן — גלייך...

פּאַמפּאַדור האָט באַטראַכט דעם פּאַראַדאָקס, אַז ער האָט אין זיך דעם וואָרצל פון סאַטירע און דעם זאַפט פון איראָניע און די שפּירעוודיקייט פון סאַרקאַזם, וועלכע אייביקן אין הומאָר. דער פּאַראַדאָקס איז אַ לייבלעכער ברודער פון די אַלע פיר...

אָבער פּאַמפּאַדור האָט זיך געכאַפּט, אַז נאָך איז דאָס פאָלק ישראל נישט דערוואַקסן צו דער הויך פון פּאַראַדאָקס... עס כאַפּט אויף זיין סאַטירישן דונער, אָבער עס הערט נישט די דינע איראָניע און קלוגן סאַרקאַזם... דאָס פאָלק בכלל נעמט אויף צום ליבסטן דעם וויץ און עס לאַכט, ווען פּאַמפּאַדורן וויינט זיך...

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אָפּגערוט אַ ווילע און ווייטער גערעדט:

אין אַ דור ווי אונדזערער, וואָס איז אַרומגערינגלט ביבליש־ירוחיש מיט הונדערטער בלוטיקע פּראָבלעמען נישט געלייזטע... אין אַ דור וואָס וואַרט אויף זיין זעלבסטפאַרניכטונג... אין אַ דור, וואָס אין באַמבע קען אָוועקנעמען די ערד אונטער זיינע פיס — אין אַזאַ דור דאַרף מען קומען נישט מיט די פּילן פון פּאַראַדאָקס — נאָר מיט קאָמפּרעסן־טיכלעך פון אַ רחמנות־שוועסטער. אַנשטאָט סאַטירע — דאַרף מען צוגרייטן וואַטע און אַספּירין...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אין איין ריי

און די צייטונג ווו פּאַמפּאַדור האָט געהאַט זיין היים, האָט זיך פאַרמאַכט און פּאַמפּאַדור האָט זיך געשטעלט אין דער ריי פון אַרבעטסלאָזע צו נעמען אַר־בעטסלאָזע פאַרזיכערונג. און אָט האָט ער אין אַ צווייטער ריי, נישט ווייט פון אים, דערזען צוויי יידישע אַקטיאָרן און אויך זיי האָבן אים באַמערקט און זיין אויער האָט פאַרנומען אַ שעפּטשענדיקן דיאַלאָג צווישן די צוויי:

— שיין זיך דערלעבט! אויך פּאַמפּאַדור שטייט שוין איצט אין דער ריי פון אַרבעטסלאָזע! — האָט איינער געשעפּטשעט און דער צווייטער האָט מיט אַ נקמה־שמייכעלע צוריק געענטפערט:

— גוט אַזוי! זאָל די פּרעסע, גלייך מיטן טעאַטער, אויך שטיין פאַר בעטל־ברויט!

און פּאַמפּאַדור האָט גייענדיק אַהיים אַזוי זיך געטראַכט:

— ענדלעך האָט זיך די יידישע פּרעסע אויסגעגלייכט מיטן יידישן טעאַטער; ביידע שטייען אין דער ריי פון אונטערגאַנג... אונטערגאַנג לויערט ווי אַ שוואַרצער וואָלקן אויף דער גאַנצער יידישער קולטור. באַלד — און אונדזער הימל וועט ווערן אייביקע נאַכט און ווער קען צעטרייבן די וואָלקנס? ווו איז דער מכשף?

אַמעריקאַנער יידנטום בויט פּאַלאַצן פאַר זיין פּוסטקייט, אָבער ער וויל נישט פאַרציִען אַפילו אַ לייוונט ביידל פאַר דער יידישער קולטור.

אַמעריקאַנער יידן גרייטן יעדן טאָג רייכע טישן פאַר קאָרטן־שפּיל, אָבער זיי ווילן נישט צוּוואַרפן אַפילו אַ קרישקעלע פאַר יידישן קיום...

די יידישע פּרעסע שטייט אין איין ריי מיטן יידישן טעאַטער.

און די ריי ווערט אַלץ געדיכטער און געדיכטער...

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

ירושה און יורשים

ווער האָט עס נישט ליב אַ ירושה? — פרעגט פּאַמפּאַדור — און אַ וועלט מיט שטימען ענטפערן: די גאַנצע וועלט!

אַ ירושה, איז דעם צעלאָזענעם זינדלס חלום, דעם פוילענצערס לעצטע האָפענונג, דעם שלימזלס עלדאָראַדאָ, און די תפילה פון דער יונגפרוי (וואָס פאַרקויפט זיך צו אַ רייכן זקן): גוואַלד טאַטע־פאָטער, ווען ווער איך שוין פון אים פטור?...

ירושה איז אויך דער אָנהייב פון אַלע מלחמות אויף דער וועלט... פון אייביק־עולם... סיי פון ברידער, סיי פון שכנים, סיי פון פעלקער...

ירושה ביי ברידער מיינט: דו ווילסט דעם טאַטנס זילבערנעם קידוש־בעכער? איך וויל אים אויך!

ירושה ביי שכנים מיינט: דו גיסט אַ רוק דיין פּלויט, איך — מיינעם!

ירושה ביי פעלקער מיינט: קאַמף פאַר גרענעצן, פאַר לעבנס־רוים...

געוויס, עס איז אויך דאָ נאָך אַ מין ירושה: קולטור־ירושה. אַ ירושה פון אַ העכערן מין, אַ ירושה, וואָס עס גיבן איבער טאַטעס צו קינדער. אָבער מיט אָט דער קולטור־ירושה ווערט אייך איבערגעגעבן: אָבערגלויבן, נאַרישקייטן און שלעכטע זיטן.

און מערסטע קינדער — זאָגט פּאַמפּאַדור — פאַרטאַכלעווען סתם זייערע ירושות מיט דער הילף פון אַדוואָקאַטן.

אונדזער יונגער יידישער דור אין אַמעריקע איז אַ דור פון פאַרטאַכלעווער...

די טאַטעס האָבן געאַקערט און געזייט — און זיי צעשפרייטן עס אויף אַלע ווינטן.

אין אַלגעמיין, זאָגט פּאַמפּאַדור, זענען אַלע ירושות פיל מיט סכנה. און ווייסט איר וואָס איז די אומשעדלעכסטע ירושה? זי איז די, וואָס אַ פּאַטעטישער פלימעניק האָפט צו קריגן פון אַן אויסגעטראַכטן אַנקל ערגעץ אין עק וועלט...

תלמידים! עס איז דאָ נאָך עפּעס אַרום ירושה, וואָס איז דערווידער פּאַמ־פּאַדורן און דאָס איז, וואָס נאָך ירושה שלעפּט זיך נאָך די פאַרגאַנגענהייט... אַוודאי, קיינער קען נישט אויסקומען אָן אַ פאַרגאַנגענהייט, אָבער ווען פעלקער לייגן זיך אָן אויף זייער פאַרגאַנגענהייט מיט אויף דער עלטער געשוואָלענעם בויך און זיי רופן עס ירושה פון דורות — איז ווערט פון דער בעסטער ירושה — אַ קללה.

און וואָס עלטער אַ פאָלק איז אַלץ מער טראָגט ער זיך אום מיט ירושה־תביעות...

און אונדזער ייִדיש פֿאָלק, דאָס רייכסטע אין פֿאַרגאַנגענהייט, איז אויך דאָס רייכסטע אין ירושה־מאַנעריי.

פֿון אברהם אָבינו אָן מאָנען מיר ירושה ביי הימל און ערד... צוליב אונדזער ירושה־רייכקייט האָבן מיר רב לשונות און ריב לשונות...

ירושה פֿון אַלע גלותן...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

גאָט זוכער און גאָט געפֿינער

און די תּלמידים האָבן געפֿרעגט פּאַמפּאַדורן: איז טאַקע אמת, אַז אונדזער ראַדיקאַלער דור אין אַמעריקע איז געוואָרן אַ דור פֿון תּשובֿה? אַ דור וואָס האָט זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו דער שול? און פּאַמפּאַדור האָט אַ שמייכל געטון און געענטפֿערט: ניין! פּאַמפּאַדור האַלט אָט די נייע שלום־מאַכער מיטן ייִדישן גאָט בלויז אַלס גאָט־געפֿינער... ווייל פּאַמפּאַדור גלויבט, אַז עס איז דאָ אַ גרויסער חילוק, צווישן גאָט־זוכער און גאָט־געפֿינער.

די וואָס זוכן באמת אַ גאָט זוכן אים אין דער שטיל פֿון צימער, אין התבודדות, צניעותדיק און שעמעוודיק. און דערביי לעבן זיי איבער ווונדיקע מאָמענטן און זיי טראָגן נישט אַרויס זייער גאָט־זוכעריי אין גאַס, אויפֿן מאַרק... אָבער די גאָט־געפֿינער זוכן גאָרנישט... זיי געפֿינען אים גלייך און זיי צעפּויקן זייער געפֿינס מיט אַ שפּראַך פֿון רעקלאַמע...

די ערשטע, די זוכער, געפֿינען נישט אַממערסטנס דעם גאָט וואָס זיי זוכן...

אָבער זיי גיבן נישט אויף, ווייל אין דעם זוכן אַליין ליגט זייער גליק...

אָבער די געפֿינער מאַכן זיך אָפּט פֿאַר זוכער כאָטש זיי ווייסן גענוי ווו זייער גאָט געפֿינט זיך... זיי זוכן אים בלויז צוליב אָנשטעל, כלומרשט... אָט זאָלן די מאַסן מיינען, אַז זיי זענען מיסטיקער, ראָמאַנטיקער... און אַוודאי אויך גרויסע אידעאַליסטן...

די ייִדישע גאַס אין אַמעריקע ברויזט איצט און קאָכט מיט גאָט־געפֿינער מכּל המינים, און זיי עפֿענען קראָמען און קרעמלעך מיט שילדן: „דאָ וווינט אַ גאָט־געפֿינער פֿון ערשטן קלאַס... דאָ אַ גאָט־געפֿינער פֿון „אהבת ישׂראל“, אַ דריטער אַנאָנסירט, אַז ער איז דער איינציקער ביי וועמען מען קען קריגן אָט די טייערע סחורה. אַ פֿערטער, שלעפּט פּראָסט אין זיין קרעמל אַריין ביי די אַרבל. אַ פֿינפֿטער — נעמט צו הילף די נביאים און ער פּאַרט אַרויס אויף ייִדישער עטיק. אַ זעקסטער — וואַרפֿט מיט פּסוקים און לומדות... אַ זיבעטער — אוי...

ס׳איז צופיל אויסצורעכענען אַלעמען. אָבער די וואָס קוקן אַריין אין זייערע קראַמען און קרעמלעך און האָבן אויגן און אויערן צו זען און הערן, דערוויסן זיך, אַז די פּאָליצעס זענען אָפּנאַרער. נישטאָ דאָרטן קיין סחורה אויף אַ רפואה.

פון די פּאָליצעס קוקן אַרונטער פּוסטע קעסטעלעך...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

ר ע ד ן א ו ן ש ו ו י י ג ן

איר האָט געוויס געהערט און געלערנט, אַז שווייגן מיינט חכמה. און אַז שווייגן איז גאָלד...

הערט וואָס פּאַמפּאַדור זאָגט אייך: אָט די שוויג־חכמה האָט צוגעטראַכט אַ כיטרער צונג־נגיד, וואָס האָט געוואָלט, אַז מען זאָל הערן נאָר אים אַליין.

פּאַמפּאַדור האַלט מער פון דעם זילבער פון רעדן.

רעדט תּלמידים מיינע! רעדט אַ סך און וואָס מער — איז זילבערדיקער...

קיינער איז נאָך נישט פון דעם שוויג־גאָלד רייך געוואָרן... און אַפילו נישט באַרימט געוואָרן... פּאָלגט פּאַמפּאַדורן. זוכט נישט און קלייבט נישט אויס ווו צו רעדן און פאַר וועמען רעדן.

די הויפּט־זאַך: רעדט! אין רעדן ליגט גאַנץ אָפט אייער קאַריערע, אייער צוקונפט און אַפילו אייער באַקוועמערער צוטריט צו דער אייביקייט.

ווילט איר ווערן אָנגעזען ביים פאָלק, ווי אַ מנהיג, אַ פירער און אַ יושב ראש ?— האַלט וואָס מער רעדעס! ווילט איר זיין אַ גוטער „סיילסמאַן" פאַר יעדער סחורה? — קאַרגט נישט קיין רייד!

פון שווייגן קומט גאָרנישט אַרויס — פון רעדן — יאָ. ווען מען פאַרזייט אויף די פעלדער פון דערפאָלג אין לעבן — רייד, וואַקסט אויס אַ קאַריערע...

דאָס יידישע טייל פון אַמעריקע האַלט זיך אויף רייד. אַ שטומער ראַבאַי? וואָלט אַפילו קיין שמש־שטעלע דאָ נישט געקראָגן...

פאַרוואָס — פרעגט פּאַמפּאַדור — איז די פרוי היינט צו טאָג די האַרינטע פון הויז? — ווייל זי רעדט אָן אויפהער... און גיט נישט דעם מאַן די געלעגנהייט צו זאָגן אַ וואָרט...

און אויב איר זענט — תּלמידים מיינע — פון פאַרהייראַטן קלאַס און איר ווילט, אַז אייער פאַמיליען־לעבן זאָל נישט צעשטערט ווערן — טאָ רעדט! ווערט נישט קיין חכם ביי זיך אין הויז און לאָזט נישט איבער צו אייער ווייבס צונג די ממשלה... אויך אַ ווייב האָט סוף־כל־סוף פיינט אַ מאַן אַ שווייגער און פאַרשווייגער.

אויב איר ווילט האָבן אַ דעה ביים פאָלק און איבערן פאָלק — מוזט איר ווערן אַ רעדנער, כאָטש איר זענט אַ זאַיקע. אָדער אייער צונג פאַרטשעפּעט זיך סתם... קוקט זיך נישט אום וועו דאָס פּובליקום פּייפט, אָדער אַפּלאָדירט אין מיטן פון אייער דרשה, — איר שטערט זיך נישט, איר רעדט! און זאָלן זיי אַפילו אָפּליידיקן דעם זאַל אין גרויסע מחנות — איר מוזט פאַרענדיקן. וויזיאָנירט אויס „קעפּ" פון די ליידיקע שטולן — און רעדט פאַר זיי! אייער זיג וועט קומען, מוז קומען! אייער עקשנות וועט פייערן איבער זיי. דאָס פאָלק וועט אייך סוף־כל־סוף אָנערקענען אַלס רעדנער...

פּאַמפּאַדור קען היינט באַרימטע רעדנער ביי אונדז, וואָס האָבן אין אָנהייב געשטאַמלט און זיי שטאַמלען נאָך איצט אויך — אָבער דאָס שטערט נישט צו זייער באַרימטקייט.

שטאַמלען הייבט מיט דער צייט אָן דינען ווי אַ פּאַוזע און דאָס גיט צו געוויכט צו די רייד...

אָט נעמט אַ ביישפּיל פון אונדזער גרעסטן פירער משה רבינו אַליין: ער איז געווען אַ שטאַמלער, איאָ? אָבער נאָכדעם ווי ער איז באַרימט געוואָרן איז די גאַנצע תורה פול מיט „וידבר משה"... פאַרוואָס? ווייל משה האָט זיך נישט ד'ערשראָקן וואָס מען האָט פון אָנהייב פאַרשריבן וועגן אים, אַז ער איז אַ „כבד פה"... און דאַרף אָנקומען צום ברודער... ער האָט, מסתמא שפּעטער גענומען רעדן און זיין „וידבר" האָט געזיגט.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

יידישע אחדות ווו זוכט מען אייך?

ווער האָט עס אויסגעטראַכט — פרעגט פּאַמפּאַדור — אַז יידן זענען פאַר־אייניקייט, האָבן אחדות. פּאַמפּאַדור זוכט די אחדות אַרום מיטן גרעסטן מיקראָסקאָפּ, און קען זי נישט געפינען. יידן זענען פאַראייניקט, גייען צוזאַמען — ס׳ איז אַ שפּאַס פון מאַטקע חב"ד, אָדער „זקני ציון"...

ווער איז נאָך אַזוי צעריסן, תלמידים מיינע, ווי מיר? אויף יעדער געביט פון אונדזער לעבן, זענען מיר צעטיילט און צעפּיצלט. שוין דער היסטאָרישער אָנהייב אונדזערער איז געווען אַ צעטיילונג אין שבטים... אין אַזאַ פּיצעלע לאַנד ווי ארץ־ישראל, זענען געווען צוויי מלוכות.

און שפּעטער האָבן מיר אונדזער גייסטיקע מלוכה צעחלקט אויף תלמוד בבלי און תלמוד ירושלמי... און נאָך שפּעטער האָבן מיר זיך צעשפּאָלטן אויף

מתנגדים און חסידים, ליטוואַקעס און גאַליציאַנער, און פּעטש האָבן נישט געּ־פּעלט... און היינט האָבן מיר מער פּאַרטייען ביי אונדז אין ישראל און אין די תפוצות, ווי ענגלאַנד, אַמעריקע און פראַנקרייך צוזאַמען.

און אַפּילו אונדזער אָרטאָדאָקסיע איז נישט איניק, פּונקט ווי ס'איז ווייט פון איניקייט אונדזער סאָציאַליזם, ליבעראַליזם, ראַדיקאַליזם און וועגעטאַריאַניזם. און אַפּילו אין מתפלל זיין האָבן מיר פאַרשיידענע נוסחאות און ווו איז די חברה אשכנזית און חברה ספרדית?

תלמידים, יידישע אחדות איז אַן אוצר, וואָס ליגט ערגעץ טיף באַגראָבן... אַפּילו אין פּראָטעסטירן צו דער וועלט אויף די עוולות, וואָס מען באַגייט קעגן אונדז, — זענען מיר נישט איניק: יעדע פּאַרטיי און גרופּע פּראָטעסטירט באַזונ־דער... און נעמט אַנטיסעמיטיזם, איז אַפּילו אים צו באַקעמפן, האָבן מיר עטלעכע אינסטיטוציעס: דזשוּאיש קאָמיטע, דער אַרבעטער קאָמיטעט, דער אַרבעטער־רינג, דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פּאַרבאַנד, די בני ברית, דער י. ל. פּרץ־פּאַריין און דער יידישער פּ.ע.נ.־קלוב, און אַלע לויפן באַזונדער קיין וואַשינגטאָן...

תלמידים מיינע! חוץ וואָס מיר האָבן צווייערליי תפילין און צוויי שפּראַכן, איז דער רבונו של עולם אַליין ביי אונדז איינגעטיילט אין פאַרשיידענע נעמען: יעהאָוואַ, אלי, אלקים, גאָט מיט אַן אלף און ג־ט אָן אַן אלף... אמת, מיר רופן „אחד", אָבער דערביי פאַרמאַכן מיר די אויגן, נישט צו זען, אַז עס איז אויסגע־טראַכט... אין דער אמתן, דינען מיר אָן אַ שיעור געטער און אין יעדער גראָשענער באַוועגונג מאַכן מיר פּירער־געטשקעס, ווי אין די טעג פון תרח אבי אברהם... און ס'איז נישטאָ וועד ס'זאָל זיי צעשטערן...

יידישע אחדות — רופט אויס פּאָמפּאַדור — ווו ביסטו? איך זע זי נישט, נישט אין ישראל, נישט אין גלות... יידישע אחדות, ווו ביסטו? סיידן אַ הוסטן צוזאַמען אויף די עלטערע יאָרן אין פלאָרידאַ, צי אין לייקווּוד...

און פּאָמפּאַדור האָט אַ קנייטש געטון זיין שטערן און צוגעגעבן:

אָ, יידישע אחדות! דו מוזסט אַפּנים כסדר ארומשלעפן זיך אויף ימען היין און צוריק — און קאָנסט צו קיין ברעג נישט קומען...

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

ווען פּאָמפּאַדור זיצט אין הויז

און פון אַלע זייטן האָט מען געפרעגט פּאָמפּאַדורן: פאַרוואָס מען זעט אים נישט מער אויף פאַרזאַמלונגען, יום־טובימלעך און יובילײ־פייערונגען? האָט ער אויף דעם אַזוי געענטפערט:

פּאַמפּאַדור קומט נישט צו די אַלע מינים פייערונגען אויף אונדזער גאַס — ווייל ער וויל נישט זען אונדזער גייסטיקע אָרעמקייט און שפלות.

אויף אונדזערע אסיפות איז דער אמתער פאָרזיצער מר. פּעסימיזם און ער קלאַפּט בלויז מיטן האַמער. ווען אונדזער עולם קומט זיך צוזאַמען, קען מען איבערציילן דעם חורבן, וואָס די צייט האָט געמאַכט אין אונדזערע רייען.

נישטאָ באַלד מיט וועמען צו גיין אויף דער בימה... און ווער זענען עס די יורשים?...

און אויף די באַנקעטן און באַנקעטלעך — טאַפּט מען ממש אָן אונדזער הונגער — נישט נאָך גייסט — נאָר נאָך הון...

תלמידים, פאַר פּאַמפּאַדורן איז גענוג זיך צוקוקן פונדערווייטנס און זיך ערגערן... פונדערווייטנס דאַכט זיך אים נאָך, אַז ס'איז פאַראַן אַ יונגער דור שרייבער, פון נאָענט — זעט ער בלויז זקנים — און ער הייבט אָן ציילן זייערע יאָרן לויט רייזענס לעקסיקאָן...

ווען פּאַמפּאַדור זיצט אין הויז אַליין — פאַנטאַזירט ער וועגן טויזנטער לייענער, וואָס לייענען אים און האָבן הנאה...

אָבער ווער ער קומט פּנים לפּנים מיט לייענער — דאַכט זיך אים, אַז אַלע שרייבן גאָר אַליין און פאַרגינען אים נישט...

ווען פּאַמפּאַדור בלייבט אין הויז און גייט נישט אָפּגעבן כבוד אַ יובילאַר — גלייבט ער, אַז יענער קריגט טאַקע באמת וואָס ער האָט פאַרדינט...

אָבער ווען ער פלעגט קומען צו אַ יובילײ־פייערונג, האָט מען אים גלייך אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז דעם יובילײ האָט דער יובילאַר אַליין געמאַכט מיטן שווייס פון זיין פּנים... און אַליין פונאַנדערגעטראָגן זיין „פּובליסיטי" אין רעדאַק־ציע... און אַלע קאָמיטע־לייט, וואָס זענען כלומרשט די מאַכער — שמייכלען ציניש און שושקען זיך...

תלמידים מיינע! פלעגט פּאַמפּאַדורן, גייט נישט אויף אַלע אונדזערע אסיפות — וועט איר אויפהיטן אין זיך דאָס פייערל פון גלויבן, וואָס טליִעט נאָך ערגעץ־ווו.

וועט זיך אייך דאַכטן, אַז מיר האָבן נאָך אַ לעבעדיק לשון, אַ ליטעראַטור און לייענער...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אין קעניגרייך פון יידישן ווארט

דריי זענען זיי

א.

אַ געזונט פֿאָלק פֿאַרהייליקט און האַלט טייער זיינע קלאַסיקער — און שפּאַנט ווייטער, אויפֿן וועג פֿון יונגער ליטעראַטור.

אַ קראַנק פֿאָלק — טראָגט זיך אַרום כסדר מיט די ארונות פֿון זיינע קלאַסיקער. בלויז מיט זיי און זיין שעפּערישער וועג איז פֿאַרלייגט מיט זאַמד און פֿאַרוואַקסן מיט גראָך.

אַך, ווי עס האָט שוין דערעסן פֿאַמפּאַדורן אונדזער אייביקע יאָרצייט־פּראַוועניש. און היסטאָרישע טאָצן־פּויקעניש און יובילײ־טרומייטערײ פֿאַר אונדזערע קלאַסיקער.

דריי זענען זיי: און צוליב דריי: מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ האָט מען ביי אונדז באַלד פֿאַרגעסן אין דער ליטעראַטור אַליין... פֿאַרגעסן אַז נישט אויף קלאַסיקער אַליין לעבט אַ ליטעראַטור... אַז אַן וואַרעמקייט פֿאַר יונגע קרעפֿטן קען אַ ליטעראַטור נישט וואַקסן...

דאָס געזעץ פֿון לעבן ליגט אין באַנייאונג. און דער שכל זאָגט: אַז יאָרצייטליכט טאָרן נישט ברענען כסדר...

יידישע לייענער, בייזערט זיך פֿאַמפּאַדור, וואָס וויל פֿון אייך אונדזער כלל־טוערישע קריטיק און קולטור פֿאַרכאַפּערישע כלל־טוערישקייט! זיי ווילן, אַז איר זאָלט נאָכטון אייערע טאַטעס: יענע האָבן אויף זייערע פּאָליצעס געהאַט אַ סידור, אַ מחזור און אַ משניות... איז דאַרף, הייסט עס, שלום עליכם זיין דער סידור, מענדעלע דער משניות, און פּרץ דער מחזור...

מיט ווערק פֿון די קלאַסיקער אין ביכער שראַנק איז גענוג צו זעטיקן אייער גייסט אויף שבת יום־טוב און אינדערוואָכן...

ווילט זיך פֿאַמפּאַדורן אויסשרייען: קאָנקורירט נישט מיט רעליגיע! דאָס וואָס רעליגיע האָט געקענט באַוויזן, קען נישט די וועלטלעכע ליטעראַטור!...

ייִדישע לייענער, אויף די פינגער אויסצוציילן, איר ווערט פאַרטויבט מיט דעם היפנאָז פון אונדזערע דריי קלאַסיקער. זייערע ביכער ווערן באַלד רעליקוויעס... הייליקע פאַרמעטן און ווי קען אַ נײַ בוך פאַרמעסטן זיך מיט רעליקוויעס און הייליקע פאַרמעטן?

מען טאָר פון ליטעראַטור נישט מאַכן — קיין שול און פון לייענער — דאַוונער פון איין און די זעלבע תפילות...

און פּאַמפּאַדור האָט זיך פאַרקוקט ערגעץ ווייט און ער האָט ווייטער גערעדט:

ייִדישע קריטיקער, וואָרט־זאָגער און קולטור־פאַרזאָרגער, לאָזט אָפּ אויף אַ ווײַל אונדזערע דריי קלאַסיקער! קוקט זיך אום וואָס עס טוט זיך אַרום אײַך, איר טאָרט נישט קוקן כסדר בלויז הינטער זיך!

ווערט נישט קיין אייביקע קייער און צעקייער פון דער פאַרגאַנגענהייט! מאַכט נישט פון אונדזער שארית־הפּליטה־לייענער גייסטיקע מעלה־גירהס, נאָכזאָגערס און צובאָמקערס.

איך פרעג אײַך וואָס קענט איר נאָך ווייטער זאָגן וועגן אונדזערע דריי, דאָס וואָס עס איז נאָך נישט געזאָגט געוואָרן?

ב.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך באַרויִקט און פאַרגעזעצט:

געוויס, אַ בית־עולם דאַרף מען באַזוכן — אָבער פאַר אַ וווינונג מאַכן אַ בית־עולם טויג נישט...

גרויסע פאַרשטאָרבענע טאָר מען נישט פאַרגעסן — אָבער כסדר אַרומגיין און רעדן וועגן זייער גרויסקייט און זינגען צו זיי שבחים — איז אומגעזונט און איבערדריסיק.

רופט עס קולטור־אוצרות, ליטעראַטור ירושה, המשך, „כיבוד אב", רופט עס ווי איר ווילט — נאָר לאָזט לעבן ווייטער!

ווי קענען צוקומען ביי אונדז נייע, פרישע, יונגע כוחות, — אַז עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי אויפנעמען, אָנוואַרעמען, צוטוליען, אָפּשאַצן און אַוועקשטעלן?! ווו איז די באַגייסטערונג פאַר דעם נײַ־געקומענעם שאַפנדן מענטשן ביי אונדז? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

מען רעצענזירט — אָן וואַרעמקייט. ווייל די גאַנצע וואַרעמקייט גיט מען אַוועק די עטלעכע אויסדערוויילטע, די אַוועקגעגאַנגענע. אונדזער קריטיק איז גע־

וואָרן אַ יאָרצייט־האַלטערין פאַר עקסעלענץ, אַ בלומען לייגערין, אויף קברים...

אַ טרייע, פאַרווייַנטע אלמנה איז זי געוואָרן אונדזער קולטור־פאַרזאָרגערין! רק זי צינדט ליכט פאַר די עטלעכע, די גרויסע מתים! רק זי גייט אויף קבר־אבות און בייגט די קני און וויינט...

און פּאַמפּאַדור האָט אַ ביטערן שמייכל געטון און ווייטער גערעדט:

מען קען אָבער אונדזער קריטיק פאַרשטיין און באַרעכטיקן.

רעדן און שרייבן וועגן קלאַסיקער איז מחיהדיק — גרינג... די פערדלעך לויפן אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג.. אויפן שאָסיי פון מאמריסטיק... און מען דאַרף אַפילו נישט האַלטן די לייצעס... אַ קוק אין קאַלענדאַר — און מען שרייבט אויף אַ יאָרצייט מאמר; מען געפינט אַ פּ״ק פון אַ קלאַסיקער צו אַ לאַנדספּרוי — און מען בויט אויף דעם אַ גאַנצע סעריע וועגן דער באַציִונג פון דעם פאַר־שטאָרבענעם צו פרויען...

מיר זענען אַלטע קונציקע טייטשער — און מיר טייטשן... טביה, באָנטשע — עס איז שוין דאָ אויף זיי רש״י און תוספת און בעל־הטורים אויך.

תלמידים! וואָס מען זאָל נישט זאָגן וועגן אַ שלום־עליכם און אַ פּרץ — ווערט דאָס פאָלק פאַרדייען. — דרך־ארץ פאַר קלאַסיקער!

און ווידערהאָלונג — און איבערקייַונג אַ מאָגער געדאַנקל צום הונדערטסטן מאָל — איז מותר שבמותר. מען דאַרף שוין גאָרנישט טונקען די פעדער אין טינ־טער.. מען שטעקט אַריין אַ פינגער אין שטויב — און עס קומט אַרויס, אַ מאמר... אַן עסיי... אַן ערְאינערונג... אַ הללויה...

אוודאי, אַ ליטעראַטור דאַרף האָבן אַ פונדאַמענט ווי יעדער געזונטער בנין און קלאַסיקער זענען דער פונדאַמענט... אָבער עס טאָר נישט פעלן חוץ פונדאַ־מענט אויך די ווענט, דער דאַך, די פענצטער און די קאַרניזן און אַפילו די פאָרהאַנגען אויף די פענצטער!.. סיידן, זאָגט פּאַמפּאַדור, מען וויל מאַכן אַ בנין נישט פאַר לעבן נאָר פאַר אַ היסטאָרישן דענקמאָל...

געוויס דאַרף אַ ליטעראַטור האָבן אַ טאַטן... אָבער ווען דער טאַטע שטאַרבט און די אלמנה פאַרוואַנדלט דאָס הויז אין אַ בית־עולם ווו מען רעדט כסדר פון פאַרשטאָרבענעם טאַטן... און אויף אַלע ווענט הענגען בלויז דעם טאַטנס פאַר־טרעטן... און אין ביכער־שראַנק שטייען בלויז דעם טאַטנס ספרים.. און די טרייע אלמנה האַלט אין איין קרעכצן און ווישן אַ טרער און דערביי עפנט מען נישט קיין פענצטער אין הויז — און דער שטויב וואַקסט און בערגלט זיך, איז דאַן דען אַ וווּנדער אויב די קינדער צעלויפן זיך?

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

ביי אַ גלאָז טיי

און איינמאָל ביי אַ גלאָז טיי, מיט זיינע תלמידים, האָט פּאַמפּאַדור אַזוי גערעדט:

„קיבוץ גליות" אין ישראל און קיבוץ ביכער אין אַמעריקע, דאָרט ראַטעוועט מען גופים און נשמות פון יידישע קינדער און דאָ — ראַטעוועט מען יידישע ביכער פון קעלערס און מען גיט זיי פּאַליצעס...

ישראלס אַרבעט איז אַ רעטונגס־אַרבעט, אָבער וואָס איז מיט דער אַרבעט פון דער ייוואָ?

יידן, אַן איילנדיק פאָלק בכלל און אין אַמעריקע בפרט, איז גיט זיי אונדזער „וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט" אַ גאָלדענע געלעגנהייט ווי אַזוי אַרויסצופּטרן פון הויז דאָס ביסעלע יידישע קולטור וואָס האָט זיך נאָך פּאַרוואַלגערט ביי זיי פון די גרינע יאָרן...

אַ יידישער לייענער וואָלט נאָך אפשר געהאַלטן זיין זאַמלונג פון יידישע ביכער ווען נישט דער ייוואָ.

ווען אַ יידישע פרוי־באַלעבאָסטע דערוויסט זיך, אַז עס איז דאָ אַן אינסטיטוט וואָס נעמט צו יידישן ביכער בכבוד, נאָך ביים לעבן, גיט זי אַ זאָג צום מאַן:

— צו וואָס האַלטסטו זיך מיט דיין ביבליאָטעק? איך האָב שוין מער קיין כח נישט צוווישן דעם שטויב... און דו האָסט דאָך שוין די ביכער איבערגעלייענט און אונדזערע קינדער דאַרפן זיי נישט — טאָ נעם און גיב זיי אַוועק דעם ייוואָ!

גיט דער מאַן אַ קרעכץ: — שוין ביים לעבן? איך קען נישט בלייבן אָן מיינע ביכער... עס ווערט פאַר מיר אַ ליידיק הויז!

ווערט די פרוי שוין ברוגז און צעוויינט זיך:

— הייסט עס, אַז איך בין ביי דיר גאָרנישט!...

אין רעזולטאַט: ייוואָ קריגט יידישע ביכער נישט נאָר נאָכן טויט פון אַ יידישן לייענער נאָר אויך ביים לעבן...

תלמידים מיינע! ייוואָ זאַמלט! זאַמלט, זאַמלט! און עס קוקט אויס ווי צוקונפטיקע אלמנות וואַרטן אויף דעם טאָג ווען צוזאַמען מיטן מאַן וועט אויך פאַרשווינדן זיין ביבליאָטעק...

און ייוואָ האָט אין איר „בולעטין" דערפאַר אַ „יזכור"־זייט — „דעמס און דעמס ביבליאָטעק איז אַוועקגעגעבן געוואָרן דעם ייוואָ — אַ דאַנק!".

און פּאַמפּאַדור האָט אָפּגערוקט, כמעט מיט כעס זיין קאַלט געוואָרענע גלאָז טיי און ער האָט ווייטער גערעדט:

תּלמידים! דער ייִוואָ מיינט זיכער, אַז ער טוט גרויסע זאַכן פֿאַר דער ייִדישער קולטור, ער זאַמלט אוצרות פֿון ייִדישן וואָרט און ער קאַטאַלאָגירט זיי און באַריי־כערט זיינע פּאַליצעס... און ער ראַטעוועט!... אָבער פּאַמפּאַדור קלייבט זיך אַרויס־צולאָזן אַן אויפֿרוף צו די ייִוואָ־משגיחים: ליבע ייִדן, קולטור־פּאַרזאָרגער, שטעלט אָפּ אייער רעטונג־אַרבעט! געגנוג שוין מיט די ביכער־זאַמלונגען! פֿילט איר נישט אַז איר ליידיקט אויס ייִדישע הייזער פֿון זייער ביסעלע גייסטיקייט?

און צום פֿאָלק, צום שארית־הפּליטה פֿון אונדזערע ייִדיש־לייענער, וואָלט איך געשיקט אַזאַ „קול־קורא״:

ייִדיש־לייענער, אַלטע און עלטערע! האַלט די ביכער ביי זיך. היט אָפּ אייערע ייִדישע ביבליאָטעקן. ביזן לעצטן טאָג פֿון אייער לעבן! מאַניפֿעסטירט פֿאַר דעם ייִדישן בוך! שרעקט זיך נישט פֿאַר אייערע פֿרויען! קעמפֿט פֿאַר דער היים פֿון ייִדישן בוך! און שרייבט איין אין אייערע צוואות, אַז אויך די קינדער זאָלן זיי מוזן האַלטן און איבערגעבן זייערע קינדס־קינדער, און באַקרעפֿטיקט עס מיט אַ סטראַ־שונעק, אַ שבועה און אַ קללה אַפֿילו...

און פּאַמפּאַדור האָט פֿאַרענדיקט מיט אַ רוף צו דעם ייִוואָ:

איר טאָרט נישט מאַכן פֿון אייער קולטור־אינסטיטוציע אַ בית־עולם פֿאַר דעם ייִדישן בוך, מיט מצבֿות און אויפֿשריפֿטן פֿון פּ״נ דעם און דעמס רייכע ביכער־זאַמלונג.

מיר האָבן געהאַט און האָבן גענוג בית־עולמס. אַ שפּיל פֿאַר פּאַגראָם־שטשיקעס און כוליגאַנעס!

וועגן עם הארץ און למדן

תּלמידים! אייער פּאַמפּאַדור ווייסט, אַז מיט דעם היינטיקן קאַפּיטל זיינעם יועט ער אויפֿוועקן דעם צאָרן פֿון אַלע קוואַקער, וואָס קוואַקען איצט אויף ייִדיש־קייט און פּוצן זיך אין די פֿעדערן פֿון לומדות — אָבער פּאַמפּאַדור פֿרעגט, וואָס מנט היינט זיין אַ למדן און שיטן מיט פּסוקים? און פּאַמפּאַדור ענטפֿערט: עס מיינט אין דער שיינער ליטעראַטור אַן אָנשפּאַר אויף שול־ייִדישקייט און דאָס פּאַרט זיך בשום אופֿן נישט מיט וועלטלעך שאַפֿן.

און וואָס מיינט עם־הארצות ביי פּאַמפּאַדורן? דאָס גרינע גרעזל פֿון קונסט, דער בראשית פֿון שאַפֿן.

תּלמידים! ליטעראַטור איז אַ וועלטלעכע אינסטיטוציע, גויִש־וועלטלעך און דאַרף זיין ייִדיש וועלטלעך.

די אַלטע ייִדישע וועלט האָט אָט די גויִשע וועלטלעכקייט געטרודפט און באַ־קעמפט — ווייל זי איז געווען אַ גויִש געזונט קינד.

און דערפאַר איז ביי אונדז ביזן אויפקום פון „ככל הגויִמקייט״ נישט געווען קיין ליטעראַטור אין אמתן טייטש פון וואָרט. עס זענען ביי אונדז געווען „שאלות ותשובות״, פלפול — אָבער נישט קיין ליטעראַטור...

אויך דאָס רוסישע פאָלק האָט נישט געהאַט קיין ליטעראַטור, ביז עס האָט נישט אָפּגעטיילט „צערקאָווגע״ סלאַוויאַנסקע פון שאַפּונגס־וואָרט.

ווייל וואָס מיינט אַ וועלטלעכער מענטש? דאָס מיינט פרייַער פון אַלץ אַ פרייער מענטש, וואָס טיילט אָפּ קירך פון שטאַט... די קירך אָדער שול האָט אירע געזעצן, הייליקייטן, פאַרצוימונגען און געטשקעקייטן... דאָס טאָר מען נישט, אַהין טאָר מען נישט קוקן, דאָס איז פאַרבאָטן צו הערן...

און וועלטלעכע ליטעראַטור איז פריי און אַפּיקורסיש אין תוך און אָפּט אַפילו אויסגעלאַסן...

קונסט איז אַ הכשר אויף נאַקעטקייט — אויף פאַרקוקן זיך אויף שיינקייט פון נאַטור און פרוי — און פאַר אַלץ דעם איז זי אונדז געווען טריף און אָסור...

ווּ האָט די שול־ייִדישקייט געשאַפן ווערטן חוץ רעליגיע?

תלמידים! ווּ דער גאָט פון שולחן־ערוך מישט זיך אַריין אין דער טעטיקייט פון שעפערישן מענטשן — איז בינדט ער זיינע הענט, איז פאַרקריפּלט זיין טאַלאַנט...

דער שולחן־ערוך האָט די ייִדישע פרוי נישט צוגעלאָזט צום טיש אַפילו. קונסט איז דער היפּוך פון רעליגיעזער שול־ייִדישקייט — זי דערלויבט אַפּי־קורסות פון ספקות...

און פאַמפּאַדור האָט אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכט און נאָכדעם פאַרגעזעצט:

תלמידים! עם־הארצות אין דער ליטעראַטור מיינט פאַר פאַמפּאַדור הנאה האָבן פון פעלד און נאַטור אָן אַ דערלויבעניש... אַ נאַקעט אויסטאָן זיך, נישט טראַכטנדיק פון אַ שטראָף אויף יענער וועלט... ביי אונדז מישט מען אויס עם־הארצות פון ליטעראַטור מיט נישט האָבן קיין וועלטלעכע בילדונג...

אָן עם־הארץ מיינט פאַר די נייע לומדים אַז אַ שרייבער קאָן נישט און טאָר נישט קענען קיין אַנדער לשון חוץ ייִדיש און פאַרשטייט זיך, אַז ער מוז נישט אַריינקוקן אין אונדזער פאַרשטויבטער אַלטער ספרים־שאַנק...

פאַמפּאַדור האַלט אַז מען מעג... אָבער פאַר פאַמפּאַדורן מיינט עם־הארץ — אָן אָפּטיילן די ברייטע וועלט פון דער בית־מדרש וועלט...

קונסט און ליטעראַטור פאָרן זיך נישט מיט שול. ספר און בוך זענען ווייטע קרובים. אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ רמז אויף קינסטלערישקייט איז געווען געוויד־

מעט דער שול: דאָס דילעטאַנטישע ביסל מאָלעריי — צו דער שול־וואַנט און ארון־קודש, די אַרכיטעקטור — צו דער בימה...

אָבער גיין ווייטער פון שול — איז געווען פאַרבאָטן... די ליטעראַטור פון בית־המדרש האָט געטראָגן אויף זיך די חתימה פון רעליגיע מיט אַ צוטריט צו די הימלען אין ליניע פון יענער וועלט...

און קונסט האָלט גאָר די אויגן צו דער וועלט און דינט שיינקייט צוליב שיינקייט... ווי, פרעגט פּאַמפּאַדור, האָט די יידישע וועלט געקאָנט אַרויסברענגען פון זיך געזונטע, נאַרמאַלע שעפערישע כוחות, ווען אַלץ פלעגט מען זיין אין ספרים ווען אַלץ וואָס האָט געשמעקט מיט נאַטור — איז געווען געשטעמפּלט ווי אַן עברה?... און אַ מעשה־ביכל איז געווען טריף פּסול? און יעדער אַרויפקוק, צי אַריבערקוק צו דער ווייבערישער שול — זנות און אויסגעלאַסנקייט?...

און פּאַמפּאַדור האָט זיך ווידער פאַרטראַכט און ווייטער גערעדט:

תלמידים! איך האַלט זייער ווינציק פון אונדזערע היינטיקע טענצער אַרום דער למדנות און בית־מדרש... פון די נייע פאַרהייליקער פון די „גבילים" און פון די ניי־אויפגעקומענע פרומקייט־פּרעדיקער און צוריק אין שול אַריין שלע־פּער — עס איז פאַבריצירט, אַ שלעכט טעאַטער־שפּיל...

אַ חברה פאַראַכטער פון וועלטלעכקייט, זענען ווי די היגע קאָמוניסטן, וואָס מאָנען קאָנסטיטוציע־רעכט, ברעכנדיק די קאָנסטיטוציע... זיי זענען ציניקער אין די אויגן פון פּאַמפּאַדור! זיי האָבן גענומען אַלץ ביי דער ברייטער גוישער וועלט און אַרויסגייענדיק פון די געטאָ־ווענט, האָבן זיי זיך אָנגעזעטיקט מיט וועלטלעכ־קייט, גענומען ביי די גויים פאָרעם און ריטם און אַלע געזעצן פון פרייען דענקען און שאַפן און מיט אָט־די „וואָפן" גענומען באַשפּייען וועלטלעכקייט...

אין סך־הכל, תלמידים מיינע, איז מיין פּרעדיקן צוריק צו עם הארצות, אַ פּראָטעסט קעגן אָט די נייע פאַלשע טרומייטערס, וואָס שפּאַרן זיך אָן אויף אונ־דזערע נביאים... זייער „תורה" איז אַנטי־נביאימדיק, ווייל אונדזערע נביאים זענען דאָך געווען וועלטלעך...

די נייע, אויסגעלייזדיקטע פון יידישער פרומקייט, קאָנען אונדז נישט ברענ־גען צוריק צום אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער. זיי קאָנען אונדז בלויז פאַרטומלען... זיי קאָנען מיט פּסוקים יידישקייט נישט אומברענגען אונדזער וועלטלעכקייט און אַוודאי נישט ראַטעווען די געטאָ־יידישקייט...

פּאַמפּאַדור האַלט, אַז אויב אָט די נייע כלומרשטע בעל־תשובה און „השיבנו באַזאַדניקעס" ווילן גיין אין שול — זאָלן זיי! אויב זיי געפינען פאַרגעניגן אין

ראַיען זיך אין שטויב פון שאלות ותשובות — זאָלן זיי! אָבער זאָלן זיי צו־רו לאָזן די ליטעראַטור, וועלטלעכקייט און קונסט...

ליטעראַטור האָט זיך איר אייגענעם קאָדעקס, איר רעליגיע... און דער קינסטלערישער ייִד, דער וואָס האָט אויגן און וויל מיט זיי זען די וועלט — דער וואָס וויל נישט אַנטלויפן פון דער וועלט — נאָר זיך באַהעפטן מיט איר — מוז פּראָטעסטירן קעגן די נייע פּרעדיקער פון לומדות אין אונדזער ליטעראַטור...

און צום סוף: אונדזער מדינת־ישראל וועט חרוב ווערן אויב די ייִדישע שול וועט באַזיגן די וועלט, אויב די לומדים וועלן איבערנעמען די ממשלה...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

לויות ביי אונדז

תלמידים מיינע, גייט צו לוויות!

אַמאָל איז אַ לוויה געווען ביי אונדז אַן אַקט פון טויט, אַ צערעמאָניע וואָס איז אַ מצווה גדולה. היינט איז אַ לוויה מער ווי אַ לוויה. דאָס באַגלייטן מיר אַרויס נישט דעם איינצלנעם, נאָר אַ גאַנצן דור.

אַ דור, תלמידים מיינע, גייט אַוועק זאָט אין יאָרן, ווי אין רעוואָלוציעס... גרויס אין דערפינדונגען און אויפבוי און נאָך מער — אין טויט־אינסטרומענטן פון חורבן. אַ דור אַ געלייטערטער אין פייער און אין וואַסער גייט אַוועק און לאָזט איבער נאָך זיך יורשים: אויפלייזונג, פאַנאַנדערפאַל, יאוש און אַן עדה פון הייזעריקע אל מלא רחמים־מאַכער...

איילט צו לוויות, תלמידים מיינע! גייט כאַפּט אַריין אַביסל הייטערקייט, ווייל אַ לוויה איז ביי אונדז היינט דער איינציקער פּלאַץ, ווו אונדזער פּעסי־מיסטישער דור הולך הערט נאָך אַ וויץ.

מען קען זאָגן, אַז דער וויץ ביי לוויות, איז אונדזער לעצטער עכט ייִדישער וויץ... אַ וויץ וואָס וויינט לאַכנדיק... אַ וויץ וואָס טוט זיך אַליין אויס און שמייסט זיך...

און אויב, תלמידים מיינע, איר זענט פון שרייבער־צעך זייט פון די ער־שטע באַגלייטער ביי לוויות און אויב דער קאָלעגע מת קריגט נאָך אַ שטיקל לוויה — זייט אים אין דער שטיל מקנא: ווייל נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר און אַ שרייבער, ווי אַ כלל־טוער, און בכלל אַ ייִד, וואָס האָט זיך געקהלט, וועט נישט האָבן נישט קיין עולם באַגלייטער און אַפילו נישט קיין רעכטע מספּידים...

קורץ, עס וועט פשוט נישט זיין ווער עס זאָל מאַכן אַ ריכטיקן הספד...

ווייל, זאָגט פּאַמפּאַדור, די באַרימטע מספּידים מיט טאַלאַנט זענען געווען אין ערשטן דור אין אַמעריקע און זיי זענען שוין אין גן־עדן — און קיין נייע קומען נישט צו און חוץ אַלעם, האַלטן נייע נישט פון הספּדים...

און פּאַמפּאַדור האָט זיך פאַרקוקט אין די ווייטע ווייטענישן, און איז אַנט־שוויגן געוואָרן. האָבן די תלמידים אים אויפגעפּאָדערט ער זאָל זאָגן נאָך עפּעס אויף אָט דער לעבעדיקער טעמע, און פּאַמפּאַדור האָט דערוואַכט ווי פון אַ דרימל און פאַרגעזעצט:

תלמידים! פּאַמפּאַדור באַדויערט דעם גורל פון לעצטן שרייבער ביי אונדז. ער וועט גיין פון דער וועלט אַ נישט באַהספּדטער, אַזוי צו זאָגן, עס וועט נישט זיין ווער עס זאָל נאָך אים זאָגן אַ לעבעדיק יידיש וואָרט.

די נייע באַגלייטער פון דריטן דור, אַ דור וואָס איילט זיך צו פאָרן אויף וואָך־ענד, אָדער סוף־וואָכן, קען נישט דעם אַוועקגעגאַנגענעם אַלטן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אריכות ימים און רעדט שוין נישט זיין לשון... און די געדונגענע מספּידים, יונגע ראַבאַיס און פיונעראַל דירעקטאָרס וועלן איילנדיק אָפּפּרעפּלען אַ מין הספּד אין אַ פרעמד לשון... שוין אָן אַן אל מלא רחמים אַפילו...

און דאָס גרעסטע מיטלייד האָט פּאַמפּאַדור מיט די איבערגעבליבענע אויף צו להכעיס זיך אַליין, איבערגעלעבטע יידישע שרייבער, דער שארית פּליטת הפּעון... ער וועט נישט האָבן ווער עס זאָל דערציילן וועגן זיין לעבן — צוליב וואָס? — כדי צו קריגן אַ גרויסע לוויה, מיט פייערדיקע הספּדים אויפן ריזיקן פאַרלוסט פאַרן יידישן פאָלק — און דאָ מוז ער זיך באַנוגענען מיט קוים אַ מנין האַלבע באַקאַנטע, מיטן סעקרעטאַר פון דער יוניאָן... עס איז געשטאָרבן, פאַר־שטייט זיך, אַ פאַרגעסענער שרייבער...

איך האָב גרויס מיטלייד מיט די לעצטע פונעם דור הולך...

און פּאַמפּאַדור האָט זיך ווידער אַ ווײַלע פאַרטרוימט, און מוסיף געווען:

אין יענע טעג וועט מיט איינעם פון אָט דעם מין מתים געשען אַ וווּנדער:

מיט אַמאָל, ווען דער עולם וועט זיך צעגיין, וועט דער מת אַרויס פון קבר און מאַכן אַ הספּד אויף זיך אַליין... און דווקא אַ געלונגענעם, מיט פּסוקים און ציטאַטן... און נאָכדעם, פאַרשטייט זיך, אַריין צוריק אין ארון אַ באַרויקטער... אויפן בית עולם וועלן זיך דאַן געפינען בלויז צוויי גוייִשע קברים־גרעבער און זיי וועלן זיך צעלויפן אין גרויס שרעק...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

קריטיקער און שרייבער

א

פּאַמפּאַדור טראַכט אָפּט וועגן ביטערן גורל פון קריטיקער, וועמען מען דאַרף האָבן — און מען דאַרף נישט האָבן.

אפשר דאַרף אים דער לייענער, ווי אַ לערער אָדער אָנווייזער פון וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט אין אַ בוך, אָבער דער שרייבער, דער שעפערישער מענטש, דאַרף אים נישט...

און אויב ער דאַרף אים יאָ אַמאָל, איז עס בלויז ווי אַ „סעילסמען״ פאַר זיינע ווערק און ווי אַ רעקלאַמע־מאַכער פאַר זיין סחורה...

מען קען זאָגן, אַז דער קריטיקער איז אַ מין „דריט געשלעכט״ אין דער ליטעראַטור צווישן דעם שרייבער און לייענער...

פּאַמפּאַדור איז נאָך אַ סך פאַרשן און שטודירן דעם ענין קריטיקער און שרייבער, געקומען צום שלוס — אַז אין בעסטן פאַל זענען קריטיקער און שרייבער צוויי לאַגערן. זיי מוזן בטבע פירן קריג ווי צוויי שונאים.

ווייל וואָס וויל באמת אַ שרייבער? פריִער פון אַלץ לויב־געזאַנגען פאַר זיין ווערק — און נאָכדעם אָנערקענונג פאַר זיך אַליין — און וואָס מער...

מענטשן בכלל זענען הונגעריק נאָך ברויט און אַ שרייבער הונגערט חוץ ווי אַ מענטש, אויך ווי אַ שרייבער — נאָך אָנערקענונג... אַ געוויינלעכער מענטש ווען ער וויל כבוד, חלומט ער פון קריגן עס פון זיין משפחה, פון זיין פאַראיין, פון זיין שטעטל... אַ שרייבער חלומט אַז זיין נאָמען זאָל קלינגען איבער דער וועלט...

אויך דער שרייבער איז אַן אומגליקלעך באַשעפעניש, וואָס חוץ זיין בלוטן פאַר זיין ווערק, לאָזט אים נישט רוען זיין אַמביציע צו ווערן באַרימט...

דאָס ביסעלע אָנערקענונג, וואָס ער קריגט אַרויס פון אַ קריטיקער, באַצאָלט אים פאַר די שלאָפלאָזע נעכט... דאָס איז ביי די גויִים און ביי יִידישע שרייבער איז עס חוץ אַלעם אויך זיין האָנאָראַר און זיינע ווילעס...

ב

וואָס וויל באמת דער קריטיקער, פרעגט פּאַמפּאַדור, און ער ענטפערט: דער קריטיקער וויל אַז דער פון אים אָנערקענטער שרייבער — זאָל אים אָנערקענען... זאָל אים צאָלן פאַר זיין מבינות מיט כבוד־קריטיקער.

אָבער דער שרייבער איז פיל צו אָנערקענען דעם קריטיקער, ער קען אים הנפּענען — אָבער אָנערקענען, דאָס נישט... שרייבער האַלטן אַז דאָס קומט זיי און זיי מאָנען דאָס ביים קריטיקער ווי אַ חוב... און סתם וויפל אָנערקענונג אַ שרייבער זאָל נישט קריגן — איז אים נישט גענוג.

און דעם קריטיקער ווערט סוף־כל־סוף דערעסן צו באַדינען דעם שרייבער... און ער ווערט קאַרג, איינגעהאַלטן, און הייבט אָן צוריקציִען, און אַפּט נעמען צוריק, אָן רעווידירן, די לויב־געזאַנגען און די גוטע „אַטמעטקעס" פון בלויז „פּינפּער".

און אָט דערפון שטאַמט דער אייביקער קריג צווישן קריטיקער און שרייבער.

תלמידים מיינע! פּאַמפּאַדור האָט זיך גוט צוגעקוקט צום „שלום־בית" צווישן שרייבער און קריטיקער און ער איז געקומען צום גאַליקן סך־הכל, אַז אויב אַ קריטיקער וויל אויפהיטן די גרענעצן פון זיין טעריטאָריע, מוז ער זיין גוט באַוואָפנט צום קריג מיטן שרייבער, ער מוז וויזן דעם שרייבער ווער ס'איז עלטער און קליגער — און ווער ס'האָט אים אַרויסגעפירט און געמאַכט אים פּאַר אַ מענטשן...

און פירן קריג פּאַדערט, חוץ כלי־זין, אויך טרעפן אין ציל, אויף מיליטעריש לשון הייסט עס: מאַכן אַ געלונגענע אָפּענסיווע, און פאַרשטייט זיך, אַז קריג מוז ברענגען וווּנדן סיי דעם שרייבער, סיי דעם קריטיקער...

ווייל, וואָס איז די אויפגאַבע פון אַ שרייבער בנוגע זיין קריטיקער?? פרעגט פּאַמפּאַדור, און ער ענטפערט: פאַר דעם שרייבער בלייבן דריי וועגן: דער וועג פון ליידן פונעם בייזן קריטיקער, זיך אומטראָגן מיט וווּנדן און קרעכצן אין דער שטיל... אָדער דער וועג פון ענטפערן. לויט דעם לעצטן מנהג, מעג אַ שרייבער היינט זיך אויסטענהן מיט זיינע קריטיקער, געבן זיי אַ גאָב... דער דריטער וועג איז ביטול, פאַראַכטונג, מאַכן אים צו אַש און בלאָטע, באַטיטלען אים מיט „סרוס", ליטעראַרישער פּאַראַזיט אאַ"וו.

ג

תלמידים! קענט איר דאָך פרעגן און וואָס איז מיט דעם קריטיקער, וועלכער לויבט שטענדיק און באַזינגט? איז דער ענטפער: פון דעם איז נאָר גוט און ווויל דעם שרייבער, אָבער אָט דעם מין קריטיקער ווערט פון דעם נישט בעסער; ווייל דער קריטיקער ווייסט אַז דער שרייבער נעמט טאַקע צו די שבחים, אָבער האַלטן פון אים, דעם קריטיקער, האַלט ער נישט. שרייבער זענען גרויסע

עגאָיסטן: זיי ניצן אויס דעם קריטיקערס שוואַכקייט פאַר זיך, כדי צו שטאַרקן זייערע פּאָזיציעס, אָבער טיף אין האַרצן האַלטן זיי אַליין נישט פון דעם וואַטאָוון קריטיקער... זיי אנערקענען שוין מער דעם שטיינהאַרציקן, דעם אַרונטעררייסער.

פּאַמפּאַדור גלייבט, אַז פאַר זיך האַלט דער שרייבער, אַז די קרוין פון גרויסקייט ביים פאָלק, האָט ער זיך אַליין אָנגעטאָן, מיט זיין געניאַליטעט... אַז דער קריטיקער זאָגט, אַז ער האָט אים אויפגעבויט — איז עס שקר וכזב, פּוסטע באַרימעריי...

קורץ, אַ קריטיקער, אויב ער וויל האָבן אָנזען ביים שרייבער, מוז ער נוצן באַקציינער און נישט קיין הוילע יאַסלעס...

אַ קריטיקער מעג קענען געבן אַ קלאַפּ אין טיש, כדי מען זאָל אים הערן...

אַ קריטיקער מוז ווערן אַ „רבי", פירן אַ טיש, זאָגן תורה, אָבער קיינ־מאָל נישט שפּילן די ראָל פון אַ חסיד און אַ שמש ביים שרייבער...

ער מוז אויך זיין תורה פאַרנעפּלען, פאַרדרייען, נישט דערזאָגן, כדי שרייבער זאָלן עס קענען טייטשן און פאַרטייטשן... אַזוי און אַנדערש...

און פּאַמפּאַדור האָט פאַרענדיקט: תלמידים, ווערט נישט קיין קריטיקער! לערנט זיך אויס שרייבן פּאָעזיע, ווייל שוואַכע לידער זענען נאָך אַלץ שטאַרקער ווי די שטאַרקסטע קריטיק...

תלמידים! האָט סתם רחמנות אויפן קריטיקער — ער איז אַן אומגליקלעך באַשעפעניש סיי ווי סיי...

און די תלמידים האָבן געוואָלט וויסן וועגן שרייבער און מענטש. קען מען זיי אָפּטיילן איינעם פונעם צווייטן, אָדער נישט? איז מעגלעך אַזאַ זאַך, ווי אַז אַ קריטיקער רירט־אָן דעם שרייבער, זאָל עס נישט זאַטשעפּען דעם מענטשן אינעם שרייבער?

און פּאַמפּאַדור האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט: פּאַמפּאַדור איז נישט קיין פּוסק בכלל, אָבער ער האַלט, אַז שרייבער און מענטש זענען נישט קיין סיאַמער צווילינג און מען קען דעם מענטשן אָפּטיילן פונעם שרייבער — אָן צופיל סכנה... ס'איז אַ גרויסער אונטערשייד ווען דאָס מעסער פון אַ קריטיקער טרעפט אין האַרץ פון שרייבער — פילט עס דער שרייבער מיט זיין גאַנצן וועזן, און ער ליידט און בלוטעט... אָבער פאַרקערט: ווען דער קריטיקער גרייפט אָן דעם מענטשן אינעם שרייבער און גיט אָנצוהערעניש, אַז דער מענטש אין אים איז אַ געפאַלענער, אַז ער איז אַ שאַרלאַטאַן, אַ שיכור, אַ נואף און שלאָגט אַפילו זיין פרוי אַלע פרייטיק צו נאַכטס — אויב דערביי רימט ער דעם טאַלאַנט פונעם שרייבער. אַנערקענט אַז ער איז אַ גרויסער טאַלאַנט, און גיט אים אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין ליטע־

ראַרישן היכל, ווי דיכטער, סטיליסט און קינסטלער — וועט דער שרייבער מוחל זיין דעם קריטיקער, ווייל ביי אַ שרייבער קומט פריִער פאַר אַלץ דער שרייבער אין אים.

אין דעם פּרט זענען שרייבער געגליכן צו ווייבער: זאָגט אַ פרוי אַז זי איז נישט קלוג און אַז זי איז פשוט אַ מרשעת — אָבער דערביי גיט צו, אַז זי איז שיין און האָט אַ וואונדערלעכע פיגור, וועט זי אייך אַלץ פאַרגעבן...

3.

און פּאַמפּאַדור האָט אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם פאַרגעזעצט:

תלמידים! פּאַמפּאַדור האָט שוין, דוכט זיך, צופּיל גערעדט אויף אָט דער גליטשיקער טעמע, און איר ווייסט דאָך ווי ער האָט פיינט צופּיל רייד, און דערפאַר פאַרענדיקט ער:

פאַר פּאַמפּאַדורן איז קלאָר, אַז צווישן קריטיקער און שרייבער, קען קיין שלום נישט זיין, אַפילו ווען שלום וועט באַהערשן די וועלט...

ווייל עס קען נישט זיין קיין שלום צווישן איינעם וואָס בויט אַ געביידע (און ער איז זיכער אַז ס'איז אַ פּאַלאַץ) און ער מיינט אַז ער האָט דערגרייכט דאָס גרעסטע אין דער אַרכיטעקטור... און צווישן איינעם וואָס קומט (לויט דעם שרייבערס בליק), גיט אַן איינציקן קוק דאָ און דאָרטן, פאַרדרוקט אַ באַברילט אויג, מעשה גרויסער מבין, און גיט זיך אַ זאָג: עט! די געביידע האָט מען גע־דאַרפט אַנדערש בויען. זאָגט אויף דעם דער שרייבער און אפשר מיט רעכט: איר קענט בעסער? אדרבה, לאָמיר זען, ווייזט וואָס איר קענט!

און די מעשה איז, וואָס קיין קריטיקער (ווי גרויס ער זאָל נישט זיין), קען נישט מאַכן בעסער פון דעם קלענסטן שרייבער.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אַן אַנטי־שלאָף פּראָקלאַמירונג

גוט־אויסגעשלאָפענע תלמידים מיינע! פאָלגט פּאַמפּאַדורן. וואַכט אויף מיט זונען־אויפגאַנג און פאַרלאָזט אייער היים מיטן אויסלעש פון לעצטן שטערן. אַנטלויפט פון הויז מיטן שפּראָץ פון טאָג!

זייט איר אַ בחור — שלאָפט נישט שפּעט, טראָגט זיך אָפּ פון אייער בחורשן צימער גלייך מיטן פאַרשווינדן פון דער נאַכט. דערלאָזט נישט, אַז אַלט־בחורשאַפט

זאָל אייך האַלטן אין די אָרעמס פון ווייכע קישנס... און זייט איר אַ באַוויבטער — פאַרשווינדט פון הויז איידער אייער ווייב באַגלייט אייך אַרויס מיט אַ טענה און מיט אַ ברוגז...

אין די פרימאָרגנס פילט זיך אַפילו אַ פאַרהייראַטער — יינגער און פרישער.

פאַרלאָזט אייער הויז מיט זונען־אויפגאַנג און אַפילו נאָך פריִער! זייט זיך מקדים צו מקבל פנים זיין דעם טוי פון די פרימאָרגנס. פאַרלאָזט אייער היים, ווייל וואָס איז היים? היים איז — מאַנונג און דערמאַנונג. אַ קוויל פון חובות: צום ווייב, צו קינדער, צום הויז־אייגנטימער און סתם צו פליכטן. אַלץ מאָנט פון אייך אַ חשבון, דערמאָנט אייך, אַז איר זייט נישט פריי.

אַנטלויפט פון הויז גלייך מיטן פייף פון אַ שיף אין די פרימאָרגנס אויפן טייך — דאָס פייפן רעדט צו אייך פון פרייהייט, פון ימען.

ראַטעוועט זיך אויף דער גאַס! די גאַס — זי איז די גרעסטע פאַרגעסערקע. די ליבסטע אָפּמעקערין פון חובות און פליכטן.

צו וואָס האָט אַ גאַס צוויי טראָטואַרן? כדי ווען איר דערזעט אייערן אַ פריינט וועמען איר קומט אַ חוב גייענדיק אויף איין זייט טראָטואַר, — ראַטעוועט איר זיך אויף אַ צווייטן... אין די פרימאָרגנס, אין גאַס איז אויך דאָ אויף וואָס זיך צו פאַרטראַכטן... די גאַס איז דאַן נאָך גוטמוטיק... אַ מילך־וואַגאָן קומט אָן שטיל און מאַמעדיק. ער ברענגט אַ גרוס פון דער בהמה אין שטאַל און פון גראָז אין פעלד.

אַ צייטונגס־פאַרקויפער רופט אויס די נייעס. און אינדערפרי זענען אַפילו מאָרד־נייעס ריינער ווי בייטאָג...

תלמידים! ווילט איר ווערן שרייבער? און שעפּן פון שעפערישן קוואַל? — שרייבט, נישט־אויסגעשלאָפענערהייט!

שאַפט — מיט שלאָף אויף אייערע ברעמען, מיט באַנאַכטיקער שלאָפלאָזי־קייט אויף אייערע קישנס!...

זאָלן אייערע פינגער פיבערן פון מאָרגן־קעלט...

פאַרלאָזט אייער בעט מיטן „קריי״ פונעם מאָדערנעם האָן דעם וועקזייגער און זעצט זיך צום שרייבטיש!

מיט שלאָפן שפּעט ווערט איינגעשלאָפן אייער פאַנטאַזיע און פאַרוויגט אייער שטימונג. די פעדער האָט ליב פילן דעם ציטער פון אייער נישט דערשלאָפנקייט.

גוט אויסשלאָפן זיך איז אַ רפואה פאַרן גוף — אָבער צו שאַפן דאַרף מען האָבן אַ קראַנקן גייסט.

שאַפן באַטייט — פאַרגעסן אַן גוף; מיינט — שלאָפלאָזע נעכט; אַן אויסגע־לײַדיקטע בעט אין קאַיאָר און אַ וואַכזאַמע נשמה...

וואַכט אויף מיט דער פרימאָרגן זון, באַגריסט די מוטער פון אַלע מוטערס און — שרייבט!

דער פרימאָרגן איז ריין און פריש אַפילו ווען ער איז פאַרוואָלקנט.

שרייבט נישט ווען די זון שטייט אינמיטן הימל — דאַן איז די צייט פון זאַטקייט און מידקייט. שרייבט נישט פאַרנאַכט, ווען די זון קלייבט זיך אין וועג אַריין. באַגלייט זי מיט אייער בענקשאַפט שטומערהייט...

געבענטשט זאָלן זיין די פרימאָרגנס. זיי זענען די גוטע שלוחים פון גייסט!

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור...

און די תלמידים האָבן געבעטן פּאָמפּאַדורן ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן אויף אָט דער טעמע.

און פּאָמפּאַדור האָט ווייטער גערעדט:

תלמידים, טרייבט אייער שלאָף פון זיך ווי אַ בייזע פליג. שלאָף איז אייער שונא. ער גנבעט זיך אַריין צו אייך אויף די שפּיץ־פינגער. לייגט זיך פריציש אויף אייערע קישנס און לאַדט אייך איין מיט אַ זיסער, מיידלשער שטימע אים נאָכ־צוטון און אין דער צייט ווען איר פאָלגט אים גנבעט ער אַוועק אייערע בעסטע שעהן.. שטופּט אַריין אין זיינע ברייטע פינצטערע קעשענעס שטיקער פון אייער לעבן און רוקט זיך אַרויס אומבאַמערקט ווי אַ געאיבטער גנב...

שלאָף איז דער שליח פון נאַכט און חושך, וועלכער רויבט פון אייך ליכט און זון און גיט אייך איבער אין דעם רשות פון שאָטנס...

יאָגט דעם שלאָף! זייט וואַך! פרימאָרגנט איבער אייערע פרימאָרגנס און איר וועט קומען צו אייביקער וואַכזאַמקייט!

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

נביאים און דיכטער

תלמידים! איר ווילט וויסן, וואָס איז דער אונטערשייד צווישן נביא און דיכטער?

פּאָמפּאַדור האָט אַ סך נאָכגעטראַכט אויף אָט דער וויכטיקער טעמע און ער האָט אָט וואָס צו זאָגן:

אַ נביא קען ווערן אָפט אַ דיכטער — אָבער אַ דיכטער מוז אַנטלויפן פון נביאות!...

דער נביאות־גרונד איז מאָראַל און מוסר — אָבער דער יסוד פון דיכטונג איז פריער פון אַלץ בלויז דיכטונג.

אַ דיכטער קען אַמאָל אַריינפאַלן אין נביא־טאָן. ערגעץ־ווו אויף די בלאָנדזשענדיקע וועגן פון גייסט, באַגעגענען זיי זיך ביידע — אָבער זיי מוזן זיך צעגיין, יעדער אויף זיין דרך, נביא בלייבט נביא און דיכטער בלייבט דיכטער.

אַ נביא איז בעיקר אַ רעדנער. זיין הויפּט־טאַלאַנט ליגט אויף דער צונג. זי דינט אים געטריי.

אַ נביא האָט אַ שליחות, אַ מיסיע, אין נאָמען פון גאָט, אָדער אין אייגענעם נאָמען. אַ דיכטער בויט דער עיקר אויפן אויג. דאָס אויג פונעם דיכטער איז אויך זיין האַרץ.

אַ נביא באַדינט זיך מיט הונדערט פּראָצענט פּאַטאָס — און פּאַטאָס ווערט ביי אים אַ באַראַבאַן פאַר אַ פּערזאָן, אַ גאָט, אָדער אַ פּאַרטיי.

אַ דיכטער לעבט אויף זיין אינטימיטעט, פאַר זיין ליריש געפיל.

פּאַטאָס שרייט, געוואַלדעוועט, רופט, קנעלט, מוסרט, צאַרנט און שטורעמט...

אינטימיטעט שרייט נישט — נאָר רעדט שטיל, בלחשדיק, פון ווינקל האַרץ אַרויס.

נביאות שטייט שטענדיק נאָענט צו פּאָליטיק, און די איידלסטע פּאָליטיק איז אַ פּאַרפירערין, אָפּט אַ זונה...

נביאות האָט אויך אַ קרובהשאַפט צו העכערער מגידות און די קונסט פון העכערער מגידות — איז אַ קונץ... אַ כוואַטסקע פּסוקים־וואַרפעניש.

ווען אַ דיכטער הייבט זיך אָן באַטראַכטען פאַר אַ נביא, דאַן שטעלט ער נאָך ביי זיין לעבן אַ מצבה אויף זיין שעפערישקייט. ער ווערט חוץ פאַלשער נביא, אויך פאַלשער דיכטער.

נביאים האָבן אין זייער אַמוניציע־לאַגער אויך געהאַט דאָס שאַרפסטע כלי־זיין — די קללה, אָבער וואָס איז שעלטן אויב נישט אַן אָנשרעקן די שוואַך־קעפּיקע און שוואַך־האַרציקע?

תלמידים! דער פאַרשריגענער נביא פון אונדזער צייט, איז געוועזן ביאַליק און ער האָט מיט זיין נביא־טאָן אַליין אונטערגעמינעוועט זיין ליד...

ווערט פּאָעטן

תלמידים! אויב איר האָט באַשלאָסן צו ווערן שרייבער ביים ייִדישן פאָלק — ווערט פּאָעטן!

פּאַמפּאַדור

דער טיטול פּאָעט בײַ ייִדן איז כמעט אַזוי חשוב ווי דער טיטול דאָקטאָר. און דער עיקר, עס איז זייער גרינג... ווײַל פּאָעזיע בײַ ייִדן גייט מיט ממה־נפשך: זייט איר אַלטמאָדיש, און איר דיכטעט אין גראַמען — קריגט איר דעם טיטול פֿאָלקס־פּאָעט, מען וואַרפֿט אַרויף אייער גראַמעריי אויף די פּלייצעס פֿון פֿאָלק (וואָס קען אַליין איבערטראָגן). און גראַמען האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק ליב. ווען אַ ייִדן איז ענג אויף דער נשמה... הייבט ער אָן ריידן אין גראַמען... און אויב איר האָט זיך געגומען שרײַבן אין פֿרייען פֿערז, ווערט איר איינס און צוויי געקרוינט אַלס מאָדערנער פּאָעט... און דיכטעט איר אַזוי, אַז מען פֿאַרשטייט אײַך נישט, ווערט איר — אָדער אַן אָנזאָגער פֿון משיח בן דוד, אָדער אַ פּאָעט אַ מקובל... און אויב איר ווילט סתם קונה שם זײַן קענט איר ווערן אַ „נאַציאָנאַלער דיכטער"... איר דאַרפֿט בלויז אַ זאָג טון אהבת ישראל, תורה פֿון בעל שם, באַרדיטשעווער און בראַצלאַווער און איר זייט געקרוינט... און די מעלה, תלמידים מײַנע, פֿון זײַן אַ פּאָעט בײַ ייִדן איז נישט איבערצוציפֿערן:

אַ פּובליציסט דאַרף האָבן אַ ליניע; אַ בעלעטריסט מוז קענען דערציילן מיט אַ טאַלק. אָבער אַ פּאָעט קען פֿאַרקריכן ווו ער וויל... ער קען בייטן זײַן אידעאָלאָגיע ווי קאַפּעטעריעס און אַ פּאָעט צו זײַן איז גוט אַפֿילו מיט אונדזער קריטיק. אַ פּאָעט, דער קלענסטער אַפֿילו, ווען ער גיט אַרויס אַ בוך אָדער ביכל, קריגט ער שנעלער אַן אָפּרוף בײַ אונדזער קריטיק...

אַ קריטיקער כאַפּט אַ קוק אַ לידל דאָ און אַ לידל דאָרטן און פֿאַרטיק אַ רעצענזיע!

פּראָזע שרײַבער דאַרף מען לייענען, און אָפּט איז עס אַ בוך פֿון הונדערטער זײַטן איז ווו נעמט מען צײַט און כוחות (און אונדזער קריטיק איז אַ זקנה). דאָס אומגליק איז נאָר וואָס עס הערשט אַן איבערפּראָדוקציע אין דער פּאָעטישער בראַנזשע. צופֿיל גראַמען־פּראָפֿיטירער און לידער־ספּעקולאַנטן האָבן מיר אויף דער ייִדישער גאַס...

בכלל צופֿיל פּאָעטן ווי צופֿיל דימענטן־הענדלער, אָבער דאָס דאַרף אײַך נישט אָפּשטעלן פֿון נעמען זיך צו פּאָעזיע... אפֿשר וועט מיט דער צײַט דערקלערט ווערן פֿון ייִדישן „קולטור־קאָנגרעס" אַ מאָראַטאָריום אויף דיכטן, אַ שמיטה אַזאַ...

תלמידים! עפּעס מוז געטון ווערן בײַ אונדז פֿאַר אונדזער ליד, ווײַל די געצײַלטע אמתע דיכטער בײַ אונדז, ווערן בטל אין דעם ריזיקן כאָר פֿון הייזעריקע און כריפּלע קרייער, פֿערטל־זינגער, צוזינגער, באַזינגער און נאָכזינגער מכל המינים...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אַלטע רעוו‏ידירער

פּאָמפּאַדור האָט ליב אַלטע מענטשן, וואָס קענען רעווידירן זייערע לעבנס־אַנשויאונגען און האָבן כוחות אַריינצוקוקן אין זייער אידעען־באַלאַנס און מאַכן אַ רעוויזיע אין חשבון...

אָט די אַלטע מענטשן רוף איך: גבורים פון גייסט, ווייל שווער, זייער שווער איז פאַר אַ זקן דאָס נישט קוקן אויף צוריק... דאָס קענען זיך אָפּקנעפּלען פון זיין פאַרגאַנגענהייט מיט וועלכער יאָרן האָבן אים צוזאַמענגעשניידערט...

אַלטע מענטשן זענען איינגעגלויבט, אַז די יוגנט ווייסט גאָרנישט, פאַרשטייט גאָרנישט און וויל אַפילו נישט לערנען ביי זיי, די דערפאַרענע...

אַלטקייט — בויט אויף דערפאַרונג, אָבער וואָס איז באמת דערפאַרונג? — אַ קייט פון טעותן וואָס מען קען נישט פאַרריכטן און ווען מען שלאָגט זיך אויף זיי „חטאתי״ — מאַכט מען זיי פונדאַסניי...

אַ זקן וואָס רעווידירט אויף דער עלטער זיין לעבנס־פּלאַטפאָרמע איז אַ רעוואָלוציאָנער קעגן זיך אַליין... און מיט דעם אַליין ווייזט ער אַ צוריקקער צו יונגקייט.

אַ זקן וואָס קען זיך שטעלן קעגן זיינע אידעען־חברים, זקנים ווי ער, — איז אַ יונגער בונטאַר...

תלמידים מיינע, גיט אָפּ כבוד אַזעלכע זקנים און באַשיצט זיי פון זייערע פאַרפאָלגער!...

און פּאָמפּאַדור האָט אַ גלעט געטון זיין אויסגעטראַכטע באָרד און האָט ווייטער גערעדט:

אַן אַלטער מאַן וואָס אַנטלויפט פון דער ווייב — לעת זקנה — איז נישט קיין אַנטלאָפענער מאַן נאָר אַ העלד, אַפילו ווען מען ברענגט אים צוריק...

טאָלסטאָי, ווען ער איז, אַ קורצע צייט פאַר זיין גיין פון דער וועלט, אַנטלאָפן פון זיין ווייב — האָט באַוויזן מיט דעם מער גבורה און העראָיזם ווי ווען ער וואָלט זי אָפּגעגט צו 40...

אַ מענטש פון 70־80, וואָס טרוימט נאָך בכלל פון פערזענלעכער פרייהייט און באַפרייאונג — איז אַ פּאַרטיזאַן און דאַרף פאַראייביקט ווערן אין אַ באַלאַדע. ווייל נאַטירלעך איז, אַז מיט די אויסגעטריקנטע אָדערן טריקנט אויך אויס ביי אַ מענטשן דער חשק צו קעמפן, זיין קוראַזש ווערט פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט זיין פעסטן גאַנג...

מיין רעספּעקט פאַר די זקנים, פּאַרטיי־מיטגלידער און פירער, וואָס וואַגן אויף דער עלטער צו זאָגן „ביין" ווען די מערהייט זאָגט „יאָ"!

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

פירער און פאָלק

תלמידים! ווילט איר ווערן פירער און וועגווייזער און לערער ביים פאָלק און געפינען ביי אים חן? — גרייט זיך צו צו ווערן אַסקעטן!

דאָס פאָלק, אין אַלע צייטן, ביי אַלע פעלקער האָט אַליין געוואָלט עסן דריי מאָלצייטן אַ טאָג, (און פעטע מאָלצייטן דערצו) אָבער פאַר זיינע פירער האָט ער געפאָדערט אַ לאַנגן תענית...

אין אונדזערע יידישע פאַרשוווּנדענע שטעטלעך האָט „עמך" אָנגעקוואָלן פון זיין רב, וואָס האָט נישט געהאַט אויף חיונה און איז געזעסן געבויגן איבער ספרים יומם ולילה.

דאָס פאָלק טייטשט הונגער ווי אידעאַליזם. און עס זאָגט צום מנהיג, און אין דער מאָדערנער צייט צום שרייבער: הונגערט אונטער, גייט אָפּגעריסן און מיר אויף אַ פולן מאָגן וועלן אויפנעמען אייער תורה!

דאָס פאָלק האָט נישט ליב זאַטע מנהיגים, און וואָרט־זאָגער. וואָס שייך זיינע פירער און וועגווייזער קוקט דאָס פאָלק אַריין אין קיך און ציילט זיי צו די גרויפּן אין טאָפּ...

דאָס פאָלק איז געווען באַגייסטערט פאַר אַ גרוגרת דר' צדוק־דיעטע ווי פאַר אַ שווינדזוכטיקן דיכטער.

די מאַסע פאַרדעכטיקט פון אייביק־עולם זיינע פירער אין גנבה, אין פאַלש־קייט, אין פרעסעריי און לוקסוס. און ווי איז צום פירער וואָס פאַלט אַריין אין אומחן. מען וועט אויף אים טרעטן מיט טריומף, מען וועט נישט קאַרגן קיין זלזולים, חרומות און קללות און אַפילו שטיינער אין קאָפּ...

אַפילו די נביאים האָבן פאַרזוכט דעם צאָרן פון פאָלק.

קרבנות — דאָס איז וואָס דאָס פאָלק פאָדערט פון זיינע מנהיגים, און דאָס פאָלק האָט פון אייביק־עולם ליב קרבנות...

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

ווערטער־ביכער

די קליגסטע ווערטער — זאָגט פּאָמפּאַדור — זענען די ווערטער פון די ווערטער־ביכער.

ווערטער אין ווערטער־ביכער זענען אַלע ריין־כשר אַפילו די סאַמע טריפה־סטע. זיי זענען ווערטער איידער עמעצער האָט זיי געבונדן אין פּראָזן און פאַר־גוואַלדיקט אין געדאַנקען און זיי טריף געמאַכט.

און דווקא צוליב דעם וואָס זיי האַלטן זיך באַזונדער, ווערט יעדער וואָרט אַ וועלט פאַר זיך. און דערצו זעלבסטשטענדיק; ווערטער פריילעכע און אומעטיקע, קלוגע און נאַרישע. זיי מישן זיך נישט אויס, ווערן נישט קיין מאַסע, יעדער וואָרט באַזונדער — איז אַ וועלט וואָס האָט אַ צוקונפט.

ווערטער זענען אַריסטאָקראַטן פון אלף־בית.

ווען מען נעמט זיי צוזאַמען, ווערן זיי אַ דעבאַטירנדע מאַסע...

און אַמאָל, — זאָגט פּאָמפּאַדור — איז דאָ מער זין אין ווערטער באַזונדערע, ווי אין צוזאַמענגענומענע פון אַ נאַרישער האַנט...

פּאָמפּאַדור איז אַ ביכער־ליבהאָבער נאָך פון דער צייט ווען ער האָט גע־שריבן העברעיִשע שירים און געמיינט אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ העברעיִשער לערמאַנטאָוו — אָבער שטאַרק פאַרליבט איז ער גאָר אין ווערטער־ביכער...

אין זיינע פרייע מינוטן לייענט ער ווערטער־ביכער... בלעטערט, לערנט און האָט הנאה אַזוי פיל ווי פון אַ גוט ליד און אַ קאַלט גלאָז ווייַן...

ס'איז ביי אים אין דער מדרגה פון זופן, זופ נאָך זופ...

תלמידים מיינע, אַ וואָרט אַרויסגעזאָגט אין אַ שמועס איז הפקר, האָט די ווערט פון אַ שטרויעלע אין ווינט... ווער ציילט עס און וועגט עס ווערטער? סיידן שטאַמלער... אָבער יעדעס וואָרט אין אַ ווערטער־בוך האָט זיין אייגן לעבן. איך וואָלט געזאָגט אַ בחורים לעבן. אַליינינק, זעלבסטשטענדיק, פריי און נישט געבונדן...

אין דער צייט ווען די זעלבע בחורשע ווערטער באַהעפט מיט אַנדערע — פאַרלירן זייער זעלבסטשטענדיקייט און ווערן אָפט אין דער מדרגה פון פאַר־הייראַטע...

ווערטער אין ווערטער־בוך לעבן בשלום. זענען פריידלעכע בירגער פון אַ ריזיקער מדינה אַנשטאָט וואָס ווערטער אין מאמרים און ביכער ווערן קריגעריש, אָפט פאַרמעסטן זיך מיט קולאַקעס איינער קעגן צווייטן...

קורץ: זיי האָבן נישט קיין שלום־בית און זיי חלשן מען זאָל זיי צעשיידן.

בלויז געציילטע קינסטלער געלינגט צוצוקלייבן אין זייערע ווערק די ריכ־טיקע „באַשערטע".
תּלמידים, קויפט ווערטער־ביכער, אַפילו אין לשונות וואָס איר קענט נישט!
אויך אומבאַקאַנטע ווערטער זאָגן און בעטן זיך, באַקענט זיך מיט אונדז!
אַ גוואַלדיקע מיסיע ליגט אין ווערטער־ביכער — צו באַקערן מענטשן צו דער רעליגיע פון וואָרט.
אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

פּאָעזיע, פריילעכקייט און רעליגיע

פּאַמפּאַדור איז פאַרליבט אין פּאָעזיע און ער שרייבט אין דער שטיל לידער. לייענט אַ סך וועגן פּאָעזיע און פּאָעטן. און, אוי, וויפל פּוסטע רייד און בטלנישע מיינונגען, ער הערט זיך עס אָן דווקא פון די נייע חכמים... אָט מאַכט אַ נייער יידישער קריטיקער די באַהויפּטונג, אַז פּאָעזיע מוז זיין בלויז אַ פריילעכע, אַ מונטערע, אַז פּאָעזיע טאָר נישט וויינען און קלאָגן און אַריינפאַלן אין טרויער...
איז עס פּונקט דער היפּוך, זאָגט פּאַמפּאַדור, פּאָעזיע ווערט געשאַפן אין אומעט און ווערט געהאָדעוועט אין טרויער.
די מילך, וואָס אַ פּאָעט זויגט פון דער מוזע־ברוסט — איז פּעסימיזם.
די גרעסטע פּאָעטן פון דער וועלט ווי שעלי, בייראָן, פּושקין, לערמאָנטאָוו און היינע, האָבן געטרוימט און געוויינט און אונדזערע פּאָעטן האָבן זיך געטרונקען און טרינקען זיך ממש אין ימים פון טרערן...
אַ פריילעכער יונגערמאַן און אָפּטימיסט, נעמט זיך בכלל נישט צו פּאָעזיע.
עכטע לירישע פּאָעזיע וויינט סיי איבערן גורל פון דער וועלט, סיי אויף דעם אייגענעם גורל. אַפילו דאָס פּאַלק אַליין, ווי אַ „הורטאָוויק" לידער־פּאַרפאַסער, זינגט וויינענדיק. פּאָעטן ווי קליינע קינדער, מוזן וויינען, כדי די מאַמע זאָל זיי אויסוווישן די אייגן מיט אַ קרעכץ. און די געליבטע, די אויסגעחלומטע פּרינצעסין, זאָל טון דאָס זעלביקע מיט אַ זיידן טיכל... פּאָעטן ווי פּרויען, מוזן גיסן טרערן — ווייל נאָר מיט אָט דעם מיטל קריגן זיי עפּעס אַרויס ביי דער טרוקענער, פּראָזאַישער מענטשלעכער וועלט... אַפילו אונדזער בדחן, דער גראַמען־פלעכטער, האָט געמוזט זיין בדחנות טובלען אין ימים טרערן און באַדעקן אַ כּלה — האָט געמיינט נישט קיין פּורים, נאָר אַ יום הכּיפּורים...
פריילעכע פּאָעטן ווערן קופּלעטן־מאַכער, לידלעך־צושטעלער פאַרן טעאַטער — אָבער קיין אמתע פּאָעטן ווערן זיי נישט.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און נאָכדעם פאַרגעזעצט:

און אויך פאַלש און קאַסאָקע זענען די נײַע קריטיקער טעאָרעטיקער בײַ אונדז, וואָס ווילן מיט געוואַלד פאַרבינדן פּאָעזיע מיט רעליגיע און שלעפּן די צעטומלטע פּאָעטן אין שול אַרײַן.

אמתע פּאָעזיע איז אין איר תוך אַנטי־רעליגיעז און אין אייביקן קריג מיט גאָט און זײַן זעלבסט־הערשאַפט...

אויך וואָס ס'איז שייך רעליגיע, זענען פּאָעטן ווי קליינע קינדער; זיי מוזן שטעלן פראַגן, כסדר זיך אַרומטראָגן מיט אַ „פאַר וואָס" און אַ „צו וואָס" און אַ ווי און ווען?

אָבער רעליגיע דולדעט נישט קיין פראַגן־שטעלער, זי האַלט מער פון ליכט־שטעלער. אויף פראַגן מוז מען געבן אַן ענטפער און דער ענטפער איז נישטאָ און חוץ דעם אויך פאַרבאָטן...

פּאָעזיע גייט האַנט אין האַנט מיט בונטאַרישקייט און רעליגיע האָט פײַנט בונטאַרן. רעליגיע זאָגט צו אירע צאַן־קדשים: מאַכט צו די אויגן און גלייבט!...

פּאָעזיע שפּרינגט איבער צאַמען מיט גראַמען און אַן גראַמען, און רעליגיע וויל נאָר, אַז מען זאָל שפּרינגען קדוש...

תלמידים מײַנע, פּאָעטן ווי קינדער, זענען בטבע צעשטערער, זיי האָבן ליב ברעכן, קלעטערן איבער פּלויטן... און צעוואָרפן צאַמען... פּאָעזיע מעג אַפילו זײַן אָפּט פאַרשייט... אין פאַרשייטקייט ליגט יוגנטלעכקייט... שפּיל און געוואַגטקייט און מונטערקייט...

און רעליגיע איז ערנסט זויער ווי אַן אַלטע מויד און פּוסט ווי דער קלויסטער־גלאָק. פּאָעטן זוכן ליבע בײַ פרויען אַ סך אַגרעסיווער, ווי זיי זוכן גאָט — און אין דעם ליגט זייער צויבער אויף פרויען.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

צוריק צום טישקעסטל

פּאַמפּאַדור האָט אַ סך געשריבן: חכמה און נאַרישקייט צונויפגעבראַכט אויף ווײַס פּאַפּיר... ער האָט אויך אַ סך געדרוקט, זיכער צופיל... אָפּט פלעגט פּאַמפּאַדורן זיך אויסדאַכטן, אַז ער איז געבוירן געוואָרן נישט אין אַ בעט, נאָר אין אַ טינטער... און ער האָט גאַנץ אָפּט געטראַכט, אַז נאָך אַלע דרוקענישן און דעם אייביקן הונגער צו זען זיך געדרוקט — איז פאָרט נישטאָ קיין זיכערער פּלאַץ פאַר אַ שרײַבער, ווי זײַן טישקעסטל...

תלמידים, שרייבט, נאָר איילט זיך נישט צו זען זיך געדרוקט.

פּאָמפּאַדור איז אויף דער עלטער געקומען צום שלוס, אַז דאָס טישקעסטל איז אַ בעסערע היים פאַרן געשריבענעם וואָרט, ווי אַ ביבליאָטעק אַפילו... די מעלות פון שרייבן און לייגן אין טישקעסטל, איז נישט צום איבערציילן... דאָס טיש־קעסטל איז די בעסטע רעדאַקציע, וואָס נוצט נישט אויס איר דיקטאַטור: דאָס איז פּאַסיק און דאָס — נישט! עס איז פּטור פון קריטיקער, וואָס ריידן אַריין זייערע געדאַנקען. עס איז דער שטילסטער און פריינטלעכסטער לייענער און — דער עיקר: מ׳קען דאָס געשריבענע אַלעמאָל אַרויסנעמען, איבערלייענען פאַר זיך און פאַרריכטן, דאָ אַ שרייב־צו און דאָ — אַ מעק־אויס. מעקן איז די העכסטע דערגרייכונג אין דער וועלט פון טינט און פעדער... מעקן איז דער שאָסיי־וועג צו אומשטערבלעכקייט.

און דער עיקרדיקער עיקר: דאָס טיש־קעסטל טשעפּעט זיך נישט צו אייך. עס נעמט אויף שעפערישקייט אויף אַלע אופנים. עס איז אַ קליין קעסטל — אָבער מיט אַ ברייטער נשמה. עס גיט אייך אַ היים פאַר אייערע נאַרישקייטן, ווי פאַר אייערע חכמות. און נאָך אַ מעלה: עס פּויקט נישט אויס אייערע סודות פאַר דער וועלט... דאָס טישקעסטל אָנערקענט פּריוואַט אייגנטום, און דאָס שליסעלע צו אים האָט איר אַליין בלויז.

תלמידים, לאָזט זיך נישט אַריין אין די געשעפטן פון דרוקן ביכער! עס איז אַ הקדמה צו ערגערניש... איז אייך דען ווינציק אייערע אייגענע גרייזן, גיט נאָך דער בחור הזעצער צו זיינע. און פאַרקויפן אַ יידיש בוך, איז באַלד אַזוי שווער, ווי איינפירן פרידן אויף דער וועלט. און אויב איר זאָרגט פאַר אומשטערב־לעכקייט, פאַרזיכער איך אייך, אַז דאָס טישקעסטל איז די בעסטע גאַראַנטיע פאַר אומשטערבלעכקייט.

אַ ניגון פון ערגעץ־ווייט

און פּאָמפּאַדור האָט אויפגעוואַכט אין שפּיטאָל, נאָך אַן אָפּעראַציע, און האָט נישט געוווסט ווי אַזוי ס׳איז געקומען. נאָר מיט אַמאָל האָט ער געגומען זינגען: צוערשט דערשטיקט, טיף אין זיך, און נאָכדעם העכער, העכער, פון זיך... און מיט גרויס טעם, חשק און דבקות... און אין דעם מאָמענט איז אים געוואָרן אַזוי גוט: אַ זאָרגלאָזיקייט פון אַ נייעם מין האָט אויף אים אַראָפּגענידערט און אַ יום־טובדיקע פרייד האָט אים אַרומגעכאַפּט. ער האָט געהאַט דאָס זעלביקע געפיל

ווי אַמאָל אין די הדר־יאָרן, ווען ער איז ערב יום־טוב באַפרייט געוואָרן און געלאָפן זיך שפּילן.

און פּאָמפּאַדור האָט געזונגען ניגון נאָך ניגון און ער האָט געטראַכט: עס איז דאָך אַזוי זיס צו פאַרגיין אין אַ ניגון און שטאַרבן זינגענדיק...

און געזונגען האָט פּאָמפּאַדור אָן אַ סדר, ניגון נאָך ניגון, אַלץ וואָס אין זכרון האָט זיך אויפגעהיט: חזנות, פאָלקס־לידער, שמחת־תורה ניגונים צוזאַמען מיט פויערישע פעלד־מאָטיוון... און אַלץ מיט אייגענער באַטאָנונג...

און, ליבע תלמידים מיינע! פּאָמפּאַדור זאָגט אייך אָן, אַז ווען איר וועט אַמאָל ליגן אין אַ שפּיטאָל־בעט (פון אַ שפּיטאָל־בעט קען מען זיך נישט אַרויס־דרייען היינטיקע צייטן) פאַרגעסט אָן דער קראַנקנשוועסטער און — זינגט... קוקט זיך נישט אום אויף די יונגע און עלטערע דאָקטוירים, וואָס דעקן אייך אָפּ אַזוי אָן רעספּעקט און טאַפּן און קלאַפּן...

איר זינגט! ווייל יעדער ניגון היילט בעסער ווי דער בעסטער דאָקטאָר. גלעט מער ווי די שענסטע און יינגסטע קראַנקנשוועסטער... אַ ניגון היילט און גיסט אַריין ניי־לעבן. עס איז אַ זינגנדיקע בלוט־טראַנספוזיע! די בעסטע מעדיצין, אַ וויטאַמין ח״י...

און פּאָמפּאַדור איז געלעגן אין דעם געהויבענעם שפּיטאָל־בעט, און אין די לאַנגע נעכט געהערט דאָס קרעכצן פון די שכנישע צימערן, פאַרנומען דעם טופּן פון די פּיסלעך פון די אַרומלויפנדיקע שוועסטער... אַלץ געהערט און ווי נישט געהערט... פּאָמפּאַדור האָט געזונגען!... אימפּראָוויזירט, און זיך פאַרגאַנגען פון מתיקות פון די אַלטע שול־ניגונים, וועלכע ער האָט נישט געהערט שוין אָן ערך פון פערציק יאָר — וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעמישט מיט די נייע טעאַטער־קופּלעטן...

נאָכן זינגען פלעגט פּאָמפּאַדור בלייבן ליגן אַ באַרויִקטער און צו זיך געזאָגט: דאָס איינציקע וואָס בלייבט אַ מענטשן נאָך יאָרן פון האַוועז און אַרומיאָגעניש נאָך פרנסה־זוכעניש איז אַ — אַ שטילער, פאַרבענקטער ניגון, אַווידערקלאַנג פון די יונגע יאָרן... אַ ניגון, וואָס קומט פון ערגעץ ווייט און קלינגט אַזוי נאָענט.

צופּיל ביכער

תלמידים! כ׳וויס איר האָט ליב ביכער — האָט זיי ליב! נישטאָ קיין אידעאַ־לערע ליבע ווי ליבע צום בוך.

אָבער היט זיך, אַז אייער לעבן זאָל נישט צעדריקט ווערן צווישן די טאָוולען פון ביכער.

טרינקט זיך אָן מיט דער משקה פון ווערטער — אָבער פאַרשיכורט זיך נישט ביז צום פאַרגעסן, אַז בוך איז בוך — און לעבן איז לעבן!

זשאַווער עסט אויף אַ נשמה; שטויב פון ביכער איז נישט בעסער.

און איטלעך בוך האָט שטויב אין זיך — שטויב פון גאָלד און שטויב פון בלעך...

דאָס קליגסטע, תלמידים מיינע, איז צו בלעטערן גוטע ביכער און נאַשן פון זייער שיינקייט, באַוווּנדערן דעם דרוק און באַגייסטערט ווערן פאַר דעם איינבונד פון פיינטסטן לעדער... שמעקן דעם אַראָמאַט פון אַ ניי בוך, ערשט פון דרוק איז געזונט פאַר אַלע גלידער. אָבער היט זיך, תלמידים מיינע, צו שלאָפן מיט ביכער און שימלען אויף ביכער.

פּאָמפּאַדור זאָגט: מזנה זיין מיט ביכער, — יאָ, אָבער לעבן אַ פאַמיליען־לעבן — דאָס נישט.

די וועלט האָט היינט צופיל ביכער, אַלפּען־בערג מיט ביכער הויערן אויף דער וועלט.

גוטענבערג האָט דער וועלט פּאָפּולאַריזירט דאָס בוך — אָבער אויך באַנאַליזירט.

ווער שרייבט היינט נישט קיין ביכער? גענעראַלן, אַדמיראַלן, עקס־פּרעזידענטן, אויסגעשפּילטע אַקטיאָרן, ענגלישע קאַנאַל־איבערשווימער, פּאָליטיקער, קרענקס, פּרייז־פייטערס און דענטיסטן.

די בערג פון ביכער וואַקסן. באַרג קלעטערט אויף באַרג און פאַרשטעלט דעם הימל.

און פּאָמפּאַדור האָט דערפילט אַז די תלמידים ווילן ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן אויף אָט דער טעמע, און ער האָט ווייטער גערעדט:

און פּאָמפּאַדור איז פאַרליבט אין ביכער. פאַר אים איז אַ הויז אָן ביכער ווי אַ הויז אָן קינדער. פאַר אים איז אַ ליידיקער ביכער־שראַנק ווי אַן אויסגעליידיקט האַרץ. פאַר פּאָמפּאַדורן איז אַ הויז אָן ביכער ווי אַ הויז אָן פענצטער, און דאָך מיינט ער, אַז ביכער האָבן דער מענטשהייט, נאָכאַלעמען, נישט געגעבן די ברכה, וואָס זיי האָבן געקענט געבן...

גרויסע געדאַנקען — ליגן ערגעץ אין שטויב פון ביכער, און ווער קען זיי אויסלייזן?

געניאַליטעט שימלט ערגעץ אויף אַ פּאָליצע, — און פלאַכקייט ווערט אַ „בעסט־סעלער"...

פּאַמפּאַדור גלייבט אָבער נאָך אַלץ, אַז ער וועט אַמאָל־אַמאָל געפינען אין אַ פאַרוואָרפן ביכל דעם סוד פון לעבן. פּאַמפּאַדור שטעלט זיך דערפאַר אָפּט אָפּ אין גאַס ביי אַ טיש מיט ביכער. ער האָט ליב זיך גראָבן צווישן די „מציאות"... אפשר ליגט דאָרט ערגעץ די אמתע מציאה: און אַ קליין, דאַר, פאַרשטויבט ביכל, וואָס וועט אים געבן דעם שליסל צו דער רעטעניש: וואָס הייסט ספר המוות...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

שווער און גרינג

תלמידים! ווילט איר זיין אָנגענומען ביי ייִדן? חשוב ביי קאָמיטעט־אויפ־שטעלער און אסיפה־רופער? — ווערט אַ שווערער שרייבער. טוט אָן אייערע געדאַנקען אין שווערע מלבושים, קלאַפּט אויס מיט שווערע טריט אייער שעפע־רישן דלות... אין איר וועט קונה־שם זיין ביי אונדז ווי אַ דענקער, נייער שיטה־בויער און קריגן כבוד פאַר זיך און פאַרן ווייב....

מענטשן לייענען נישט קיין שווערע מאמרים, זאָגט איר? אמת... אָבער וועמען דאַרף עס אַרן? טאַקע אין דעם נישט־לייענען ליגט דאָס גליק פון דעם שרייבער. דער עיקר איז דער סך־הכל. און דער סך־הכל איז, אַז די נישט־געלייענטע שריי־בער זענען די וואָס זיצן אויבנאָן...

תלמידים! אויך דאָס איז אמת, אַז די וואָס שרייבן לייכט און מען פאַרשטייט זיי, לייענט מען מיט פאַרגעניגן, אָבער אויך דאָ איז דאָ אַ סך־הכל: אין סך־הכל האַלט מען פון די שווער־שרייבער, פון די וואָס הענגען אָן פודן בליי אויף זייער וואָרט... דרך־ארץ האָט מען פאַר די זאַצן־פאַרדרייער און געדאַנקען פאַרפלאָנ־טערער!

שרייבט אויך נישט קיין הומאָר פאַר ייִדן. פון הומאָריסטן האָט מען הנאה. יאָ. אָבער אַ ייִד איז אַ בעל תכלית און ער פרעגט: נו, איז וואָס לאָזט עס מיך צו הערן? אַ ייִד וויל אַז אַ וויץ זאָל אים לייזן אַלע פּראָבלעמען מלמטה און מלמעלה...

און חוץ דעם איז יעדער ייִד אַליין אין דער וויצן־בראַנזשע און האַלט יעדן הומאָריסט פאַר זיין קאָנקורענט...

— תלמידים! איר האָט זיך איינגעעקשנט און ווילט נאָר זיין אַ שרייבער? — טאָ ווערט אַ טראַגיקער!

וויינט — און דאָס פֿאָלק וועט מיט אייך מיטוויינען... זעט איר, אויף אַט דער קלאַג־סחורה זענען ביי אונדז דאָ די בעסטע קונים.

טראַגעדיע באַצאָלט זיך ביי יידן... איובס קרעכצן און קראַצן שערבעלדיק די וווּנדן זענען פֿאַראייביקט געוואָרן לדורות און געוואָרן אַ טיש־בוך פֿאַר אבלים... אַ הומאָריסטיש בוך איז נישטאָ אין תנ״ך, דעם „בעסט־סעלער״ פֿון אַלע צייטן, און די תנ״ך־צונויפֿשטעלער האָבן געוווּסט וואָס זיי טוען...

צווישן די נביאים זענען דאָ טראַגיקער, שטראָפֿער, שרעק־אָנוואַרפֿער און שעלטער מכל המדרגות — אָבער קיין איין קאָמעדיע־צושטעלער.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אַ פֿאָלק פֿון מוסר

לאָכט נישט פֿון אונדזערע מוסר־ספֿרים — אויך אונדזערע היינטיקע ביכער זענען אין גרונט מוסר־ספֿרים.

נאָר ס׳איז מוסר פֿאַרקליידט און פֿאַרפּוצט. וואָס איז ערנסטע פּובליציסטיק היינט ביי אונדז? — מוסר־זאָגעריי מיט נייער פֿונקטאַציע.

וואָס איז אונדזער פּאָעזיע (די וואָס האָט אַ ווירקונג ביי אונדז), אויב נישט אַ לירישער אויסגעשריי פֿון אַ מוסר־זאָגער? און וואָס איז אַ שונד־ראָמאַן ביי אונדז? — דער אָמשטאַרקסטן געלייענטער אין אונדזערע צייטונגען, — אויב נישט פֿאַרוואָסערטע מאָראַל?

אונדזער ליטעראַטור קען נישט געדייען אָן מוסעריי און מאָראַלעריי. זי קען זיך פֿון זיי נישט באַפֿרייען, פֿאַרוואָס? ווייל דער ייִדישער לייענער איז בטבע אַ גאָט־זוכער, אַ מאָראַליסט און דערפֿאַר זענען אונדזערע שרייבער, אין תוך, מגידים, מטיפֿים און מאָראַל־פּרעדיקער. און די געציילטע איינצלנע, וואָס ווילן זיך באַפֿרייען פֿון מוסר־יאָך און ווערן גויִיש־קינסטלעריש, ווערן ווינציק־וואָס אָנערקענט ביי אונדז ייִדן. ווייל דאָס פֿאָלק איז פֿאַרליבט אין מוסר און וויל מען זאָל אים שטראָפֿן, טאַדלען, כדי ער זאָל בעסער פֿאַרמאַקעווען זיינע עבֿרות...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אַ כמו חשבון הנפש

און ווען פּאַמפּאַדור איז אויף אַ קורצער צייט אַוועק פֿון אונדזער ייִדישער פּרעסע (אָדער די פּרעסע איז אַוועק פֿון אים) האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ גוואַלדיקע אַפּאַטיע צו שטיין אויף דער וואַך פֿון דער צעטרייסלטער צייט, און אַ מין פֿאַר־

לוסט פון אַפּעטיט האָט ער געקראָגן צו זיין גאָלדענער פּען. און ער האָט אַזוי גע־רעדט צו זיינע תלמידים: דערוואַרט נישט, תלמידים מיינע, צו הערן אַזוי גיך אַ וואָרט פון אייער פּאַמפּאַדורן! אייער פּאַמפּאַדור האָט אויסגעוואַשן אויף ריין זיין טינטער פון בלויען טינט און ער וועט אים שוין אַזוי שנעל נישט אָנפילן... פּאַמ־פּאַדור האָט אָוועקגעלייגט זיין גאָלדענע פאונטיין פּען, (אַ מתנה פון אים אַליין צו אים אַליין...) און פאַרשטעקט אין שופלאַד פון זיין שרייב־טיש און צו איר אַזוי געזאָגט: פעדער מיינע! דו האָסט מיר טריי געדינט באַלד אַ האַלב יאָרהונדערט, און ליב האָב איך דיך געהאַט, אַפילו ווען דו האָסט צייטנווייז געפלעקט, — דיר קומט שבת־רו און מנוחת הטינט! איצט קענסטו זיך ליגן רויִק פאַרוויגט אין דעראינערונגען און גרויסן זיך מיט דיין אַמאָליקער קעמפערישקייט, און זיין שטאָלץ אויף דיין אַמאָליקער קוואַליקייט...

דערביי פאַרגעס אויך נישט, גאָלדענע פען מיינע, אַז דו האָסט גענוג גע־זינדיקט, האָסט איילנדיק פאַרטאַכלעוועט אַ סך נשמה־רייכטימער און גאָר אַ סך נעפּיל־אוצרות צעשאָטן אויפן ווינט...

און פּאַמפּאַדור האָט זיך פאַרטראַכט און נאָכדעם ווייטער גערעדט: אָבער איצט איז אַ צייט פון ירידה ביי אונדז. און ירידה פירט צו חשבון־הנפש — און חשבון־הנפש פירט אָפט צו באַנקראָט — אָבער פּאַמפּאַדור וויל נישט אַריינפאַלן אין ירידה־שטימונג..

עס זענען דאָ איצט ביי אונדז גאַנצע מחנות, וואָס שלעפּן זייער ירידה אין שול... זיי ווילן זי פאַרדעקן מיט דעם פּרוכת פון ארון־קודש... זיי האָבן אַ סך אויסגעטראַכטע נעמען דערפאַר, ווי „אינטעגראַלע ייִדישקייט״, „צוריק צו די נביאים״, „המשך״ אאַ״וו.

אָבער אייער פּאַמפּאַדור איז נישט געקנאָטן, בעקערמעסיק גערעדט, פון אַזאַ פאַרוואָסערטן טייג פון תשובה... אייער פּאַמפּאַדור האָט נישט וואָס צו ברענגען אין שול חוץ זיין אַלטע מחלוקת מיטן באַשעפער, און מיט אַלע אויסלעבענישן פון אונדזער דור ברענט נאָך אין אים אַלץ דאָס פייער פון רעוואָלט...

פּאַמפּאַדור האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַרויִקט אַפילו ווען ער קריגט שוין טשעקס פון „סאָציאַלער פאַרזיכערונג״...

אַ בונטאַר איז ער געבליבן, אַפילו ווען דעם שערערס שער נעמט נישט מער ווי צוויי און אַ האַלב מינוט אַרבעט אַרום זיין קאָפּ... געוויס, פּאַמפּאַדור איז שוין אויך אַריין אין קלאַס פון די פליכעס, אָבער חוץ זיין פּריוואַטן פליך, זעט ער אויך דעם אַלמענטשלעכן פליך...

פּאַמפּאַדור שפּאַצירט אַרום אין פּאַרק אַרום האָדסאָן־טייך און אַרום

אים גלאַנצט אַ וועלט מיט פּליכעס און ער הערט זיך געגנוג אַן רייד פון פאַלשע־
ציין, ווען אַלטע און נייע חולאתן — אָבער פּאַמפּאַדורס נשמה געפינט זיך נאָך
אַלץ אויף זיינע אַמאָליקע באַריקאַדן... ער קעמפט נאָך אַלץ מיטן באַשעפער, און
איז נישט שוה בשוה מיטן סדר העולם... ער קען זיך נישט באַרויקן. און ער איז
אַזוי ווייט פון תשובה, ווי די וועלט איז ווייט פון פרידן.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

מ׳זעט דאַן איין

תלמידים! יעדער שרייבער דאַרף אויף אַ היפּשער צייט אַוועקלייגן אַן אַ
זייט זיין פּעדער, אָדער פאַרהענגען זיין שרייבמאַשין.

דאָס איז געזונט פאַר זיין גייסט און אַ רפואה צו חברשאַפט מיט קאַלעגן.

דאָס קאָן אַוועקשטעלן זיין באַציִונג צו זיי אויף אַ נייעם פעסטן פונדאַמענט.

אַ שרייבער זעט דאַן איין, אַז ס׳זענען פאַראַן נאָך אַזוינע חכמים ווי ער,
וואָס קאָנען די קונסט, אָדער קונץ, אָדער גאָר פּשוט, די מלאכה פון אויסשטעלן
שורות אַן פּראָדוצירן געדאַנקען און געפילן.

ער קוקט זיך דאַן אום, אַז ער איז נישט קיין בן־יחיד אין דער וועלט פון
טינט און פּעדער און אַז ער האָט נישט וואָס זיך צו גוידערן און בלאָזן...

אַז די טיר פון דער אומשטערבלעכקייט איז ברייט אָפן נישט בלויז פאַר
אים...

פּאַמפּאַדור איז זיך מודה, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געלייענט אַזוי
געשמאַק שאַפונגען פון קאָלעגן, ווי אין דער צייט, ווען ער אַליין האָט אויפגע־
הערט באַטייליקן זיך אין דער פּרעסע.

— מאָדנע, האָט ער גערעדט שטיל פאַר זיך אַליין — זיי קאָנען דאָך אויך...
און וואונדער איבער וואונדער! זיי האָבן אויך געדאַנקען און וויסן פון פּאָעזיע און
האָבן אַפילו סטיל ווי ער...

און דאָס וויכטיקסטע פון אַט־דעם נייעם בליק, איז וואָס ער האָט איינגעזען,
אַז דאָס פאָלק, דער מיליאָן און אַ פערטל לייענער און פאַרערער זיינע, קאָן
אויסקומען אָן אים...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

גלאַט קריטיק און גלעט קריטיק

א.

און פּאַמפּאַדור האָט פאַרצייכנט די דאַטע: 1950—1954. ווען ידישע שרייבער זענען אַלט געוואָרן 60 און איבער, זענען זיי געוואָרן גוט איינער צום צווייטן, ווייכהאַרציק און פּלייצע־קלאַפּעדיק. און זיי האָבן גענומען טיילן אָנערקענונג צו חברים מיט אַ ברייטער האַנט...

האָבן אונדזערע געציילטע, אַלטע ליטעראַטור־קריטיקער פון 70 און העכער זיך אָנגעשטעקט פון די שרייבער און זיי זענען אויך אַריינגעשפּרונגען מיט זייערע רעמאַטיזנע פיס אין אַ קאַראַהאָד — און ס׳איז אַוועק אַ טאַנץ מיט אַ צופּליעסקען מיט די הענט...

האָט אַ ליטעראַטור־קריטיקער פון די אָנגעזעענסטע מיטליאָריקע אַנומלט באַזונגען און באַטרילעכט פינף פּאָעטן — מיט איין קלאַפּ אין פּלייצע. גוט־ברודעריש זיי באַשאָטן מיט קאָמפּלימענטן, ווי מען באַשיט מיט „קאָנפּעטי״ חתן־כלה... קורץ: ער האָט באַפּעסטיקט זייערע פּאָעטישע „קאַריערעס״.

האָט אַ צווייטער קריטיקער — פון די עלטערע, גאָר נישט מעשה קאָנקורענט, געגעבן אַ וואַרעמע עליה אַ צווייטן קריטיקער און אַפילו ברייטהאַרציק אַגיטירט אַז מען זאָל צונויפזאַמלען און אַרויסגעבן יענעמס צעשאָטענע ליטעראַרישע און דראַמאַטישע קריטיקן און עסייען.

האָט אַ באַרימטער דיכטער אַנומלט געווידמעט אַ סאָנעט צו אַ באַרימטן קריטיקער און זיך פאַרנויגט פאַר אים מיט גרויס דאַנקבאַרקייט... איז עס אויבנאויפיק מענטשלעך און דזשענטלמעניש — אָבער פּאַמפּאַדורן איז עס נישט צום האַרצן; ער זעט אין דעם די זקנה, וואָס האָט אַריינגעהינקט אין אונדזער מחנה און זיך צעלייגט אין אַ שאָקל־שטול מיט אַ כראָנישן הוסט און רעדט פון פרידן און פרידן!

פּאַמפּאַדורן שמעקט דער שטראָם פון ליבע און ברודערשאַפט און אָנערקענונג — מיט „מעבור יבוק״...

פּאַמפּאַדור דערקלערט דאָ פאַר דעם האַלבן מיליאָן לייענער זיינע און פאַרערער — אַז אים געפעלן בעסער די אַמאָליקע מחלוקתן אויף אונדזער ליטעראַרישן יאַריד און די קנאות פון יענע פּאָעטן און דער גרימצאָרן און ציין־קרימעניש אויף די קריטיקער...

פּאָמפּאַדור

אָ, די קנאת־פּאָעטן פון אברהם משה דילאָנס צייטן, ווו נעמט מען? זי פּעלט פּאָמפּאַדורן, ווען ער קוקט זיך צו ווי די מידע זקנים גלעטן איינער דעם צווייטן, ווי מען הייבט עס אין די הימלען איינער דעם אַנדערן, הייבט ער אָן שטאַרק בענקען נאָך יענער פאַרשווונדענער עפּאָכע.

ב.

קוקט זיך נאָר צו וואָס עס טוט זיך ביי אונדז! האָבן יינגערע קאָלעגן זיך מיישב געווען וויבאַלד קריטיק האָט שוין נישט קיין רוקנביין — איז פאַרוואָס זאָלן מיר זיך אויך נישט נעמען צו אָט־דער מענטשן־ליבנדיקער פּראָפעסיע?! און זיי האָבן זיך גענומען חבריש לויבן איינער דעם צווייטן, גענומען צושטעלן עסייען און רעצענזיעס איינער וועגן אַנדערן, מיט דעם לאָזונג: לויב מיך — וועל איך דיך לויבן! און עס האָבן זיך אַ „פּרו ורבו" געטאָן קריטיקער אויף דער יידישער גאַס און פון שאַרפער קריטיק, איז געוואָרן גלאַט קריטיק און גלעט־קריטיק...

האָט זיך אַ יונגן קריטיקער, דווקא מיט טאַלאַנט און ערודיציע, פאַרוואָלט ווערן אַ בייער רש"י, האָט ער אין פּעטיט געמאַכט פּייקע־פּירושים אויף ליטעראַטור־עופּהלעך וועלכע האָבן זיך ערשט אויסגעפּיקט פון איי — און ער האָט זיי פאַרגליכן מיט די גדולי הקונסט פון דער וועלט, מיט די גאונים פון פּען: שעקספּיר, טאָלסטאָי, דאַנטע, בייראָן און היינע און אַפילו שפּינאָזאַ... און ס'איז אַ גליק וואָס אָט־דער יונגער קריטיקער האָט זיך באַצייטנס געכאַפּט אַז ער ברענגט אומגליק, און ער האָט אויפגעגעבן זיין „פּיטשור"...

ג.

צייטנווייז הייבט זיך אָן פּאָמפּאַדורן דאַכטן, אַז אונדזער יאַריד האָט זיך איינגאַנצן אָפּגעשטעלט... די הענדלער און מעקלער מיט די שטעקעלעך זענען זיך צעלאָפן און די סחורה איז געבליבן ליגן אין מיטן גאַס אָן אַ קונה — הפקר!

אָן דער מלחמה צווישן אַלט און יונג. קריטיקער און קריטיקירטע — איז נישטאָ קיין לעבן ביי אונדז... און דאָס מיינט — נאָך אַלעמען... צו פּאָמפּאַדורס געהער דערטראָגט זיך אַפילו אַן „אל מלא רחמים" וואָס חזנט זיך ערגעץ גאָר נאָענט...

און פּאָמפּאַדור האָט זיך קהלתדיק אָנגעכמורעט און ווייטער גערעדט:
איר ווייסט ווי אונדזערע יידישע שרייבער קוקן איצט אויס? ווי „קאָלעק־

טאַרס״ פאַר דער פירמע אומשטערבלעכקייט... די הויפּט־אויפגאַבע און זאָרג זייערע איז צו זאַמלען כבוד פאַר זיך, צו קליבן גוטע רעצענזיעס און מיינונגען פון קאָלעגן און אָטמעטקעס פון קריטיקער און פאַרשטייט זיך, זיך נישט איינ־רייסן מיט קיינעם: אָנערקענען אַ קאָלעגע כדי דער קאָלעגע זאָל דיך אָנערקענען — דאָס איז די מאָטאָ אויף אונדזער גאַס. עס איז די נעילה־שעה אין אונדזער ליטעראַרישן האַלב־חרובן „בית הכנסת״... און דאָס פּראַקטישסטע איז צו „פאַר־פּאַסטן״ מיט לייכטע פּאַטראָוועס, גרינג פאַרן מאָגן...

יאָ... זאָגט פּאַמפּאַדור, אונדזער דור איז צו גיך אַלט געוואָרן און האָט מורא פאַר פאַרהאַרטעוועטע אַדערן — און וויל נישט קעמפן מער... די הויפּט־זאַך איז רו און מנוחה... און אַ שטיקל גאַראַנטיע אויף אַן אַריינטריט אין גן־עדן פון אומ־שטערבלעכקייט...

תלמידים, שרייבט נישט צו אונדזער גלעט־קריטיק און פּלייצע־קלאַפּעניש קרי־טיק, צו יובילײ־שטאָף! נײַן! ביי אונדז איז עס געוואָרן אַן אַלטעגלעכע דערשיינונג. עס איז נישט איין מאָל אין אַ יובל... חניפה מיט אַן אויסקוק אויף צוריקקריגן... עס איז אין תוך, גייסט־ירידה און באַנקראָט...

תלמידים! פּאַמפּאַדורן ווערט אַלץ ענגער און ענגער צו אָטעמען מיט די שארית פּליטי־הפּען ביי אונדז...

אָפּט קוקט אַן פּאַמפּאַדור זיינע חבריב און קאָלעגן און ער זעט זיי שוין אַל־טינקע, גרויענקע, זיצנדיק אויף אַ באַנק אין אַ זייטיקן פּאַרקל, קייענדיק דעראַי־נערונגען. זכרונות שרייבן דאָך ביי אונדז אַפילו יצחק באַשעוויס און גרשון סוועט שוין אויך. און פּאַמפּאַדור איז זיך מודה, אים שרעקט דאָס וואָרט דעראַינערונגען, דאָס מיינט פאַר אים שלוס, פיניטאַ, חסל...

ד.

און פּאַמפּאַדור האָט פאַרענדיקט:

תלמידים! דערהויפּט שרעקט פּאַמפּאַדורן דער שלום אויף דער יידישער גאַס. דער פרידן צווישן שרייבער און שרייבער, שרייבער און קריטיקער... קרי־טיקער און שרייבער...

ציטנווייז וויל אויך פּאַמפּאַדור שלום און רו — נאָר פון אַלטער געוווינהייט פאַרגעסט ער זיך און מיינט אַז ער איז נאָך איסט־בראָדווייער אין קריג מיט זיין דור... און ער הייבט אָן פאָכען מיט דער שווערד ווי אַ ריטער פון פאַרצייטן — ביז, אוי — ער קריגט אַ שטאָך אין דער זייט!...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

פון פאמפאדורס נאַטיץ בוך

גערשאַטעוועטע שורות

1.

אַ מענטש זעט נישט דאָס וואָס ער זעט, נאָר דאָס וואָס ער וויל זען.

וואַרט איינער אויף זיין געליבטער אין אַ ראָג גאַס און קוקט זיך אויס די אויגן — זעט ער אין יעדער פרוי וואָס באַווייזט זיך פון וויטן — זי, זיין געליבטע... אָט קומט זי!... אָט וועט זי באַלד זיין דאָ!

וויל אַ מענטש זייער שטאַרק זען אַ גאָט — דערזעט ער אים אויף יעדן טראָט...

וויל אַ מענטש זייער זען שיינקייט — דערבליקט ער זי און געפינט זי אויף יעדן פלאַץ: אין אַ חורבה אַפילו...

דאָס אויג — שאַפט די אילוזיע פון גליק — און די פיס פירן אַהין...

אַ מענטש קאָן דערזען גליק אַפילו אין אומגליק, און ליב קריגן דאָס שערבל מיט וועלכן ער קראַצט זיך זיינע וווּנדן...

דאָס אויג איז דער גרויסער פאַרטייטשער און אַריינטייטשער. דאָס מענטש־לעכע אויג איז שטענדיק הונגעריק און אַלע מאכלים אין דער וועלט קענען עס גאָר נישט זעטיקן...

בלינדערהייט אַפילו, מיט דער הילף פון אַ בלינדן שטעקן, טאַפט עס אָן בערג און טאָלן, שטיינער און טרעפּ...

דאָס אויג איז וואַך, שטענדיק, אַפילו ווען עס שלאָפט... וואָס זענען חלומות? נאַכט־זעאונגען פון די אויגן... און וואָס איז נבואה? חזיונות מיט פאַרמאַכטע אויגן. און וואָס איז דביקות? עקסטאַז מיט פאַרדריקטע אויגן.

דאָס אויג אַפילו ווען עס זינדיקט — איז עס אַ סך ריינער און צדקותדיקער פון מויל און אויער.

דאָס אויג רעדט ניט קיין לשון־הרע און נעמט ניט אויף קיין רכילות... דאָס אויג איז אויך קינסטלערישער פון אַלע אברים. דורכן אויג פון אַ קינסטלער גייען דורך מענטשן און וועלטן און דערגרייכן דאָס האַרץ...

2.

לעבן פּאַמפּאַדורן, אַרום אַ באַנק אין פּאַרק האָט זיך געשפּילט אַ קליין מיידעלע.

זי האָט געהאַלטן אַ שטעקעלע פון אַ צווייגל אויף די הענט, געוויגט און צוגעזונגען:

שלאָף מיין ברודערל!
מאַך די אויגעלעך צו,
שלאָף מיין שיינינקער
אַי־ליו־ליו־ליו־ליו!...

פרעגט איר פּאַמפּאַדור:

— שיין קינד! ווו איז דיין ברודערל?

— אָט איז ער! — ווייזט זי מיר אָן אויפן שטעקעלע.

— פאַרוואָס איז ער אַזוי דאַר? — פרעגט איר פּאַמפּאַדור.

— ווייל ער איז אַ שלעכט קינד —זאָגט זי— און וויל נישט עסן!...

— איז לייגסטו אים שלאָפן אַ הונגעריקן?

— יאָ... דאָס באַשטראָף איך אים אַזוי... זאָל ער נישט זיין קיין שלעכטער...

און פּאַמפּאַדור האָט זיך געזאָגט:

— ווי שיין עס איז צו זיין אַ קינד! אַ שטעקעלע ווערט ברודערל אין שפּיל...

3.

אויב געבוירן ווערן איז אַ ברכה — איז נישטאָ קיין געבענטשטערע זאַך ווי צו געבוירן ווערן אַ פרוי.

ווי אַ קליין מיידעלע — פלעכט איר איין די מאַמע אַ לענטע אין צעפּעלע און פאַרטיק — זי הייבט שוין אָן איר כישוף־אַרבעט.

וואַקסט זי אונטער — הייבט זי אָן גלייך צו גיין אויף יאַגד און שיסן מאַנס־בילן. און זי טרעפט אין ציל, ווייל די נאַטור האָט איר באַזאָרגט מיט אויגן וואָס צויבערן. אַ שמייכל, וואָס פאַרדרייט דעם קאָפּ, און אַ טאַליע וואָס רעדט פאַר זיך אַליין.

ווי אַ געליבטע, ווערט זי פאַרגעטערט, ווי אַ כלה ווערט זי געטראָגן אויף די הענט, ווי אַ ווייבל — באַקושט און געהאַלדזט.

ווי אַ יונגע מוטער — פאַרהייליקט פון אַלעמען.

די ברוסט פון אַ פרוי איז די צוציונגס־קראַפט פאַר קליין און גרויס, ווי אַ ליבע־נעסט און שפּייז־קראַם צוזאַמען.

און ווערט זי אַ באָבע — דרייען זיך אַרום איר די אייניקלעך, גיבן איר אָפּ כבוד.

און פאַרקערט, נישטאָ קיין ערגערס — תלמידים מיינע, — ווי צו געבוירן ווערן אַ מאַן — אַ מאַן איז דער טייטש: אייביקע מורא...

אויב ער איז אַ בחור — שרעקט ער זיך פאַר נעמען אויף זיך אַ יאָך פון ווייב און פּרנסה. ווערט ער אַ טאַטע — ווערט דער יאָך יאָכיקער, און ער ציטערט, ער זאָל אונטער אים נישט פאַלן. ווערט ער אַלט, שרעקט ער זיך, אַז זיין ווייב זאָל אים נישט איבערלאָזן... (זי איז תמיד יינגער פון אים).

בלייבט דעם מאַנסביל איבער אויף דער עלטער — די ליולקע און ער פּיפּקעט און רינגלט זיך איין אין רויך פון פאַרגאַנגענהייט...

4.

אַנדערע האָבן ליב פּערל, איך — פּערלדיקע אותיותלעך. גרויסע בוכשטאַבן זענען בעלי־גאוה אין פּאַמפּאַדורס אויגן: זיי שרייען וועגן זיך, בלאָזן זיך: מיר! מיר!

קליינע ווערטעלעך זענען באַשיידן, זוכן נישט קיין רעקלאַמע, זענען שפּילעוודיק, ווי קליינע קעצעלעך...

גרויסע בוכשטאַבן גוואַלדעווען: איר מוזט אונדז לייענען! זיי זענען די לייטאַרטיקלען, די אַנאָנסן־ברענגער, וואָס זאָגן אָפט אַזוי ווייניק, כאָטש זיי זאָגן צו אַ סך...

קליינע בוכשטאַבן זענען פּעליטאַנען, וואָס זענען אָפט אַזוי גייסטרייך.

באַמערקונגען ווערן געדרוקט אין פּעטיט און גאַנץ אָפט שטעקט אין זיי מער חכמה ווי אין אַ בוך געדרוקט אינגאַנצן אין פּייקע...

ווי אַ חדר־יינגל האָט פּאַמפּאַדור ליב געהאַט רש״י. ער האָט פאַר אים אין קליין־שריפט, אַזוי קונציק געעפנט די טיר צו די גרויס־אותיותדיקע ספרים.

5.

יעדער מענטש מאַכט זיין סך־הכל אין דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן. יעדער אויף זיין אופן.

איינער — אָן ווערטער; אַ צווייטער — מיט אַ קרעכץ; אַ דריטער — מיט אַ

תפילה; אַ פערטער — מיט אַ מאַך מיט דער האַנט; אַ פינפטער — מיט אַ קללה; אַ זעקסטער — מיט אַ צוגעגרייט גרויס וואָרט...

פּאָמפּאַדורן געפּעלן בלויז צוויי פון די: די וואָס שיקן אַ קללה און יענע וואָס מאַכן זייער סך־הכל אויף שטום־לשון...

די גרעסטע צאָל סך־הכל־מאַכער זענען די וואָס גייען אַוועק אָן ווערטער. זיי זענען די פרומע מאַסע וואָס גיט זיך אונטער אָן אַ פּראָטעסט. די שעלטער זענען די קליינע צאָל, וואָס רעוואָלטירן ביים טויט ווי ביים לעבן.

נאָר דער אינהאַלטסרייכסטער געזעגענען זיך מיט דער וועלט ליגט אין — קרומען שמייכל...

אַ, דער קרים מיט די ליפּן איז דער אונטערגעפירטער חשבון וואָס נעמט אַרום די וועלט זינט בראשית. און ער ווערט פאַרלאָרן אין אייביקן כאַאָס!

אַזאַ שמייכל האָט אין זיך אַלץ: דעם פּראָטעסט אָן רייד, די חכמה פון „הכל הבל" און דעם אונטערדריקטן קרעכץ, וואָס דערגרייכט שוין קיינעם נישט...

און אַן אונטערשטע שורה איז אויך — דאָס איבערדרייען זיך מיטן פּנים צום וואַנט. דאָס איז אויך די רעזומע פון אַ לעבן וואָס האָט קיין כוח מער צו דורכשטופּן זיך... אַ לעבן — אַ כינעזישע וואַנט...

6.

לויפט נישט נאָך אַ געדאַנק, וואַרט ביז ער אַליין וועט קומען.

נאָכלויפן —מיינט גאַנץ אָפט נישט כאַפּן.

ווייל געדאַנקען האָבן זייער אייגענעם גאַנג. זיי זענען קאַפּריזנע ווי געוויסע פרויען וואָס ווען איר לויפט זיי נאָך אַנטלויפן זיי...

ווען אַ געדאַנק קריגט חשק צו פאַראייביקט ווערן און ער שטעלט זיך אָפּ אין לויף — דאַן נעמט אים אויף ווי אַ גוטן גאַסט, וואַרעמט אים אָן (אויב אים איז קאַלט), קליידט אים אָן — אויב ער איז נאַקעט.

און געפיל ווי געדאַנק ‏:פייניקט נישט אַ געפיל, צווינגט אים נישט אַרויסצו־קומען ווען ער וויל נישט... לאָזט אים צורו. וואַרעמט אים לאַנג. האָט געדולד מיט געפילן ווי מיט קינדער...

אַ געפיל — מוז אויסגעטראָגן ווערן אין פולן — כדי געזונט געבוירן צו ווערן...

אַ צעזאַר־שניט פאַר אַ געפיל — איז אַ סכנה. אַ געפיל וואָס ווערט אַרויס־גערופן אין לעבן מיט גוואַלד איז אַ מיסגעבורט, אַ מפּיל...

7.

פּאַמפּאַדור איז אַזוי צוזאַמענגעוואַקסן מיט זיינע ספקות, אַז ווען מען רויבט זיי ביי אים אַוועק, איז וואָס וואָלט אים געבליבן?

ספקות זענען פאַר פּאַמפּאַדורן — שוואָנען אויף שפּיגלדיקע וואַסערן, וועלכע טוקן זיך איבערן קאָפּ שפּילנדיק זיך, ווערן פאַרשווונדן — און קומען באַלד צוריק...

ספקות זענען פאַר פּאַמפּאַדורן — פייערלעך געצונדן מיט פייכטע שוועבע־לעך — אַ בליאַסק, און נישטאָ. אָבער דער בליאַסק אַליין איז אויך אַ שליח פון ליכט...

מענטשן אָן ספקות, — איר מיינט איר זענט די גליקלעכע? פּאַמפּאַדור איז אייך מוחל אַזאַ גליק... ווען אַן אייזל גייט אין שפּאַן און מיינט אַז זיין טראָט איז זיכער — איז ווערט ער דערמיט וויניקער אייזל?

פּאַמפּאַדור גלייבט, אַז מענטשן אָן ספקות האָט אַפילו דער באַשעפער ניט ליב. ווייל אַפילו ער האָט נאָך זיין גרויסן באַשאַף פון הימל, ערד מענטש און חיה — אַ צווייפל געטאָן: — איז ווערט געווען די אַרבעט?

און חוץ דעם — ווייסט, אַז אויב אַ מענטש קומט אָפּט פון גלויבן צו צווייפל, קומט ער אָבער צוריק צייטנווייז פון צווייפל צום גלויבן...

דווקא אין דער נשמה פון אַ גרויסן סקעפּטיקער ליגט פאַרטאַיעט אַ גלויבּיקער...

האָבן ספקות מיינט — זוכן דעם סוד פון דער יצירה, מיינט, זיך פאַרטיפן אין דער אייגענער נשמה, מיינט, זיך פייניקן מיט פראַגן און אָפּט באַטייט עס — נישט זיין אַ „יאָ זאָגער" פון געבורט...

8.

עס זענען דאָ קינדער וואָס ווילן נישט געבוירן ווערן — זיי זענען די חכמים פון די נישט־געבוירענע וועלטן.

עס זענען דאָ קינדער וואָס זייער געבוירערין וויל זיי נישט געבוירן... און זיי טוען אויף צו־להכעיס, און ווערן דאָך געבוירן אויף דער וועלט (דאָס זענען צו־קונפטיקע בונטאַרן).

ווידער זענען דאָ קינדער וואָס זיי קומען פאַר דער צייט, ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן, אַז עמעצער זאָל ביי זיי נישט אויסכאַפּן די גליקן... (די קענען שפּעטער ווערן וואָלסטריט־ספּעקולאַנטן).

עס זענען אויך דאָ קינדער, „מפילס״, נישט־דערטראָגענע, וואָס ווייסן נישט זייער גורל (זיי זענען סתם די גליקלעכע) און עס זענען דאָ קינדער גוט־אויסגע־טראָגענע, וועלכע קומען אין צייט, פּינקטלעך, (זיי וועלןליידן פון די אומפּינקט־לעכקייט פון זייערע פרויען).

9.

יעדער מענטש — זאָגט פּאַמפּאַדור, האָט חוץ אַ פּנים, אויך אַ מאַסקע אויפן פּנים. געוויסע מענטשן האָבן נישט קיין פּנימער — נאָר בלויז מאַסקעס. און פאַראַן אַזעלכע צוויי פּיסיקע וועלכע באַזיצן דאָפּלטע מאַסקעס. עס איז אַ מאַסקע אויף אַ מאַסקע... (און דאָס איז חוץ דער גאַז־מאַסקע אין קריגס־צייט...).

און די מאַסקע אויפן פּנים איז נישט קיין היינטיקע דערשיינונג... די מאַסקע אויפן פּנים איז אַן אַלטע אינסטיטוציע — אין דעם גרויסן מאַסקאַראַד־שפּיל וואָס מען רופט: וועלט.

און אין אָט דעם מאַסקאַראַד צייכענען זיך אויס פּאָליטיקער פאַרשטעלט ווי לעמעלעך מיט מאַסקירטע סודותדיקע שמייכלען — און אין האַרצן וועלפישע רציחה... און נאָך די פּאָליטיקער קומען פרויען, די אייביקע ביטערע סעקס־פּאָ־ליטיקער זינט מוטער חוה. זיי שפּילן אין אָט־דעם מאַסקאַראַד די ראָל פון מלאכים אין קליידלעך. און זיי פאַרשפּינוועבן די אָרעמע מאַנסבילן.

10.

אַ קליין קינד לערנט זיך גיין, שטעלט שוואַכע טריט, שרעקט זיך, וואַקלט זיך.

און דאָך איז עס שטאַרקער אויף די פיס פון אַ דערוואַקסענעם.

דאָס קליינע קינד האָט שומרים, אויגן וואָס באַוואַכן אים: אויגן פון אַ טאַטן און אַ מאַמען. זיי היטן זיינע טריט און שטייען ביי זיין זייט.

און ווערט עס געשטרויכלט און עס פאַלט, הייבן זיי אים אויף, ווישן זיינס אַ טרער מיט אַ קוש און דאָס קליינס לאַכט און פּרוווט גיין ווייטער.

אַ דערוואַקסענער אָבער, גייט אַליין, פעסט, מוטיק, דאַכט זיך, מיט פעסטע טריט פון גוט־באַשוכטע זוילן. אָבער אין אמתן איז ער אַ סך שוואַכער און הילפ־לאָזער ווי דאָס קליינע קינד.

ער איז נישט באַשיצט.

ווו זענען זיינע טאַטע־מאַמע? ווער האַלט אַן אויג אויף אים?

און ווערט אַ דערוואַקסענער געשטרויכלט און פאַלט, איז ער — הילפלאָז... הפקר פאַר ערד און הימל.

.11

נאָך טעאַטער־שפּיל איז מיר ליב דאָס שפּיל פון קינדער.

זיי טומלען און פּילדערן אַלע צוזאַמען — איך פאַרשטיי אָבער זייער לשון. זייער לשון הייסט — שפּיל... און זיין אינהאַלט — אומשולד... זייער טומל איז מיר ליבער ווי דער טומל פון אַ מאַסע דערוואַקסענע אויף אַן אסיפה...

דער טומל פון אַ דערוואַקסענער מאַסע מיינט, אָדער אומגליק, אָדער רעוואָ־לוציע, אָדער לינטש־גייסט...

יאָ, קינדער קריגן זיך פאַר קלייניקייטן, פאַר צאַצקעס, אָבער זיי קען מען איינשטילן מיט נאָך אַ צאַצקע. אָבער דערוואַקסענע רייסן זיך פאַר כלומרשט גרויסע זאַכן — און באַרויִקן זיי קען נאָר אַ האַלדז־שניידעריי.

קינדער גראָבן זיך אין ערד — בלויז צוליב שפּיל. אָבער ווען גרויסע גראָבן זיך — זוכן זיי גאָלד און אויל און דאָס שמעקט מיט בלוט...

.12

פּאַמפּאַדור איז מקנא קינדער, וועלכע גייען אין חדר מיט ביכער אונטערן אָרעם. נישט ווייל עס איז אַזוי גוט צו גיין אין חדר. ווער וויל עס דען גיין אין חדר? — נאָר פאַר זייער גלויבן, אַז די ביכער וועלן זיי פאַרענטפערן אַלע קשיות וואָס דאָס לעבן שטעלט...

אויך פּאַמפּאַדור האָט אַ לעבן־לאַנג געזוכט אין ביכער דעם סוד פון לעבן — און נישט געפונען...

פּאַמפּאַדור דרייט זיך אַרום זיינע שאַפעס מיט ביכער, נעמט אַרויס אָט אַ קלוג בוך, אָט אַ מאָראַליש בוך — און שטעלט זיי צוריק אַריין אויף זייערע ערטער...

נישטאָ קיין ענטפער! ביי די פילאָסאָפן? — ניין! ביי די בעלעטריסטן — אַוודאי נישט! ביי די פּאָעטן — עפּעס, אָבער נישט גענוג...

און פּאַמפּאַדור קומט אָפּט צום שלוס, אַז די בעסטע ביכער זענען — דע־טעקטיוו־מעשיות... דאָס וואָס זיי זוכן, געפינען זיי שטענדיק...

.13

אַלץ וואַרט — זאָגט פּאַמפּאַדור.

דער פרימאָרגן וואַרט, די נאַכט זאָל פאַרשווינדן און ער זאָל איבערנעמען איר הערשאַפט.

די נאַכט וואַרט — די זון זאָל אַרונטער און זי זאָל ווערן די קעניגן איבער שאָטנס.

שאָטנס וואַרטן — די ליכט־שטראַלן זאָלן זיך צעפּויזן אין זייערע באַהעל־טענישן און זיי זאָלן פאַרנעמען זייערע פּלעצער...

שטערן וואַרטן — דער ווינט זאָל די וואָלקנס אַוועקטראָגן.

מענטש וואַרט — יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדע רגע, — אַז עפּעס זאָל געשען אין זיין לעבן צווישן טאָג און נאַכט, שטראַלן־גליק און שאָטן־שפּיל, שטערן־פינקל און וואָלקן־געיעג...

.14

ביי אַ בלינדן — זעט דער שטעקן
ביי אַ טויבן — הערן די אויגן און —
ביי אַ שטומען — רעדן די פינגער.

**
*

עס איז דאָ אַ פולער טאָג אַרבעט און אַ פוילער טאָג אַרבעט.

**
*

מיר זענען אַלע פאַרמשפּט צו שטאַרבן
ווער פריער און ווער שפּעטער,
אויפן אייביקן בוים פון לעבן
מיר זענען די געלע בלעטער...

**
*

דער נייער מין גלח פֿאַר וועמען מען איז זיך מתודה — איז דער פּסיכאָ־אַנאַליטיקער און פּסיכיאַטער.

**
*

אַ שרייבער אָן אַ זכרון דאַרף גאָר נישט ווערן געבוירן.

**
*

דער הונט גייט אונדז נאָך סיי ווי סיי ווי אַ טרייער שומר. לאָזט אים גיין הינטער אייך, קוקט זיך נישט אום, עלעהיי עס איז איינער וואָס איר קומט אַ היפּשן חוב.

**
*

דער ווינט איז דער אומטאַקטישסטער נאַטור־כוח. ער בלאָזט הפקרדיק און פּייפֿט אויף אַלעמען.

15.

אַ קליין קינד פֿאַררייסט זיין קעפּל צום הימל, וווּנדערט זיך און ווייסט נישט וואָס דאָס איז.

און מיר, די דערוואַקסענע אַלץ־ווייסער מיינען, אַז מיר ווייסן. אָבער ווייסן מיר דען מער?

אַ קליין קינד ליגט אין וויגעלע און הייבט די הענטעלעך צו דער לבנה. ער וויל זי דערלאַנגען.

און מיר, די דערוואַקסענע ווילן עס דען נישט?

אַ קליין קינד בייסט אַ פֿיסל און פּלאַפּלט עפּעס אַרויפֿקוקנדיק צום הימל.

און מיר, דערוואַקסענע פּלאַפּלען אויך — נאָר מיר רופֿן עס תּפֿילה...

16.

טראָפּנס רעגן פֿינקלען אויף די שויבן פֿון פֿענצטער.

זענען עס וואַסער־טראָפּנס, אָדער טרערן?

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

טראָפּנס וואַסער, ווי טרערן מאַכן ווייך די ערד ווי דאָס האַרץ.

וואַסער־טראָפּנס ווי טרערן פון אַ יתומה פינקלען ווי דימענטן...

וויינט עס דער הימל? אפשר גאָר מלאכים? אויף זייער גורל וויינען זיי וואָס זיי זענען פאַרמשפט אייביק צו הימלען אין הימל־געפענקעניש?

זיי רייסן זיך צו דער ערד...

ווילן אַרונטערקומען — נאָר זיי איז פאַרבאָטן.

און די טראָפּנס רעגן וואָס פאַלן אויף די שויבן פון מיינע פענצטער זענען די עדות פון זייער טרויער?

אין קריג מיט פילאסאפיע

דער אייביקער עמער

און די תלמידים האָבן אַרומגערינגלט פּאַמפּאַדורן און געוואָלט הערן פון אים ווי אַזוי ער פילט אויס זיין לײדיק געוואָרענע צייט. צי ער לאַנגווײליקט זיך נישט? און פּאַמפּאַדור האָט אַ שמייכל געטון און געענטפערט:

תלמידים מיינע! לאַנגווײליקן זיך, איז נישט אין דער טבע פון פּאַמפּאַדור... פּאַמפּאַדור באַטראַכט די צייט ווי אַן אייביקן ריזיקן עמער, וואָס אַ מיסטישע האַנט פילט אָן כסדר, טאָג איין, טאָג אויס, שעה איין שעה אויס... דער עמער האָט אַ געהיימען לאָך ערגעץ ווו און דאָס וואָס רינט אויס, לאַנגזאַם־לאַנגווײליק און ס׳איז גוט אַזוי: זאָל רינען! עס דאַרף רינען!... ווייל אין זכות פון רינען, ווערט דער עמער אָנגעפילט...

תלמידים! קוקט זיך נישט אום, מאַכט זיך נישט הערנדיק דעם טריפּ־טראָפּ... לאַנגווײליק, מאָנאָטאָן? — יאָ... אָבער אין דעם מאָנאָטאָן ליגט די מוזיק פון אַ וויג־ליד... עס פאַרוויגט און שלעפערט איין...

און פּאַמפּאַדור האָט אַ ווײלע באַטראַכט די תלמידים זיינע, מיט פליכעס און ערב פליכעס, און ער האָט ווייטער גערעדט:

תלמידים! איר וועט אָנהייבן לעבן אויפן חשבון פון אייער פאַרגאַנגענהייט מיט סאָציאַלער פאַרזיכערונג. טרייבט נישט די לאַנגווײליקייט און באַקלאָגט זיך נישט אויף אייער ליידיקגייערייִ! אייך וועט פעלן באַשעפטיקונג גייט אַרויס אין פּאַרק און איר קענט ווערן תיכף באַשעפטיקט אַ דאַנק די ליבע קינדערלעך, אַלע אַזעלכע שיינינקע, קלײנינקע און שטאַרק באַשעפטיקטע... ווער עס שטופּט זיין אייגן וועגעלע, ווער עס לויפט נאָך צו כאַפּן אַ טייבעלע, ווער עס שפּילט זיך אין זאַמד... און ווער עס וואַרפט אַ פּילקע...

און אָט וועט איר באַמערקן ווי עס לויפט אַ קליין מיידעלע — וווהין? קיין נפקא מינא, קינדער האָבן בכלל אַן אימפּולס צו לויפן. ביי זיי הייסט עס, אַנט־לויפן פון די עלטערן (זיי הייבן עס אָן ווען זיי זענען נאָך זייער קליין), קינדער לאָזן זיך לויפן תיכף, ווי די מאַמע פאַרקוקט זיך, זיי ווילן, אפנים, זיין זעלבסט־

שטענדיק און פֿריי. און דאָס איז אַ גוטער צייכן. ליבע צו פֿרייהייט קומט צום מענטשן גלייך שוין פֿון וויגעלע אַרויס...

איז אַט זעט איר ווי עס לויפֿט אַ מיידעלע, בעסער געזאָגט, זי אַנטלויפֿט (און היינטיקע מיידלעך מאַכן עס יינגלדיקער פֿון די יינגלעך). וווהין לויפֿט עס? דירעקט צו טרעפֿ, וועלכע פֿירן אַרונטער אין אַ טאָל... און די מאַמע אירע איז שטאַרק פֿאַרנומען מיט אַ וויכטיקן רכילות־שמועס מיט אַ שכנה; וועגן אַ דריטער שכנה... שמעקט עס מיט סכנה פֿאַרן קינד... דאַן לאָזט איר זיך אָניאָגן דאָס מיידעלע (אַמאָל זייט איר זיכער נאָכגעלאָפֿן גרעסערע, אָבער דאָס באַלאַנגט צו געשיכטע). און אָט האָט איר זי אָנגעיאָגט... פֿאַרצאַמט איר דעם וועג און דאָס קינד שטעלט זיך אָפּ און לאַכט אַזוי גוטמוטיק־זיס... ביי איר איז עס פֿאַררעכנט ווי אַ שפּיל... און דערווייל, איז די מאַמע מפסיק פֿון איר וויכטיקן רכילות־שמועס, איילט זי זיך אויך צו ראַטעווען דאָס קינד און דער רעזולטאַט: איר האָט געפּטרט אַ שעה אָדער מער פֿון אייער לאַנגווייליקייט... און דערצו נאָך געקראָגן אַ מוטער־לעכן דאַנק פֿון דער מיידעלעס מוטער. און ווען די דאַנקגעבערין איז נאָך יונג און שיין, דערפֿילט איר זיך ווי אין אַ צוריקקער צו אייער יוגנט...

און ווייטער, תלמידים, שטעלט אָן אייערע אויגן און זעט:

אָט שלאָגט אַ הויך־געוויקסיק געזונטער יינגל אַ צוויטן, אַ קלייניקן אַ שוואַכנקן, אַ פּאָעטיש־אויסקוקנדיקן. קומט עס אייך אויס — ווען איר זייט אַליין פּאָעטיש געניגט — ווי אַ שטיק גראָבע פּראָזע, וואָלט זיך פֿאַרמאָסטן אויף אַ שטיקל פּאָעזיע... און די פּאָעזיע צעוויינט זיך (פּאָעזיע האָט פֿון אייביק עולם אַ שוואַכקייט צו פֿאַרגיסן טרערן). איז אָט האָט איר פֿאַר זיך ממש אַ שליחות... מאַכן שלום, אָפּשטעלן די האַנט פֿון אָנגרייפֿער... און איר גיט שטרענג אַ זאָג אַרויס: „באָיעס, דאָנט פֿאַיט!" דאָס איז נישט שיין... און זיי פֿאָלגן און איר פֿילט דאַן כמעט ווי איר וואָלט געוועזן אַ „יו־עך"...

און די צייט רינט זיך דערווייל פֿון געלעכערטן עמער. — און זאָל זי רינען! און ווו איז תלמידים מיינע די פֿילקע? די מצוות פֿילקע כאַפּן און וואַרפֿן זי צוריק איז איינע פֿון די אויסגעפּאַלגסטע מצוות אין אַמעריקע — זייט זי מקיים... און דערביי זייט איר אויך אין שפּיל!... ווייל די פֿילקע געוואָרפֿן פֿון יונגע קינדער פֿליט נישט אין איין ריכטונג נאָר אין צען ריכטונגען. (קינדער ווייסן נאָך נישט פֿון ריכטונגען, פּאַרטייען און פּראָגראַמען).

און די צייט רינט דערווייל פֿון דעם געלעכערטן עמער. טריפּ־טראַפּ! טריפּ־טראַפּ!...

און ווען אייך בלייבט נאָך פרייע צייט, דערזעט איר ווי אַ ווייבל לאָזט זיך גיין אַהיים און לאָזט איבער אויף דער באַנק איר געלט־בייטל. לאָזט איר זיך נאָכלויפן, זי אָניאָגן, און דאָס איז געזונט פאַר אייערע פיס... און ווען איר דער־יאָגט זי איז זי אייך דאַנקבאַר ביז גאַר... זי זאָגט אייך: אַ דאַנק „פּאַפּ"... און „פּאַפּ" איז אַלץ מער אָנגעלייגט ביי אייך ווי זי וואָלט געזאָגט זיידע"... (אין אייער עלטער איז אַלץ אַ חשבון).

און פון פּאַרק, קענט איר אַריבערטראָגן אייער הומאַניטאַרע טעטיקייט אויך אויף די גאַסן... און איר קענט אויך דאָרטן פאַרקירצן אייערע שעהן...

אָט שטייט אויף אַ ראָג גאַס אַ זקנה... געוויס אַ 90 יאָריקע. זי וויל אַריבער־גיין די גאַס און זי ציטערט... איר קאַרגער יאָרן־רעזערוו איז איר טייער... און זי דערזעט אייך און זי מורמלט אַרויס מיט פאַרחלשטע ליפּן: מיסטער, נעמט מיך אַריבער!...

און איר באַטראַכט די זקנה, זי קוקט אויס ווי אַן אויסגעברענט קנייטל אין אַ יום־כיפּור ליכט אין שול (איר דערמאָנט זיך עס). דאָס פייער, דאָס צאַנקנדיקע פייער בעט זיך רחמים ביים קנייטל. וויל נישט אויסגיין, טרייסלט זיך פאַר שרעק...

נעמט איר דאָס צאַנקענדיקע ליכט און פירט זי לאַנגזאַם אַריבער די גאַס. און זי טוליעט זיך צו אייך, און איר פילט קאַוואַליעריש־העלדיש...

רעטונגס־אַרבעט, תלמידים מיינע, אויף די גאַסן איז דאָ גענוג... אָט לאָזט זיך אַן אַלטער ייד אַריבערגיין די גאַס אומגעזעצלעך... ווען עס איז „רויט", גיט איר אים אַ כאַפּ אָן ביים אָרעם און שלעפּט אים צוריק און ראַטעוועט אים פון סכנה...

געוויס קען עס אַמאָל טרעפן אַז איר זאָלט קריגן אָנגעזידלט פאַר אַזאַ פיינ־קייט... אַ סך עלטערע מענטשן האָבן עס נישט ליב. וואָס איז עס אייער עסק? ער ווייסט אַליין וואָס ער טוט!

אָבער איר דאַרפט עס אָננעמען גוטמוטיק: ווייל עס איז כמעט אַ לעבנס־געזעץ: קריגן שטיינער פאַר גוטע מעשים... יעדער כלל־טוער הערט אָפט דעם „מי שמך".

און דאָס איז דאָס גליק פון דער וועלט... ווען נישט, וואָלט זי געבליבן אָן כלל־טוער און פּאָליטיקאַנער...

ליבע תלמידים מיינע! דער עיקר לאָזט נישט צו קיין לאַנגווייליקייט!

דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן)

רויך איבער אַלעס

תלמידים מיינע, ווערט פילאָזאָפן!

פילאָזאָפיע איז געגעבן געוואָרן אַ מתנה דעם מענטשן פונקט ווי די ליולקע. פילאָזאָפיע איז די ליולקע פאַרן געדאַנק. פילאָזאָפיע — מיינט שלינגען רויך און לאָזן רינגעלעך אין דער לופטן. פילאָזאָפיע באַטייט אויך — אַן אייביקער פיפּקען.

און וואָס איז דאָס אויסקלאַפּן פון דער ליולקע? אויב נישט דער פילאָזאָפישער סך־הכל. שלינגסט גאָרנישט, קלאַפּסט אויס גאָרנישט, און פילסט ווידער אָן מיט גאָרנישט. רויך איבער אַלעס...!

דער עיקר אָבער איז — די הנאה. פילאָזאָפן, ווי טאַבאַקאַניסטן און ליולקע־זאַמלער, ציִען פאַרגעניגן פון יעדן ציִ...

און אויף די עלטערע יאָרן איז דאָס אַפילו געזונט.

ווען דאָס לעבן האָט זיך אַוועקגעקייקלט ווי אַ רינגעלע רויך און עס בלייבט בלויז אַ טונקעלער זכרון, דאַן באַרויִקט פילאָזאָפיע און פירט אייך אויף יענער וועלט מיט עלטער־שוואַכע טריט...

און, תלמידים מיינע, אויב איר קענט אַליין נישט ווערן קיין פילאָזאָפן, איר האָט צופיל בלוט אין די אָדערן, ווערט צוהערער פון פילאָזאָפיע. גייט צו פילאָזאָפישע לעקציעס...

צו וואָס? כדי איר זאָלט זיך צום סוף דערקוקנדיקן און פעסטשטעלן, אַז אייערע לערער פאַרן רייטנדיק אויף פליגל פון ווינט, מאָלן אַן בלאָזן זייפנבלאָזן ווי קינדער... און אַז איר וועט זיך דאָס דערקוקנדיקן, וועט אייך ממילא ווערן גרינגער צו לעבן נישט פילאָזאָפיש...

תלמידים אַלטע און נייע, אויב עס פאַלט אייך איין אַמאָל, אַז פילאָזאָפיע האָט דעם שליסל צו דער גרויסער רעטעניש, וואָס מען רופט „לעבן" — שלאָגט זיך עס אַרויס פון קאָפּ! דאָס האָט נישט געהאַט אַפילו שפינאָזאַ.

די פילאָזאָפן פון אַלע צייטן שטייען ביי דער טיר פון דער גרויסער רעטעניש און קלאַפּן מיט די נאַקעטע פינגער, ווער אַפילו מיטן קולאַק, אָבער די טיר עפנט זיך נישט.

אַנדערע, כיטרערע, קוקן אַריין אין שליסל־לאָך, אָבער זעען אויך גאָרנישט...

דער גרעסטער פילאָזאָף פאַר פּאָמפּאַדורן איז דער, וואָס מאָרדעוועט אַנדערע פילאָזפן, אַזאַ איז געווען ניטשע...

דער פיינסטער פילאָזאָף פאַר פּאָמפּאַדורן איז דער, וואָס נוצט פּאָעזיע צו דערקלערן זיינע טעזיסן — און דאָס איז ווידער ניטשע.

און דער שוואַכסטער פילאָזאָף איז דער, וואָס מיינט, אַז מען קען ענטפערן אַלע קשיות מיט ריינעם פאַרשטאַנד. דאָס איז געווען קאַנט.

און נאָך שוואַכער איז דער, וואָס פאַרוואַרפט נעצן פון פלפול און ציט אַרויס, אַנשטאָט צאַפּלדיקע פיש, צעווייקט גראָז און שליים...

פילאָזאָפן האָט די וועלט געהאַט אַ סך און מען קען זיי איינטיילן אין אַזעלכע קלאַסן: אָפּטימיסטן און פּעסימיסטן; פאַרהייראַטע און אַלטע בחורים; גאָט־זוכער און גאָט־פאַרלייקענער; קלוגע און נאַראָנים...

פּאַמפּאַדור האַלט אָפּט פון זיי אַלע און אָפּט פון קיינעם נישט פון זיי...

פון אַלע פילאָזאָפן אָבער איז מיר ליבער דער וואַגאַבונד און האָבאָ. זיין פילאָזאָפיע אין לעבן ליגט אין שטויב פון אַלע וועגן און זיין פילאָזאָפישע היים איז אַ שייער איבערצונעכטיקן...

און תלמידים מיינע, פּאַמפּאַדור גלייבט דאָך, אַז סוף כל סוף וועלן זיך מענטשן אַמאָל דערשלאָגן צו דעם אמתן זין פון לעבן.

ווען? ווען מיר וועלן אַוועקוואַרפן אַלע פאַרנעפּלטע שיטות און טעזיסן און זיך אומקערן צו זיך...

דאָס אומקערן זיך צו זיך — מיינט אויפהערן זוכן אין פרעמדע צעריסענע קעשענעס דאָס, וואָס מען געפינט נישט אין דער אייגענער...

און פילאָזאָפיע איז אַזאַ צעריסענע קעשענע...

בעט און וואַנע

ווען פּאַמפּאַדור האָט געלייענט אין אַ צייטונג, ווי איינער אַ מענטש איז געשטאָרבן אין אַ וואַנע — איז אים עפּעס קלאָר געוואָרן און ער האָט אויסגערופן: מענטשן! שטאַרבט אין וואַנעס!

שטאַרבן אין אַ וואַנע מיינט, האָבן לכל הפחות אַ ריינעם טויט... און יעדער מענטש, ווי אומריין ער זאָל נישט זיין אין לעבן, וויל דאָך שטאַרבן ריין...

שטאַרבן אין אַ וואַנע מיינט, האָבן טויט־פּריווילעגיעס, פרייען אויסוואַל.

זייט איר אַ קאָכעדיקער מענטש און ווילט זיך אייך שטאַרבן קאָכעדיק? — דרייט איר אָפּ דעם הייסן קראַן!... און זייט איר פאַרקערט, אַ קילער האַרט־הויטי־קער מענטש — לאָזט איר לויפן דעם קאַלטן קראַן!...

און אויב איר זייט נאָך פון די איבערגעבליבענע געציילטע ליבעראַלן — קענט איר פאַרענדיקן אין לעבלעך וואַסער...

אָך! ווי עס האָט שוין דערעסן פּאַמפּאַדורן דער רוטין־גאַנג פון טויט: דאָס שטאַרבן אין בעט!... דער אָנגעגנומענער נוסח פון מלאך המות קאָדעקס!...

מילי־מיליאָסן מענטשן זענען געשטאָרבן אין בעט — מען דאַרף האָבן אָריגינאַליטעט אַפילו ביים שטאַרבן.

איז פאַרוואָס טאַקע נישט אין אַ וואַנע? אויסגיין אין אַ וואַנע — מיינט שטאַרבן ניי, פריש און אָריגינעל...

איר זיצט אין אַ שטול ביי זיך אין הויז און טראַכט פינצטערע געדאַנקען. אָבער גלייך ווי איר קומט אַריין אין די וואַנע, ווערט אייך גוט און איר צעזינגט זיך...

פאַרוואָס, — פרעגט פּאַמפּאַדור, — זינגט אַ מענטש ווען ער ליגט אין וואַנע?

דער ענטפער: ווייל ער ווערט פריי כאָטש אויף אַ ווײַלע פון פאַמיליען־יאָך... ווערט פטור כאָטש אויף 10־15 מינוט פון דער ווייבס השגחה...

ווען דערפילט זיך אַ פאַרהייראַטער צוריק אַ בחור? — בלויז אין וואַנע?

ווען ווערט אַ בירגער באמת פריי פון רעגירונג און צינזן? — בלויז ליגנדיק אין וואַנע!

בלויז אַ פיש אין וואַסער — ווייסט דעם טעם וואָס אַ מענטש פילט אין וואַנע...

פרייהייט — דאָס ווייכטיקסטע! פרייע באַוועגונג — דאָס ליבסטע!

איר ווילט ליגן אויסגעצויגן אין וואַנע, — טוט ווי אייך ווילט זיך! איר ווילט זיך זייפן? — פיין! נישט זייפן — אויך פיין!...

איר קענט אַפילו לאָזן זייפן־בלאָזן, שפּילן זיך מיט זיי קינדיש ווי אַ קינד...

אין לעבן, חוץ דער וואַנע, מוזט איר האָבן אַ פּראָגראַם. איר מוזט גיין אויף דער זייט אָדער אויף יענער... מזרח — מערב...

אָבער ליגנדיק אין וואַנע קענט איר זיך דרייען אויף אַלע זייטן, קערן זיך ווי איר ווינטשט... קיינער קען אייך נישט שטערן.

און ווי זאָל זיך אַ מענטשן אין אַזאַ לאַגע נישט זינגען?...

פאָלגט מיך — זאָגט פּאַמפּאַדור — אויב איר האַלט ביים שטאַרבן — שטאַרבט אין אַ וואַנע! ווייל שטאַרבן אין בעט —מיינט מאַכן אַ צוואה, באַטייט, הערן דער ווייבס קרעכצן און דער משפּחהס אויקען...

היינט ווו זענען די אַדוואָקאַטן?

אָבער שטאַרבן אין וואַנע — שפּאַרט איר אָט די אַלע צערעמאָניעס און פאַלשקייטן...

בכלל, — זאָגט פּאָמפּאַדור, — האָבן מענטשן מער עגמת נפש פון דער בעט ווי נחת...

די בעט —איז אַ רויבערין. זי רויבט אַוועק ביי אונז האַלבע לעבנס. זי רופט עס שלאָף און אָפּרו...

די בעט — איז אַ כישוף־מאַכערין, — זי פאַרכישופט אונדז מיט איר שיין־ווענטלדיקייט און ווייך־קישנדיקייט און זי בינדט אונדז צו מיט די שטריק פון פאַמיליען־לעבן...

אָבער מיר צאָלן דער בעט אַ צו גרויסן פרייז און צום סוף גיט זי אונדז דעם טויט...

אָבער אַ וואַנע, תלמידים מיינע, — גיט אונדז בלויז פאַרגעניגן... ווייל אַ וואַנע איז דער קאָנטראַסט צום פאַמיליען־לעבן מיט דער בעט ווי אַ קיניגין.

ווייל וואָס איז פאַמיליען־לעבן? — אַ פּלאַץ וווּ מען קען נישט זיין אַליין, מיט די געדאַנקען און געפילן... שטענדיק איז דאָ עמיצער וואָס שטערט...

אָבער אַ וואַנע איז די אמתע „היים" פאַר דעם פאַרוויבטן... כאָטש אויף אַ וויל, האָט אייך קיינער קיין דעה נישט צו זאָגן...

הינטער דער פאַרשלאָסענער טיר פון וואַנע־צימער פילט זיך אַ מאַנסביל פריי ווי ערשט געבוירן, נאַקעט ווי אָדם —איז טאַקע ווידער דערפאַר זינגט זיך אים...

תלמידים! פון אַלע שטאַרבערייען געפעלט מיר דאָס שטאַרבן אין אַ וואַנע. עס איז אַ זעלבסטשטענדיקס שטאַרבן, פריי, ריין און זינגענדיק...

סטעליע פילאָזאָפיע

פּאָמפּאַדור איז אַ קנאַפּער בעל קנאה.

קנאה — איז די מוטער פון די מענטשן, וואָס ווילן קלעטערן הויך און האָבן פיס מיט וואַטאַווע מוסקולן.

קנאה — איז אַ לייטער אָן טרעפּ.

ווער ס'איז מקנא די קנאה־שטאַפּלער מכל המינים — איך בין בלויז מקנא די פליגן...

ווען פּאָמפּאַדור בלייבט אַליין אין הויז און קיינער שטערט נישט זיין מנוחת הנפש — לייגט ער זיך אויפן בעט מיטן פּנים צו דער סטעליע און איז מקנא די פליגן, וואָס שפּאַצירן אַרום איר געמיטלעך — אַקראָבאַטיש איבער זייער הימל — די סטעליע.

פאַרוואָס איז זיי פּאָמפּאַדור מקנא? פאַר זייער אַרונטערקוקן אויף די דיל־גייער. ווייל קוקן קענען אַלע, אָבער אַרונטערקוקן קענען געציילטע.

די אַרונטערקוקער זענען די סטעליע פילאָזאָפן. ווייל פון די סטעליע אַרונטער זעט מען מער די פּוסטקייט און אויסגעליידיקטקייט פון לעבן, ווי טרעטנדיק מיט פּוסטע טריט אויפן גלאַטסטן פּאַרקעט.

אין אַרונטערקוקן ליגט אויך מער זין ווי אין קוקן.

תלמידים! זייט אַרונטערקוקער!

די וועלט האָט אין זיך מער אויסגעהאַלטנקייט און גראַדליניקייט, ווען איך קוקט זי אָן מיט די פיס אַרויף און קאָפּ אַראָפּ. — דאָס איז די וועלט פון פּאַראַדאָקס, דאָס לעבן אין איפּכא מסתברא.

פּאָמפּאַדור פרעגט: וואָס איז די פּעולה פון אונדזער מי צו גיין גלייך איבער דער ערד? —ווען אונדזערע וועגן זענען פאַרקרומט און פאַרדרייט: אָט אַ באַרג, אָט אַ טאָל... און אָט אַ תהום...

וואָס איז די חכמה פון אונדזער קריכן אין הימל מיט ראַקעטן, ווען מיר זענען באַהעפט צו דער ערד ווי גראָז?

פליגן זענען אמת, די שוואַכסטע באַשעפענישן. זייער לעבן איז אַ זשום און נישטאָ... אָבער אין דער מינוט וואָס זיי לעבן שפּאַצירן זיי מיט זיכערע טריט איבער הויכקייט.

פליגן זענען די סטעליע־פילאָזאָפן. און די סטעליע־פילאָזאָפיע איז מעכטיקער ווי די דיל־פילאָזאָפיע.

פליגן זענען די געבענטשטע פּאַראַדאָקסיסטן, וואָס זעען דעם אמת פון לעבן בלויז אין פּאַראַדאָקס.

און אוי, ווי פּאָמפּאַדור איז מקנא אָט די איפּכא מסתבראניקעס פון דער סטעליע!

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

פון ריין און אומריין

תלמידים מיינע! מיר ווילט זיך היינט ריידן מיט אייך וועגן ריין און אומריין.
וואָס איז ריין און וואָס איז אומריין? פרעגט פּאָמפּאַדור.
ריין איז אַ האַרץ אָן געפילן. אַ קערפּער אָן בלוט. אַ קעשענע אָן געלט.
ריין איז אַ נשמה וואָס האַלט ערשט ביים געבוירן ווערן... ריין איז אַ רעס־

טאַראַן בלויז גלייך ווי ער עפנט זיך. און ריין איז אַ כלל־טוער — איידער ער האָט דערפילט זיין אַמביציע.

נישטאָ קיין אַבסאָלוטע ריינקייט אויף דער וועלט. כל־זמן אַ נשמה רופט זיך מענטשלעכע נשמה — איז זי נישט קיין הימלשע און אויף איר מוז זיך אָנקלעפּן אומריינקייט.

אַלץ ווערט געבוירן פון טומאה און שטרעבט צו טהרה... אַלץ וויל פליִען אַזוי אומשולדיק ריין ווי אַ טויב און פאַלט אַריין אין בלאָטע ווי אַ חזיר...

די ריינסטע מיידל־ליבע גייט אויס נאָך די אומריינע אומאַרמונגען פון אַ מאַן.

נאָך יעדן ריינעם שטראַל גנבעט זיך אַ שוואַרץ וואָלקנדל, אויף יעדער ריינער מחשבה לויערט אַן אומריינע תאוהלע. נישט אויף עסן אין ריינע כלים און נישט אויף טראָגן ריינע קליידער — האַלט זיך די ריינקייט.

די טומאה געפינט איר פּלאַץ אומעטום, אַפילו אין דער זיבערסטער הייבל פון אַ מאַנאַכינע.

יידישע מאכלים זענען ריין און כשר אָבער די קיך איז אָפט דער אומריינסטער פּלאַץ.

ריין און אומריין, כשר און טרפה — דאָס איז אונדזער טראַגעדיע ווי אַ פאָלק, — אַזוי דענקט אָפּט פּאַמפּאַדור.

מיר זענען געבליבן די כשרע בהמות אין דער טריפהנער סטאַדע פון פעל־קער. און זיי קענען אונדז נישט דולדן... זייער אומריינע בלוט צעקאָכט זיך גלייך ווי זיי דערזעען אונדז.

און דער רעזולטאַט: זיי האָבן די בעסטע טיילן פון פלייש — און מיר — „בשר כשר"...

עסן טריפה — הייסט זיין אומריין, הייסט, נישט זאַלצן און נישט ווייקן און נישט גיין אויף יאַגד.

און דאָס נישט גיין אויף יאַגד האָט אונדז געמאַכט פאַר אויס שיסער פאַר דער קויל, במקום, אונדז געשענקט — דעם ווייקטאָפּ און דאָס זאַלץ־ברעטל...

און דאָס נישט גיין אויף יאַגט האָט אונדז געמאַכט פאַר אויס שיסער פאַר „אָפּ חבר" מיט פעלד און וואַלד. מיר זענען געוואָרן אַ שטאָט־פאָלק. אַ פאָלק פון קרעמער...

אמת, דאָס האָט אונדז דערווייטערט פון וואַלדס ברוטאַליטעט — אָבער דערפאַר אויך פון זיין שיינקייט און נאַטור־רייכקייט. מיר הערן נישט דעם ברום פון וואָלף און בער — אָבער דערפאַר אויך נישט דאָס געזאַנג פון נאַכטיגאַל...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

מיט פויגל צוגלייך

מענטש! — זאָגט פּאַמפּאַדור — דיר האָט זיך פאַרגלוסט צו פליִען ווי אַ פויגל, האָסטו זיך געשאַפן מעכאַנישע פליגל און דו מיינסט, אַז דו ביסט שוין מיט פויגל צוגלייך? — אָבער קוק זיך גוט אום און זע, אַז דו ביסט נישט קיין לעבעדיקער פויגל נאָר אַ זעלבסטמאָרד פויגל.

מענטש! די ערד לאַכט פון דעם נייעם פויגל־מענטש. און זי נעמט פון אים נקמה:

אַזוי? דו האָסט באַשלאָסן באַפרייען זיך פון מיר, דיין מוטער און שפּייזעריןְ? דיר האָט זיך פאַרגלוסט פליִען הויך אין די וואָלקנס, דערלאַנגען דעם הימל, באַהערשן די לופט? אָבער פּאַוואָליע! דו קענסט פון מיר זיך נישט באַפרייען. מיין טרייער שליח, דער טויט, פליט דיר נאָך און קערט דיך אום צוריק צו מיר אַ פאַרברענטן... און איך מוז דיך איינזאַמלען אין זיך גלידערווייז...

און אויף פּאַמפּאַדורס פּנים האָט זיך פאַרשפּרייט אַ וואָלקן און ער האָט ווייטער גערעדט:

תּלמידים מיינע! הימל און ערד זענען שותפים, וואָס זענען שטענדיק צע־קריגט צווישען זיך.

די „ענקים" פון תנ"ך געדענקט איר? ס'האָט זיך זיי פאַרוואָלט אַרונטער־נידערן אויף דער ערד, האָבן זיי געלאַנדעט אויף דער ערד, אָפּגעשוירן די פליגל און געבליבן געפאַנגענע ביי די טעכטער פון דער ערד... זיי זענען געוווען „געפאַ־לענע" און פון די הימלשע גיגאַנטן זענען געוואָרן קאַרליקעס...

די ערד האָט זיך אירע געזעצן.

מענטש — פּראָקלאַמירט זי מיט אַן עכט ערדישער שטימע — ווייסט ווער דו ביסט! ווערסט ביי מיר געבוירן און איך לאָז דיך פריי אַרומקריכן אויף מיר, טאָ שטאַרב אויף מיר!

דיין פליִען אין די הימלען, דיין פאַרזוך צו ווערן אַ פויגל און נאָכדעם אַ מלאך, איז אַן אומזיסטע אַוואַנטורע... דו שפּאַרסט טאָקע צייט, אָבער דער טייוול לאַכט פון דיר און דיין איילעניש...

ווינטן בייזע וואַרטן אויף דיר; פייער וואַרט אויף דיר... בערג ריזיקע שטייען דיר אין וועג און דו קענסט זיך נישט ראַטעווען...

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אַ ווילע פאַרטראַכט און זיין פּנים האָט זיך אויס־געלייטערט און ער האָט אַזוי פאַרענדיקט:

און דאָך, תלמידים מיינע, געפעלט מיר דער נייער פויגל־מענטש אַ סך מער ווי דער אַמאָליקער הייל־מענטש.

שוין דער פֿאַרזוך אַליין, דער פאַרמעסט מיט די נאַטור־כוחות, דאָס ריזיקירן מיטן לעבן און דאָס וועלן אַנטלויפן פון דער ערד — איז אַ הויכע מדרגה. ווייל וואָס איז די ערד — אַ ווייב וואָס האַלט דיך געבונדן.

אָבער וואָס איז הימל — געגאַרטע אייביקע בחורשאַפט, אַ ווילן באַפרייט צו ווערן.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

קוקעריקו!

דער שפּילעוודיקסטער פויגל אין דער פויגל־משפחה איז פאַר מיר דער האָן.

דער האָן האָט בלויז צוויי אויפגאַבן אין זיין לעבן: וועקן אין די פרימאָרגנס און ראַמאַנסירן.

דאָס וואָס מען רופט יאָך פון לעבן האָט ער נישט. ער איז נישט מחויב צו שפּייזן זיינע ווייבער, פירן אין רעסטאָראַנען זיינע געליבטע. מען שמועסט שוין נישט פון קויפן זיי אַ דימענט־רינג און אַ „מינק".

דער האָן איז דער אמתער דורכפירער פון פרייע־ליבע־אידעאַל. ביי אים איז ליבע צוליב ליבע נישט קיין פאַנטאַזיע... — הינער! — רעדט ער צו זיי — איר ווילט ריינע ליבע? קומט צו מיר! מיינע פליגל זענען ברייט גענוג פאַר אייך אַלע!

אַ דירה זאָג איך נישט צו. איר האָט דעם הויף פונקט ווי איך.

און זאָל דיך, ווייסע תרנגולת, נישט אַרן, ווען איך, נאָך אַ ליבעס דערקלע־רונג צו דיר וואַרף איך אייגעלעך צו דער ראָבער הון... איך בין אַ פרייער ליב־האָבער. איך האָב אַ ברייטע פּאָעטישע נשמה — קוקעריקו!

דער הינער־הויף איז נישט די ענגע מענטשלעכע דירה ווו קנאה און אייפערזוכט קעניגן ביד רחבה... און זייט וויסן, הינער טייערע, אַז איך, ווי איר, בין אָפּהענגיק פון דעם באַלעבאָס; ווען ער שיט אויס קערנער — האָבן מיר אַלע!...

תלמידים! דער האָן איז פאַר פּאַמפּאַדורן, דער שטאָלצער פויגל. דער אַריס־טאָקראַט פון אַלטן חדר.

דעם דועל האָבן מענטשן שוין אויפגעגעבן — אָבער די הענער — נישט. קוקעריקו! — ביז בלוט שלאָגן מיר זיך, אָבער בלויז מיט דעם, וואָס די נאַטור

האָט אונדז באַשענקט: נעגל און שנאָבל. און אונדזערע דועלן זענען אַלץ „עטישער" ווי אייערע מלחמות.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

דער אמת וועגן טויבן

איך וויל מיט אייך, תלמידים מיינע, היינט ריידן וועגן טויבן. און דעם פאַלשן צוגאַנג פון דער וועלט צו זיי.

טויבן זענען רעקלאַמירט ווי די שטילסטע און פרידלעכסטע באַשעפענישן, ווי די ליבעראַלן פון דער פויגל־וועלט...

זייער שלום־בית ווערט אַרויסגעשטעלט ווי אַ מוסטער פאַר מענטשן, זייער גוטסקייט — ווי אַ ביישפּיל.

דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אַליין פאַרגליכן צו אַ טויב צווישן פעלקער שפּאַרבער...

און דער אמת איז: זיי זענען נישט בעסער און אין אַ סך פּרטים ערגער ווי אַנדערע פון דעם פויגל מין.

זיי פּיקן זיך אויך אין די קעפּלעך — פאַר אַ קרישקעלע ברויט, זיי רודפן איינע די צווייטע פאַר אַ ברעקל אין זאַמד. זייער שלום־בית איז אפשר נישט אַזוי שלעכט ווי ביי האָליוווד אַקטיאָרן — אָבער נישט בעסער ווי ביי געוויינלעכע געפּאָרלטע: מען קריגט זיך, מען וואָרקעט, מען ברומט — און מען בעט זיך איבער. מען פּיסקלט זיך... און מען קריגט זיך ווידער...

ווען מען וואָלט געזאַמלט די פעדערן וואָס טויבן האָבן אויסגעפּליקט איינע ביי דער צווייטער — וואָלט עס געווען אַ מיליאָניקע קאָלעקציע פאַרן יידישן מוזעאום. אָבער דער עיקר, געפעלן נישט פּאַמפּאַדורן זייערע מידות, זייער אויפפירונג, און זייער שטייגער לעבן.

זיי לעבן אויף בעטלעריי. זיי גייען מחנותוויז שנאָרן. מען קען זאָגן: זיי זענען בעטלער אין רייכע קליידער...

און וואָס שייך שנאָרריי זענען זיי אויף אַ סך אַ נידעריקערער מדרגה ווי וועוועריקעס.

וועוועריקעס זענען באַקאַנט חוץ ווי שנאָרער, אויך ווי שפּאָרער. זיי גרייטן און פאַרגרייטן, זיי ווייסן פון עקאָנאָמיע...

טויבן זענען שנאָרער און דערצו אויסברענגער און פוילער. זיי זענען דורכאויס פּראָפעסיאָנעלע שנאָרער...

די טויב ווי די פרוי נוצט אויס איר שיינקייט פאַר עגאָיסטישע צוועקן... ווי מען רופט עס „מיל־טיקעט״... און דערפאַר, תלמידים מיינע, ווען איר הערט אַ יונגנמאַן רופן זיין געליבטע טייבעלע — זאָלט איר וויסן, אַז ער נאַרט זיך... דאָס טייבעלע האָט קאַניבאַלישע אינסטינקטן...

נישט איין יונגערמאַן איז געגאַנגען באַנקראָט אַרויסנעמענדיק אַ טייבעלע אין אַ רעסטאָראַן :דאָס טייבעלע האָט געפרעסן ווי אַ וואָלף...

און איך וועל אייך זאָגן נאָך עפּעס: אייער פּאַמפּאַדור האָלט מער פון אַ פּשוטער תרנגולת ווי אַפילו פון אַ טירקל־טויב.

אַ הון שפּייזט דעם מענטשן נישט אומזיסט: זי גיט אים איר פליש, אירע אייער און אירע פעדערן.

אָן דער הון וואָלט די רייכע אינסטיטוציע „באַנקעט״ אין אַמעריקע אונ־טערגעגאַנגען.

פון אַ טויב — האָט דער מענטש גאָרנישט נישט ביים לעבן און נישט נאָך דער שחיטה...

אַפילו אַ קאַנאַריק איז ביי מיר מער חשוב. ער זינגט אַפילו ווען ער איז הונגעריק און אַמאָל נאָך אַ סך זיסער...

און דערצו וויסן טויבן נישט פון עסטעטיק. געבענטשט מיט אַזוי פיל שיינ־קייט פון דער נאַטור — האָבן זיי נישט קיין באַציִונג צו שיינקייט און ריינקייט: זיי פאַרפּאַטשקען אַ ווו אַ קאַרניז פון אַ הויז. זיי האָבן געמעגט לערנען ריינקייט ביי דער קאַץ. אָבער ווי קענען זיי לערנען — אַז זיי זענען פאַרנומען מיט שנאָרן?

אַ גלייכע און דאָך נישט קיין גלייכע

אַ פרוי (אַ שיינע) האָט זיך באַקלאָגט פאַר פּאַמפּאַדורן: — מיט אַלע גלייכע רעכט, וואָס די פרוי האָט היינט, איז זי דאָך נישט גלייך מיטן מאַן און דער מאַן קוקט אויף איר אַלץ אויף אַ נישט־גלייכער צו אים...

און פּאַמפּאַדור האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט: ליבע פרוי, איר וועט קיינמאָל נישט קומען צו פולער גלייכבאַרעכטיקונג... ווייל באמת ווילט איר עס גאָר נישט, באמת ווילט איר נאָך אַלץ זיין די שיינע קוקלע פאַר דעם מאַן און דאָס אייביקע שפּילצייג פאַר זיין תאווה... און ווי קען אַ קוקלע זיין גלייכבאַרעכ־טיקט?

איר דאַרפט זיך נישט נאַרן! אַ פרוי איז פאַר אַ מאַן די זיסקייט פון לעבן,

דאָס פֿאַרגעניגן פֿון אַ קורצער עקזיסטענץ, די זיסקייט וואָס פֿאַרזיסט די ביטערקייט...

און וויל עס אַ פֿרוי אויפֿגעבן? — פֿרעגט פּאָמפּאַדור. און ער ענטפֿערט: ניין! זי וויל עס נישט אויפֿגעבן. די שפּיל אין קוקלע איז אַזוי שיין... די פֿאַרגעטערונג פֿון מאַן אַזוי ליב... האָט די אַלטמאָדישע פֿרוי גאָר נישט געפֿאָדערט, איז געקומען די נייע פֿרוי און איר האָט זיך פֿאַרוואָלט דערצו אויך די אמתע גלייכבאַרעכטיקונג מיטן מאַן... זי דאַרף עס נישט, אָבער זי האָט עס גענומען פֿאָדערן... האָט זי עס געקראָגן — איז זי אומצופֿרידן... ווייל דאָס איז אַ שטערונג צו איר אייביק ווייבערישן שפּיל...

פּאָמפּאַדור האַלט אַז די מאָדערנע פֿרוי דאַרף באַשליסן: אָדער־אָדער... אָדער זי בלייבט די שיינע „זיסקייט", אָדער זי האָט גלייכבאַרעכטיקונג...ביידע צוזאַמען אין איין צייט, קען מען נישט האָבן...

פּאָמפּאַדור גלייבט נאָך אַלץ, אַז מעג אַ פֿרוי ווי גוט זיך מאַנסבלען, טראָגן הויזן, רויכערן, רעדן גראָבע רייד אַפילו און זיצן מיט שיכורים צוגלייך אין סאַלאָן — נאָר כל־זמן, זי וועט אויך דערביי צויבערן און פֿאַרצויבערן, וועט זי נישט האָבן די אמתע גלייכבאַרעכטיקונג... וועט זי בלייבן אין קלאַס פֿון געטינס, מען וועט צו איר אַרויפֿקוקן, און אַרונטערקוקן, אָבער נישט גלייך־קוקן... מען וועט איר נאָכלויפֿן, אָבער נישט גלייך אין איין שורה.

פּאָמפּאַדור וויל זאָגן, אַז אַ פֿרוי בלייבט געטין און שפּילצייג פֿאַר דעם מאַן אַפילו אויב דער מאַן איז אַ פּראָפֿעסאָר פֿון רעכט...

די פֿרוי בלייבט דאָס געזעצלעכע און אומגעזעצלעכע פֿאַרגעניגן־צושטעלערין פֿאַר דעם מאַן און דערביי האָט זי אַליין דעם גרעסטן פֿאַרגעניגן...

און זאָלן די צייטונגען און זשורנאַלן אויפֿהערן געבן פֿאָטאָגראַפֿיעס — פֿון זייער שיינקייט, וועלן זיי זיין אומצופֿרידן...

ווייל גרעסער און געשמאַקער פֿון אַלע גלייכבאַרעכטיקונגען, איז דאָס באַוווסטזיין ביי אַ פֿרוי אַז זי איז שיין און ווערט פֿאַרגעטערט פֿון דעם מאַן, דעם פֿאַרליבטן נאַר...

באמת איז די פֿרוי אַליין פֿאַרליבט אין איר שפּלהדיקייט און האַלט שטאַרק פֿון דער מתנה וואָס די נאַטור האָט איר געשענקט, די מתנה פֿון רייץ און די פּריווילעגיע געהאָלובעט צו ווערן פֿון מאַן... און ווו איז די ליבע, די פֿיל באַזונגענע פֿון פּאָעטן פֿון אַלע דורות?...

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

דאָס פּייפל

פון אַלע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן איז מיר צום האַרצן דאָס פּייפל — זאָגט פּאַמפּאַדור.

דאָס זעלבע פּייפל וואָס איך האָב אויסגעשניצט פון פּראָסטע לאָזע, ווען איך בין געווען אַ ייִנגל...

פאַר יענעם פּייפל האָב איך געכאַפּט אַ פּאַטש פון טאַטן... מיט דער וואָרע־נונג: דו וועסט ביי מיר קיין שגץ נישט ווערן!... אָבער איך בין יאָ געוואָרן...

און אָ, ווי מיר בענקט זיך נאָך יענעם פּייפל! אין די טעג ווען אַ באַרג מיט אומעט לאָזט זיך אַרונטער אויף פּאַמפּאַדורס נשמה — בענק איך נאָך יענעם פּראָסטן פּייפל פון לאָזע...

די וועלט האָט אַ סך שפּיל־אינסטרומענטן, אָבער צו זיי דאַרף מען האָבן טאַלאַנט און אויסדויער.

אַ פידל האָט צופיל סטרונעס. און אָן דעם סמיק איז עס אַ האַלבע כלי...

אַ טראָמבאָן — געוואַלדעוועט. ער איז דער גאַסן־רעדנער אין דער מוזיק...

צו אַ קלאַרנעט, דאַרף מען האָבן געזונטע לונגען און אייזערנע ליפּן.

אַ טשעלאָ — איז צו בייכיק און נישט עסטעטיש. (מען האַלט זי צווישן די פיס).

אויף אַ פּיאַנאָ דאַרף מען אַרבעטן מיט ביידע הענט. און אַלע פינגער...

אָבער אַ פּייפל — מיינט, לייגט צו צום מויל און צי אַרויס אַ טאָן...

אמת, אַ פּייפל האָט נישט צופיל טענער — אָבער דערפאַר איז זיין איינציקער טאָן פּרימיטיוו־אומעטיק און קינדיש־זיס...

אַ פּייפל פון אַ פּאַסטוך האָט נישט איין פּרינצעסין פאַרפירט...

מיט אַ פּייפל קענסטו זיך זעצן אויף אַ שטיין, אָדער אַ באַרג און אויסשפּילן דיין ווייי און דיין חלום, אינטים פאַר זיך אַליין...

אויך אויף גראָז אין פעלד — איז אַ פּייפל אַ גוטער חבר... מיט אַ פּייפל קענסטו פּשוט רופן הילף אין אַן עת־צרה.

תלמידים מיינע, אויב אייך ווערט אומעטיק אויף אונדזער וועלט — שניצט אויס אַ פּייפל און פאַרפּייפט אייער אומעט!

ווען פּאַמפּאַדור פאַרטראַכט זיך אויף די מעשי בראשית, הייבט אים אָן דאָס פּייפל אויסקוקן ווי איינער פון די ערשטע און וויכטיקסטע אין דער בראשית־סימפאָניע.

פּאַמפּאַדור וויל גלויבן, אַז ווען גאָט האָט פאַרענדיקט מיט זיין וועלט־באַשאַף און ער איז געווען צופרידן פון זיין ווערק (ווייל קיין קריטיקער זענען נאָך דאַן נישט געווען...) און טון מער האָט ער נישט געוואָלט און נישט געדאַרפט — איז אים שפּעטער אַ ווייל דאָך אומעטיק געוואָרן.

דער באַרימטער „צו וואָס"? האָט אים גענומען פייניקן... האָט ער אויפגע־הויבן אַ לאָזע און פון דער לאָזע אויסגעשניטן אַ פייפל...

און ער האָט אַ פייף געטון אויף דער וועלט וואָס ער אַליין האָט אויסגע־מייסטרעוועט — און עס איז געקומען דער מבול... און אין יענעם פייף איז געלעגן דער ערשטער ניגון פון דער וועלט, אַ ניגון געמישט פון אומעט, חרטה און חורבן...

און דער פּעסימיסטישער „צו וואָס" איז דאַן געוואָרן דער הויפּט־מאָטיוו פון אַלע סקעפּטיקער...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אַ מוזיקאַלישער שקר

און די תלמידים זענען צוגעשטאַנען צו פּאַמפּאַדורן, אַז ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן וועגן מוזיק.

און פּאַמפּאַדור האָט געזאָגט:

פּאָעטן און סענטימענטאַלע עלטערע פרויען האָבן איינגערעדט דער וועלט, אַז מוזיק לייטערט די נשמה... איידלט אויס די געפילן... גיסט אַריין גאַנצע ימים מיט גוטסקייט אין האַרצן...

פּאַמפּאַדור האַלט עס פאַר אַ זינגענדיקן שקר.

די ווירקלעכקייט לייקנט עס אָפּ, מיט אַ באַסאָווער שטימע:

נאָך קיינמאָל, תלמידים מיינע, איז די וועלט נישט געווען אַזוי אַנגעקוואָלט און איבערגעקוואָלט מיט מוזיק ווי אונדזער דור.

אַלץ זינגט, פּיאַנעוועט, פידלט און קאָנצערטעוועט היינט... יעדע הויז — איז אַ קאַרנעגי האָל... יעדער הויז האָט אַ ראַדיאָ, און יעדער הויז האָט אַ טעלע־וויזיע און פון יעדן שוך־פּוצערס ביידל טראָגן זיך קאַרוזאָ־טענער און פון יעדער קיך צוזאַמען מיט די ריחות פון געקעכצן קומט אויף דער שוים פון געזאַנג... אָפּערע און חזנות מישן זיך אויס... און אַ קאַר לויפנדיק טיילט אַרויס פון זיך מוזיק — צוזאַמען מיט געזאַלין גערוך...

מענטשן שלאָפן היינט מיט פידל־סאָלאָ און פּיאַנאָ־סאָלאָ און רעקאָרדס פון

קלאַסישע מוזיק. ביז דער מאָדערנער, דרייען און יאָגן זיך אויף פּאַנאָגראַף־מאַשינקעס ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַלץ מער אַריינכאַפּן...

און יעדער איינער קען היינט די נעמען פון די גרויסע קאָמפּאָזיטאָרס און דיריגענטן, זינגער, פּיאַנאָ־ און פידל־ווירטואָזן.

אַ קינד אין וויג ווייסט היינט ווער עס איז טשאַיקאָווסקי, בעטהאָווען, טאָס־קאַניני און חפץ.

און דאָך — איז די וועלט אַזוי גרויזאַם־וואַכעדיק און האַרט־האַרציק און קריגעריש, ווי אין די צייטן ווען עס האָט געקיניגט בלויז דער פּויק...

אַלטע בחורים שפּאַצירן אום מיט קליינע ראַדיאָס צוגעטוליעט צום האַרצן און דאָך קוקן זיי אויס ווי פאַרפראָרענע פיש...

שכנים — הערן מוזיק דורך פרעמדע פענצטער — און קריצן מיט די ציין...

און די זעלבע ראַדיאָ וואָס ברענגט געזאַנג, ברענגט אויך בשורות פון נייעם קריג, הריגות און שריפות...

און וואָס איז די אַטאָם־באָמבע אויב נישט די מוזיק פון מאָרגנדיקן טאָג — לויה־מוזיק?...

די וועלט — שרעקט זיך פּאַמפּאַדור — קען ווערן מיט דער צייט אַ דייטש־לאַנד; מוזיקאַליש־צעקראַכן, סענטימענטאַל, כאָראַל זינגענדיק — און מערדעריש...

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און נאָכדעם ווײַטער גערעדט:

האָט מוזיק אַ גוטע ווירקונג אויף בהמות? די בהמה־וויסנשאַפט זאָגט, אַז יאָ. זיי מעלקן זיך בעסער מיט אַ סערענאַדע...

אָבער, פרעגט פּאַמפּאַדור, און ווי איז מיט מענטשן? האָט מוזיק אַ גוטע ווירקונג אויף די צווייפיסיקע? — ניין, — ענטפערט פּאַמפּאַדור — און טאַקע ווידער האָבן עס באַוויזן די דייטשן; זיי האָבן נאָכדעם ווי זיי האָבן געהערט שובערטס סערענאַדע — דערשאָסן יידישע קינדער... און מיט בעטהאָווענס זיבעטער סימפאָניע האָבן זיי געפירט נאַקעטע פרויען אין די קאַלך־אויוונס...

ווען מוזיק וואָלט באמת אויסגעאיידלט דעם מין מענטש, וואָלטן פעלקער איצט נישט געשטאַנען איינע קעגן אַנדערע מיט די נייעסטע מאָרד־אינסטרומענטן, וואָלטן זיי זיך שוין לאַנג, לאַנג אַנטוואָפנט, אָן אסיפות...

מוזיק — פּאַרט זיך אַמבעסטן מיט סאָלדאַטשינע און שטיוול. און אַ פּאָגראָם קען מען מאַכן מיט אַ מאַרש: איינס־צוויי־דריי!

און פון אייביק־אָן רייצט מען איין פאָלק קעגן אַ צווייטן מיט הימנען...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

צווישן הונט און קאַץ

די היינטיקע ליבע פון אַ פרוי — בלאַנדזשעט צווישן הונט און קאַץ...

די ברעקלעך פון ליבע־טיש סערווירט פאַר הינט און קעץ — ווערן צוגעזוואָרפן דעם מאַן...

אַ פרוי פירט אויף אַ קייטעלע אַ הינטל — איז מיינט איר וואָס? אין הינטערגרונד פון איר געדאַנק (אויב זי דענקט), פירט זי דאָס אַזוי איר מאַן...

זי האָט אַזוי ליב צו זיין די פירערין...

אַ פרוי קעמט די האָר פון איר הונט און זי טראַכט: אוי, איז דאָס מיין מאַן פליכעוואַטע!...

אַ ווייבל האַלט אַ קעצל אין שויס און זי וואַרעמט נעגלדיקע געפילן: דאָס איז מיין מאַן אויף צו להכעיס...

הינטער די לאַסקעס פון אַ פרוי פאַר איר הונט און קאַץ — שטייט דאָס אייביקע פאַרביסענע נקמה־נעמען פון פרויען־מין צום מאַנסביל־מין... ווען איר באַגעגנט אַ פרוי פירנדיק זיך מיט צוויי־דריי כלבים — איז דאָס אַ צייכן פון טריומף... איר דוכט זיך, אַז דריי מאַנסבילן לויפן איר אַזוי נאָך... און מען קען ספעקולירן, אַז אין איר יונג מיידלשע יאָרן האָט זי קוים געהאַט איין נאָכגייער...

און מערקווירדיק, — זאָגט פּאַמפּאַדור — דווקא אומטרייע פרויען האָבן ליב הינט פאַר זייער טרייהייט...

און דווקא כיטרע נעגלדיקע פרויען זענען פאַרליבט אין קעץ...

עס איז דאָ אַ שוועסטערשאַפט צווישן פרוי, קאַץ און הונט.

אַ פרוי, ווי אַ קאַץ, זעט בעסער אין דער פינצטער. אַ פרוי, ווי אַ הונט, — האָט דעם פיינסטן חוש הריח...

אַ פרוי, ווי אַ קאַץ, באַשטייט פון לאַסקעס און נעגל.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אַ פאָלק פון דאָקטוירים

און פּאַמפּאַדור האָט געבלעטערט אַן אַלט בוך: „יידן אין דער מעדיצין" און ער האָט אַזוי גערעדט צו זיינע תלמידים:

די בעסטע דאָקטוירים, זענען די, וואָס זענען אַליין חולאים און דערפאַר זענען מיר אַ פאָלק פון דאָקטוירים...

רק מיר טאַפּן דעם דופּק פון דער וועלט און מעסטן איר בלוט־דרוק... און רק מיר שרייבן רעצעפּטן... (אויף פרעמדע לשונות...). פון דור דורות זענען מיר איר דער מעדיציניִשער וויסנשאַפט, די פּאַרזאָרגער און קורירער פון דער גוייִשער וועלט.

און פאַרוואָס האָט אַ ייִד דעם גרעסטן דרך־ארץ פאַר אַ דאָקטער? ווייל אַלס חולה איז ער ממילא אַליין אויך אַ שטיקל דאָקטאָר. פון לויפן צו דאָקטוירים און שיקן פראַגן אין מעדיציניִשע אָפּטיילונגען פון די צייטונגען — לערנט ער זיך אויס די חכמה הרפואה...

און אויך פון בית־המדרש ווייסט ער, אַז צו קאַפּוויטיק — איז גוט צו לערנען תורה... און צו האַרץ־ווייטיק —איז געזונט אַ גוטע מצוה...

אַ ייִד איז פּשוט פאַרליבט ווען אַ צווייטער ייִד טאַפּט אים דעם דופּק, אַפילו אין מסחר, ווייל דאָס גיט אים די פּריווילעגיע צו טון דאָס זעלבע צו אַ דריטן ייִדן.

דערהויפּט זענען מיר, די בני ישראל, געניאַלע דיאַגנאָז־שטעלער און כירורגן.

ווי קינדער פון אַ פאַלק פון געוועזענע שניידערס האָבן מיר שאַרפע אויגן. מיר קענען אַריינרוקן אַ פאָדים אין אַ נאָדל אין האַלב טונקל... מיר האָבן גרינגע, פלינקע הענט צו האַלטן די שער...

און פּאָמפּאַדור האָט אַ טאָפּ געטון זיין שטערן צי האָט ער נישט קיין פיבער און ער האָט זיך באַרויִקט און ווייטער גערעדט: אָפּט דאַכט זיך מיר, אַז אַ חוץ באַרימטע דאָקטוירים, ווי דער רמב״ם און ד״ר עהרליך, ד״ר כאַווקין, ד״ר מאַר־מאָרעק און ד״ר פרויד — קען מען אויך צורעכענען אַ סך אַנדערע נישט פראָ־פעסיאָנעלע אויך צום חשבון מעדיצינער...

וואָס איז אַ ייִדישער פילאָסאָף? — אַ מוח־דאָקטער.

וואָס איז אַ ייִדישער פּובליציסט? — אַ האַרץ־דאָקטער פאַר אַלע אונדזערע קראַנקע פּראָבלעמען.

וואָס איז אַ ייִדישער שרייבער בכלל? אַ רופא צו אַלע אונדזערע אָנגעווייטיקטע פראַגן...

און וואָס איז אַ ייִדישער רעוואָלוציע־מאַכער, אויב נישט אַ כירורג, וואָס מאַכט בלוטלאָזע אָפּעראַציעס אין דעבאַטן?...

אַפילו אַ ייִדישער פּאָעט איז פאַרנומען מיט קורירן און היילן וווּנדן...

אַ גוייִשער פּאָעט זינגט פויגלדיק, שרייבט פּאָעזיע סתם. ביי אונדז שרייבט מען רעצעפּטן אין לידער...

און וואָס איז אונדזער וועלט־באַרימטער יידישער וויץ גרייט צו יעדער צייט — אויב נישט אַ סימפּטאָם פון אונדזער קרענקלעכקייט, פּלוס מעדיצין.

אונדזער'ע יידישע וויצן זענען קאַלטע קאָמפּרעסן צו אַ ברענענדיקן קאָפּ.

אַ יידן שטעכט אין זייט — איז ער עס מבטל מיט אַ וויץ... אַ יידן דריקט דאָס האַרץ — קורירט ער עס מיט אַ פאַרדרייטן פּסוק אַלאַ טוביה...

און פּאָמפּאַדור איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַ קנייטש האָט זיך באַוויזן אויף זיין שטערן און די תלמידים זענען צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן אויף אָט דער וויכטיקער טעמע און פּאָמפּאַדורס שטים האָט געקלונגען אויפגערעגט און שטרענג:

תלמידים מיינע! ווען פּאָמפּאַדור פאַרטיפט זיך אין דעם גורל פון אונדזער פאָלק — און זעט פאַרויס זיין צוקונפט, אין דער גרויסער גוישער וועלט — קומט ער צום אויספיר: אַז אויב דאָס יידישע פאָלק וויל ווערן מיט פעלקער צוגלייך, — מוז ער אויפהערן צו זיין דער דאָקטער פון דער וועלט. דער אייביקער דופּק־טאַפּער און בלוטדרוק־מעסטער ביי דער מענטשהייט און דער טאָג־טעגלעכער רעצעפּטן־פאַרשרייבער.

האָבן מיר דען נישט גענוג געצאָלט דערפאַר? האָט עס אונדז וויניק בלוט געקאָסט? פאַרוואָס זענען מיר דאָס קראַנקע פאָלק צווישן פעלקער? טאָקע דערפאַר ווייל מיר זענען אַ פאָלק, אַ דאָקטער!

און פּאָמפּאַדור פרעגט: וויפל איז דער שיעור? גיט מיר טויזנט געזונטע יידישע פּויערים און איך וועל אייך אָוועקשענקען צען טויזנט יידישע דאָקטוירים!

איך בין אייך מוחל אונדזער פעיקייט צו דערשמעקן יעדע קראַנקייט אונדזער דיאַגנאָזישע געניאַליטעט! זי פירט אונדז אין קראַנקן־צימער!! אין כלאָראָפאָרם־אַטמאָספער — און וואָס גיט די וועלט אירע מעדיקער?

מיר קורירן זי מיט מאָראַל־מעדיצין, מיט די עשרת־הדברות־פּילן, מיר היילן זי מיט אָפּעראַציעס, וואָס מיר רופן רעוואָלוציע... און מיר אַליין גייען אַרום קראַנק און צעבראָכן... און צום סוף הייבט אויף אונדז אויף דער פּאַציענט זיין שטאַרקע האַנט און צאָלט אונדז אָפּ מיט מוראדיקע קלעפּ...

אויך האָבן מיר זיך איינגערעדט, אַז מיר היילן די גוישע וועלט מיט אונדזער יידישן וויץ... אָבער וואָס איז דער יידישער וויץ אויב נישט אַ קבלה אויף צרות פאַרגאַנגענע און אָנווייזונג אויף צרות וואָס דאַרפן קומען?...

דער יידישער וויץ איז שאַרף, קלוג, טיף — אָבער ווער דאַרף אים? איך בין מוחל אונדזער גאַלגען־הומאָר, אונדזער בריהשקייט צו אַריינלאַכן אין פּנים דעם טייוול...

צום טייוול מיט אונדזער יידישן חכמהנען זיך!...
וויץ גייט ביי אונדז צוזאַמען מיט אַ קראַנקער נשמה און אַ צעבראָכענעם גייסט...

פּאָמפּאָדור וואָלט בעסער געוואָלט זען אַ יידן אַ תמים, וואָס שטייט נישט איבערגעשפּיצט מיט ביידע פיס אויף דער ערד. און דאַרף נישט פּאַרפּלפּולען זיין לופטיקע לאַגע...

איך וואַרט, אַז עס זאָל קומען ביי אונדז יענער ייד, וואָס קאָן אויפנעמען שווער אַ וויץ ווי אַן ענגלענדער. טעמפּ צו אַ חכמה, ווי אַ דייטש...

מיר האָבן שוין צופיל ביי אונדז חכמי־וויץ. צופיל וויצלינגע, וועלכע האָבן פאַרפּאַיאַצעוועט אַ יידיש ווערטל...

איך בין מקנא דער גוישער וועלט וואָס כאַפּט נישט אויף שנעל־יידישלעך אַ וויץ, אַן איינפאַל און אַ שטיק חריפות...

עס איז אַ געזונטע גוישע וועלט, תלמידים מיינע, און עס איז כדאי ביי איר עפּעס צו לערנען.

O. K.

פרייער ווילן

פרייער ווילן! פרייער ווילן! דער מענטש האָט די בחירה! פּאָמפּאָדור לייקנט עס אָפּ!... פּאָמפּאָדור גלייבט, אַז „פרייער ווילן" איז אפשר געווען ביי דעם ערשטן מענטשן, איידער, איידער גאָט האָט אים אַרויסגעריפּט הוהן פּאַר אַ ווייב...

ווייזט מיר, זאָגט פּאָמפּאָדור, אַ מאַן וואָס האָט באמת „פרייען ווילן" און איך וועל ווערן זיין שקלאַף...

די תורה פון „פרייען ווילן" גייט צוזאַמען שוועסטערלעך מיט זיכערקייט אויף דער ערד, איז ווי קאָן אַ מענטש האָבן „פרייען ווילן", אַז ער איז נישט זיכער מינוטיק יעדן קומענדיקן טאָג?

אַנטדעקט מיר דעם סוד פון אונדזער קומען און גיין — און איך וועל ווערן דער גרעסטער מאמין אין „בחירה חפשית". ווייזט מיר זעלבסטשטענדיקייט אין דער נאַטור גופא, און איך וועל באַזינגען דעם „פרייען ווילן" פון דעם מענטשן אין דער נאַטור. גיט מיר אַ בן־אדם, וואָס זאָל שטיין אַליין און אין די ביטערע מאָמענטן זאָל ער נישט רופן צו־הילף זיין מוטער — און איך וועל קריגן אמונה אין זיין „פרייען ווילן".

און פּאַמפּאַדור האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווייל, און נאָכדעם ווייטער גערעדט: תּלמידים! אַ מענטש ווערט געבוירן צוגעבונדן צום מוטער־נאַפּל, און ווען מען שניידט אים אָפּ פון נאַפּל, ווערט ער גלייך צוגעבונדן צום סוד פון לעבן... צו דער קאָסמאָס־געוווינהייט... און צום סוד פון אַלע סודות — דאָס שטאַרבן... און ווי קאָן ער גאָר רעדן פון „פרייען ווילן?...

איז דאָ פרייער ווילן ביים פאַרשפּאַרטן אין תּפיסה? און מיר אַלע, ווי פריי מיר זאָלן אומשפּאַצירן איבער דער וועלט — זענען מיר אין תּוך בירגער פון איין ריזיקער טורמע מיט מיליאָנען סודותדיקע צעלן און מיסטישע שלעסער...

אַפילו דיקטאַטאָרן האָבן נישט קיין „פרייען ווילן" — זיי זענען געבונדן צו די, וואָס פירן דורך זייער ווילן...

און אַפילו דער רבונו־של־עולם אַליין האָט נישט קיין „בחירה חפשית", ווייל דער שטן האָט אויך אַ דעה און תּפילות קאָנען איבערקערן זיין ווילן פון שלעכטס אויף גוטס...

לאַנג לעבן זאָלן די טעותן!

קוקט נישט אויף מיר אַזוי מאָדנע, תּלמידים מיינע, פּאַמפּאַדור מיינט וואָס ער זאָגט: די פּינקטלעכסטע זאַכן אין לעבן, זענען די טעותן, וואָס מיר אַלע מאַכן!

פאַקטן פון איבערלעבענישן, זענען אָפט נישט מער ווי טעותן, וואָס מיר האָבן געמאַכט...

חשבונות און סטאַטיסטיק, זענען אויך נישט מער ווי טעותן, פון ציפער, אַפילו די קינזי־רעפּאָרטן וועגן געשלעכט־לעבן בייביידע געשלעכטער, זענען נישט מער ווי טעותן אין דער פאָרעם פון רעפּאָרטן.

טעותן האָבן אין זיך פּאָעזיע, שוווּנג, פּאַטאָס, קאָמעדיע און טראַגעדיע, וואָס אָן זיי וואָלט דאָס לעבן געווען אַ פּינקטלעכקייט פון אַ סריס...

אַ טעות איז שווער צו פאַרריכטן, און דאָס איז דאָס גליק פון די טעות־מאַכער.

עס איז דאָ אַ טעות הדפוס, און אַ טעות ההיראָט און אַ טעות הלעבן, בכלל...

שרייבער מאַכן טעותן און זיי וואַרפן אַרויף אויף דעם בעל־מגיה און אויך הבעל־מגיה איז נישט מער ווי אַ טעות־מאַכער (אונטער דער פאָרעם פון אַ גרייזן־פאַרריכטער).

טעותים אין לעבן, ווי גרייזן אין אַרטיקלען אָדער גאַנצע ביכער, קאָן מען אָפט פאַרריכטן מיט אַ „תּיקון טעות"... אָבער אַזוי ווי די פאַרריכטונג קומט

מערסטנס אין סוף פון בוך, אין דער פֿאָרעם פון אַ צוגעקלעפּט צעטעלע, קוקט זיך דער לייענער אויף דעם נישט אום...

און אין דעם פּרט, איז אַ „תּיקון טעות" אין אַ בוך, דאָס זעלבע ווי אַ תּיקון טעות אין לעבן אַליין... אויך דער תּיקון־טעות פון לעבן, קומט צום סוף אין דער פֿאָרעם פון אַ ווידוי און דאַן איז שוין שפּעט צו פֿאַרריכטן.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך פֿאַרקוקט אויף אַ זון־פֿאַרגאַנג, און פֿאַרענדיקט:

— שטעלט אייך אין רייען, טעותן פון מיין לעבן, און איך וועל אייך באַגריסן, ווייל נאָר דורך אייך האָב איך געגאָסן אַביסעלע עונג חיים...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

„דאָס צווייטע געשלעכט"

ווער האָט מער ליב שיינקייט — פֿרעגט פּאַמפּאַדור — מאַן צי פֿרוי? און ער ענטפֿערט: דער מאַן.

פּאַמפּאַדור שרעקט זיך פֿאַר דעם ווייבערישן צאָרן — אָבער ער ריזיקירט און זאָגט: דער מאַן.

יעדער מאַן? יאָ, יעדער מאַן! פון פּראָפֿעסאָר ביז שוסטער, פון פּאָעט ביז קרעמער און פון בעל־עגלה ביז אַריסטאָקראַט. זיי אַלע זענען דינער פון דער געטין שיינקייט, זיי קניִען פֿאַר איר „עקדה" און ווערן אַליין די קרבנות...

וואָס וועט אייך אַ מאַנסביל נישט אָוועקגעבן פֿאַר אַ שיין פֿרויען־פּנימל? זיין זעלבשטענדיקייט, זיין „איך", מען שמועסט שוין נישט פון זיין אָפּגעשפּאָרט געלט... אַ מאַן רעכנט נישט אין זיין באַגייסטערונג פֿאַר שיינקייט...

אַ מאַן איז גרייט פֿאַר אַ פֿאַר כּישוף־אויגן פֿאַרשקלאַפֿן זיין קאָפּ און האַרץ און פֿאַרקויפֿן זייִנע הענט און פֿיס...

און אַ פֿרוי? זי פֿאַרקערט, איז אין תּוך, פּראַקטיש און וואָכעדיק ווי אַ קע־כין און אויסגערעכנט ווי אַ וואָכערניק.

אַ פֿרוי וועט הייראַטן יעדן מאַן. מעג ער זיין מיאוס און אָפּשטויסנדיק — צוליב פּראַקטישקייט.

הייראַט, פֿאַר אַ פֿרוי איז אַ בוכהאַלטעריע חשבון. פֿאַר אַ מאַן אַ שפּיל און צויבער... אַ פֿרוי זוכט נישט קיין שיינקייט אין אַ מאַן (און שיינקייט גייט מיט עסטעטיק), אַ פֿרוי ווערט זעלטן באַגייסטערט אַפֿילו פֿאַר גייסטיקער שיינקייט.

כּמעט יעדע פֿרוי איז גרייט צו גיין אונטער דער חופּה פֿאַר יעדן מאַן וואָס פֿירט זי פֿריִער מיט אַ טאָג אין אַ קאַדילאַק צו אַ גאָלד־געשעפֿט...

פרעגט די גאָלדוואַרג־סוחרים און די דימענטן־קרעמער און זיי וועלן אייך דערציילן וויפל שיינהייטן מיט מלאכים־פּנימלעך קומען אַריין צו זיי מיט העס־לעכע גראַביוונגערישע מאַנסבילן, כאַמסקע נפשות און צעקנייטשטע אַלטע נואפים — בלויז צוליב אַ דימענט רינגל... און אויך פּוטער־הענדלער וועלן אייך אַנט־פּלעקן דעם כישוף־סוד פון אַ קאָסטבאַרן געקויפטן מינק, פון אַ רייכן בעל־עברה אויף דעם פּרויען־געשלעכט.

עס איז דער נצחון פון פּאַראַדאָקס:

דווקא די פרוי, וואָס דאַרף זיין די פּאַרהייליקערין פון שיינקייט — איז אַליין נישט קיין זוכערין פון שיינקייט... אויב זי פּאַרהערלעכט שיינקייט איז עס נאָר די אייגענע... און דווקא דער מאַן, דער פּראַקטישער, דער וואָכעדיקער, פּאַרלירט זיין פּראַקטישקייט און ווערט פּאַטעטיש־יום־טובדיק, ווען עס קומט צו שיינקייט.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט וועגן בוך „דאָס צווייטע געשלעכט" פון אַ פראַנצויזישער שרייבערין, וועלכע מאָנט נאָך אַלץ גערעכטיקייט פאַר דער פרוי.

ד י ק אַ נ אַ פּ ע

און צו פּאַמפּאַדורן איז געקומען אַ יונגערמאַן מיט אים זיך אַן עצה צו האַלטן: צי זאָל ער גיין צו אַ פּסיכאָלאָג צי ניין? זיין פּראָבלעם: ער האָט אַ שוואַכן כאַראַקטער. קען זיך נישט באַשליסן דערהויפּט וועגן הייראַט; ער שרעקט זיך סתם פאַר אַ פרוי...

האָט פּאַמפּאַדור אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— יונגערמאַן, צו וואָס דאַרפט איר גיין צו אַ פּסיכאָלאָג. גייט בעסער צו אַ שדכן! אַ שדכן קען אויך אָפּט צוזאַמענפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, אָבער עס איז אַלץ פּראַקטישער ווי צוזאַמענפּאָרן אַן אומשולדיקן יונגנמאַן מיט אַ ליידיקער קאַנאַפּע...

נעמט אַוועק די קאַנאַפּע פון די פּסיכאָלאָגן און פּסיכאָאַנאַליטיקער און עס וועט בלייבן אַ ליידיקע לערע...

פּסיכאָלאָגיע איז אַליין אַ קראַנקע לערע, פּסיכאָאַנאַליטיק — מעדיצינישער פּלפּול. קען מען דען אַ מענטשן אַוועקנעמען פון זיינע איינגעבוירענע שוואַכ־קייטן? — ניין! יעדער מענטש ווערט געבוירן מיט זיינע שוואַכקייטן און אַ

שוואַכן כּאַראַקטער קען מען נישט קורירן מיט לייגן אים אויף דער קאַנאַפּע און רעדן צו דער סטעליע.

בלויז דאָס לעבן אַליין און די האַרטע דערפאַרונג קאָנען אַמאָל איבער־אַנדערשן אַ כּאַראַקטער. און עס איז נאָך בכלל נישט באַשטימט וואָס איז באמת שוואַך אין אַ מענטשנס כּאַראַקטער און וואָס איז שטאַרק.

אָפּט זענען שוואַכקייטן — גאַר שטאַרקייטן און פאַרקערט. אַ שוואַכער כּאַ־ראַקטער ווערט אַמאָל שטאַרק און ווייזט גבורות בשעת אַ סכּנה און אַ שטאַרקער כּאַראַקטער ווערט שוואַך ביי דער ערשטער פּראָבע.

די פּסיכאָלאָגיע פון דער מענטשלעכער נשמה איז אַ קנויל מיט זייער דינע פעדים, געהאַלטן אויפן שויס פון אַ בלינדער זקנה... און ביי אירע פיס שפּילן זיך צענדליקער שפּילעוודיקע קעצעלעך און זיי פּלאָנטערן און פאַרפּלאָנטערן...

אויב פּאַמפּאַדור האַלט יאָ אַ ביסל פון פּסיכאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגישן צו־גאַנג, איז עס נאָר אין ראָמאַנען.

אַ ראָמאַניסט באַהאַלט זיך הינטער די פּלייצעס פון פּסיכאָלאָגיע. אַ ראָ־מאַניסט קען, מיטן פּסיכאָלאָגישן ליגן אַרויספּאָמפּען אַ סך אמתן פון זיינע העלדן. פּאַר אַ ראָמאַניסט איז פּסיכאָלאָגיע דער געזונטסטער מיטל צו שפּעקולירן אויפן חשבון פון זיינע לייענער.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און נאָכדעם ווייטער געריעדט:

פּסיכאָלאָגיע איז ספּעקולאַטיוו ווי די בירזשע; אויך אויף דער בירזשע פון פּסיכאָלאָגישע „אינוועסטמענטס", פּונקט ווי אויף דער רעאַליסטישער געלטיקער בירזשע ווייסן זייער ווייניקע פאַרוואָס עס פאַלן פּלוצים געוויסע אַקציעס און פאַרוואָס זיי הייבן זיך מיטאַמאָל.

דאָ ווי דאָרטן איז עס אַ דרייען זיך אין אַ נערוון־קאַראַהאַד... און טאַקע ווידער אַמאָל קום איך צום ראָמאַניסט. אַ ראָמאַניסט איז אַ פּסיכאָ־אַנאַליטיקער, וואָס זעצט זיינע העלדן אויף פּלושענע בענקלעך און אויף טייערע פּאָטער־שטולן און ער שטעלט זיי אַפילו אַוועק אויף ראָג־גאַסן. אַ דאָקטער, אַ פּסיכאָ־אַנאַליטיקער, לייגט בלויז אויף דער קאַנאַפּע...

צווישן פרוידן און דאָסטאָיעווסקין קלייבט פּאַמפּאַדור אויס דאָסטאָיעווסקין.

דאָסטאָיעווסקי איז זיינע העלדן, קליינע און גרויסע, נאָכגעגאַנגען ווי אַ דיכטער, געבלאָנדזשעט מיט זיי צוזאַמען, דורך זיי, מיט זיי, געזוכט אַן ענטפער אויף בלוטיק קרימינעלע פּראָבלעמען. געוואָלט אַריינקוקן אין דעם אָפּגרונד פון זינד און פאַרברעכן.

פרויד אָבער פּסקנט... שאַפט טעזיסן... פּלפּולט; און פּסק־דינים זענען צו־

געשניטענע ענטפערס לויט געוויסע „מוסטערן”... און טעזיסן זענען פאַרעוועט מאכלים פאַר פלייש־עסער... דאָסטאָיעווסקי האָט באַפליגלט און באַרייכערט און פרויד האָט אָנגעבונדן שטיינער אויף דער מענטשלעכער נשמה...

יונגערמאַן —האָט פאַמפאַדור פאַרענדיקט— לאָזט אָפּ די פּראָפעסיאָנעלע פסיכאָאַנאַליטיקער און פסיכאָלאָגן. זיי וועלן אייך בלויז אָרעמער מאַכן.

גייט אין לעבן און נעמט אַ ווייב! מאַכט טעותן ווי אַלע און פאַרריכט זיי אַליין, כדי צו מאַכן נייע טעותן... און שרעקט זיך נישט פאַר טעותן, ווייל די טעותן זענען די ציפערן, וואָס שטעלן צוזאַמען דעם סך־הכל פון לעבן.

און נאָך עפּעס:

קיין דאָקטער־פסיכאָלאָג קען נישט באַשליסן פאַר אייך. אַ ווייב — יאָ... טאָ נעמט אַ ווייב און שרעקט זיך נישט... איר וועט פאַרשפּאָרן זוכן כאַראַקטער־שטאַרקייט, זי וועט שוין אַלצאיינס באַשליסן פאַר אייך...

אַזוי האָט גערעדט פאַמפאַדור.

די הינקענדיקע וועלט

אַ זוניקער אָסיען־פרימאָרגן. פאַמפאַדור שפּאַצירט איבער דער 5טער עוועניו, יום־טובדיק געשטימט. זיין געמיט איז רויִק היינט, ער גייט אַריין אין אַ רעסטאָראַן, זעצט זיך עסן פרישטיק — אַ געלונגענער פרישטיק! די אייער פריש, דער „טאָוסט” פונקט ווי ער האָט ליב! נישט צו ווייך און נישט צו טרוקן... די קאַפע גוט! און ער לאָזט זיך שפּאַצירן ווייטער; נאָך אַלע בונטאַרישקייטן, פּאַראַדאָקסן און טענות צום באַשאַפער — איז עס דאָך אַ שיין וועלטל... און אפשר גאָר אַריינגיין צו אַ פריינט, אַ מאָלער, אַ דיפּלאָמירטער אָפּטימיסט, אַביסעלע פלאַפלען — און פאַרטרינקען מיט אַ גלעזל איטאַליענישן ווערמוט? און אַזוי אַריבערגייענדיק אַ גאַס, גיט מיט אַמאָל פאַמפאַדורס לינקער פוס זיך ווייטיקדיק אַ דריי און ער בלייבט שטיין נישט צו רירן זיך פון אָרט... אָבער דערווייל דערזעט ער אָנלויפן אַ קאַר, שמעקט עס מיט סכנה... שטרענגט ער זיך אָן און הינקט צו צום טראָטואַר...

בלייבט פאַמפאַדור שטיין, וואָס טוט מען ווייטער? ס׳גייט זיך נישט... און נעמען אַ קאַר ביז אַהיים, וועט ער איבערשרעקן זיין פרוי, לאָזט ער זיך צום נאָענטן סאָבוויי... און, מערקווירדיק, אין איינע צען מינוט האָט פאַמפאַדור דערזען אַ נייע וועלט... מיט אַ נייעם פרימאָרגן... און נייע מענטשן... ער האָט

אין די צען מינוט געלערנט, אַז עס איז דאָ חוץ די צוויי קלאַסן, קאַפּיטאַליסטן און פּראָלעטאַריער — אויך אַ קלאַס פון גלייך־גייענדיקע און הינקענדיקע...

און אַזוי הינקענדיק צום סאָבווי — האָט ער אַנטדעקט אַז עס זענען דאָ נאָך אַזעלכע הינקענדיקע ווי ער... אָט גייט טאַקע אַ קאַליקע אויף צוויי קוליעס... און אָט קומט אים אַנטקעגן אַ צווייטער מיט אַ שטעקן... גיט פּאָמפּאַדור גלייך אַ טראַכט: אפשר וועט ער אויך דאַרפן אַ שטעקן? נאָך אַ בחור, צוריק מיט יאָרן, האָט ער שפּאַצירט אויף איסט־בראָדוויי מיט אַ שטעקן, מיט אַ זילבערנעם קאָפּ... און ער איז געווען שטאָלץ אויף דעם, ווי אויף זיינע לאַנגע האָר... אַ פּאָעט... וואָס דען? אָבער שפּעטער אַ ביסל, ווען ער האָט זיך איינגעבירגערט און גע־וואָרן אַ שטאַרק פּאַרנומענער צייטונגס־מענטש, האָט אים דער שטעקן געבראַכט אַ סך טראָבל: ער פלעגט אים פּאַרגעסן אין די רעסטאָראַנען און מוזן לויפן צוריק... ביז ס׳האָט אים דערעסן און ער האָט דעם שטעקן אַוועקגעשענקט זיי־נעם אַן אַלטן פריינט, אַ קאָלעקטאָר פון שטעקנס... איז אפשר בעטן ביי אים דעם שטעקן צוריק?... איצט איז עפּעס אַנדערש... פּאָמפּאַדור איז צווישן דער חברה הינקענדיקע איצט...

מאָדנע געדאַנקען קומען אין קאָפּ ווען איר גייט אַרונטער פון דער ליניע פון גלייך־גייער... ווען איר הייבט אָן הינקען, — הינקט די גאַנצע וועלט מיט אייך... און אייך ווערט קלאָר דער טייטש פון אַ פאַלשן טראָט...

און אָט האָט פּאָמפּאַדור ווי ס׳איז זיך דערשלעפּט אַהיים... יעדער טראָט האָט אים געקאָסט געזונט... און שלעפּנדיק זיך אַהיים, שוין נישט ווייט פון זיין דירה — קומט אָן אַ קאַליקע אַנטקעגן, פּנים אל פּנים, אַ לאָמער קאַליקע, אויף צוויי קוליעס... און ביי פּאָמפּאַדורן האָט זיך אַרויסגעריסן: ניין, דאָס טויג שוין גאָרנישט! קאָמיש וויל ער נישט זיין, הינקען אַנטקעגן אים — דאָס נישט! און פּאָמפּאַדור וואַרט — זאָל ער דורכגיין. און אָט ליגט שוין פּאָמפּאַדור אין בעט, דער פוס אַרומגעלייגט מיט אייז און מחשבות פילאָסאָפישע קומען און גייען:

מ׳רעדט כסדר פון גלייכע וועגן אין לעבן, און קרומע וועגן, — און ווער ווייס באמת וואָס גלייך איז און וואָס קרום? אָט איז ער, פּאָמפּאַדור, געוואָרן אַ הינקענדיקער דווקא אויפן גלייכן וועג... און גיין צו אַ ציל — מיינט אויך גאָר־נישט... דאָס לעבן — אַן אַנטאָלאָגיע פון פאַטאַליזם... אַלץ איז פאַטאַל, צופעליק און נסימ׳דיק... אַפילו דער רעאַליזם אַליין הינקט און ס׳איז גרינג אַריבערצוגיין דעם טייך פון רעאַליזם בדרך נסים. און וואָס איז פּסיכאָלאָגישע וויסנשאַפט? נישט אַ שפּיל מיטן צופאַל? אויספּאַסן פּסיכאָלאָגיש יעדע געשעעניש? און אַ

מענטשנס פּסיכאָלאָגיע בייט זיך לויט די אומשטענדן... הייסט עס, אַז עס זענען דאָ אַן אַ שיעור פּסיכאָלאָגיעס... אַ דעפּאַרטאַמענט־סטאָר פון פּרווידיאַניזם...

און די פּסיכאָלאָגיע פון איינעם קאָן זיך ענדערן אין איין טאָג, צוזאַמען מיט די אומשטענדן... אָט איז אַ מענטש אַ פּראָסטער אַרבעטער — אָבער מיט אַמאָל ווערט ער אַן אויפזעער אין זיין פאַבריק... און גלייך ווערט ער אַן אַנדערער... און ווערט איינער פון אַ שרייבער אַ רעדאַקטאָר — קריגט ער מיט זיין שטול אַן אַנדער שטעל...

און ווען אַ מענטש קריגט אַ דיפּלאָם, ענדערט זיך זיין בליק צוזאַמען מיטן שטיקל פּאַפּיר... און אַז אַ מונדיר פאַרמאָגט דעם גרעסטן כוח איבערצומאַכן אַ מענטשן — איז דאָך גוט באַקאַנט... און וואָס איז די גדלות פון אַ מונדיר? אַ קנעפּל... און וואָס איז אַ נייע לאַגע פון אַ מענטשן, אויב נישט אַ נייער לבוש? אַ פּרישער בגד ?

און פּאַמפּאַדור פילט ווי דאָס אייז קילט און היילט זיין פוס. ער קילט און ער וואַרעמט נייע געדאַנקען און קומט צו נייע שלוסן: אויך צו ליגן אין אַ בעט אומבאַוועגלעך קאָן מען זיך צוגעוווינען ווי צו אייז־קאָמפּרעסן און קראַנק זיין מיינט אויך אַריין אין אַ נייעם קלאַס... און די קראַנקע האָבן באַזונדערע פּריווי־לעגיעס...

ליגן ווי אַרומגיין זענען צוויי קוק־שטאַנדפּונקטן אין לעבן; דער ליגנדיקער האָט זיין קוק און דער גייענדיקער זיינעם...

אַלזאָ, ס׳איז נישטאָ איין וועלט, נאָר אַ סך... וועלטן מיט און אָן פעלערן... און די גאַנצע כלומרשטע גלייכע וועלטן, זענען אויך קאַליקעס... נאָר זיי ווייסן נישט... און די קאַליקע־וועלטן צוזאַמענגענומען דאַרפן זיך אויף עפּעס אָנשפּאַרן... איינער דאַרף שטאַרקע שטעקנס... אידעען, פּראַגראַמען... די הענט מוזן קומען צו־הילף די פיס... און וואָס שפּילט אַ גרעסערער ראָלע אין לעבן: די הענט צי די פיס?

איצט, גלייבט פּאַמפּאַדור אַז פיס... ווייל ער דערמאָנט זיך אַז ער האָט אַמאָל געזען אין סאָבווי אַ יונגנמאַן מיט אַרבל בלויז אָנשטאָט הענט, איז ער דאָך גע־זעסן אַרומגענומען מיט אַ מיידל... ווייל די פיס האָבן אים דערפירט צו זיין גליק...

פיס — מיינט מעמד. שטיין, גיין, טופּן, לויפן, יאָגן... הענט מיינט — דער־לאַנגען — אויף גרייטן אָנקומען, נעמען דאָרט וווּהין די פיס פירן...

און וואָס איז וויכטיקער? אפשר גאָר דער קאָפּ? אפשר גאָר דאָס האַרץ? און וואָס איז האַרץ? אַ משרת ביים קאָפּ צי פאַרקערט, אַ האַר איבערן קאָפּ? און הענט און פיס זענען „פיידזש־באָיעס" ביי זייביידן...

נאָר פאַרוואָס שטאַרבן אַזוי פיל מענטשן פון האַרץ? קאָפּ האַלט אויס מער ווי האַרץ... אַן אידעלע מאַטעריע האַרץ... נישט ריר עס אָן.

קען מען זיך דאָך העלפן אַן פּיס און אָן הענט...

און פּאַמפּאַדור פאַרפּלאָנטערט זיך אין געדאַנקען... ס׳איז אים קיל... דער פּוס ווערט משמעות בעסער... דער דאָקטער וועט באַלד קומען... אָבער הייס איז אים פון טראַכטן...

און קאָמיש איז דאָס גאַנצע שפּיל אין גלייך און הינק... אָט מען דאַרף גאָר איינדרימלען... דאָס איז די אַרבעט פאַר די אויגן... אַן אינסטיטוציע, וואָס איר בעסטע אָפּטיילונג איז שלאָף... דער שלאָף גרייכט אָן פּיס אין חלום־לאַנד, שנעלער ווי פליִענדיק אויפן שענסטן עראָפּלאַן... און חלומען קען מען אָן פּיס אויך...

און פּאַמפּאַדור האָט געזאָגט צו פּאַמפּאַדורן: שליס צו די אויגן און פאַרגעס אָן דער קראַנקער, הינקענדיקער וועלט — אַ גוטע נאַכט!...

אַזוי האָט גערעדט (דאָס מאָל צו זיך אַליין) פּאַמפּאַדור.

קיינער ווייסט נישט

א.

קיינער ווייסט נישט ווי איז בעסער צו לעבן און נאָך מער ווייסט קיינער נישט ווי איז בעסער צו פאַרענדיקן אַ לעבן...

לעבן —מיינט פּאַמפּאַדור— איז אַ פּילקע געוואָרפן פון אַ קליין קינדער־הענטל, נישט ווויסנדיק ווו זי וועט פאַלן...

לעבן — איז אייביקע טעאַטער־פּראָבע פון אַמאַטאָרן... דאָ איז נישט שייך קיין בעסער...

און די פראַגע ווי איז בעסער צו פאַרענדיקן אונדזערע לעצטע שעהן, קען מען נאָר פאַרגלייכן צו אַ שפּיל אויף דער בירזשע. עס איז אַ בלינדע שפּיל... קיינער ווייסט נישט דעם ווערט פון מצוות און עבירות — אויף דעם „סטאָק מאַרק״ פון יענער וועלט...

עס איז ריינע ספּעקולאַציע.

און דערפאַר זענען גרויסע מענטשן געשטאָרבן פאַרשיידן:

איינער האָט זיך אַרויסבאַגלייט פרום אין אַ טלית, מיט אַ ריטואַלן ווידוי... אַ צווייטער, אַן אַפּיקורס, ביז צום סוף, האָט עקשנותדיק אָנגעזאָגט, אַז ער וויל נישט אַפילו קיין „מלא״... אַ דריטער, אַן אַטעיִסט, איז געשטאָרבן מיט קללה

אויף „יעהאָוואָ"... אַ פערטער — מיט אַ ציטאַט דווקא פון איוב... און פּאַמפּאַ־דור האָט אַ קנייטש געטון זיין שוין פיין צעקנייטשטן שטערן און פאַרגעזעצט:

תלמידים! אויך די פראַגע פון אַ לוויה איז אַ וויכטיקע. דאַרף אַ לוויה זיין גוייש מיט בערג בלומען, צי מיט יידישן געוויין פון דורות?

דאַרף אַ חזן מאַכן אַ „מלא" צי מען דאַרף אַ יידן באַגראָבן בלויז מיט אַ רעדע?

ב.

פּאַמפּאַדור, תלמידים מיינע, ווערט שוין אויך אַלט. קענטיקע סמני־זקנה ווייזן זיך. ער האָט ליב געקראַגן דעם הויז־כאַלאַט און די וואַרעמע שטעקשיך. ער האָט אפילו שוין אָנגעהויבן האַלטן פון וואַלענע זאָקן.

און ווען אַן אַלטער מאַן קרעכצט דורך פאַרביי פּאַמפּאַדורן, געבויגן אין דרייען, מיטן פּנים צו מאַמע־ערד — קוקט אים פּאַמפּאַדור נאָך און ער פרעגט זיך: באַלד וועל איך אַזוי גיין?...

און גאַנץ אָפט, ווען פּאַמפּאַדור קומט אַ היים פון אַ לוויה הייבט ער אָן זאָרגן פון זיין אייגענער לוויה... וואָס פאַר אַ לוויה וואָלט ער געוווּנטשן? אַ גרויסע?... נו, יאָ... אַ גרויסע מיינט אַ שיינע. און אַמאָל ווען ער איז גוט אויפגעלייגט באַשליסט ער, אַז אין זיין צוואה וועט ער אָנזאָגן: קאָלעגן זענען געבעטן נישט גיין צו זיין לוויה — נאָר גיין גלייך אין קאַפעטעריע!... ער ווייסט, אַז קאָלעגן ביי לויות ווערן זייער הומאָריסטיש געשטימט... און זיי הייבן אָן שיטן מיט וויצן און פּאַמפּאַדורן דאַכט זיך אָפט, אַז ער ווערט אַ שונא פון וויצן...

דאָס גלייכסטע, טראַכט פּאַמפּאַדור, איז צו דינגען 1.000 פרעמדע, פּשוטע יידן, אַלע מיט בערד און זיי זאָלן נאָכגיין זיין ארון, יעדער מיט אַ פּושקע און אַלע אין איין קלאַפּ זאָלן רופן: צדקה תציל ממות... דאָס וואָלט געמאַכט אַ רושם... אַזאַ לוויה איז אָבער אַ הוצאה. און אַ היפּשע... וועלכער ייד וועט ביים היינטיקן יקרות גיין צו אַ לוויה ווינציקער ווי פאַר דריי דאָלער אַ שעה? און די מניעה איז: ווו נעמט מען מזומן דריי טויזנט דאָלער? און צי וועלן די יורשים וועלן אויסגעבן אַזאַ גרויסע סומע אויף אַ טויטן טאַטן?

ג.

און פּאַמפּאַדור האָט אַ קוק געטון אין שפּיגל, געוואָלט אָנקוקן זיין אייגענע גרימאַסע און ער האָט ווייטער גערעדט:

תּלמידים! פּאַמפּאַדור ווינטשט, אַז זיין לויה זאָל זיין בלויז פון 100 חזנים. און זיי אַלע זינגען „אל מלא רחמים“ און איינער פּלייסט זיך איבערשטימען אַ צווייטן.

פּאַמפּאַדור האַלט פון חזנים ביי אַ לויה מער ווי פון די געניטססטע מספּידים.

און פּאַמפּאַדור שטעלט זיך פאָר ווי אימפּאַזאַנט דאָס בילד וואָלט געווען: 100 חזנים ביי זיין לויה! אַזאַ זאַך איז נאָך נישט געשען זינט מען באַגראָבט שרייבער...

און פּאַמפּאַדור זעט זיך ווי ער ליגט אין אָרון און שאַצט אָפּ די חזנישע שטימען ווי אַן אמתער מוזיק־קריטיקער: דער חזן האָט אַ זיסן טענאָר, נאָר עס „רייסט“ זיך ביי אים... יענער חזן־באַריטאָן, וואָלט געווען גוט ווען ער פאַלט נישט אַרונטער אין פאַלצעטאָ... דער חזן־באַס איז גוט — נאָר ער קומט נישט צו שאַליאַפּינס... און אַ פערטער — אָנשטאָט אַ „מלא“ זינגט אָפּערע, און אַ פינפטער — וואָלט געווען גאָר גוט — נאָר ער האָקט שלעכטע עברי.

פּאַמפּאַדור איז אויף אַלץ אַ מבין נאָכן טויט...

הימל און ערד

מענטשן באַריידן די ערד, שילטן די ערד: די ערד איז האַרט, די ערד איז בלאָטיק, די ערד מוז מען באַאַרבעטן מיטן שוויס פון פּנים...

די ערד — איז אויך אונדזער לעצטע סטאַנציע. און ווער וויל פאָרן צו אַזאַ סטאַנציע? אָבער, תּלמידים מיינע, טראַכט זיך אַריין — זאָגט פּאַמפּאַדור — און איר וועט איינזען, אַז די ערד איז אומשולדיק אין אַלץ וואָס מען באַשולדיקט זי... ווייל פאַרשאַלטן איז די ערד ווייסט איר צוליב וועמען? — צוליבן הימל!

אַלע אומגליקן פון דער נידער, קומען פון דער הויך... ווען דער הימל ווערט קאַרג און גיט נישט קיין רעגן — ווערט די ערד טרוקן, האַרט און זי גיט נישט קיין תּבואה...

און אויך די ערדישע בלאָטע קומט אויך נישט פון דער ערד — נאָר טאַקע ווידער פון הימל...

ווען דער הימל ווערט ברכהדיק און רחמנותדיק — גיט ער רעגן מיט אַ פולער האַנט, טאָג נאָך טאָג — און עס ווערט בלאָטע...

דער הימל קען זיך טעאַטראַליש בייטן, מאַסקירן און גרימירן זיך...

אָפט קומט ער אויס אַזוי ריין בלוי, און גוטמוטיק — אָבער אין דער אמתן שפּילט ער כּסדר מיט דער ערד אין צו להכעיס. אָט אַ ברכה — אָט אַ קללה...

אַט פֿאַרגיסט ער זי מיט זון און אַט פֿאַרפֿינסטערט ער איר מיט וואָלקנס. און אַט ווערט ער גאָר בייז און וואַרפֿט זיך מיט דונער און בליץ...

תּלמידים! די ערד איז פֿאַרשקלאַפֿט צום הימל און ווי קען זי זיך באַפֿרייען?

דער הימל איז פֿאַר גאָט — און די ערד איז געגעבן צו מענטשן? — ניין!...

די מענטשן זענען נישט פֿריי פֿון דער ערד וואָס זיי באַטרעטן... זיי זענען קנעכט צום הימל... און גאָט וואָס האָט אין זיין באַזיץ דעם הימל — באַנוגנט זיך נישט; ער הערשט איבער דער ערד און נישט מיט יושר און איינזעעניש — נאָר מיט הערשערישער רשעות און קאַפּריזן...

די ערד האָט אַ קנאַפּע דעה ביים הימל... אַזוי, אַז אַפֿילו געוויין און תּעניתים העלפֿן נישט...

דער הימל מאַכט זיך טויב צו די ערדישע בקשות, תּפֿילות און געוויינען...

דער הימל, תּלמידים מיינע, איז אַ זעלבסט הערשנדיקע היעראַרכיע...

דער הייליקער קריג

פֿרעגט פּאַמפּאַדור: דאַרף מען זיך אונטערגעבן דעם טויט? מאַכן שלום מיט דעם אוראַלטן פֿאַרניכטער פֿון לעבן?

איר דענקט געוויס, אַז עס איז אַן אַרויסגעוואָרפֿענע אַרבעט. אַז עס איז אומזיסט די קריגס־דערקלערונג קעגן דעם מלאך המוות?

אָבער פּאַמפּאַדור האַלט: אַז מען טאָר זיך נישט אונטערגעבן, אַז דער קריג איז אַ הייליקער קריג!

ווייל אונטערגעבן זיך דעם טויט — מיינט, מבטל מאַכן דאָס לעבן, שליסן שלום מיט דעם ערשטן גרעסטן שונא, דעם גרויזאַמסטן אָנגרייפֿער פֿון דורות און דורות.

ניין! — רופֿט פּאַמפּאַדור — קיין שלום!

אַ מענטש דאַרף זיין אין שטענדיקן טאָג־טעגלעכן קריג מיטן טויט... ער מוז שטענדיק זיין גרייט צום קאַמף ביז מען וועט אַרויסשלאָגן די בלוטיקע שווערד פֿון זיין האַנט.

ווייל — פֿרעגט פּאַמפּאַדור — מוז אַ מענטש טאַקע שטאַרבן ווי אַ פֿייגלינג, און דאַרף אַ פֿייגלינג זיך אָנרופֿן מענטש?

אַ מענטש מוז גלויבן, אַז מען וועט, סוף כּל סוף, באַזיגן דעם טויט און צעשטערן זיין זעלבסט־הערשונג...

און באַקעמפֿן דאַרף מען אים, נישט מיט פֿרומע זאָגעכצן און וויינענדיקע

תפילות און קלאָגעדיקע פּסוקים — נאָר מיט שטאַרקערע וואָפן. און דאָס איז חוץ מיט דער מעדיציניִשער וויסנשאַפט אויך מיט הומאָר: דער מענטש דאַרף אויסלאַכן דעם טויט. פאַר געלעכטער שרעקן זיך דיקטאַטאָרן.

תלמידים! לאַכט דעם טויט אין פּנים אַריין — און איר וועט אים באַזיגן! און דערהויפּט: ווידערשפּעניקט אין אייערע לעצטע מינוטן: בייגט זיך נישט פאַר דעם מאַן מיט די טויזנט אויגן, קוקט אים גלייך אין די אויגן — און לאַכט!

אָה, ווי פיינט עס האָט פּאַמפּאַדור די תפילה־פּלעפּלער בשעת יציאת נשמה, די בעלי תשובה ווען דער חלף ליגט אויפן האַלדז — די ווידוי־זאָגער — מיטן גלח צי רב אין דער לעצטער מינוט.

פּאַמפּאַדור רופט אָט דעם קלאַס מענטשן — תשובה־האָזן.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אין וואַלד פון גרויס־שטאָט

און פּאַמפּאַדור האָט געוואָלט זיין אַליין — איז ער אַוועק בלאָנדזשען איבער די גאַסען פון ניו יאָרק.

און נאָכדעם האָט ער צו זיינע תלמידים אַזוי געזאָגט:

תלמידים מיינע! ס׳איז אַ גוואַלדיקער פאַרגעניגן אַרומצוגיין איבער די טומלדיק־געפּאַקטע גאַסן פון ניו יאָרק — און דאָך זיין אַליין...

אַליין — מיט מיליאָנען נפשות.

אַליין — אין קרייז פון אייגענע געדאַנקען — אין אַזאַ געדאַנקענלאָזער איי־לעניש און שטופּעניש... איר האָט אַ פּנים ווי איינער וואָס שפּאַצירט אַרום אויף אַ יאַריד — מיט שבת־טריט.

און עס איז גוט, וואָס קיינער קאָן אייך נישט. דאָרט ווו מען קאָן אייך, קענט איר נישט זיין אַליין...

מענטשן גריסן אייך.. שטעלן אייך אָפּ... פרעגן אויף אייער געזונט און אויפן געזונט פון ווייב... און דערציילן אייך די נייעסטע וויצן וועלכע זענען שרעקלעך אַלט...

נאָר אין וואַלד פון גרויס־שטאָט — קענט איר זיין אַליין, מיט אייער אַליינ־קייט פון אומעט און טראָגן אייער עלנט ווי אַ שיין פאַרפּאַקט פּעקעלע פון אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר.

תלמידים! פּראַוועט התבודדות מיט מיליאָנען מענטשן ביי דער זייט — און אייך וועט זיין גוט!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אַ קליין אָרעם ווערעמל

און פּאַמפּאַדור איז געזעסן אונטער אַ צעצווייגטן בוים אין פּאַרק, פאַרטיפט אין זיך. און מיטאַמאָל האָט ער דערפילט אַז עפּעס איז געפאַלן אויף זיין אַקסל. און דאָס איז געווען אַ גרין בלעטל און אויפן בלעטל האָט געערוט אַ קליין געל ווערימל.

און פּאַמפּאַדור האָט גענומען דאָס בלעטל אין האַנט און אַזוי געזאָגט צום ווערימל:

אָרים קליין ווערימל! דו ביסט איצט אין מיין רשות, ווען איך וויל פאַרענ־דיקסטו דיין קורץ לעבן גלייך... איין דריק — און דו לעבסט נישט מער... אָבער איך טו עס נישט, ווייל דענק נישט ווערימל, אַז איך בין מער מיוחס פון דיר, אַז איך בין מיט מיין עקזיסטענץ זיכערער פון דיר.

אויך אויף מיר לויערט געפאַר: אַ קאַר, עטלעכע טויזנט מאָל שווערער פון מיר קען מיך דערשטיקן... אַ שפּילעוודיקע קויל פון אַן אומבאַקאַנטער האַנט קען מיך טרעפן, אַ דונער קען מיך דערשלאָגן, איך קען זיך דערטרינקען אין ים, פאַלן פון אַן עראָפּלאַן, אויסגליטשן זיך אין אַ וואַנע און שטאַרבן. דאָס איז חוץ צענד־ליקע קראַנקייטן, וואָס מלאך־המוותן אויף מיר פון אַלע ווינקלען... קליין, געל, נישטיק ווערימל אויף אַ שוואַך ציטערדיק גרין בלעטעלע, איך בין דיינער אַ ברודער. כאָטש איך גיי מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און רייד זיך איין, אַז איך בין אַן אויסדערוויילט באַשעפעניש...

מיין איינציקער פאָרצוג קעגן דיר איז, וואָס איך האָב מער צו פאַרלירן ווי דו.

אַלזאָ, אָרים ברודערל מיינס, איך האָב באַשלאָסן לאָזן דיך לעבן. אָט לייג דיך אַוועק אויף דער ערד ביים זייט פון בוים און דו ביסט פריי ארונטערצוקריכן פון דעם גרינעם בלעטעלע, אָדער בלייבן אויף אים...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

וועלדער ברענען

וועלדער ברענען — און ס׳איז אַזוי שווער זיי צו לעשן, ווי דעם דורשט פון אַ שיכור.

וואַלד־פייערן זענען די הערלעכסטע שפּיל אין פייער־ווערק פון דער נאַטור — און אויך די געפערלעכסטע.

אין שוועבעלע, קליין־קעפּיק און נישטיק קען אונטערצינדן שטרעקעס מיילן און מיילן פון בוים־ישוב.

און ווער קען זיך פאַרהיטן פון אַ שוועבעלע?

די וועלט איז אַרויסגעקומען פון וואַסער און ווערט געברענט כסדר אין פייער־בראַנד.

מלחמה איז — אַ וואַלד־פייער.

שלום — אַ פאַוזע בלויז צווישן צינד־ און לעש־אַקטן.

פייער ליגט באַהאַלטן אין אַלץ, אין אַ שוועבעלע ווי אין אַ האַרץ.

מענטש און בוים זענען קרבנות פון פייער וואָס ברענט אין וועלט־אַל פון בראשית אָן...

און אויך דער באַשאַפער אַליין האָט גרויס ליבע צו פייער. די מילימיליאַסן פייער־קרבנות זענען זיין פייערלעכער יום־טוב.

דער רויך פון אַלע פייער־אָפּפער זינט וועלט איז וועלט, כאַפּט אַרום דעם רוים און וויקלט אים אין אַ טלית פון רויך...

די וועלט ברענט אירע וועלדער יעדע מינוט און אמתע פייערלעשער זענען קליין אין צאָל און קענען זיך נישט קיין עצה געבן וואָס און וועמען פריער צו ראַטעווען...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אָז אַן ענטפער

תלמידים! איר פרעגט נאָך אַלץ, וואָס איז לעבן? און איר ווילט אַן ענטפער?

פּאַמפּאַדור קען אייך דעם ענטפער נישט געבן, אַפילו ווען ער וואָלט אים געהאַט... פּאַמפּאַדור האַלט, אַז דער איינציק־ריכטיקער ענטפער אויף דער אַלט־אַלטער פראַגע: וואָס איז לעבן? איז דער „אָן אַן ענטפער".

פּאַמפּאַדור גלויבט אַפילו, אַז די גלייכסטע זאַך איז, גאָרנישט פרעגן... ווייל, ווייסן מיר דען נישט פון דערפאַרונג, אַז גלייך ווי מען הייבט אָן פרעגן ווערט זייער טרויעריק, ווייל ווו נעמט מען דעם ריכטיקן ענטפער?

פּאַמפּאַדור מיינט, אַז די וועלט באַשטייט פון גליקלעכע נישט־פרעגער און אומגליקלעכע פרעגער. די „נישט־פרעגער" לעבן צופרידן און די „פרעגער" פּייניקן זיך און אַנדערע.

וואָס פאַר אַן ענטפער גיבן די פילאָזאָפן אויף דער פראַגע: וואָס איז לעבן?

— אויב פּילפּול געפּאָרט מיט טעזיסן איז אַן ענטפער — גיבן זיי דאָס מיט דער פולער האַנט.

אויב אַקראָבאַטיק פון ווערטער איז אַן ענטפער — קען מען זיין צופרידן מיט יעדן פּראָפעסאָר.

ניין! זאָגט פּאַמפּאַדור. דווקא די חכמים וואָס דענקען, אַז זיי האָבן דערגרונ־טעוועט דעם סוד פון לעבן, — דווקא זיי זענען די טרויעריקסטע באַשעפענישן.

לעבן — תלמידים מיינע — איז אַ פראַגע אָן אַן ענטפער... אַן עכאָ פון אַ ריזיקן גלאָק, וואָס קלינגט ערגעץ פון אַ מיסטיש לאַנד...

פּאַמפּאַדור גלויבט, אַז נאָר אין דעם נישט געבן קיין ענטפער ליגט דער גאַנצער כוח פון דעם גיגאַנטישן פרעג־צייכן, וואָס מיר רופן לעבן. ווייל גלייך ווי מיר הייבן אָן ענטפערן קומט דער טויט אַנטקעגן מיט אַ כיטרען שמייכל און — פרעגט שוין נישט!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

וועגן בריקן און גליקן

תלמידים! פאַרברענט אייערע בריקן הינטער זיך! — זאָגט פּאַמפּאַדור — לעבן — מיינט, פאַרברענען יעדן טאָג אַן אַלטן בריק... די בריקן זענען: אייערע נעכטיקע טעג, אייערע נעכטיק־נאַכטיקע חלומות, אייער בענקעניש נאָך אייער פאַרגאַנגענהייט, אייערע סענטימענטן פאַר אייער פאַרלויגענער יוגנט.

פאַרברענט אייערע בריקן הינטער זיך! אין דעם רויך פון די בריקן וואָס גייען אַוועק מיטן פייער, קענט איר זען אייער צוקונפט פאַרמירן ניי אייער לעבן, אויפשטעלן פרישע האָפענונגען...

דאָס אומגליק פון אונדז מענטשן, ווייסט איר וואָס איז? דאָס וואָס זיי שרעקן זיך אַוועקצוואַרפן זייערע פאַרגאַנגענע גליקן אָדער אומגליקן.

ווער — תלמידים מיינע — זענען די שונאים אונדזערע? די בריקן וואָס פאַראייניקן אונדזערע נעכטיקע טעג מיט די מאָרגנדיקע. אָט די בריקן, וואָס מיר האָבן נישט קיין מוט צו פאַרברענען...

טראַכט זיך אַריין און זעט אַליין! וואָס איז אונדזער בונד מיט דער פאַר־גאַנגענהייט אויב נישט אַ הענגענדיקער בריק וואָס האַלט זיך אין דער לופטן אויף די אומזעבאַרע שטריק פון אונדזערע דורכלעבענישן?

דעם צוקונפט־מענטש וועט נאָר דאַן ווערן גוט ווען ער וועט מוטיק און

זאָרגלאָז אונטערלייגן אַ שוועבעלע אונטער זיינע בריקן — און ער וועט זיך לאָזן גיין פאָרויס... פאָרויס...

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

ווערט אַסטראָנאָמען

פון אַלע חכמות אין דער וועלט געפעלט פּאָמפּאַדורן — די חכמה פון אַסטראָנאָמיע.

פּאָמפּאַדור איז כמעט ווי זיכער, אַז אַסטראָנאָמען דאַרפן זיין גוטע קאָלעגן... אָן קנאה און אָן רייסעניש... און ווען איך וואָלט געוואָלט הרגענען מיין צייט אין אַ קלוב פון חכמים, וואָלט איך אויסגעקליבן דעם זאַמל־פּונקט פון אַסטראָנאָמען.

אין אַ קלוב פון דאָקטוירים, דענקט פּאָמפּאַדור, קען מען נישט באַלאַנגען אָן אַ דיפּלאָם. צו אַ חברה פון אַדוואָקאַטן אַוודאי נישט, זיי וועלן אייך גלייך דערקלערן — אומגעזעצלעך. צו אַ קלוב פון שרייבער אַוודאי און אַוודאי נישט, ווייל זיי וועלן אייך גלייך געבן דעם טיטול: גראַפאָמאַן...

אָבער אין אַ קלוב פון אַסטראָנאָמען, גלייבט פּאָמפּאַדור, קען מען אַריינקומען אָן אַ דיפּלאָם...

אַזאַ געזעלשאַפט זאָגט מסתם: קומט ווער עס וויל און העלפט אונדז שטודירן די שטערן!

ווייל גרויס איז דער הימל און אומצאָליק זענען די פּלאַנעטן — און שטערן פעלן נישט...

און בכלל, איז גרינג צו ווערן אַן אַסטראָנאָם...

ווער לאָזט אייך דען נישט זיצן גאַנצע נעכט און ציילן די שטערן? (און מען זאָל אייך נישט פאַררעכענען פאַר אַ קמצן און וואָכערניק). און דער הימל איז הויך און פריי. איר קענט פאַרייסן אייער קאָפּ און מען זאָל אייך נישט פאַר־רעכענען פאַר אַ בעל־גאווה. איר קענט נאָכפאָלגן דאָס פאַלן פון די שטערן און דעם גאַנג פון די פּלאַנעטן מיט אַ סך ווייניקער סכנה ווי ווען איר פאָלגט נאָך אַ יפת־תואר...

איר קענט קוקן אין פּנים דער לבנה און איר געבן וועמענס פּנים איר ווילט — און זי וועט נישט פּראָטעסטירן... און איר קענט באַהויפּטן אַפילו, אַז איר האָט געמאַכט אַן אַנטדעקונג: באַמערקט אַ נייעם שטערן — זיצנדיק ביים פענצטער... און אַפילו געבן אים אַ פּאָעטישן נאָמען...

איר קענט אויך מאַכן אַ דערקלערונג, אַז איר האָט דערבליקט אַ נייעם

פּלעק אויפן שטערן מאַרס וואָס זעט אויס ווי אַ היטל און דערפון איז געדרונגען אַז אויפן מאַרס זענען דאָ מענטשלעכע אַלטמאָדישע באַשעפענישן (וועלכע האַלטן נאָך פון היטלען...).

איר קענט אויך אַ זאָג טון מיט אויטאָריטעט, אַז אויף אַ רייזע קיין לייקווּוד האָט איר דערטאַפּט מעטעאָרן און אַז שפּרינגענדיק ביי אַ קידוש־לבנה האָט איר געפונען אַ ווונדערלעכן שאַסיי, אויפן מילך־וועג...

און נאָך אַ מעלה: שטערן זענען נישט קיין אויל־קוואַלן און מען קען זיי דערווייל נישט פאַרכאַפּן און נאַציאָנאַליזירן!

תלמידים מיינע, ווערט אַסטראָנאָמען!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

ע ר ג ע ץ ו ו י...

וואָס איז גליק? — פרעגט פּאַמפּאַדור און ער ענטפערט: גליק איז — שמייכל אויפן פּנימל פון אַ שלאָפנדיק קינד, אַ בליץ וואָס שניידט דורך די פינצטערניש און פאַרשווינדט; אַ גן־עדן פייגעלע, וואָס קיינער האָט נישט געזען אין פלי; דאָס טעלערל פון הימל, וואָס נאָר קליינע קינדער ווילן מען זאָל עס זיי דערלאַנגען... אַן אוצר וואָס אַלע זעענדיקע זוכן און געפינען — געפינט עס אַ בלינדער אויף ביידע אויגן...

וואָס איז גליק? איז דען דאָ אַזאַ ווערטער־בוך, וואָס קען עס ריכטיק פאַרטייטשן?

תלמידים! לאָמיר ריידן וועגן גליק — ווייל מער ווי ריידן קענען מיר אַלצאיינס נישט.

מען רעדט, אַז ערגעץ, אין אַ גליקלעך לאַנד, זענען דאָ גליקלעכע מענטשן... אָבער ווו איז דאָס לאַנד? קענט איר עס מיר אָנווייזן מיט אַ פינגער אויף דער וועלט־קאַרטע? קוקט זיך צו צו די כלומרשט גליקלעכע און איר וועט זען, אַז זיי זוכן גליק פונקט ווי איר...

לאָמיר ריידן שטיל וועגן גליק אין לעבן, כדי דער טייוול זאָל נישט אויפ־באַפן אונדזערע רייד און חוזקן פון אונדזער נאַיוויטעט...

לאָמיר ריידן פון גליק אין די בין־השמשותן, ווען די זון שטאַרבט אין פאַרבן — דאַן קענען מיר אפשר אויך זען די אילוזיע פון גליק וואָס פאַרגייט...

תלמידים! לאָמיר רעדן וועגן אונדזערע גליקן בלחש, כדי זיי זאָלן נישט

דערהערן און שטעלן פּיס, ווייל גרינג־פּיסיק זענען זיי ווי וועווערקעס אויף אַ בוים...

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

אַלטע לייט

פּאָמפּאַדור איז מודה, אַז ער מיידט אויס אַלטע לייט (כאָטש ער אַליין איז אויפן וועג צו אַלט ווערן). די רייד פון זקנים שרעקן אים.

פאַרוואָס, תלמידים מיינע? ווייל אַלטע מענטשן ריידן בלויז פון זייער פאַר־גאַנגענהייט. פאַרגעטשקעווען בלויז דעם „אַמאָל איז געווען" און זענען מגזם זייערע געוועזענע אויפטואונגען...

און רויכערן זיי אַ ליולקע — איז ווילן זיי מען זאָל מיינען, אַז אַ גאַנץ חכמה פון לעבן שטעקט אין זייער „פּאַרצ:ען"...

דאָס אומגליק פון זקנים וואָס אַלע זייערע דערפאַרונגען איז דער:נערונגען קומען צוזאַמען מיט אָפּגעקייטע יאָסלעס... און זכרונות הויערן תמיד אויף חרובע לעבנס...

פּאָמפּאַדורן ווערט ענג מיט אַלטע מענטשן. אַלץ וואָס זיי טוען, איז נאָר געדענקען און דערמאָנען זיך... און זייער געדענקען חזרן זיי איבער טאָג איין, טאָג אויס, ווייל זייער זכרון איז פאַרשלאָפט און פאַרשלאָפן און זייער דערמאָנען זיך איז אַ לאָמטערן אָן שויבן אין ווינט...

פּאָמפּאַדור איז זיך מודה, אַז ער קאָן גרינגער פאַרטראָגן דעם פּלאַפּל פון אַן עופהלע אין וויג, ווי די שלעכט צעקייטע רייד פון אַלטע לייט אויף בענק אין פּאַרק.

תלמידים! איר מיינט געוויס אַז אַלטע מענטשן באַזיצן די חכמה פון לעבן? ס'איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך פון די אַלטע מענטשן אַליין... אין דער ווירקלעכ־קייט פּאַסירט זייער וויניק אַז אַלטקייט זאָל גיין צוזאַמען מיט חכמה.

פּאָמפּאַדור איז נישט קיין סטאַטיסטיקער — נאָר דאָך ווייס ער, אַז בלויז געציילטע זקנים זענען אויך קלוג און אַז לאַנג לעבן — מיינט נישט דערפאַרונג.

ווו ליגט די דערפאַרונג — פרעג איך אייך — אַריינצ:ען ביז ניינציק און זיך לאָזן איבערפאָרן פון אַ קאַר?

און חוץ אַלעם, זענען אַלטע לייט גרויסע קמצנים. ווען זיי ציילן געלט, טרייסלען זיך ביי זיי די הענט...

דווקא די שרעק פאַרן פאַטאַלן מאָרגן, וואָס קאָן קומען היינט, דווקא דאָס

פאַרשווינדן וואָס שטייט און וואַרט אויף זיי ביי דער טיר — לאָזט זיי נישט צע־שפּרייטן די הענט.

אַלטע מענטשן ציילן טעג ווי מטבעות — און מטבעות ווי יאָרן...

און מיט זייערע פאַרטריקנטע אָדערן, טריקנט אויך אויס זייער קוואַל פון חכמת החיים... מיט דער טונקלקייט פון די אויגן קומט דער טומאַן אויף דער נשמה...

פּאָמפּאַדור אַנטלויפט פון אַלטע מענטשן — זיי מאַכן אים אַלט פאַר דער צייט און פּאָמפּאַדור וויל זיין יונג, יונג אַן אַ סוף, און וואָס קומט אים דערפאַר?

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

זוכט נישט קיין פּתרון!

בעט אויס אייער בעט מיט חלומות — זאָגט פּאָמפּאַדור. לייגט אייער קאָפּ אויף קישנס פון חלומות!

וואָר אָן חלום — איז ווי אַ פעלד אָן טוי. חלומות זענען — די רעגן־ברכה אויף דער ערדיש־טרוקענער ווירקלעכקייט...

תלמידים, לאַכט נישט פון בעלי־חלומות — דווקא זיי האָבן געשטעלט די וועלט אויף אַ פונדאַמענט. נעמט אַוועק די בעלי־חלומות פון דער וועלט־געשיכטע און זי בלייבט בלויז אַ קאַזאַרמע און אַ יאַטקע...

זוכט אויך נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע פּותרי־חלומות, זיי ווילן אייך בלויז אַרונטערשלעפּן פון הויכן באַרג אין טאָל אַריין...

פּאָמפּאַדור האַסט מענטשן וואָס חלומען נישט און לאַכן פון חלומות! — זיי זענען ליליפּוטלעך, קאָמישע פאַרשווינען וואָס ווילן שלעפּן די מענטשהייט אויף צוריק. זוכט בכלל נישט קיין פּתרון אויף אייערן אַ חלום — דער חלום אַליין איז דווקא שיין אָן אַ פּתרון... און וואָס מער פאַרפּלאָנטערט אַ חלום איז — אַלץ קלאָרער איז ער...

יונגע בעלי־חלומות און וויזיאָנערן, איך וועל אייך נישט פאַרבייטן אויף אַלטע, פּראַקטישע, קרעמערישע אַלץ־וויסערס, וואָס מיינען אַז זיי האָבן אַ באַ־שייד צו אַלץ — און באמת ווייסן זיי גאָרנישט...

תלמידים, דער יסוד פון וועלט־באַשאַף איז אַ חלום. דער הימל — אַן אוי־בערשטיבל פאַר הונגעריקע בעלי־חלומות...

די שטערן — פאַרחלומטע קינדער פון הימל.

די צוקונפט פון דער וועלט איז אַ חלום — און דער חלום איז די צוקונפט פון דער וועלט.

געבענטשט זאָל זיין דער חלום. מיט אים קענט איר אויספאָרן די וועלט, אַפילו שנעלער ווי מיט דעם שנעלסטן עראָפּלאַן.

זיצנדיק אין הויז קענט איר, אויף די פליגל פון אַ חלום זיך פאַרמעסטן מיט דעם געניאַלסטן פליִער.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

מיט שטילע טריט

אַמאָל ווערט פּאַמפּאַדור שטאַרק אויפגעבראַכט אויף די מענטשן וואָס גייען מיט שטילע טריט, ווי נאַכט־גנבים, רעדן פרום שעפּטשענדיק, מיט אויסגעצויגענע העלדזער און עפּן פּאַמעלעך...

פּאַמפּאַדור האַלט אַז חוץ דערווידער, איז עס אויך נישט פּראַקטיש.

מענטש — שרייט פון פּאַמפּאַדורן אַרויס — לאָז הערן דיין טראָט אין גאַס ווי אין הויז, אויב דו ווילסט מ׳זאָל דיך הערן!...

גיי גיך! אייל זיך! וועט מען מיינען אַז דו ביסט שטאַרק פאַרנומען און מען וועט פאַר דיר האָבן דרך־ארץ.

רעד הויך! — אויף אסיפות און מיטינגען, וועסטו ווערן אָנגעזען און פאַר־נעמען אַ פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט. עס שנעל! און האָב הנאה און שרעק זיך נישט פאַר די סטראַשונקעס פון דאָקטוירים, ווייל אַלצאיינס וועסטו אויף דער עלטער האָבן אַ קראַנקן מאָגן...

פּאַמפּאַדור האָט אַ מיסטישע שרעק פאַר אַלע וואָס גייען אַרום אין לעבן, ווי אין פאַנטאָפל. אים דאַכט זיך תמיד אַז זיי באַהאַלטן עפּעס פון אים און זיי פּלאָנעווען אַ פאַרברעכן.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אַן אָדע צו אַ באַנק אין פּאַרק

תלמידים קלייבט אויס אַ באַנק אין פּאַרק און מאַכט דאָרט אייער היים, אין אייער פרייער צייט.

אויב איר האָט חשק צו רעדן און האָט עפּעס צו זאָגן — וועט איר געפינען צוהערער. מענטשן אויף בענק האָבן ליב צו הערן. און אויב איר זענט אַ שוויי־

גער, ווענלן אַנדערע רעדן פאַר אייך און איר וועט זיין אַ צוהערער. מענטשן אויף בענק האָבן ליב רעדן.

עלנטקייט געפינט איר לשון אויף אַ באַנק אין פּאַרק. מענטשן ווערן גע־מיטלעכער און חברשער אויף דער פרייער לופט.

און אַפילו אַליין אויף אַ באַנק אין פּאַרק איז נישט אומעטיק. אַ בוים שאָקלט זיך איבער אייך. אַ גרין בלעטל פאַלט חבריש אויף אייערע אַקסלען. אַ פייגעלע שפּאַצירט פאַרביי אייך און זוכט חיונה. אַ געל ווערימל פויזעט אינטים אויף אייער האַנט און מאַכט אייך צו פאַרטראַכטן זיך פילאָסאָפיש. און אַ וועווערקע, אַ שטיפערקע, לויפט פאַרביי און קוקט אייך אַריין אין די אויגן ווי זי וואָלט גע־פרעגט: האָסט עפּעס פאַר מיר? און טויבן פון אַלערליי קאָלירן דרייען זיך גע־מיטלעך אַרום אייערע פיס און וואָרקען מאַנאָטאָן־גוטמוטיק... און קינדער גראָבן זיך אין זאַמד, אַ שפּיל אַזאַ, שרעקט זיך נישט. זיי זוכן נישט קיין אויל...

תלמידים! אַ באַנק אין פּאַרק איז מער ווערט ווי אַן אָרט אין שול, אַפילו אין סאַמע מזרח. אַן אָרט פאַרשטעלט פאַר אייך מיט זיינע פיר ווענט דעם הימל און צוליב דער סטעליע קענט איר נישט זען גאָט, אַפילו ווען איר זוכט אים.

אָבער אַ באַנק אין פּאַרק מאַכט אייך זען גאָט פון אַלע זייטן.

און זייט איר אין תפילה־עקסטאַז — קענט איר שיקן אייערע תפילות די־רעקט צום הימל, אָן פאַרמיטלער, גבאים, רבנים, חזנים און שמשים און פּושקעס.

אויף אַ באַנק אין פּאַרק איז אייך אויך דערלויבט צו דרימלען און חלומען די פרייסטע און זיסטע חלומות פון ליבע און פריידן.

אַ באַנק אין פּאַרק — תלמידים מיינע — איז אויך מער ווי אַ באַנק אין **אוניווערזיטעט.**

דאָרט, אין בילדונגס־אַנשטאַלט, לערנט מען אייך קענען וועלט און מענטש, דורך שווערע ביכער און דאָ, אויף דער באַנק אין פּאַרק, לערנט איר אַלע תורות דירעקט פון דער נאַטור, דער לערערין איבער אַלע לערער...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אַ קרימינעלע פאַרברעכערין

שטופּט נישט די צייט, ווייל זי לויפט אַליין, אָן אייער הילף.

קוקט נישט יעדע ווײַלע אויפן זייגער — ווייל דער זייגער איז אַלץ איינס גלייכגילטיק ווי אַזוי איר פאַרנוצט אייער צייט; אין ביבליאָטעק צי אין שענק...

וואָס איז צייט? פאַר פּאָמפּאַדורן, — אַ בלינדע אַלטיטשקע וואָס שטריקט מיט דאַרע פינגער זאָקן פאַר די ריזן־פיש פון אַ מיסטישן גיגאַנט פון אַ ריזן־לאַנד.

זי שטריקט כסדר. פרענטלט טאָג און נאַכט און ווייל זי איז בלינד זעט זי נישט ווי גרויס זי האָט אויסגעשטריקט...

און אויב אייך געפעלט נישט מיין פאַרגלייך האָב איך אַן אַנדערן.

די צייט, זי איז אַ קרימינעלע פאַרברעכערין: זי הרגעט אונדזערע שעהן, מאָרדעוועט אונדזערע רגעס, קוילעט אונדזערע טעג און קינ׳ט אונדזערע יאָרן — און זי ווערט נישט געשטעלט צום משפט... ווייל איר קאָנט זי נישט כאַפּן.

און פּאָמפּאַדור האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און פאַרגעזעצט:

דאָך פון אַלע צייט־הרוגים, פון שעהן, טעג, וואָכן און יאָרן — זענען מיר הייליקער די רגעס.

נאָר די רגע, זי איז מיינע.

טעג קען איך נישט איינהיטן. יאָרן זענען אויסער מיין רשות אָבער רגעס יאָ...

האַלט טייער אייערע רגעס — תלמידים מיינע! — טוליעט זיי צו צו אייער האַרצן, ווייל די רגעס זענען אַזעלכע קורץ־דויערנדיקע ווי איר אַליין... אַ פינטל מיטן אויג — און זיי ווערן נישט...

די אייביקע סדרה

פון אַלע סדרות איז מיר מער צום האַרצן די סדרה בראשית — זאָגט פּאָמפּאַדור.

מיר געפעלן די טעג פון „תוהו ובוהו" בעסער ווי די טעג פון כלומרשטער אָרדענונג.

בראשית — איז די אייביקע סדרה פון באַשאַף פון גאָרנישט.

דער באַשאַפער — ווי יעדער פאַרפאַסער האָט געקליבן נחת פון זיך אַליין... ווען ער האָט פאַרענדיקט (געמיינט אַז ער האָט פאַרענדיקט) האָט ער אויסגע־פליסטערט זייער סענטימענטאַל זיין „כי טוב" (און קיין קריטיק איז נאָך דאַן נישט געווען...).

ערשט העט שפּעטער האָט זיך, דער בורא עולם, געכאַפּט, אַז זיין ווערק טויג נישט... ער איז משמעות עלטער געוואָרן און דערגרייכט זעלבסט־קריטיק...

ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז דער מענטש האָט גאָר רוצחישע אינסטינקטן, אַז אַ ברודער קאָן זיך פאַרמעסטן מיט אַ האַק אויף אַ ברודער. און אַז דער „בחיר היצורים", זיין „בצלמו" איז בכלל אַ פאַרפירטע באַשעפעניש, אַ שפּיל

אין די הענט פון אַ לייכטזיניקער חוה... און אַז די שלאַנג גייט אים נאָך כסדר... און דער באַשאַפער האָט, אין אַ מינוט פון חרטה, דערטרונקען די וועלט אין אַ מבול, אָבער נישט געהאַט גענוג מוט צו פאַרענדיקן זיין באַשאַף. אפשר האָט ער זיך געשראָקן צו בלייבן אַליין אין אַ חרובער וועלט. (דאַן איז נאָך קיין ראַדיאָ און טעלעוויזיע נישט געווען...) האָט ער איבערגעלאָזט נחן מיט זיינע קינדער. און מעגלעך, אַז ער האָט פשוט מער נישט געהאַט קיין טאַלאַנט אָנצוהויבן זיין באַשאַף צוריק פון אָנהייב — און שאַפן אַן אדם אַן אויסגעבעסערטן, אַ „גע'תיקון־טעותדיקן"...

און אויך מעגלעך, אַז ער איז פשוט פויל געוואָרן (אַלע שאַפנדע זענען אין תוך פוילענצער) און דערשעפּט פון יצירה־פּראָצעס, פון בויען וועלטן און זיי חרוב מאַכן. האָט ער זיך געפרעגט: צו וואָס איז דאָס גאַנצע שפּיל מיט די מענטשעלעך און וועלטעלעך?! און ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט... מיט אַ ייִדישן „עט"... און אַרויפגעצויגן דעם רעגנבויגן ווי אַ צייכן פון שטילשטאַנד און פרידן און זיך גענומען האָליובען מיט זיינע פאַרבן...

און דערווייל, מיינט פּאַמפּאַדור, איז דער טויט געבליבן אויף אייביק מיט אַ קאָסע וואָס שאַרפט זיך כסדר... ווייל ווען דער בורא עולם, וואָלט באמת גע־זוכט שלימות אין זיין יצירה, וואָלט ער דעם טויט פאַרטריבן פון דער וועלט ווי דעם פאַרזינדיקטן אדמן פון גן־עדן...

איז משמעות —זאָגט פּאַמפּאַדור— אַז דער בורא האָט טאַקע אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אויף אַלץ. געוואָרן אַ פּאַציפיסט, אַ פּאַטאַליסט: זאָל זיין וואָס עס וועט זיין! אַ נייעם מבול וויל איך נישט מער! ער געדענקט נאָך גוט די יללות פון די קרבנות פון ערשטן מבול...

תלמידים מיינע, ווען איך בין אַ ביבל־קריטיקער וואָלט איך אַרונטערגע־ריסן אַלע סדרות — נאָר איבערגעלאָזט בלויז איין סדרה בראשית...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אין קאַמף פאַר פרייהייט

אַ שטיקל נייעס אין אַ צייטונג: ווי אַזוי אַן אָקס האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַ שלאַכט־הויז און זיך געלאָזט לויפן איבער גאַסן און געסלעך און ווי מענטשן פון שלאַכט־הויז האָבן אים נאָכגעיאָגט מיט שטעקנס און שטריק צוזאַמען מיט פּאָליציי און ווי ענדלעך, איז דער אָקס אַריינגעלאָפן אין אַ ליידיקן פּלאַץ און אַזוי ווי ער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן האָט מען אים דערשאָסן...

דאָס האָט פאַראינטערעסירט פּאַמפּאַדורן און ער האָט אויסגערופן:
מענטשן-קינדער, ווי פאַרדאַרבן איר זענט! ווי קליין, ווי עגאָיסטיש איז אייער פליש-פרעסעריי! אייך פעלט אַפילו פשוט דער ספּאָרט-געפיל.

אַט דער אָקס האָט פון אייך געדאַרפט גאַר אַנדערש באַהאַנדלט ווערן. אַט דער אָקס האָט געדאַרפט פון אייך באַטראַכט ווערן, ווי אַ פרייהייט-קעמפער און ניט ווי אַן אַנטלאָפענער פאַרברעכער! און אַנשטאָט אים שיסן האָט איר אים געדאַרפט כאַפּן און באַרויקן און אים באַערן מיט אַ גרויסן באַנקעט און אויפן באַנקעט האָט איר געדאַרפט אים אָנטאָן אַ קרוין געפלאָכטן פון שמעקנדיקסטן היי און דערביי האַלטן וואַרעמע רעדעס ווי פאַר אַ העלד...

קליינלעכע ברואים וואָס איר זייט! איר האָט דאָך ניט דעם מוט צו קעמפן פאַר אמתער פרייהייט און דערפאַר קענט איר ניט אָפּשאַצן אַ באַשעפעניש וואָס האָט כאַטש אויף אַ ווײַלע זיך געוואָלט ראַטעווען פון שוחטס חלף און קצבס האַק.

אַ העלד איז דאָ געשטאַנען פאַר אייך און איר האָט אים מיאוס באַצאָלט פאַר זײַן העלדישקייט.

אַ לויב-געזאַנג צו דער גאַס

די גאַס האָט מען פאַרשריִען, פאַרבילִיקט, געמאַכט איר אַ שלעכטן נאָמען. פּאַמפּאַדור, ווייל אַזוי צו זאָגן, ווערן אַ גאַסן-אַפּרייניקער... די גאַס איז פאַר פּאַמפּאַדורן די אָפנסטע, דעמאָקראַטישסטע. די אמתע דעמאָקראַטיע ליגט ניט אין הויז, נאָר אין גאַס. די הויז איז סנאָביש. פון טיר, וואַנט, ביזן שלאָס. די גאַס — ברייטהאַרציק, נעמט אויף אַלעמען גלייך.

אין גאַס קען מען אויך שטודירן דעם מענטשלעכן כאַראַקטער. איר קענט דערקאָנען אַ מענטשן אין זײַן שטופּן זיך. אין זײַן לויפן. אין זײַן עלנבויגענען, איר קענט דערגרונטעווען דעם ווען פון אייער געליבטע, וואַרטנדיק אויף איר אויף אַ ראָג אין גאַס. איר קענט קריגן דעם שליסל צו איר נשמה און אָפט איז עס אַ סך ווײַכטיקער ווי דער שליסל צו איר טיר.

קימערט איר אייער שטיין צוויי שעה, אין אַ פראָסט אויף אַ ראָג גאַס, וואַרטנדיק אויף איר צי ניט? ווערט זי אין כעס אויב איר האָט פאַרשפּעטיקט אַ מינוט?

פאַראורטיילט ניט די גאַס, תלמידים מײַנע!

צוזאַמען מיט די גאַסן-יונגן האָט די גאַס אויך די שומרים פון געזעץ, די פייער-לייט קומען צופליִען פון גאַס. און זיי לעשן און ראַטעווען. אַ קאַטערינ-

טשיק — שפּילט אויס זיין אומעט אין גאַס פאַר גראָשנס... קינדער שפּרינגען אַרום אין גאַס... און פילן זי אַן מיט פרייד...

אמת, די גאַס האָט סכנה. געפאַר לויערט פון אַלע זייטן — אָבער איז דען אין הויז ניט די זעלבע געפאַר אָפט נאָך גרעסער... אין גאַס זענען דאָ אויטאָ־מאָבילן און שניי און גליטש, אָבער אין הויז איז דאָ: די וואַנע, דאָס בעט, דער אויוון, דאָס פּרעס־אייזן און נאָך. די גאַס האָט אויך רעטונגס־סיגנאַלן: רויט און גרין...

דאָס הויז איז מער אַ נעסט פון פאַרברעכן און זינד — ווי די גאַס.

דאָס הויז באַהאַלט אירע זינד הינטער ווענט און שלעסער און פאַרהאַנגען — די גאַס שטייט אַ זינדיקע אָפן פאַר דער וועלט...

דער גרעסטער חסרון פון אַ הויז איז וואָס עס האָט ווענט. און וואָס זענען ווענט? מחיצות... ווענט זענען דער אָנהייב פון צעטיילונג אויף מענטש און מענטש, פאָלק און פאָלק...

תלמידים! — די גאַס איז אויך די אמתע ריכטערין און אָפּשאַצערין. ווען איר זעט אַ מאַן לויפנדיק איבערן גאַס אַ פאַרשוויצטן — ווייסט איר גלייך אַז דאָס שמעקט מיט פּרנסה־יאָגעניש און אַרבעט־זוכעניש...

ווען איר מערקט אַ מענטשן גיין מיט שבתדיקע טריט — אַ סימן, אַז אים איז גוט, ער איז פאַרזאָרגט.

ווען איר באַגעגנט אַ יונגע פרוי, דרייענדיק מיט דער טאַליע — איז עס אַ צייכן אַז זי וויל עמיצן פאַרדרייען דעם קאָפּ...

און אַ זקנה וואָס ציטערט אַריבערצוגיין די גאַס — איז נאָך אַ באַווייז ווי שטאַרק דאָס לעבן איז...

די גאַס טיילט אויך אַטעסטאַטן.

אַ מיידל ווערט צייטיק אין הויז אָבער קריגן איר אָנערקענונג, ווייזן אירע שיינקייטן מוז זי קומען אין גאַס...

און נעמט אַפילו אַזאַ וויכטיקייט ווי רעוואָלוציע: געבאָרן ווערט זי אין געהיים, בחדרי־חדרים, אָפט אין פינצטערע קעלערס — אָבער פאַרווירקלעכט ווערט זי ערשט ווען זי קומט אַרויס אין גאַס...

און איבער אַלעם האָט די גאַס זון אָן פאַרהאַנגען...

ווייבערשע לאָגיק

איז דאָ אַיין לאָגיק אין דער וועלט? פרעגט פּאַמפּאַדור און ער ענטפערט: לויט פּאַמפּאַדורס לאָגיק — ניין! די וועלט האָט צופיל לאָגיקס: לאָגיק פון אומ־

שטענדן, לאָגיק פון געשיכטע, פילאָסאָפישע לאָגיק, יידישע לאָגיק און ווייבערשע לאָגיק. און באמת זענען זיי אַלע נישט מער ווי ווייבערשע...

ווייל וואָס איז ווייבערשע לאָגיק? אַ געביידע אויף דינע פיסלעך מיט זייד־באַזאָקנטע. אַ קאַפּריז, וואָס האַלט זיך אויף אַ דריי פון אַ צעפּל אויף אַ שיין קעפּל. און אויף טעאַטראַלישקייט פון היסטעריע... ווייבערשע לאָגיק איז די אומלאָגישקייט וואָס הערשט איבערן מאַנסביל מיט אַזוי פיל כישוף...

פּאָמפּאַדור זעט נישט קיין לאָגיק אין אומשטענדן. קיינער שאַפט זיי נישט. זיי קומען פון הפקר־לאַנד. איז אַ שפּיל אין מזל על פי לאָגיק? און וווּ איז די לאָגיק פון דער געשיכטע ווען קליינע מענטשעלעך מאַכן זי? און וואָס איז פילאָסאָפישע לאָגיק? — פּלפּול... און וואָס איז יידישע לאָגיק — דער זעלבער פּלפּול באַפּוצט מיטן יידישן וויץ...

נישטאָ קיין לאָגיק אין דעם גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע און אין דער יידישער נאָך ווייניקער.

ווייל ווו, פרעגט פּאָמפּאַדור, איז די לאָגיק, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל דאַרפן ברענגען אויף אַ קרבן קאַלך־אויוון גאַנצע 6 מיליאָן, כדי נאָכדעם צו קריגן אַ קליין אָרעם מלוכהלע?

האָבן קרבנות אַ ריח־ניחוח? — פאַר וועמענס נאָזלעכער?

קוקט זיך צו, תלמידים מיינע, און איר וועט זיך איבערצייגן אַן דער הילף פון לאָגיק — אַז אומלאָגישקייט איז די קעניגן פון דער וועלט: זי זיצט פעסט אויף אַ טראָן וואָס שאָקלט זיך און לאַכט דאָס גרויסע געלעכטער פון אַלע לאָגישקייטן...

קוקט זיך צו שטאַרקער, און איר וועט זען, אַז זי קוקט אויס ווי אַ פרוי מיט לאַנגע צעפּ און פאַרפירערישע אויגן...

אומלאָגישקייט — האַלט אָפּ נצחון נאָך נצחון און קומט אַרויס אַקטיאַריש די העלדין און דער קרומער שכל אַפּלאָדירט...

תלמידים! על פי לאָגיק, וואָלט די וועלט שוין לאַנג, לאַנג צוריק געדאַרפט ווערן אַן אידעאַלע וועלט, אַ מוסטער וועלט, אָבער זי איז עס נישט... איז דאָ לאָגיק אין כאַאָס? איז דאָ שכל אין חורבן?

וואָס איז לאָגיק? — די גלייכע אויסגעהאַלטענע ליניע. אָבער ווו איז זי? זוכט זי נישט, ווייל איר וועט זי נישט געפינען נישט אין לעבן, נישט אין דער קונסט, נישט אין דער געשיכטע, נישט אויף דער ערד און נישט אין די הימלען...

אומעטום פירט די גרענדע די קרומע ליניע, וואָס פאַרפירט און פאַרדרייט. — ווייסט דען אַ מענטש ווו ער גייט? גייט ער נאָך דער גלייכער ליניע? —

נייִן! אַט האָט ער על פּי לאָגיק געדאַרפט גיין אַהיים — אָבער זיינע פיס פאַרפירן אים אין אַ שענק...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

לאָזט זיך פאַרפירן!

תלמידים, יונגע און עלטערע! טרייבט נישט דעם יצר־הרע פון זיך! קאַר־מעט אים נישט מיט מוסר און רעדט אויף אים קיין שלעכטס נישט...

אָן דעם יצר־הרע וואָלט אפשר גאָר קיין וועלט קיין ממשות נישט געהאַט אין עס וואָלט בכלל נישט כדאי געווען צו באַלאַמוטשן אויף איר...

אָן דעם יצר־טוב אָבער — יאָ.

דער יצר־הרע פון אונדזער לינקער זייט, איז נישט נאָר דער יסוד פון דעם באַשאַף, נאָר אויך דער גרונט־לייגער פון אַלע רעליגיעס, שולן און קלויסטער־קייטן...

אויף וואָס, פרעגט פּאַמפּאַדור, וואָלט אַ רעליגיע זיך געקאָנט האַלטן, אויב ס'וואָלט קיין תשובה נישט געווען ביי דער זייט... און וואָס איז תשובה? אַן אומגעזעצלעך קינד פון יצר־הרע. ווען מ'וואָלט פריִער נישט געפּאָלגט דעם יצר־הרע, וואָלטן נאָכדעם נישט געקומען קיין תפילות, געוויינערייען און דאָס בעטלען פאַרגעבונג. מחילה און סליחה זענען די צאַפּלדיקסטע אייניקלעך פון יצר־הרע...

און ליגט דען נישט די באַרעכטיקונג אויף עקסיסטענץ פון יצר־טוב אַליין, אין דעם זכות פון יצר־הרע?

דער יצר־טוב איז אַן אַדוואָקאַט צוגעשטעלט פריי פון דער רעגירונגס־יוסטיץ פאַר אַלע פאַרזינדיקטע, אָבער ער איז אַן אַדוואָקאַט אָן טעמפּעראַמענט. נאָך דער אייזערנער ווירקונג פון יצר־הרע, קומט דאָס ווייכע קלאַפּן זיך אין האַרצן: על חטא.

און, תלמידים מיינע, איר האָט דאָך אַמאָל זיכער געזינדיקט אין שפּיל פון ליבע און האָט איר נישט געפילט, אַז שפּיל אין ליבע איז די געשמאַקסטע פאַר־באָטענע פרוכט אין יצר־הרעס גאָרטן?

קורץ, תלמידים מיינע, יונגע און אַלטע: די וועלט ווערט געבוירן פון זינד און ליגט אין זינד, בלויז שטאַרבן, שטאַרבן אייניקע ווי צדיקים...

קינסטלעריש שאַפן — מיינט זיך גוט צוהערן צו די רייד פון יצר־הרע.

מיט דעם „יצר לב האדם" מיינט מען זיכער דעם יצר־הרע... און ער איז נישט קיין פּאַפּירענער פּסוק, נאָר אַ רעאַלער פאַקט.

תלמידים! שרעקט זיך נישט פאַר דעם יצר־טובס מאַנעוורעס און סטראַ־שונקעס! לאָזט זיך פירן און פאַרפירן פון יצר־הרע און איר וועט אויף דער עלטער דערפאָרן צו תשובה, תפילה און מעשים טובים...

לעבן באַטייט אין דער אמתן, אַן אָרקעסטער דיריגירט מיט טאַלאַנט פון יצר־הרע, מיט דעם יצר־טוב בלויז ווי אַ פאַרשלאָפענער צוהערער.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

וו־אָ־אָ־אָ־ס־ס־ס?!

דער רבונו־של־עולם איז אַלט, זאָגט פּאַמפּאַדור, און טויב אויף ביידע אויערן. דער רעכטער אויער טויבלעכער איידער דער לינקער. (און קיין הער־מאַשינקעס זענען אין די הימלען נאָך נישט בנמצא).

קומט אָן אַ מלאך אָפּצוגעבן אַ רעפּאָרט וועגן דעם צושטאַנד פון דער וועלט, און ער פאַרענדיקט: — רבונו־של־עולם, דיין וועלט וויל אַ גאולה... וואַרט אויף אַ דערלייזונג!... דאָס לעבן אויף דער ערד איז שלעכט, ביטער, פינצטער... האַר פון דער וועלט, דאַרפסט עפּעס טון, אַזוי וויטער בלייבן קען עס נישט!

לייגט דער רבונו־של־עולם צו די האַנט צום רעכטן אויער און ציט אַרויס אַ לאַנגן: וו־אָ־אָ־אָ־ס־ס־ס, איך הער נישט!

הייבט דער מלאך אויף זיין שטים. עס דונערט ממש: און ווידערהאָלט זיין רעפּאָרט...

ווערט דער האַר פון אַלע וועלטן אין כעס און ער פרעגט ווידער: וו־אָ־אָ־אָ־ס־ס־ס?! און — וואָס שרייסטו אַזוי שנעק דו איינער, וואָס בין איך טויב צי וואָס? האַ?! אַהה?!

ווערט דער מלאך הייזעריק פון רעפּאָרטן אַ דריטן מאָל און דערווייל כאַפּט ער זיך, אַז דער רבונו־של־עולם כאַפּט אַ דרימל... גיט דער מלאך אַ מאַך מיט דער האַנט און ער פליט אַוועק אין דער הימלשער מילכאַרניע טרינקען אַ וואַרעם גלאָז מילך פון מילך־וועג. און די וועלט בלייבט ווי געוועזן...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

פון פּאַמפּאַדורס פּאַרוואָסן

פּאַרוואָס באַפאַלט מיך שטענדיק אַן אומעט ווען די זון פאַרגייט?

איז עס דער פּאַרדרוס וואָס ס׳איז באַגאַנגען געוואָרן אַ מאָרד אויף נאָך אַ טאָג?

איז עס מיין פאַרגעפּיל, אַז באַלד שוואַרצט אַריין די נאַכט? איז עס צוליב די רייכע פאַרבן פון אַ זון־פאַרגאַנג? אָדער צוליב מיין אייגענעם דלותדיקן טעגלעכן פאַרגיין?

אָבער פאַרוואָס איז אונטערגאַנג רייכער און פאַרביקער פון אויפגאַנג? און פאַרוואָס פאַרזייט דווקא אונטערגאַנג בענקשאַפט אין דער נשמה?

אַ הימל אָן אַ לבנה — וואָלט געפעלט די פּאָעטן און די בלאַסע פאַרחלומטע ערדישע טעכטער...

אָבער אַ הימל אָן שטערן — וואָלט געפעלט דעם הימל אַליין.

ערד אָן אַ הימל — וואָלט געווען אַ תפיסה. הימל אָן שטערן — וואָלט קיין הימל נישט געווען. ערשט די קליינע, פינקלדיקע שטערנדלעך גיבן הימל באַרעכטיקונג צום נאַכטיקן הימל.

נעכט אָן שטערן וואָס זענען? — שוואַרצע שטומע קעץ...

אָ, איר קליינע פינקלדיקע שטערנדלעך! מיט אייך פאַרשווינדט דאָס שרעק וואָס הויערט צווישן הימל און ערד...

זייט איר אויגן פון קינדער, פון מלאכים אָדער זייט איר קינדער פון אַסטראָנאָמען, אָבער אָן אייך וואָלט דער הימל געווען ליידיק און אומעטיק און עס וואָלט געווען נאָך שווערער צו דערוואַרטן זיך אויף דעם אָנקום פון טאָג...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

חשבונות און ציפער

פּאַמפּאַדור איז אין קריג מיט ציפער. ער איז אַ שונא פון חשבונות.

פּאַמפּאַדור גלויבט, אַז דער בעסטער חשבון איז — לעבן אָן חשבון... און אַז בלאָנדזשען אָן אַ רעכענונג איז פאַר אַ סך׳ן קליגער און אפילו פּראַקטישער, ווי פאָרן מיט אַ לאַנדקאַרטע.

וואָס האָט אַ מענטש פון זיין רעכענען? — שלאָפלאָזע נעכט און מורא פאַר גנבים...

פון רעכענען קומען אַרויס „סך־הכלס״ און יעדער „סך־הכל״ איז אַ וועג צו באַנקראָט, פריִער אָדער שפּעטער.

דער סך־הכל פון די אָנגעזאַמלטע רייכטימער פון עלטערן איז אַ צע־טרענצלען עס פון קינדער...

דער סך־הכל פון ליבע — איז צאָלן דירה־געלט אין אַנהייב און אַלימאָני צום סוף.

און די אונטערשטע שורה פון לעבן — איז נאָך אַלץ טויט.

און פּאָמפּאַדור וויל אָפּשטויסן פון זיך דעם טויט וואָס ווייטער... אַנטקעגן חשבונות און ציפער — שטעלט פּאָמפּאַדור אַוועק חלומות און פאַנטאַזיעס.

אַ חלום שטאַרבט נישט. פאַנטאַזיע האָט אין זיך טויזנט קעצישע לעבנס...

מאַטעמאַטיק — מעג זיך זיין באַגרינדעט אויף וויסנשאַפטלעכע יסודות. ציפער קענען האָבן אין זיך קלאָרקייט. אָבער פּאָמפּאַדורן איז פיל קלערער אַ פאַרוואָלקנטער הימל...

איר זייט מסתּם זיכער, אַז איינס מיט איינס איז צוויי — איך נישט!

קוקט זיך צו און זעט! שטעלט אַוועק אַ מאַן אַנטקעגן אַ פרוי — און משפּט!

די פרוי רעכנט, אַז זי קען ווערן מיטן מאַן איינס, גלייך ווי ער באַרינגלט זי... דער מאַן חשבונט, אַז ער קאָן זיך צוזאַמענגיסן מיט דער פרוי אין לייב, אָבער אין אמתן, בלייבן זיי צוויי באַזונדערע ציפערן...

קיין אמתער חיבור איז אין לעבן פון מינים נישטאָ — חיסור יאָ... כּפל אויך. קינדער זענען די פאַרמולע און דער „חילוק״ איז נישט אָפּצולייקענען...

תּלמידים! די גאַנצע מאַטעמאַטישע גרויסקייט ליגט אין נול (0).

חשבונען מיינט ציילן. און וואָס זענען אַלע אונדזערע צייל־גליקן, אויב נישט געציילטע רגעס? ציילן איז אַ סימן דלות און קאַרגשאַפט.

געציילטע געדאַנקען — אַ באַווייז פון מאַרך־מאַנגל.

געציילטע קושן — אַ רעזולטאַט פון אָפּגעקילטער ליבע. אָפּגעציילטע יאָרן — אַ ביטערער אָנזאָג... סטאַטיסטיק איז דאָס ממזר־קינד פון מאַטעמאַטיקער...

איר האַלט מסתּם פון סטאַטיסטיק — איך נישט. איך בין קיין סטאַ־טיסטיקער, נאָר איך קאָן אייך באַווייזן מיט ציפער, אַז אַלע ניו־יאָרקער קעץ זענען ווייסע, אַז אַלע נאָך נישט געבאָרענע קינדער — זענען פאַרברעכער, אָפּיום־טרינקער און קאָרטן־שפּילער... אַז אַלע גלחים זענען פריידענקער און, אַז אַלע פּובליציסטן זענען גאָט־געבענטשטע ליריקער...

מיט סטאַטיסטיק — אַ ממזר־קינד פון חכמת החשבון — קען איך אייך דורך געממזרטע טאַבעלן אויפווייזן, אַז די גאַנצע מענטשהייט האָט סיפיליס...

אַז רעגן־שירעמס זענען די זיכערסטע שוץ־מיטלען קעגן אַטאָם־באָמבעס... און אַז אַלע פּראָפעסאָרן האָבן גרעסערע פינגער אויף דער לינקער פוס ווי אויף דער רעכטער...

דער כח פון ציפער איז אַזוי גרויס און מעכטיק... און אַט נעמט טאַקע אונדז אַליין. איר ווייסט וואָס אונדזער אומגליק איז אַלס יידן? מיר האָבן צופיל ווערטער פאַר חשבונען. חשבונען איז צו ווייניק... האָבן מיר רעכענען, איבער־רעכענען, אויסרעכענען, דורכרעכענען, באַרעכענען, אָפּרעכענען, אויפרעכענען, אָנרעכענען און צורעכענען...

און די אונטערשטע שורה — איר ווייסט דאָך אַז עס שטימט נישט... און שטעלט זיך פאָר, ווען דאָס יידישע פאָלק וואָלט געווען באמת מיט אַ רעכענונג באַרעכנט זיין לאַגע אין דער וועלט און אונטערגעצויגן דעם אמתן סך־הכלדיקן סך־הכל, פון די קלעפּ, סטוסאַקעס און רייב אין זייט, וואָס עס האָט געכאַפּט אומעטום — וואָלט ער געמעגט אויפגעבן אַלע זיינע טרוימען וועגן זעלבסט־שטענדיקייט.

אָבער צו אונדזער גליק און טראָץ אַלע אונדזערע מאַטעמאַטישקייטן און קרעמערישקייטן האָבן מיר דווקא יאָ געחלומט און געלעבט אָן אַ רעכענונג. מיר האָבן אַפילו פאַרטייען אָן אַ רעכענונג — און צום סוף זענען מיר דאָך געקומען צו אַ שטיקל מעמד...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

וועגן זייגערס און זייגערלעך

פּאַמפּאַדור האָט ליב זייגערס. אַ סך זייגערס און זייגערלעך... אין הויז און אין קעשענע.

זיין ליבע איז אַ נייע, אַן ערשט־דערוואַכטע; ווייל אַמאָל ווען פּאַמפּאַדור איז געווען יונג־בחוריש און איז ערשט געווען אַרויס אויף איסט־בראָדוויי מיט זיינע פּאַראַדאָקסן — האָט ער דווקא אַרונטערגעריסן די זייגערס און זייגערלעך... ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט געהאַלטן גרויסע וואַנט־זייגערס פאַר גרויסע רויבער און קליינע — פאַר קליינע רויבער און טאַשן־זייגערלעך — פאַר קליינע גנבימלעך — זיי אַלע, האָט ער פּראָקלאַמירט, רויבן אונדזער צייט און גנבנען אויך אונדזערע בעסטע שעהן און צעפּלינדערן אונדזערע טעג... און זיי־גערס, וואָס קלינגען און זינגען, האָט ער באַטראַכט סתם ווי שונאים, וואָס מר־יומ־

פירן איבער אונדז... און דער עיקר, וואָס דער מענטש אַליין העלפט זייער טרי־אומף... דרייט זיי אָן — און מאַכט זיי צו גיין און צו קלינגען.

אָבער דאָס איז אַלץ געווען לאַנג צוריק... היינט, אין „אינדיען־זומער" פון זיין לעבן, האָט פּאַמפּאַדור געענדערט זיין בליק אויף זייגערס... היינט זענען זיי געוואָרן פאַר אים בבחינת קראַנקן־שוועסטער, וואָס באַוואַכן אונדזער קראַנקן־בעט. (און ווער איז היינט נישט קראַנק?).

היינט — איז פּאַמפּאַדור פּשוט פאַרליבט אין זייגערס און זייגערלעך. זיין הויז איז איבערפולט מיט זיי, יעדער צימער — מיט זיין זייגער... היינט — פאַר־נעמט פּאַמפּאַדור זייער טיק־טאַק ווי די זיסטע מוזיק. און אין די שלאָפלאָזע נעכט וועקן די זייגערס דעם ריטם פון לעבן וועלכער טיק־טאַקט שוין אַזוי מיד...

היינט זענען די זייגערס פּאַמפּאַדורס טרייסטער: זאָרג נישט אויב —רעדן זיי צו אים— די נאַכט וועט פאַרשווינדן, מוז פאַרשווינדן — און טאָג וועט קו־מען... מוז קומען און ווען דער גרעסטער זייגער אין פּאַמפּאַדורס דירה, אַ זייגער וואָס איז אַלט 25 יאָר, קלינגט אויס האַלבע און גאַנצע שעהן — ווערט פּאַמפּאַ־דורן היימלעכער. ער דערשפּירט אַז עס איז דאָך דאָ אַ שטיקל אָרדענונג אין לעבן...

און ווען אַ זייגער אין פּאַמפּאַדורס דירה שטעלט זיך אָפּ, ווערט אים שטאַרק אומעטיק, סמוטנע. אים הייבט זיך אָן דאַכטן, אַז אויך זיין לעבן האַלט זיך באַלד ביים אָפּשטעלן... אָט־אָט און עס פאַרשטומט...

און דערפאַר האָט פּאַמפּאַדור ליב אָנצודרייען זייגערס, איבעררוקן ווייזערס. ביי־פּסיכאָלאָגיש, פאַרטייטשט זיך עס אַזוי: אַ זייגער האָט אַ האַרץ וואָס קלאַפּט, וואָס לעבט, מוז קלאַפּן... ווען נישט, שמעקט עס מיט פאַרשטילטקייט, מיט אונטערגיין...

תלמידים! הערט פּאַמפּאַדורן, שטעלט זיך אַרום מיט אַ סך זייגערס מכל־המינים, וועט איר זיך פילן מיט פריינד... און ווען אַ זייגער ווערט ביי אייך קראַנק — טראָגט אים גלייך צום דאָקטער — זייגער־מייסטער, ווייל וואָס איז אַ זייגער־מייסטער, אויב נישט קיין דאָקטער (לויט די איצטיקע פרייזן אויף פאַר־ריכטן...) און באמת איז ער אַ מעדיקער פון אַ העכערער מדרגה... ווייל ער ווייס מער וועגן די אברימלעך, געדערימלעך פון אַ קליין זייגערל, ווי אַ דאָקטער ווייסט פון אַ מענטשנס גלידער... דער עיקר, אַ גוטער זייגער־מייסטער קאָן שנעלער אויסקורירן און שטעלן אַ זייגער אויף די פיס, ווי אַ דאָקטער אַ פּאַציענט... ווייל דאָקטוירים טאַפּן נאָך אַלץ אין דער פינצטער און פאַרשרייבן רעצעפּטן, וויסנדיק אַז ס'וועט נישט העלפן...

תלמידים, געבענטשט זאָל זיין דאָס קליינע קוק־גלעזל פון זייגער־מייסטער. ער זעט מיט אים אַ סך טיפער און קלערער ווי אַן אַסטראָנאָם מיט דעם גרעסטן מיקראָסקאָפּ!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

ד״ר קינזיס טעות

פרעגט פּאַמפּאַדור: קאָן מען אויף אינטערוויוס וועגן „סעקס" פון ביידע געשלעכטער — בויען אַ וויסנשאַפטלעכן בנין?

און פּאַמפּאַדור ענטפערט: ניין!

ווען עס קומט צו אַט דער גופיקער „סעקס"־פראַגע — ווערן פאַרלייקענער, פאַרשווייגער, באַרימער און ליגנער סיי זכר, סיי נקבה.

וואָס ס׳איז שייך פאַרלייקענען, אויף דעם האָבן דעם מאָנאָפּאָל — פרויען: זיי פאַרלייקענען יאָרן ווי „גוטע מעשים" און אין פרט פון באַרימעריי — אויף דעם איז דער שטאַרקער געשלעכט — שטאַרק.

פרויען זענען, וואָס שייך „סעקס", נישט־דערטרייבער און פאַרקערט, מענער זענען — איבערטרייבער.

ציפערן קאָן מען צונויפשטעלן און ציען אַפילו אַ סך־הכל, אָבער דער אמת האָט זיך זיינע חשבונות.

יעדער מאַנסביל כמעט, ווען מ׳צערעדט זיך מיט אים וועגן פרויען, איז ער דער אייביקער האָן, דער אייביקער זיגער און יעדע פרוי האָט זיך אים געוואָרפן אויפן האַלדז, און ווי אַ שיין וויבל האָט מיט אים פאַרראַטן איר געזעצלעכן.

און פון פרויען איז קינזי סתם פאַרפירט געוואָרן. ער, דער אַלץ־ווייסער, וואָס שייך מינים, איז אַ קנאַפּער קענער פונעם שיינעם געשלעכט... ווייל ווען ער קען זיי פריער בעסער ווי וואָלט ער דען געוואַגט אָנשרייבן אַזאַ דיק בוך אויפן סמך פון זיינע פאַרזיכערונגען?

די פרוי האָט נאָך פון דער סדרה בראשית אָנגעהויבן מיט איר שיטה... און חוה האָט זיך שוין דעמאָלט אַרומגעשלעפּט מיט דער שלאַנג. פון דעמאָלט־אָן פירט די פרוי דעם מאַן ביי דער נאָז אין עבירות...

גלייבן דער פרוי בנוגע זינד — איז אַליין אַ זינד!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

וועגן דער חכמה פון באַנאַרישן זיך

תלמידים! שעמט זיך נישט צו באַגיין אַ נאַרישקייט, ווייל עס קען זיך אַרויסווייזן, אַז די נאַרישקייט זאָל גאָר שפּעטער ווערן אַ חכמה.

— וואָס איז חכמה? — פרעגט פּאַמפּאַדור. און ער ענטפערט: — חכמה קומט מיט אַלטקייט, פּיקחות — מיט פאַרטריקנטע אָדערן. און וואָס פאַר אַ חכמה איז אַלט צו ווערן?

— וואָס איז נאַרישקייט? — פרעגט פּאַמפּאַדור און ער ענטפערט: — נאַרישקייט פאַרט זיך מיט קינדישקייט. און ווער וואָלט עס נישט געוואָלט אומקערן זיך צוריק צו דער פרייד פון אַ קינד?

נאַרישקייט לויפט נאָך דעם וואָגן פון דערפאָלג און ווען דער וואָגן קומט אָן אין צייט ווערט נאַרישקייט — אַ חכמה.

נאָך חכמה יאָגט זיך נאָך טיפּשות, און גלייך ווי חכמה פאַלט דורך, פאַרנעמט נאַרישקייט איר פּלאַץ... נוצט אויס די געלעגנהייט און ווערט די קלוגיטשקע...

די הנאה פון לעבן ליגט אין נאַרישקייטן און אין באַנאַרישן זיך...

אַ שיינע פרוי רעדט נאַרישקייטן — און איר ווילט זי אויסקושן... אַ קלוגע פרוי, נישט קיין שיינע, רעדט חכמה — און איר אַנטלויפט...

פּאַמפּאַדור האַלט פון נאַרישקייטן מער ווי פון חכמה, ווייל נאַרישקייטן באַגייען קינדער און זיי זענען די ליבלעכסטע ברואים.

עלטערן מיינען, אַז זיי זענען די חכמים, די אַלץ-ווייסער. אָבער אין דער אמתן זענען די קלוגע גאָר די קליינע קינדער, וואָס שפּיל איז זייער לעבן, וועלכע פאַלן און הייבן זיך אויף און שפּילן זיך ווייטער... אין דער צייט ווען זייערע קלוגע עלטערן ערגערן זיך איבער יעדער קלייניקייט און יעדער פאַל מיינט ביי זיי — באַנקראָט און קאַטאַסטראָפע...

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אָפּגערוט אַ ווײַלע און ווייטער גערעדט: שטעלט צוועק פּאָטן קעגן קרעמער, איז יעדער קרעמער אַ חכם. קען דער קלענסטער קרעמערל נאַרן דעם גרעסטן פּאָעט. און דאָך איז דער פּאָעטישער גייסט דערהויבענער ווי דער קרעמער־גייסט.

אַלע רשעים זענען קלוג, ווייל זיי הערשן מיט געוואַלד און רציחה אָבער איז דען גוואַלד און רציחה — חכמה?

די שאָף, וועלכע גיבן אונדז פליש און וואָל זענען פאַררעכנט פאַר נאַרישע

באַשעפעניש. אָבער דאָך זענען זיי וויכטיקער פאַר דער וועלט ווי די קלוגע פוקסן, וועלכע גריזשען זייער חכמה מיט ציינער.

אויף נאַרישקייטן, תלמידים מיינע, איז געבויט דאָס לעבן. אויף באַנאַרישן זיך — אונדזער טראָפנדל פאַרגעניגן, וואָס מיר קריגן אַרויס...

נאַרישקייט — איז ליבע, וואָס אויף איר פונדאַמענט טורעמט די היים און די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג...

און אחרי ככלות הכל, ווייס קיינער נישט באמת, וואָס עס מיינט חכמה אין לעבן און פון לעבן. ביז עס קומט דער טויט — דער חכם איבער אַלע חכמים ביי וועמען חכם און נאַר האָבן איין מערכה...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אַ סאַלוט צום שקר

שקר! פּאַמפּאַדור אַנערקענט דיין ריזיקן טאַלאַנט, לעבנס-פלינקייט און חכמה.

שקר! דו ביסט דער עלטסטער בירגער פון דער וועלט און טאַקע דער חשובסטער. מען רעדט אַז דו ביסט אַן פּיס — אָבער דו גייסט אויס יעדן טאָג טויזנטער און טויזנטער מיילן און אין איין שעה דערלאַנגסטו פון ניו-יאָרק ביז אַפריקע...

אַלע באַהויפּטן, אַז זיי האָבן דיך נישט ליב און דאָך ביסטו דער אָנגע־זעענסטער גאַסט ביי יעדן צוזאַמענקונפט פון מענטשן. ביי חתונות, יובילײ־פייערונגען און אַפילו ביי לוויות...

אַ סך געציילטע אמת-זאָגער וואָלטן דיך געוואָלט זען דרויסן — אָבער דו זיצסט תמיד אין הויז אויבנאָן...

אָן שקר וואָלט די וועלט שוין לאַנג געלעגן אַ חרובע און נישט געדאַרפט זיך שרעקן פאַר דער אַטאָם-באָמבע. און וואָס וואָלט געוואָרן פון דער דיפּלאָ־מאַטיע, כלל-טוערײ און פּראָפעסיאָנעלע אמת-זוכערס ווען נישט דו? און ווי וואָלטן געקאָנט הויזן מאַן און ווייב — אָן דיין כוח? פאַמיליע-לעבן, לויטן היינ־טיקן מאָדוס וואָלט אָן דיר נישט געקאָנט דויערן 2 שעה נאָכן האָניק-חודש... אָדער אַפילו דער דערפאָלג פון האָניק-חודש הענגט אויף דעם ליגן פון דורך דיר גוט-רעקלאַמירטע ליבע.

שקר! דו ביסט גרויס אויף אַלע געביטן.

וואָלט מען דען געקאָנט פאַרפאַסן ראָמאַנען אָן דיין הילף? ווייל, וואָס איז אַ

רעאַליסטישער ראָמאַן פון לעבן גענומען אויב נישט אַ שקר פון נאָענט? און וואָס איז אַ היסטאָרישער ראָמאַן אויב נישט דער גרעסטער שקר, וואָס קומט פון ווייטע ווייטן... און וואָס איז אין תוך פּאָעזיע? אַ שיין אויסגעזונגענער שקר, אַ ליגן אין פיינסטן ריטם...

און אַפילו די וועלט־געשיכטע אַליין איז — ליגט געבויט אויף פאַקטן און פאַקטן זענען געבויט אויף ליגן...

אָפט קוקט די מאַדאַם וועלט־געשיכטע אויס ווי אַ דאַמע מיט געפאַרבטע האָר, פאַלשע ציין און אַ פאַבריצירטע טאַליע. אַ קאָקעטע וואָס דרייט מיט די היפטן...

שקר! אָן דיר וואָלט אַפילו דאָס פּיצעלע אמת זיך נישט אָנגעזען. נעמט מען דיך אַוועק פון דעם בן־אדם וועט ער ווערן נאָך אומגליקלעכער ווי ער איז. רויבט מען אַוועק דעם אַלט־אַלטן אויסגעטראַכטן גלויבן אין יענער וועלט, און דער מענטש וועט בלייבן נאָך עלנטער ווי ער איז... דער מענטש שאַפט יעדע ווײַלע אַ ליגן פאַר זיך אַליין, נאָר ער רופט עס — פאַנטאַזיע און זיסער חלום...

מערסטע מענטשן־קינדער זענען אָריגינעלע ליגנער אָדער פאַרליגנערטע דורך ליגנערישער דערציִונג... אָפט ליגנערן זיי און זיי זענען איבערצייגט, אַז זיי האָבן דעם קוראַנטענעם פון ערשטער פראָבע אמת...

מען קאָן די ליגנערישע מענטשהייט איינטיילן אויף דריי: טאַלאַנטפולע ליגנער, פראָפעסיאָנעלע און דילעטאַנטן...

די טאַלאַנטפולע ווערן פּאָעטן און ראָמאַניסטן, זכרונות־שרייבער און רייזנדע איבער ווילדעניש...

די פראָפעסיאָנעלע ווערן אַגענטן אויף געהאַלט פאַר גוט־באַצאָלטע פירמעס, אַדוואָקאַטן און דיפּלאָמאַטן.

די דילעטאַנטן זענען פאַרהייראַטע מענער, וואָס זאָגן ליגן און דאָס ווייב כאַפּט גלייך אַז עס איז אַ ליגן — און זיי קריגן זייער פּסק...

אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

די זינד אינסטיטוציע

אַלע אונדזערע זינד קומען פון העברעיִשן קוואַל: „פּשע", „חטא", „עוון", „עברה". און דאָס באַווייזט אַז אַמאָל זענען מיר געווען אַ פאָלק וואָס האָט גוט געקענט זינדיקן...

**
*

עס זענען דאָ אַריסטאָקראַטישע זינדיקע — דאָס זענען די רייכע, די העלדן פֿון שונד־ראָמאַנען... זיי קריגן רעקלאַמע אויף די ערשטע זייטן פֿון די צייטונגען... און עס זענען אויך דאָ קבצנישע זינדיקע, זיי ווערן פֿאַרשוויגן.

די מעשים־טובים פֿון די אַריסטאָקראַטישע בעלי־עוונות ווערן געלייענט מיט גרויס אַפּעטיט און דער פּראָסטער עולם איז זיי מקנא: זיי זינדיקן אין פּאַלאַצן מיט פלעשער שאַמפּאַניער ביי דער זייט.

אָבער וועגן קבצנים, דראָבנע בעל עברהניקעס, אויב זיי כאַפּן זיך אַמאָל אַריין אין דער פּרעסע לייענט מען מיט פּאַראַכטונג: קבצן ווו קריכסטו?

**
*

דאָס צעטל פֿון זינד איז ריזיק גרויס אַפילו אַ סך גרעסער פֿון אונדזער „על חטא"... און פֿון דעם שלאָגן זיך „על חטא" איז נאָך קיינער נישט קראַנק אויפֿן האַרצן...

**
*

ווען יידן אַלס אַ פֿאָלק האָבן אויפֿגעהערט מקריב זיין קרבנות פֿאַר זייערע זינד, קוקן זיי אויס ממש ווי זויג־קינדער קעגן די אומות העולם וואָס האַלטן אין איין מקריב זיין פֿאַר זייערע זינד איינער דעם צווייטן און אפשר דערפֿאַר טאַקע זענען מיר דאָס שוואַכסטע פֿאָלק אין דער וועלט...

**
*

ווען דער האַר איבער אַלע זינדיקע וואָלט נישט געהאַלטן פֿון זינד, וואָלט ער נישט באַשאַפֿן די פּרוי, דעם אור־קוואַל פֿון זינד... און זי באַשאָנקען מיט אַזויפֿיל חן און צויבער כדי זי זאָל ווערן די פּאַסטקע פֿאַר זינד...

**
*

די מעלה פֿון אַן עברה קעגן אַ מצוה איז, וואָס פֿון אַן עברה האָט מען אַ טאָפּלטע הנאה: ערשטנס פֿון דער עברה און צווייטנס פֿון דער תשובה וואָס קומט נאָך איר...

**
*

זינדיקע געדאַנקען זענען די איינגעזעסענע בירגער אין מענטשנס מאָרך־רעפּובליק. די אַנדערע געדאַנקען זענען פליכטלינגע אָן וויזעס...

**
*

געגנבעטע וואַסער איז זיס — היינט ווי איז שוין מיט ווייַן?

**
*

אַ מענטש ווערט געבוירן ריין ווי אַ מלאך, הילפלאָז ווי אַ בלינד קעצל און דערפאַר טאַקע קאָרמעט מען אים מיט נודנע קאַשקע און מען שפּאַרט אים אין מויל אַ קאַלט פלעשל מיט וואַסערדיקער מילך...

**
*

אויף זינד האָבן זיך געהאַלטן אַלע קעניגלעכע הויפן. אַ קעניגלעכער הויף אָן זינד איז ווי אַ קלויסטער אָן גלעקער, אָדער אַ חורבה אָן שדים...

וואָס פאַר אַ פאָלק וואָלט געהאַט אַפשיי פאַר קעניגלעכן הויף ווען עס וויים נישט אַז עס באָדט זיך אין זנות ווי אין אַ וואַנע מיט מילך? די געשיכטע פון פעלקער אַפילו וואָלט אַזאַ הויף פאַרשוויגן, ווייל פון אַן אָנשטענדיקן קעניגלעכן הויף איז נישטאָ וואָס צו שרייבן...

**
*

און אָן חוהן, די מוטער פון אַלע זינדיקע, דער מקור פון זינד, איז וואָס וואָלט געטון אָדם? ווי לאַנג קען מען שפּאַצירן „זאַלבע אַליין"? און וואָס טויג אַ גן־עדן אָן פאַרבאָטענע פרוכט? און אין אַזאַ צושטאַנד וואָלט אָדם געוואָרן אַן עובר בטל פאַר דער צייט, און דאָס וואָלט געווען אַ גרעסער אומגליק ווי די „יצירת האשה"...

**
*

תשובה איז אַ ממזיר קינד פון זינד. און דערפאַר אַזאַ כיטרע באַשעפעניש...

**
*

דער וועלט־באַרימטער רוסישער שריפטשטעלער דאָסטאָיעווסקי איז געוואָרן וועלט־באַרימט, פאַר וואָס? — ווייל ער האָט דערהויבן זינד, אָוועקגעשטעלט דעם זינדיקן בן־אָדם אויבן אָן און פראָקלאַמירט: קוקט אים אָן און באַוווּנדערט אים; און אויך זיגמונד פרויד האָט געקראָגן זיין וועלט־נאָמען צוליב זיין שטעלן אויף אַ געזונטן אָרט זינד. ער האָט עס געטון פסיכאָאַנאַליטיש. און וואָס איז פסיכאָ־אַנאַליטיק אויב נישט זינד איבער אַלעס?

**
*

זינד האָבן געשאַפן דעם זינד־באָק, דעם „שעיר לעזאל" און פון אים האָט זיך אָנגעהויבן דאָס טעאַטער־שפּיל (לויט אַ רוס, אַ פאָרשער) אַ זינדיקע קונסט... און עס האָט, משמעות טאַקע, געמוזט זיין זייער אינטערעסאַנט צוצוקוקן זיך ווי אַזוי מען שטופּט אַרונטער דעם אָרימען באָק צו אַלדי טייוול, פאַר פרעמדע זינד... אַ גאָלדענער ספּעקטאַקל...

**
*

זינדיקע מענטשן זענען מיר אַלע. אַלץ אַרום אונדז רעדט פון עבֿרות, אַלץ שטופּט צו זינד. דערציילט פון חטאים... די נאַטור זינדיקט כסדר, כאָטש זי ווייסט נישט אַז מען רופט עס זינד... און די געשיכטע פון דער וועלט טרינקט זיך אין זינד נישט ווינציקער ווי אין בלוט...

**
*

און פּאָמפּאַדור שטעלט זיך פאַר אַזאַ בילד: אָט שלעפּט זיך אַרום דער יצר־טוב אַליין איבער דער וועלט, פרום מיט אַ געבויגענער פּלייצע און פיין אויסגעלייגטן פּליך און אים איז שרעקלעך לאַנגווייליק... ער האָט נישט מיט וועמען צו פאַרפירן אַ דעבאַטע... און וועמען צו טאַדלען, געניצט ער הויך אויפן קול, צערייסט דאָס צײַנלאָזע מויל, און מיט אים צוזאַמען געניצט דאָס גאַנצע באַשאַף...

**
*

אין סך־הכל: דער גוף פון מענטשן איז די גרעסטע זינדיקע אינסטיטוציע. זינד האַלט אים אויף די פיס, לוסט פינקלען פון די אויגן. דער מוח טראַכט פון עבֿרות, דאָס האַרץ קלאַפּט צו צום טאַקט... און די הענט ציִען זיך צו זינד...

און דאָס אַלץ איז אַ סימן פון לעבן, פרישקייט, יוגנטלעכקייט און באַוועג־לעכקייט.

ווען דער גוף הייבט זיך אָן בייגן ווי צו „על־חטא“ און די פיס קני:ען ווי צו אַ תפילה... און אין די אויגן ווייזן זיך טרערן פון תשובה און חרטה... און די הענט אָנשטאָט נעמען פון וועלטס „האָב און גוטס“, צי:ען זיך גאָר צו געבן צדקה — איז אַ סימן רע: אַז די זקנה קומט צו פאָרן אויף איר קרעכצנדיק־סקריפּנדיקן פאַיעטאָן...

**
*

און צום סוף נאָך אַ באַווייז פון דער וויכטיקייט פון זינד איז, וואָס די זינד האָבן די אונטערשטע קלאַסן היינטצוטאָג איבערגענומען נאָכקומענדיק די אויבערשטע קלאַסן.

און וואָס, וואָס, אויף די־אָט די אויבערשטע קלאַסן קענט איר זיך פאַרלאָזן: זיי וויסן וואָס גוט איז...

באַמערקונג: אָט דאָס דאָזיקע קאַפּיטל האָט פּאַמפּאַדור געשריבן אַ סך פרי:ער איידער ד״ר קינזי איז געקומען מיט זיינע זינד־אַנטדעקונגען פון מאַן און פרוי... קינזי האָט בלויז עס איבערגעשריבן אין ציפער...

ביזן לעצטן אָטעם

תלמידים! פּאַמפּאַדור איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַ מענטש מוז זיך אָנהייבן בונטעווען שוין גלייך פון וויגעלע אַרויס און בלייבן אַ בונטאַר ביזן לעצטן אָטעם.

שליסן שלום מיט רויקייט, אויפגעבן רעוואָלט, מיינט, זיך אונטערגעבן גאָט און אַפילו אַ וואָרעם לאָזט זיך נישט כאַפּן אָן צאַפּלעניש און בלויז אַ גרעזל לאָזט זיך טרעטן אָן פּראָטעסט.

תלמידים! פּאַמפּאַדור לערנט אייך די תורה פון בונטאַרישקייט:

רעוואָלטירט קעגן אַלע מינים דיקטאַטורן פון הימלשער היעראַרכיע און ערדישער אַליינהערשאַפט און אויך קעגן דער נייעסטער קליידל־דיקטאַטור — די וויבערשע...

די פילאָזאָפיע פון פאַסיוון ווידערשטאַנד איז אָדם־נאַקעט ווי גאַנדי אַמאָל, עס לערנט צו לעבן אויף דער וועלט מיט אַ פאַסטעניש־פיל אַנשטאָט — פלייש און ברויט מיט פוטער...

גאַנדי, ווי טראָצקי זענען דערמאָרדעט געוואָרן. אָבער טראָצקיס מאָרד האָט מער זין און פאַרענטפערונג: מאָרד פאַר מאָרד... אָבער גאַנדי, דער ציגן־מילך טרינקער, פאַר וואָס איז אים געקומען צו דערמאָרדן?

תלמידים מיינע! קעמפט קעגן עוולות און אומגערעכטיקייטן, וויסנדיק אַפילו אַז עס וועט באַלד נישט העלפן... און קומט אייער לעצטע מינוט, ווען דאָס קנייטל טוקט זיך שוין, גיט זיך נישט אונטער, מורמלט אַנשטאָט אַ תפילה — אַ פּראָטעסט. אַנשטאָט אַ ווידוי פליסטערט אַרויס מיט בלאַסע ליפּן — אַ פאַרדאַמונג. דער מענטש, דער פאַראורטיילטער צו שטאַרבן פון אַנהייב באַשאַפונג ביז סוף כל הדורות האָט גאָר נישט צו פאַרלירן צוליב זיין בונטאַרישקייט.

עס קומט עלטקייט — בענטש זיך נישט מיט איר, נעמט זי נישט אויף ווי אַ ברכה און דאַנקט נישט פאַר יעדער שעה לעבן נאָך זעכציק — נאָר גייט מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און פאַכעט מיט אייער שטעקן אין אַלע זייטן...

אָ, ווי פּאָמפּאַדור האָסט די תפילה־פּרעפּלער פון „אל תשליכנו לעת זקנה"... און די פילאַנטראָפּישע קנייטשן־פאַרגלעטער און פליכעס־באַזינגער און גן־עדן פאַרזיכערער.

אין אייביקן שטרייט פון עלטערן און קינדער — גיט פּאָמפּאַדור רעכט די קינדער. קינדער מוזן רעוואָלטירן קעגן עלטערן! ווען קינדער רעוואָלטירן נישט, וואָלט קיין פּראָגרעס נישט געווען... וואָלט די וועלט געבליבן אַ זקנה וואָס קייט מיט אַ ציינלאָזן מויל — דערינערונגען...

פּאָמפּאַדור האָט פריער דערמאָנט די נייע דיקטאַטור פון דער פרוי — און ער זאָגט: מאַנסבילן מוזן שוין באַצייטנס זיך נעמען בונטעווען קעגן אָט דער דיקטאַטור, ווייל דער ווייבערשער פאַרטוך איז פונקט אַזאַ סכנה פאַר פרייהייט ווי דער „אייזערנער פאָרהאַנג"...

קלוג איז געווען טאָלסטאָי. ער האָט שוין אין זיין צייט דערזען די ווייבערישע געפאַר פון וועלן הערשן און באַהערשן און האָט, כאָטש שוין ביי זיין זון־אונטערגאַנג רעוואָלטירט און איז אַנטלאָפן פון ווייב און היים...

און פּאָמפּאַדור האָט אַ ווײלע געווענדט זיין בליק ערגעץ ווייט, און ער האָט ווייטער גערעדט:

געוויס, תלמידים מיינע, וואָלט פּאָמפּאַדור געפּריידיקט שטילע טריט, לייטזעליקייט, מנוחת הנפש, רייד בלחש און אַפילו אונטערטעניקייט צו אַ גאָט —

ווען ער וואָלט געוווּסט אַז דער טויט וועט צוליב די פּײַנע מאַניערן, אים שאַ־נעווען און נישט זוכן אים צו פאַרצוקן אין זיין שטילן ווינקל... ס'איז אַ פּאַקט, אַז קיינער קען זיך פון אים נישט ראַטעווען, נישט אונטער דער מאַסקע פון קנעכט־שאַפט און נישט אונטער דעם טלית־קטן פון פרומקייט און צדקות און אויך נישט אונטער דער פעל פון אַ לעמעלע!

דערפאַר, פריידיקט פּאַמפּאַדור בונטאַרישקייט און רעוואָלט... אין בונטאַ־רישקייט ליגט כאָטש אַ געוויסע באַפרידיקונג. די באַפרידיקונג פון נישט אונ־טערגעבן זיך ברוטאַלער מאַכט פון הימל און ערד צוגלייך...

תלמידים! זייט נישט קיין פחדנים! עס איז אַ סך ליבער און קלוגער באַזיצן העזה ווי צו זיין אַ האָז... אָ, ווי פּאַמפּאַדור קען נישט פאַרטראָגן די טרוסן פון דער לעצטער מינוט אין לעבן. די שרעקנדיקע ערב גסיסהניקעס, די בעלי־תשובה אין אָנגעזיכט פון דער האַק וואָס לאָזט זיך אַרונטער. אַ סך פּיינער איז צו לאַכן! לאַכט דעם טויט אין פּנים אַריין! קוקט אים אַריין אין זיינע טויזנט אויגן און — לאַכט! שיקט אַ קללה פון דער תוכחה ביי אייער לעצטן בליק אויף דער זון! זאָל כאָטש אייער קללה בלייבן הענגען אין דער לופטן. איר האָט גאָרנישט צו פאַרלירן... סיי ווי סיי וועט איר ליגן אין דעם זעלביקן אָרון צוגלייך ווי דער בעל־תשובה און אייערע יורשים וועלן אַלץ איינס אייך פאַרגעסן.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

תפילות לפאמפאדור

תפילות לפּאָמפּאַדור

א.

האַר איבער אַלע שווערקייטן און גרינגקייטן, פאַר וואָס האָסטו מיר געגעבן אַ גרינגע האַנט צום שרייבן? פאַרוואָס בין איך דווקא אַ גרינגער אין אַ דור פון שווערע קאַלעגן, וועלכע שרייבן ווי מיט שטיינער אָנגעבונדן אויף דער פעדער ? !

גרינגקייט איז אפשר אַ ברכה נאָר נישט ביי אונדז. ביי אונדז ווערט גרינגקייט געפּאָרט מיט לייכטזין און ליצנות און פאַרקערט, שווער שרייבן ווערט ביי אונדז פאַררעכנט פאַר טיפקייט, ערנסט און תכלית...

און וואָס שווערער אַ שרייבער דריקט אויס זיינע געדאַנקען — אַלץ שטאַרקער איז דער דרך־ארץ פאַר אים.

גרויסער באַשאַפער! דו וואָס האָסט באַשאַפן דעם גאַנצן יקום: ערד, הימל, ים, זון, לבנה און שטערן, אַלץ אין זעקס טעג בלויז, ווי קומט עס וואָס דו האָסט דייך באַליבט פאָלק צוגעטיילט בערג מיט שטיינער אויף זיין וועג. און געמאַכט אים פאַר אַ פאָלק באַלאָדן מיט תפילות, דרשות, שאלות־ותשובות און אַוודאי אויך מיט מצוות... אַ פאָלק וואָס נעמט גאָרנישט גרינג. אַפילו נישט דעם יידישן וויץ.

גרינגקייט — גייט צוזאַמען מיט קורצקייט און ביי אונדז איז אַפילו דער „קיצור שולחן ערוך" אַ שווערער האַנט־בוך.

ב.

אויסגעטראַכטער קעניג פון אַלע הימלען —
איך ווענד זיך צו דיר, נישט ווייל איך גלויב —
אַז דו ביסט דאָרטן — נאָר ווייל צו עמיצן

מוז איך דאָך זיך ווענדן, ווען דאָס האַרץ ווערט איבערגעלאָגלט.
און אויב נישט צו דיר — אויסגעטראַכטער, איז
צו וועמען?
זאָג מיר נאָר צו וואָס בין איך דאָ אויף דער ערד?
בין איך עס צוליב דער נאַרישער, אָרעמער עקסיסטענץ?
צוליב דער רגע רו, וואָס איך כאַפּ אַריין אין די לאַנגע שעהן פון מיין גרויסן אומרו?
אפשר בין איך גאָר דאָ, ווייל דו דאַרפסט מיך נייטיק האָבן?
אָבער צו וואָס? אַז איך טו דאָך גאָרנישט פאַר דיר?
תפילה טו איך צו דיר, אָבער בלויז צוליב זיך...
מצוות קלייב איך נישט און דיך האָב איך אויסגעטראַכט נאָר צוליב אַ שפּיל אַזאַ.

דער הימל איז אַן אויסגעליידיקטער פאַר מיר נאָך פון די יונגע יאָרן. און צו וואָס, פרעג איך דיך, איז דאָס גאַנצע דריי אויף דעם קאַרוסעל פון לעבן אַ שפּיל מיט טעג לאַנגווייליקע און נעכט פּעכיקע?

אויסגעטראַכטער האַר מיינער! מיין תפילה ליגט האַלב טויט, ווי אַ פאַר־וווּנדעטע טויב אויפן טראָטואַר...

ג.

האַר איבער אַלע באַשעפענישן, — איך האָב אָנשטאָט אַ תפילה, אַ טענה צו דיר, און איך לייג זי צופוסנס פון דיין טראָן.

מיר זענען אָפּט נישט פאַרשטענדלעך די מעשים דיינע. ביסט גאָט פון גערעכטיקייט — זאָגט מען, אָבער דו באַגייסט אַזוי פיל אומגערעכטיקייטן. דו ביסט אַ שכלדיקער גאָט, און אַנטשולדיק מיר, טוסט אָפּ אַזעלכע אומשכלדיקייטן!

דו שענקסט אַ מענטשן אריכות ימים. אַ מתנה — געוויס, זייער גנעדיק פון דיין זייט. לעבט אַ מענטש אַריין ביז 85־90 יאָר. איז עס זייער ברייטגעביק פון דיין האַנט. אָבער אָט אין איין וואָלקנדיקן פרימאָרגן, גייט דיין געבענטשטער מיט יאָרן אַרויס אין גאַס קויפן אַ ברויטל צי אַ פלאַש מילך און אפשר גאָר גייט ער עס אין שול, צו אַ שחרית... שיקסטו אַרויס דיינעם אַ שליח אַ גרויסן שווערן וואָגן און ער כאַפּט דעם זקן און אָט איז שוין אַ סוף צו דיין ברכה...

וואָג איך דיך צו פרעגן צוויי פראַגן: צו וואָס האָסטו דעם מענטש געשענקט

אריכות ימים און צום סוף חרטה געהאַט? און פּאַרוואָס האָט דער זקן נישט גע־קאָנט פּאַרענדיקן אין שלאָף ביי זיך אין בעט ?

און אויב דו האָסט שוין יאָ באַשלאָסן אים איבערצופאָרן איז פּאַרוואָס מיט אַזאַ שווערן שמוציקן לאַסט־וואָגן און נישט מיט אַ לימוזין? דאָס וואָלט כאָטש געווען איידעלער און עסטעטישער ?

און יאָ, מיין האַר, אויב דער זקן האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט פאַר דיר, האָסטו אים נישט געקאָנט מוחל זיין ? ווייל וואָס זענען זינד פון אַן אַלטן מאַן? געציילטע פונקען פון אַן אויסגעלאָשענעם קעמפ־פייער אין אַ רעגנדיקן אָסיען־טאָג...

אַזוי האָט געטענהט פּאַמפּאַדור ווערלנדיק מתפלל זיין.

ד.

אין מיין האַרצן הויערן תפילות ווי מידע קעמלען אין אַ מדבר־זאַמד, אָבער איך ווייס נישט פאַר וועמען זאָל איך זיי אויפהייבן.

אָפט ווערט פּאַמפּאַדור אַזוי אָנגעלאָגלט מיט תפילה, אַז ער וואָלט געקאָנט אונטערטראָגן זיין געבעט צו שטיין און האָלץ.

פּאַמפּאַדור וואָלט אפילו געקענט ווערן אַ געצן־דינער... אָפט אין די טעג ווען די זון ליגט באַגראָבן אונטער וואָלקנס, שעפּטשען זיינע ליפּן: „זון, קום אַרויס און מאַך ליכטיק די וועלט און איך וועל קני׳ען פאַר דיר און עפענען מיין האַרץ“.

און אויך צו איר מאַיעסטעט, די לבנה, ווילט זיך פּאַמפּאַדורן אַמאָל דינען און שיקן אַ תפילה: די לבנה באַצויבערט מיט איר קאַלטער רו׳קייט און איר מאַיעסטעטישן קעניגן איבער נעכט... אָבער ווען פּאַמפּאַדור קומט צו צו אַ הויז פון געבעט און בליקט אָן די מתפללים, אַזעלכע וואָכעדיקע און הענדלערישע, — ווילט זיך אים גליך אַנטלויפן אין אַ שענק און דערטרינקען אַלע זיינע תפילות אין אַלקאָהאָל...

און פּאַמפּאַדורס ליפּן שעפּטשען פאַר זיך אַליין :

גאָט פון מיינע עלטערן, ווו געפינסטו זיך ? פאַרוואָס זע איך דיך נישט ?

אַזוי האָט מתפלל געווען פּאַמפּאַדור.

ה.

גאָט פון מיינע עלטערן!

כ׳ווייס נישט ווו דיין כסא־הכבוד שטייט — אין די הימלען, צי נאָך העכער,

אָבער טאַקע דערפאַר געפעלט ער מיר... אַ טראָן, וואָס מען זעט נישט זיינע פיס — איז נישט שעדלעך...

איך בין אַן אַלטער קעגנער פון טראָנען — צוליב די משרתים וואָס רינגלען זיי אַרום... אָבער מיט מלאכים קען איך לעבן בשלום... זיי זענען די שפּיל־קינדער פון די הימלען... און צו אַ טראָן וועלכן איך זע נישט, קען איך אַפילו מתפלל זיין. ווייל אַ תפילה וואָס קלאַפּט זיך אָן אין וואָלקנס — אַרט מיך נישט... איך האָב בלויז נישט ליב תפילות וואָס קומען פון פאַלשע ליפּן און פון מתפללים וואָס פּרעפּלען נאָך אַ געדונגענעם ראַביי...

איך האַלט זייער פון דעם זאָג: אַז דער הימל געהערט צו גאָט. איך פאַרגין דיר דיין הויכע דירה... פאַר מיר איז גענוג די ערד, אויף וועלכער איך בין אַ שכן אויבן און וועל ווערן שפּעטער אַ פולער היים־באַזיצער אונטן...

איך קאָן אויך נישט דאַווענען פון אַ סידור... מאָנאָטאָנע תפילות פאַרטראָגט נישט פּאָמפּאַדור. אָבער אין מאָמענט פון געפיל־איבערראַשונג בין איך גרייט מתפלל צו זיין אַפילו צו אַ פאַרבייפליענדיקן פויגל...

איך זאָג צום פויגל: פליגל האָסטו, פריי ביסטו — האָסטו אַלץ מער געט־לעכקייט פון מיר...

טאָ נעם מיין תפילה און טראָג זי אַוועק ווו דו ווילסט. זאָל זיין אַפילו אין מדבר... איך פלי דיר נאָך אין געדאַנק...

ו.

גאָט! אויב דו האָסט באַשאַפן אַ וועלט, כדי יעדע ווילע זי חרוב צו מאַכן, איז צו וואָס איז דיין גאַנצע מי?

אויב דו האָסט, ווי אַן אכזר אַ גאָט, ליב בלוט, האָסטו דאָך אַנשטאָט מיט וואַסער געקענט אָנפילן אַלע טייכן מיט בלוט און שטילן דיין דורשט?

אויב דו האָסט אַריינגעזעצט אין מענטשנס גוף אַ נשמה פון אַ רוצח, איז צו וואָס פאָדערסטו פון אים יושר און גערעכטיקייט, מענטשלעכקייט און רחמנות?

אויב קינדער ווערן געבוירן קליינע מלאכימלעך, איז צו וואָס לאָזסטו זיי וואַקסן?

אויב האָסט באַשאַפן די פרוי בלויז אויף ליבע צום מאַן, איז צו וואָס האָסטו איר געשענקט דעם ווילדן חשק אים צו פייניקן?

באַשעפער! אויב עס איז דאָ אַ בעסערע וועלט איז פאַרוואָס לאָזסטו נישט דעם מענטשן גיין אַהין גלייך? און אויב ביי דיר איז די גאַנצע זאַך בלויז אַ שפּיל, איז צו וואָס דווקא דאָס שפּיל אין רשעות?

אַזוי האָט מתפּלל געווען פּאַמפּאַדור.

ז.

מיין גאָט! אויב אַ מענטש מוז שטאַרבן, ווייל אַזוי האָסטו באַשטימט גלייך ביי זיין יצירה... איז וויל איך איך פרעגן: פאַרוואָס מוז ער ענדיקן זיין לעבן ווי אַ קאַץ, הונט און פערד?

פאַרוואָס זאָל ער בעסער נישט פאַרשווינדן אין די וואָלקנס, אַוועק מיטן ווינט, פאַרטראָגן ווערן ווי אַ שטויבל אין דער וויסטעניש?... אויסגעלאָשן ווערן ווי אַ געפאַלענער שטערן? אַ בליאַסק-טון ווי אַ בליץ און פאַרלאָשן ווערן? פאַר־קלינגען ווי אַ קלאַנג אין דער לופטן?

מיינט שטאַרבן ביי דיר, גרויסע באַשעפער, נאָר אַרונטערגיין אין די גע־דערים פון דער ערד, פאַרשאָטן ווערן אין אַ פינצטערן גרוב, איבערגעגעבן ווערן אין דער ממשלה פון ווערים?... מיינט שטאַרבן ביי דיר — פאַנאַנדערפאַלן אברימווייז?

אַך, ווי נישט שיין, ווי נישט עסטעטיש! און אַפילו נישט עטיש פון דיין זייט! שטאַרבן לויט דיין פאַסאָן, האַר פון אַלע וועלטן, איז אַ באַליידיקונג פאַר דעם בחיר היצורים און אויך פאַר דיר אַליין, וואָס דו האָסט אים באַשאַפן אין דיין צלם...

אַנדערש, גאָט מיינער, איז פאַרשווינדן, נישט ווערן... אַ מענטש ווערט מיס־טיש אויפגעהויבן אין דער הויך און פאַרשווינדט נאָך העבער. פאַרקלינגט ווי אַ מעלאָדיע פון אַ פאַסטוך־פייפל אין פעלד...

פּאַמפּאַדור פּראָטעסטירט. עס איז אַן אומגערעכטיקייט. עס איז נישט לויט דער רייכקייט פון דעם מענטשנס נשמה, לויט זיין שווונג, דערפינדערישקייט און פלי...

בורא עולם! וואָס וואָלט דיר געאַרט, אַז אַ מענטש זאָל אַוועק פון דער ערד עסטעטישער, פליגלדיקער און פּאָעטישער?

ביסטו אַזוי פאַרליבט אין קברים? האָסטו אַזוי פיל פּאָטערלעכע ליבע פאַר מתים?

פאַרוואָס מאַכסטו דווקא דעם מענטשן, וואָס בענטשט דיך און ליבט דיך און באַזינגט דיך און קרבנט דיר מיט תפילות, כסדר דערמאָנען אַז ער איז נישט מער ווי ערד?

פאַרוואָס?

אַזוי האָט מתפלל געווען פאָמפּאַדור.

ח.

גאָט מיינער! אויף וועמענס אונטערגאַנג דאַרף איך זיך באַקלאָגן פריִער: אויף דעם אונטערגאַנג פון ייִדיש אָדער אויף מיין אייגענעם אונטערגאַנג?!...

זיי מיר מוחל, האַר איבער אַלע אונטערגאַנגען — וואָס איך שטעל זיך דאָ אַרויס ווי אַן עגאָיִסט און מיין אייגענער „פּיניטאָ" איז מיר נעענטער, העמדיקער ווי דער סוף פון ייִדיש אין אַמעריקע. פריינט און שונאים ציילן צו הויך אויפן קול די צאָל יאָרן וואָס די ייִדישע פּרעסע האָט נאָך דאָ אין לאַנד. אָבער איך, גאָט מיינער, צייל אין דער שטילקייט אין דער נאַכט, די געציילטע יאָרן און אפשר טעג וואָס זענען מיר געבליבן נאָך צו נעמען מיין „סאָציאַלע פאַרזיכערונג"...

איך גלייב אין מיסטישן כוח פון ייִדישן פאָלק און אין זיין אומגלייבלעך־ניסימדיקער פעיִקייט צו באַנייען זיך אונטער אַלע נייע אומשטענדן. צו באַקומען אַ פּנים חדשות מיט אַ נייער צונג... אָבער קאָן איך גלייבן אַז אויך איך קאָן זיך באַנייען? די איינציקע טרייסט וואָס בלייבט מיר, איז, וואָס איך גיי אונטער צוזאַמען מיט מיין דור, מיטן דור וואָס אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן צו שליסן נאָך אַ גרויס קאַפּיטל אין אונדזער אַלט־אַלטן ספר פון נע ונד.

אַזוי האָט מתפלל געווען פאָמפּאַדור.

ט.

ריכטער פון אַלע וועלטן!

— האָט די פליג געוווּסט, אַז איך קלייב זיך זי דערמאָרדן?

— ניין!

— איז עס פון מיין זייט אַ פאַרשווערונג זי צו דערמאָרדן?

— אויך נישט!

פאָמפּאַדור שטייט פאַר דעם משפט פון זיין געוויסן און לייגט פאָר זיין פאַרטיידיקונג פאַר דעם שופט פון דער וועלט.

— די פליג האָט זיך, נישט אָנפּרעגנדיק ביי מיר, געזעצט אויף מיין האַנט. איך האָב עס נישט געוואָלט ליידן. האָב איך זי אַוועקגעטריבן, אָן רוגזה. איז זי געקומען גלייך צוריק און זיך געשטעלט חוצפּהדיק אויף מיין שטערן. און דערביי געזשוזשעט, ווי פייערנדיק אַ זיג איבער מיר. האָב איך זי ווידער אַוועקגעטריבן שוין מיט אַ ביסל כעס. האָט זי זיך פאַרעקשנט, פאַרפּירט אַ צו־להכעיסדיקן קריג און זיך ארויפגעשטעלט אויף מיין נאָז.

דאָ בין איך שוין געוואָרן אויפגערעגט:

— מיין יידישע נאָז טשעפּע נישט! דאָס איז שוין אַנטיסעמיטיזם! און איך האָב איר אַוועקגעיאָגט.

אָבער זי האָט זיך ווידער געשטעלט אויף מיין האַנט, ווי איינער זאָגט: דו וועסט ביי מיר נישט אויספּירן. איך וועל שטיין וווּ איך וויל!

דאַן בין איך שוין אַרויס פון די כלים און מיט אַ פּאַטש פון דער רעכטער האַנט אויף דער לינקער — זי דערמאָרדעט...

בין איך אַ מערדער? דאַרף איך געמשפּט ווערן דערפאַר? גאָט מיינער אַלמעכטיקער!

י.

פּאָמפּאַדור וויל פאַרנעמען דאָס שטילע געבעט פון דער וועלט.

ער וויל רעאַגירן מיט אַ רויק געמיט אויף דער וועלטס אונטערטעניקייט צו דיר, דעם באַשעפער!

ער וויל אויפכאַפּן דעם גאַנג פון דער זון, וואָס ווערט נישט מיד אויפצוגיין און פאַרגיין...

ער וויל פאַרנעמען דאָס איבערשמועסן זיך פון שטערן מיט שטערן אין אַ בלויער נאַכט... און הערן דאָס וואַקסן פון אַ גרעזל ערגעץ אין אַ פעלד אַליין...

גאָט מיינער! פאַרוואָס טומלען מענטשן אַזוי? וואָס געווינען זיי פון רעש און געפילדער?

ווילן זיי פאַרטומלען זייער עלנט, וואָס גייט זיי נאָך?

ווילן זיי פאַרשרייען דיין אומגערעכטיקייט וואָס באַגלייט זיי?

פּאָמפּאַדור פאַרגעטערט שטילקייט, און ער איז מתפּלל יעדן טאָג פאַר שטילע שעהן און ער דאַנקט פאַר שטילע רגעס...

פּאָמפּאַדור וויל הערן ווי זיין אייגן לעבן צאַנקט אויף דעם איבערגעברענטן קנויט.

ער וויל אויפכאַפּן דעם קלאַנג פון די טריט פון זיינע יאָרן, וואָס צערינען זיך ווי אַ צעגאַנגענער שניי...

לעצטע תפילה

כ׳האָב נישט ליב קיין תפילות — זאָגט פּאַמפּאַדור — ווייל מיין האַרץ קען נישט פאַרטראָגן קיין געטער.

אָבער אָפט ווילט זיך פּאַמפּאַדורן מתפלל זיין און ער באַשאַפט זיך אַליין אַ גרויסן גאָט און ער רעדט צו אים אַזוי:

— גאָט, דו גרויסער, איך אַנערקען אַז קעגן דיר בין איך קליין און שוואַך, און דערפאַר טאַקע פּראָטעסטיר איך קעגן דיר.

אַלע שוואַכע מוזן פּראָטעסטירן.

און ווייל איך וויס אַז פּראָטעסטירן העלפט נישט, — האָס איך דיך.

אַלע נישט־געהאָלפענע מוזן האָסן.

גאָט, איך באַנעם נישט דעם צוועק פון מיין קומען און דעם זין פון מיין אַוועקגיין — און דערפאַר איז מיין שנאה צו דיר נאָך גרעסער און טאָפּלט האָס איך דיך, ווייל איך וויס, אַז כדי צו קענען דיך האָסן, — האָב איך דיך געדאַרפט אויסטראַכטן...

אויסגעטראַכטער גאָט! די וועלט איז נאַריש אויב זי איז געשאַפן דורך דיר, און אויב נישט — איז זי אויך נאַריש.

היכווירדיקער באַשעפער! די ערד וואָלט געוועזן אַ פינצטערער קבר, ווען דו פאַרשפּרייטסט נישט קיין הימל איבער איר.

די ערד איז נישט לויטערער ווען זי פאַרמאָגט דיין פאַרשפּרייטן הימל איבער איר.

דיין הימל איז אַזוי ווינציק ריין און בלוי, און הימלדיק — און ווען ער איז ריין און בלוי און הימלדיק האָבן מענטשן קיין צייט נישט צו קוקן אויף אים.

גאָט פון מיין פאַנטאַזיע! זיי נישט ברוגז אויף פּאַמפּאַדורן וואָס וואַרפט דיר אין פּנים אַריין דיינע טעותן.

פּאַמפּאַדור גלייבט, אַז דיין גרויסקייט, גאָט, ליגט אין דיינע גרויסע טעותן, וואָס דו האָסט געמאַכט...

און די קרוין פון אַלע דיינע טעותן איז „פרוי און מאַן״:

צו וואָס האָסטו, גאָט, זיי באַשאַפן באַזונדער?

דו האָסט דאָך זיי געקאָנט באַשאַפן בײדע אײנאײנעם, וואָלטן זײ דאָך זײערע כוחות נישט פאַרשווענדט אויף צוזאַמענקומען זיך?

ווילדער גאָט פון מײנע פּאַראַדאָקסן! צי ווייסטו, וויפל רעוואָלט און שטורעם עס טראָגט אין זיך מיין קערפּער?

ווי אָפט ווילט זיך פּאָמפּאַדורן, אַז זיין לײדנשאַפט זאָל אויפבלי׳ען, ווי די שענסטע בלום אין פעלד, מוז ער זי אָבער צוימען, ווי אַ חיה.

גוטער גאָט, פּאָמפּאַדור וויל נישט דיין גליק, ווייל דו קענסט עס אים נישט געבן; ווייל דאָס גליק האָסטו איבערגעגעבן אין די קלײנע הענט פון דער שוואַכער פרוי, און וואָס איז דאָס, פרעג איך דיך, פאַר אַ גליק, אַז דער שטאַרקער מוז עס נעמען פון אַ שוואַכן?

באמת, גאָט, פּאָמפּאַדור זוכט ביי דיר נישט קיין גליק, ווי ער זוכט נישט קיין כבוד ביי מענטשן. כבוד איז אַ געטלעכע זאַך. פּאָמפּאַדור וואָלט דאָס געוואָלט האָבן, אָבער נישט פון מענטשן.

הײסבלוטיקער גאָט! פּאָמפּאַדור וויל רעוואָלטירן מיט זיין גאַנצן בלוט.

ער וויל זיין אַ הערשער איבער צייט און איבער זיך. אונטערטעניק וויל ער נישט זיין.

ער ווייס אָבער, אַז אויך נאַפּאָלעאָן האָט סוף־כל־סוף געמוזט זיין ווידערשפּעניקסטן גײסט אײנשליסן אויף אַן אינדזל.

טראַגישער גאָט! אָפט ווילט זיך מיר נעמען דאָס, וואָס דו רופסט וועלט, עס צוטוליען פעסט צו מיין ברוסט, ווי אַ הײס־געליבטע און נאָכדעם אָפּשטויסן.

אין אָפּשטויסן, גאָט מײנער, ליגט מער ליבע, ווי אין צוטוליען...

און אַן אָפּגעשטויסענע זאָל זי זיך צעשיטן און זאָל פון די חורבות אַרויסשײנען אַ נייע וועלט, אַ גאַנצע, אַ פּאָמפּאַדורישע...

נאָר ווייל איך קען עס נישט, און די וועלט מוז בלײבן, ווי זי איז — ווילט זיך מיר אַנטלויפן פון איר.

אָבער מער פון אַלץ האָס איך דעם טויט. איך האָס אים, ווען אַפילו ער איז אַ זיסער שלאָף.

פּאָמפּאַדור וואָלט געוואָלט וואַכן, אײביק וואַכן....
זיין ווייסע באָרד זאָל ווייען איבער הונדערטער דורות.
אפשר וואָלט ער דאָך דערגאַנגען דעם סוד פון לעבן...
אומשכלדיקער גאָט! אָפט ווילט זיך פּאָמפּאַדורן אַליין ווערן ווי אַ גאָט, ווען

אַפילו ער וועט דערפֿאַר מוזן פֿאַרלירן זיין שכל... ווייל גאָט, זאָגט מען, איז העכער פֿון שכל, און כדי צו ווערן עפּעס, וואָס איז העכער פֿון שכל, מוז מען פֿאַרלירן דעם שכל.

אויסגעלאַכטער און דאָך ליבער גאָט, מיינער! איך לאָך פֿון אַלע תּפֿילות, און דאָך בין איך אָפּט מתפּלל.

פֿאַרנאַכט, ווען די זון לאָזט זיך אַרונטער, שאָקלען זיך פּאָמפּאַדורס ליפּן. נאָר מיין נישט, גאָט, אַז ס׳איז פֿאַר דיר.

עס שאָקלען זי מיינע ליפּן גלאַט אַזוי זיך...

מיין האַרץ איז איבערפֿולט, און איך ווייס נישט פֿון וואָס... ווייל איך וויל אַ סך און מוז זיך באַנוגענען מיט אַזוי ווייניק...

ווייל איך וויל גלויבן אין דיר און קען נישט גלויבן אַפילו אין זיך...

אַזוי האָט מתפּלל געווען פּאָמפּאַדור.

ביכער דערשינענע פון ח. גוטמאַן (דער לעבעדיקער)

100 טענות צו אַמעריקע (2 טיילן) — וואַרשע, 1928.

פּיתום ורעמסס (2 טיילן) — וואַרשע, 1928.

„פּאַמפּאַדור" (ערשטע טייל) — וואַרשע, 1928.

די פערטע וואַנט — וואַרשע, 1928

שפּיל און לעבן — וואַרשע, 1928.

(די אַלע ביכער אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „אחיספר" ביים פאַרלאַג „צענטראַל", וואַרשע)

יידן אויף דער וואַגשאַל — פאַרלאַג בזשאַזע — וואַרשע, 1937.

די אייביקע מלחמה — פאַרלאַג בזשאַזע — וואַרשע, 1937.

אַזוי לאַך איך — ליטעראַרישער פאַרלאַג — ניו־יאָרק, 1918.

איבערזעצונג פון אידיאָט פון דאָסטאָיעווסקי.

אין מאַנוסקריפּט:

אַ בוך מעשהלעך

אַ בוך פעליעטאָנען

אַ בוך קריטיק (עסייען)

אַ בוך לידער און עפּיגראַמען

אַ בוך וועגן טעאַטער

אין פאַרלאַג „יידבוך״ זענען ביז איצט דערשינען:

1) **י. ל. פרץ** — דריי חסידישע דערציילונגען
אַלבום־פאָרמאַט, געכתיבהט פון קינסטלער משה פייגענבלום.

2) **ח. ש. קאַזדאַן** — מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור **(אויספאַרקויפט)**

3) **י. י. טרונק** — כעלעמער חכמים **(אויספאַרקויפט)**

4) **שלמה סיימאָן** — אַמאַליקע יידן **(אויספאַרקויפט)**

5) **פּראָפ. ליבמאַן הערש** — אויף דער גרעניץ פון צייטן

6) **יצחק פערלאָוו** — אין אייגענעם לאַנד

7) **י. י. טרונק** — דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט **(אויספאַרקויפט)**

8) **ש. סיימאָן** — תוך־יידישקייט

9) **נ. ב. מינקאָוו** — זעקס יידישע קריטיקער
פּרעמירט געוואָרן דורך דעם פאָנד פאַר יידישע ליטעראַטור
ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

10) **אברהם זאַק** — אין אומרו פון יאָרן
פּרעמירט געוואָרן דורך דער מ. סטאָלאַר־פּרעמיע
פון „די אידישע צייטונג״, בוענאָס־איירעס.

11) **יוסף רייך** — וואַלד אין פלאַמען

12) **מ. וו. בערנשטיין** — אין לאַבירינטן פון תקופות **(אויספאַרקויפט)**

13) **לעאָן קאָברין** — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע **(2 טיילן)**

14) **יצחק פערלאָוו** — דזשעבעליאַ (ראָמאַן) **(אויספאַרקויפט)**

15) **ברוך ריווקין** — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק

16) **מלכה לי** — דורך קינדערשע אויגן.

17) **יעקב פאַט** — די לערערין אסתר **(אויספאַרקויפט)**

18) **שלמה סיימאָן** — וואָרצלען

19) **משה דלוזשנאָווסקי** — „האַרבסט אין וויינגאָרטן״ **(דערציילונגען און דראַמעס)**

20) **מנחם באָריישאָ** — עסייען.

21) **לעאָן בערנשטיין** — ערשטע שפּראָצונגען

22) **משה אייזענבוד** — געלעבט הינטער קראַטן

23) **פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער)** — ייִדישער אומקום און ווידערשטאַנד אין פראַנקרייך.

24) **דוד איגנאַטאָוו** — „אָפּגעריסענע בלעטער״

25 **דער לעבעדיקער** (ה. גוטמאַן) — פּאָמפּאַדור

אין דרוק:

נח גאָלדבערג — אויף צוואָרפענע וועגן.

י. ה. פישמאַן — געקליבענע דערציילונגען

אין צוגרייטונג:

מ. וו. בערנשטיין — ביים סוף פון טויזנט יאָר אשכנז

אברהם זאַק — אויף שליאַכן פון הפקר

ב. שעפנער — רייזע־בריוו פון ישראל.

Ch. GUTMAN

POMPADUR

★

"IDBUJ"
BUENOS AIRES

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Copyright by:
Ch. GUTMAN
New York

Hecho el Depósito que marca la ley
Industria Argentina

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 20 DE SEPTIEMBRE DE 1957,
EN LOS TALL. GRAF. "ZLOTOPIORO HNOS.", SAN LUIS 3149, BS. AIRES

EDITORIAL "IDBUJ"

װעגן אַלע ענינים פֿון פֿאַרלאַג זיך װענדן:
BOULOGNE SUR MER 671 — T. E. 62-9566 — BUENOS AIRES

Ch. GUTMAN

POMPADUR

(PARADOJAS Y REFLEXIONES)

★

Editorial
"IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina
BUENOS AIRES — 1957